STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10224

EPIZODN FUN MAYN LEBN

Abraham Reisen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון

אברהם רייזען

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

אברהם רייזען

עפּיזאָדן פון מיין לעבן

(ליטעראַרישע ערינערונגען)

צווייטער טייל

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

A. Rejzen — „Epizodn fun majn łebn". II
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

דרייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער יידישער פֿאַרלעגער יעקב לידסקי. — איך ווער זיין בעל־יועץ. — פֿאַרלאַג „פּראָגרעס“. — איך ווער אַן איבערזעצער. — „דונער און בליץ“. — דער האָנאָראַר. — מיין וואוינונג ביי אַ הענדלער מיט אַלטע קליידער. — מיין שפּעטערדיקע וואוינונג ביי אַ מוליער. — מיין פּראָדוקטיווע צייט. — די דערציילונגען „דער פֿאַרביטערטער“ און „די שליפּעס“. — דער ערשטער שרייבער־באַל אין וואַרשע. — געגנבעטע בילעטן. — פּרק אַלם אויפֿטוער. — די אַריסטאָקראַטישע געסט. — דער טייערער פּרייז פֿאַר בילעטן. — מיין אַריינמישונג. — דער קריג מיטן ציוניסט לעוויטעס. — שלום אַש פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ יונג פֿון קוילער־געסל. — דער טאַנץ. — בעל־מחשבותעס אַנטציקונג.

מיין אינטערעס אין יענער צייט איז ניט נאָר געווען צו שרייבער אַליין, נאָר אויך צו די, וואָס האָבן אַ שייכות צו שרייבעריי. צו די דאָזיקע האָבן געהערט די פֿאַרלעגער. דער מין איז אָבער אין יענער צייט, ביז 1901—1900, ניט געווען בנמצא, ניט רעכענענדיק די עטלעכע בוכהאַנדלונגען אין וואַרשע, וואָס האָבן פֿון צייט צו צייט און צופֿעליק אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ ביכל צי אַ בראָשור — אין יידיש. דער ערשטער פֿאַרלעגער, וואָס איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן יידישע ביכער מיט אַ סיסטעם און מיט אַ געוויסער ריכטונג און פֿאַרב, איז געווען יעקב לידסקי.

מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט אים איז פֿאָרגעקומען אויפֿן גאַס, אויף די נאַלעווקעס, אָן אַן אָפֿיציעלער פֿאָרשטעלונג. באַגעגענענדיק אַ יונגמאַן עטלעכע מאָל אין גאַס מיט פּעק ביכער אונטער די ביידע אָרעמס, האָב איך פֿאַרשטאַנען אָדער דערפֿילט, אַז דער יונגערמאַן איז עפּעס ניט אַבי־ווער, ניט סתם אַ מוכר־ספֿרים, נאָר אַ נאָענטערער פֿאָרט מענטש. אונזערע בליקן פֿלעגן זיך באַגעגענען און לאַנג „אָפּכערווירן“ איינער דעם אַנדערן. און איינמאָל האָב איך אים, אָדער אפֿשר ער מיך, אָפּגעשטעלט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נאָר־וואָס געקומען פון אַמעריקע, פון ניו־יאָרק. זיין נאָמען איז יעקב לידסקי. אין אַמעריקע איז ער געווען אַ פאַרלעגער פון גרויסע פיל־טייליקע סענסאַציאָנעלע און אַנדערע ראָמאַנען. אָבער עס האָט אים געצויגן צו העכערס, איז ער געקומען קיין וואַרשע... דערפאַרנדיק, אַז איך בין עס דער רעדאַקטאָר פון „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט” האָט ער זיך גאָר דערפרייט און איז ווי בטול געוואָרן פאַר מיר. האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע אַ פופצן עקזעמפלאַרן פון דעם „זאַמלבוך” און ער דאַרף האָבן נאָך אַ צען, און ער וועט נאָך דאַרפן און דאַרפן...

אַוודאי איז ביי מיר געווען אָנגעלייגט, וואָס ער שיקט דאָס „צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט” אַזש קיין אַמעריקע. עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד, וואָס האָט זיך געגרענעצט אַזש מיט וואונדער. אין אַמעריקע, הייסט עס, וועלן יידן לייענען, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן דאָ. אויף אַזאַ אופן וועלן די ווייטסטע יידן זיך פילן נאָענט מיט אונז און מיר מיט זיי.

ביים צווייטן מאָל באַגעגענען זיך מיט אים האָב איך שוין באַמערקט, ווי פון די פעק ביכער, וואָס ער טראָגט אונטערן אָרעם, קוקן אַרויס אויך אייניקע עקזעמפלאַרן פון „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. האָב איך געזען, אַז דער מענטש פאַרשפרייט טאַקע אויף אַן אמת די ריכטיקע ליטעראַטור, איז ער מיר געוואָרן נאָך ליבער. און אַ סימפאַטישער יונגערמאַן איז ער טאַקע געווען. גערעדט שטיל, „לאַגאָדנע”, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, און געקענט גלייך געווינען מיין צוטרוי צו אים.

אויך איך האָב געוואונען זיין צוטרוי. האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז ער האָט פון אַמעריקע געבראַכט אַ ביסל געלט, האָט אַפילו אָנגערופן די סומע, צוויי טויזנט רובל, און אָט די סומע וויל ער אַריינלייגן אין אַ פאַרלאַג — צו דרוקן ביכער פאַרן פאָלק, מיט אַן אויפקלערנדיקן אינהאַלט, טאַקע די ריכטיקע ביכער...

עס איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. ניט חלילה פון די צוויי טויזנט רובל, נאָר פון דער האָפענונג אויף אַ נייעם פאַרלאַג. די פאָר פאַרלאַגן, וואָס האָבן זיך נאָך פריער געגרינדעט דורך

פאַרשיידענע גרופן, האָבן שוין אויפגעהערט צו עקסיסטירן. אויך גאַסעלניקס פאַרלאַג אין ווילנע האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. הגם מיין זאַמלונג לידער, וואָס האָט געזאָלט ערשיינען אין זעלבן גאַסעלניקס פאַרלאַג, האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו זעצן אין אַ וואַרשעווער דרוקעריי, ביי יחיאל־מאיר האַלטער, אָבער קיין געלט האָט שוין דער דרוקער ניט באַקומען און די אַרבעט האָט זיך צוליב דעם פאַרצויגן. אין דער צייט, ווען איך האָב לידסקין געטראָפן, איז מיין ביכעלע לידער נאָך ניט ערשינען.

האָבן מיר אין גאַס גופא, אויף די רוישיקע נאַלעווקעס, באַשטימט, אַז דער פאַרלאַג זאָל טראָגן דעם נאָמען „פאַרלאַג פראָגרעס“. איך האָב אים צוגעזאָגט מיין מאָראַלישע הילף.

אין פאַרלויף פון אַ פאָר חדשים האָט שוין יעקב לידסקי געדונגען אַ דירה אויף אַ הויף פון נאַלעווקי 38. די דירה איז באַשטאַנען פון פיר גרויסע צימערן. די פאָדערשטע צוויי צימערן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג און מיט יעדן טאָג זיך צעוואַקסן גרעסער און גרעסער...

די ערשטע עטלעכע ביכלעך, וואָס לידסקי האָט אַרויסגעגעבן, זיינען געווען געדרוקט פון מאַטריצן, וואָס ער האָט געבראַכט פון אַמעריקע, „מציאות“, וואָס ער האָט אָפגעקויפט ביי די דאָרטיקע שרייבער און פאַרלעגער. איין ביכעלע איז געווען פון ב. פייגנבוים, וועגן מעטעאָרן. דער הויפט־טיטל פון ביכעלע איז אָבער געווען „שטיינער, וואָס פאַלן פון הימל“, כדי צו פאַראינטערעסירן דעם לעזער, אַז ער זאָל דאָס ביכעלע קויפן. עס איז אי וויסנשאַפט, אי אינטערעסאַנט.

דערזען, אַז דאָס ביכעלע „גייט“ — די מאַסן זיינען דעמאָלסט געווען זייער דאָרשטיק נאָך וויסנשאַפט, האָבן זיי די „שטיינער, וואָס פאַלן פון הימל“, געכאַפט, ווי אַמאָל די הונגעריקע יידן אין דער מדבר דעם מן... וואָס עס האָט זיך דאָס דעמאָלסט אָפגעטאָן מיט די דאָזיקע שטיינער פון הימל! — האָט זיך יעקב לידסקי שוין פאַרמאָכטן נאָך גרעסער. ניט נאָר פון מאַטריצן דרוקן — ער האָט אויך שפעטער אַ ביסל אָפגעקויפט די מאַטריצן פון גאַסעלניקס פאָפולער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן און פון קאָטיק און ברעסלערס אויס־

גאַבן — נאָר ער האָט אָנגעהויבן אויך דרוקן שפּאָגל־נייע ביכעלעך. האָט ער שוין באַשטעלט ביי מיר אַליין אַ ווערק פֿון לונקעוויטשן — „דונער און בליץ". דאָס ביכעלע האָט געהאַלטן אין רוסיש ביי אַן אַכט און פֿערציק זייטלעך. אין יידיש האָט נאָך אפשר געדאַרפֿט צוקומען אַ פּאָר זייטלעך. ווייל אין יידיש ווערן אַמאָל גרעסער די זאַצן... אָבער צאָלן האָט לידסקי געדאַרפֿט לויט די רוסישע זייטלעך — צו פֿינף רובל אַ בויגן, אַכט און פֿערציק זייטלעך, דריי דרוקבויגן, האָט עס אָנגעטראָפֿן 15 רובל, אין יענער צייט פֿאַר מיר אַ מטבע. דערצו די וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט — אויפֿקלערן דאָס פֿאָלק, עס זאָל וויסן ווי אַזוי עס בליצט און ווי אַזוי און פֿאַרוואָס עס דונערט...

איך בין מיט שמחה אַוועקגעלאָפֿן מיט דער רוסישער בראָשור צו מיר אַהיים, אין מיין נייער וואוינונג, דזיעלנע 23, ביי אַן אָרעמער, אָבער געמיטלעכער אַרבעטער־פֿאַמיליע. דער פֿאָטער פֿון דער פֿאַמיליע, אַ פוילישער ייד, פֿון פֿאַך אַ מולער, איז געווען אַ פשוטער, אַ האַרציקער ייד. ער פֿלעגט קומען יעדן אָוונט פֿון דער אַרבעט אַ מידער, אַן איינגעשמירטער אין ליים, אָבער אַ פֿריילעכער, מיט אַ געוויסן שטאָלץ, וואָס ער האָט ביי אַ געביידע אָפּגעאַרבעט אַ צען שעה און פֿאַרדינט אויף ברויט, אויף שכר־לימוד פֿאַר זיין יינגעלע און אויף דירה־געלט. אויך זיין ווייב, מיין באַלעבאָסטע, איז געווען אַ האַרציקע יידישע־פוילישע פֿאָלקספֿרוי און האָט מיך באַהאַנדלט — אַ ליטוואַק און אַ „דייטש"! — ווי אַן אייגענעם מענטשן. דאָס עלטסטע קינד, אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוואַנציק, מיט עכט יידישע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק גוטמוטיק געשמייכלט, איבערהויפּט צו מיר, האָט געאַרבעט אין אַ „מייסטערסקאַיע" פֿון קליידער, און יעדן אָוונט פֿלעגט זי קומען אַהיים אַ זינגענדיקע, ווי אַ פֿייגעלע צו איר נעסט... פֿונעם דאָזיקן ליבן הויז האָב איך געשריבן אייניקע דערציילונגען. איין דערציילונג הייסט „של פנים". אַלס מאָדעל צו דער דאָזיקער דערציילונג האָט מיר געדינט דער פֿאָטער, דער מולער, וואָס פֿון דעם לאַנגן טראָגן אויף די אַקסלען די ליים און ציגל ביי די געביידן האָט ער באַקומען, אויף דער הויט פֿון זיינע ביידע אַקסלען צוויי גרויסע ביילן ווי די פֿויסטן. ער

האָט זי אַמאָל, אַ פֿרייטאָג־פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך לכּבֿוד־שבּת אַרומגעוואַשן, מיך צוגערופֿן און זי מיר געוויזן:

— נאַט, פֿאַני רייזען, קוקט אָן מיינע שליפֿעס...

עס האָט מיר אַ ריס געטאָן בײַם האַרץ... די שיינע טאָכטער האָט זיך אַזש פֿאַרקרימט פֿאַר שמערץ, אויך דאָס ווייב האָט אַ זיפֿץ געטאָן און אים גוטמוטיק אויסגערעדט:

— מיט וואָס אַ מענטש באַרימט זיך.

ער האָט זיך אָבער געהאַלטן בײַ זיינס — דאָס זיינען אמתע שליפֿעס, כּשר־פֿאַרדינטע, און ער וועט זיך ניט בײַטן מיט זיי אַפֿילו אויף עפּאָלעטן פֿון דעם גרעסטן גענעראַל...

אין דעם קליינעם צימערל, וועלכער האָט געהאַט פּלאַץ בלויז פֿאַר אַ בעט און אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען האַרט צוגעשפּאַרט צום פֿענסטער, און אַ פּראָסט־הילצענער, ניט געפֿאַרבטער שטול, וואָס האָט זיך קוים אַוועקגעשטעלט צווישן טיש און בעט, אַזוי אַז די פֿיס האָבן זיך שוין געמוזט האַלטן ניט לעבן טיש, נאָר טיף אין לערן שטח פֿון טישל — אינם דאָזיקן קליינעם צימערל, וואָס האָט אַפֿילו קיין טיר ניט געהאַט, און פֿאַר אַ באַזונדער צימער האָט אים בלויז געמאַכט דער פֿאָרהאַנג, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פֿון אויבן אַראָפּ — האָב איך פֿיל געשריבן אין יענעם ווינטער — צווישן 1900 און 1901. איין דערציילונג, „דער פֿאַרביטערטער“, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעשריבן, איז געווען אַ בילד פֿון מיין פֿריערדיקער וואוינונג בײַ אַ הענדלער פֿון אַלטוואַרג. די באַלעבאַטים, שוין עלטערע מענטשן, שטילע, רויִקע און גוטע, אָן אַ ברעג, אויך פּוילישע יידן, האָבן זיי מיך, אַ ליטוואַק, און ניט קיין פֿרומען, באַהאַנדלט שיער ניט ווי אַן אייגענעם זון, מכבּד געווען אַפֿילו אין די אָוונטן מיט געוויסע פּויליש־יידישע מאַכלים. איבערהויפּט די אַלטע איז גאָר נתפּעל געווען פֿון מיין „קאָפּ“... „אַ מענטש זאָל אַלץ וויסן!“ — האָט זי מיך באַוואונדערט. אין הויז האָט געאַרבעט זייער אַ טאָכטער בײַ קראַוואַטן, שווער געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿאַר נדן אויף אַ חתן... עס האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן אַ פֿרעמד מיידל, אַ געדונגענע, אַ שיינהייט, מיט פֿייערדיקע אויגן, אַ פֿריילעכע, אַ זינגענדיקע. אַ יינגערער זון, פֿון אַ יאָר אַכצן, פֿון

פֿאַך אַ מאָלער, האָט יענעם ווינטער קיין אַרבעט ניט געהאַט, האָט ער געמוזט עסן פֿון דער עלטערערס שוועסטער פּראַצע, איז אים דאָס ניט אָנגעשטאַנען, און ווייל ער האָט זיך געפֿילט שולדיק, האָט ער געמאַכט אין הויז סקאַנדאַלן. פֿון אויבנאויף געקוקט, איז ער געווען דער אומגערעכטער. אָבער איך האָב אים פֿאַרשטאַנען און מיטגעפֿילט. נאָך וואוינענדיק דאָרטן, האָט זיך מיר געוואָלט עפּעס שרייבן וועגן אים, אָבער אין הויז גופֿא האָב איך ניט געוואַגט, הגם דעם „יוד" האָט ניט ער און ניט זיין עלטערע שוועסטער סיי-ווי-סיי ניט געלייענט. האָב איך שוין די דערציילונג אָנגעשריבן אין דער צווייטער וואוינונג בײַם מולער מיט די „שליפּעס". און די דערציילונג „די שליפּעס" האָב איך שוין געשריבן אויף אַ דריטער און אַ פֿערטער וואוינונג...

* * *

נאָר לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו דער געשיכטע פֿון מיין איבערזעצונג פֿאַרן לידסקין דאָס ביכעלע „דונער און בליץ"...

געקומען אויף מיין וואוינונג צום מולער, אַ זייגער צוויי בייטאָג, בין איך נאָך אַ צען מינוט פֿאַרבראַכט מיט דער יונגער טאָכטער אין אַן איידעלן געשפּרעך, וואָס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אַ מין פֿלירט — און די דאָזיקע חנעוודיקע ייִדיש-פּוילישע טאָכטער האָט געקענט פֿלירטעווען מיט אַלע חנען פֿון אַ וואַרשעווער מיידל — אַריין אין מיין קליינעם צימערל, אײַנגעאָרדנט זיך ווי עס איז אויפֿן איינציקן שטול, וואָס האָט גראָד ניט געקענט זיך צופּאַסן צום טישל, ווייל דאָס בעט פֿון הינטן האָט אים דאָסמאָל גראָד געגעבן ווייניקער פּלאַץ, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ערשטנס, האָב איך דאָס ביכל דורכגעלייענט, זען, צי איז די אַרבעט בכלל פֿאַר מיר, אפֿשר וועלן זיך געפֿינען רוסישע ווערטער, וואָס איך וועל זיי אין ייִדיש ניט קענען איבערגעבן. גאָט צו דאַנקען, אַזוינע ווערטער האָבן זיך ניט געפֿונען. און דער עניין אַליין איז גרינג, וואָס גרינגער קאָן ניט זיין. עס איז מיר אַליין געוואָרן קלאָר — הגם עטוואָס האָב איך נאָך פֿון מיין אייגענער

בילדונג געוואוקסט, ווי אַזוי עס דונערט און עס בליצט... און לונקעוויטש איז טאַקע געווען אַ גרינגער פּאָפּולאַריזאַטאָר. אַ ביכל, וואָס איז געשריבן פאַר רוסישע אַרבעטער און אַפילו פויערים, האָב איך מיט מיין יידיש קעפּל אַוודאי געמעגט און געקענט באַנעמען.

אין ביכעלע זיינען אַפילו געווען שטעלן, ווי אַזוי צו מאַכן עלעקטרישע עקספּערימענטן:

„נעם — זאָג איך שוין אויף יידיש — אַ בורשטין, רייב אים גוט אָן“... אדג״ל חכמות, וואָס דעמאָלסט בין איך אַליין פון די מיטגעריסן געוואָרן... און דערצו דאָס געפיל, אַז איך לערן מענטשן, ווי אַזוי צו מאַכן עלעקטריע... איך האָב זיך שיר ניט געפילט אין דער בחינה פון אַ פּראָפעסאָר פון פיזיק, פון כעמיע און אַנדערע חכמות... און אַלץ אַדאַנק לונקעוויטשן!

דערצו האָט מיך געלאָקט טאַקע דער האָנאָראַר — 15 רובל (אַ פינפערל, אמת, האָב איך שוין באַקומען פאָראויס!). איך האָב די אַרבעט געקענט מאַכן אין אַ צוויי טעג... אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז לידסקי וועט זען, איך האָב אַזוי שנעל געמאַכט, וועט ער חרטה האָבן אויפן פּרייז, האָב איך אים די אַרבעט געבראַכט אין אַ פיר טעג אַרום, אַרבעטנדיק צו פיר שעה אַ טאָג... האָט ער זיך אויך געוואונדערט:

— אַזוי שנעל...

אָבער באַצאָלט האָט ער גלייך און נאָך מיט אַ צופרידענעם שמייכל. עס איז געווען דאָס ערשטע ווערקל, פאַר וועלכן ער האָט געצאָלט מזומן האָנאָראַר און ניט איבערגעדרוקט פון מאַטריצן... עס האָט אים אַליין הנאה געטאָן, ער האָט זיך געפילט, ווי אַ שטיקל גייסטיקער שותף צו לונקעוויטשן און צו מיר.

באַלד איז אָבער אַרויסגעקומען צווישן אונז אַ אַמפּערן וועגן נאָמען. ער האָט דווקא געוואָלט, אַז עס זאָל זיין געדרוקט אויפן טיטלבלאַט „איבערזעצט פון אברהם רייזען“ אַלס אַ סגולה, אַז די איבערזעצונג איז גוט... האָב איך טאַקע דערפאַר מורא געהאַט. האָט מען זיך געדונגען און עס איז געבליבן, אַז עס זאָלן זיין בלויז אונטערגעשריבן מיינע איניציאַלן אַ. ר.

האָט שוין לידסקי אויך נאָכדעם אָפּגעקויפט ביי הלל וויכנין דעם פריער שוין דערמאָנטן מאַנוסקריפט „דער זיידע צייט", איבערזעצט פון רובאַקינס „דיעדושקאַ וורעמיאַ". און א. ברעסלער, וואָס האָט פאַרמאָגט באמת אַ גרויסע ליידנשאַפט צו בילדן די מאַסן און האָט מיט ליבע געשריבן, איבערזעצט, פּאָפּולאַריזירט און אַרויסגעגעבן אייניקע פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, וואָס זיינען שפּעטער אויך אַריינגעפאַלן צו לידסקין, אין פאַרלאַג „פּראָגרעס" — האָט שוין איבערגעזעצט די קולטור-געשיכטע אַ פאַרקירצטע פון נאָטאָוויטש — נאָך אין מער קיצור... אויך האָט דער זעלבער א. ברעסלער געמאַכט אַ קיצור פון באָקלס „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד"... מ'קען ניט זאָגן, אַז דער סטיל פון אַ. ברעסלער איז געווען זייער אַ לייכטער; אַוודאי איז דער אינהאַלט געווען לייכטער ווי ברעסלערס דעמאָלסטיקער סטיל, אָבער די דאָרשטיקע מאַסן האָבן זיך געקוויקט מיט די אַלע הילצערן-עבֿרידיקע איבערזעצונגען און לידסקי אַליין האָט געשעפּט טאָפּלטן נחת: אי ער בילדעט דאָס פאָלק, אי ער מאַכט געשעפט... מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אַלס פּריוואַטער פאַרלעגער איז ער געווען אַ אידעאַליסט, ניט נאָר אַ פּראָגרעסיסט, נאָר טאַקע אַ סאָציאַליסט. דערצו האָט ער אין יענער צייט פיל בייגעטראָגן דער אַרבעטער-באַוועגונג מיט אַריבערברענגען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אַמעריקע פאַר די פירער און אויך פאַר די אַנטוויקלטע אַרבעטער... ער האָט אויך פאַרשיידענע וועגן דאַן טראַנספּאָרטירט פון אַמעריקע גאַנצע קאַסטנס מיט דער דעמאָלסט ריין סאָציאַליסטישער „צוקונפט". צווישן די אומלעגאַלע ביכער פון אַמעריקע איז אויך געווען אַ ביכעלע לידער — פון די ערשטע זאַמלונגען — פון מאָריס ראָזענפעלד, און טאַקע אַדאַנק יעקב לידסקין האָב איך אַליין זיך באַקענט מיט מאָריס ראָזענפעלדן אַלס רעוואָלוציאָנערן און אַרבעטער-פּאָעט; די עטלעכע לידער, וואָס כ'האָב געקענט פון ראָזענפעלדן דורכן „יוד", זיינען געווען דווקא דער היפוך צו די לידער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין יענעם ערשטן ביכעלע... אמת, אויך די לידער פון מאָריס ראָזענפעלד אין „יוד" האָבן ניט נאָר מיך, נאָר אויך פרצן, נאָמבערגן און אונזער גאַנצן ליטעראַרישן קרייז

דעמאָלסט באַגייסטערט מיט דער גרויסער פּאָעטישער קראַפֿט, מוזיקאַלישקייט און פֿאַרנעמען קלאַסישן טאָן, וואָס אין דער ייִדישער פּאָעזיע ביז ראָזענפֿעלדן איז עס געווען אַ זעלטנהייט, ניט רעכענענדיק אייניקע לידער פֿון א. וואַלט, וואָס זיינען שוין אין יענער צייט געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יוד“ צי דורך אים, א. ליעסין אַליין, צי דורך זיינע פֿריינד... (פֿון גרויסן יהואָש האָט מען אין יענער צייט אין וואַרשע ניט געהערט, הגם ביי פּרצן אין הויז האָט מען גערעדט וועגן אים און טיילווייז געוואוסט, אַז אין זיין נייער היים שאַפֿט ער וואונדערלעכע לידער און פּאָעמען).

* * *

אין וואַרשע האָט זיך יענעם ווינטער די ליטעראַרישע משפּחה פֿאַרגרעסערט. אויסער דעם קריטיקער בעל־מחשבֿות, וואָס איז שוין געוואָרן אין וואַרשע אַ תּושבֿ, איז צוגעקומען אַ יונגער שרייבער, ליפּמאַן לעווין. דער דאָזיקער ליפּמאַן לעווין איז געקומען פֿון גאָרקי, אַ שטעטל פֿון מאָהילעווער גובערניע, פֿון זעלבן שטעטל, פֿון וועלכן עס שטאַמט דער באַרימטער נאָוועליסט ז. ליבין און דער באַקאַנטער עקאָנאָמיסט, ז. ליבינס ברודער, ד״ר ח. ד. הורוויץ. ליפּמאַן לעווין איז אָנגעקומען מיט שטורעם... ניט קיין שעמעוודיקער, ווי איך, בשעתו, און ווי אַנדערע יונגע אין יענער צייט, נאָר פֿאַרקערט — אַ מוטיקער. אַפֿילו אַ צו מוטיקער. פֿול מיט גלויבן אין זיך און אין זיין טאַלאַנט, האָט ער מיט זיין גאַנצן שטעל און האַלטן זיך — געפֿאָדערט אָנערקענונג...

דעם ערשטן שבת, געדענק איך, ווען ער איז געקומען צו פּרצן אין הויז און האָט פֿאָרגעלייענט אַ מאָנאָלאָג „דער אוצר“ — און פֿאָרלייענען האָט ער געקענט — האָט ער געמאַכט אַ גרויסן רושם סיי אויף פּרצן, סיי אויף נאָמבערגן און אַפֿילו אויף מיר, הגם מיר איז „דער אוצר“ געווען ווייניקער געפֿעלן. עס איז געווען אַ מין נאָכאַמונג פֿון דוד פּינסקיס ערשטע מאָנאָלאָגן, ווי „געשלאָגן אַ טאַטן“ און דאָס גלייכן טענדענציעזע פּסיכאָלאָגישקייטן, פֿון וועלכע פּינסקי האָט צום גליק זיך מיט דער צייט באַפֿרייט. ליפּמאַן לעווין איז געווען (און נאָך אפֿשר איצט איך) פֿול מיט אַמביציעס

ער האָט זיך געוואָלט שאַפן באַלד אַ ליטעראַרישע קאַריערע. בעל־מחשבות האָט טאַקע אין אים געזען אַ צוקונפטיקע גרויסע ליטעראַרישע קראַפט און האָט אים די ערשטע צייט שטאַרק פראָטעזשירט. אויך פרץ האָט אים אויפגענומען פריינדלעך, הגם פאַר פרצן איז זיין האַלטן זיך און זיין שאַרפער רוסישער אַקצענט מיט די אַלערליי רוסישע חנדלעך, וואָס ליפמאַן לעווין אַלס יידיש־רוסישער אינטעליגענט האָט איינגעזאַפט אין זיך, זייענדיק אַ לאַנגע צייט אין מאָהילעוו צווישן אַ יידיש־רוסישן אינטעליגענטן־קרייז — פאַר פרצן איז ער געווען אַ ביסל צו רוסיפיצירט... בעל־מחשבות אָבער, וואָס האָט געזוכט נאָך קראַפט, האָט אים די ערשטע צייט געבאַלעוועט, זיך געסטאַרעט, אַז זיין גרעסערע דערציילונג „אַ שטאָלט" (אַ געשטאַלט) זאָל זיין געדרוקט אין „יוד", הגם ד״ר יוסף לוריע איז פון דער דערציילונג ניט נתפעל געוואָרן. זיכער האָט ליפמאַן לעווין באַזעסן (און באַזיצט, האָף איך, נאָך איצט) אַ שטאַרקן טאַלאַנט. ליידער האָט ער ווייניק געשענקט אויפמערקזאַמקייט דער פאָרם. די טעכניק האָט ער אינגאַנצן מבטל געווען. דאָס האָט אים געשטערט צו ווערן באַליבט ביי די ברייטע מאַסן. פונדעסטוועגן איז ער אַ לענגערע צייט געווען די האָפענונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און האָט זיך געציילט אַלס איינער פון די דעמאָלסטיקע פיר יונגע בעלעטריסטן, אין וועלכע עס זיינען אַריינגעגאַנגען נאָמבערג, אַש און נאָך איינער...

דערפאַר אָבער איז ליפמאַן לעווין געווען אַ נייטיקער קאָלעגע פאַר אונז, באָהעמען. ער איז געקומען ניט אַליין, נאָר מיט זיין יונגער, ליבלעכער, געבילדעטער פרוי; „גיטעלע" האָבן מיר זי מיט ליבשאַפט גערופן. און אַז מיר פלעגן זיך אַמאָל, איבערהויפט איך און נאָמבערג, וועלן אָנוואַרעמען מיט היימישער סביבה, פלעגן מיר אין אָוונט אַריינפאַלן צו ליפמאַן לעווין, אָדער טאַקע צו דער גוטער, שוועסטערלעכער גיטעלען. זי פלעגט אונז אויפנעמען זייער פריינדלעך, כאָטש מיר פלעגן אָנמאַכן אַ גרויסן טומל, און אַמאָל אויפוועקן זייער קינד, וועלכעס איז שוין אין וואַרשע געבוירן געוואָרן. ליפמאַן לעווין, אַליין אויך פון דער נאַטור אַ גוטער, אַ מכניס־אורח, פלעגט אָבער ניט אַלע מאָל וועלן ליידן

אונזער טומלען, פלעגט ער זיך בעטן: שטילער. אַמאָל פלעגן מיר שוין עסן ביי אים ווערטשערע, וואָס גיטעלע האָט מיט גרויס בריהשאַפט אויסגעמאַרקירט, אַז עס זאָל זיין גענוג פאַר אַלעמען. אַמאָל פלעגן מיר קומען שוין מיט פאַרטיקע שפּייז — אַפילו אַ הערינג אַרויפברענגען — און גיטעלע פלעגט שוין פאַר אונז מאַכן טיי און צושמיילען צו אונז מיט איר ליבלעכן שמייכל.

דערצו האָט גיטעלע, אַלס אינטעליגענטקע, אַ געוועזענע קורסיסטקע, געהאַט שיינע חברטעס. איינע פון זיי, פריילין אייגער, טאַקע אַן אייניקל פון ר׳ עקיבא אייגער. איז געווען אַ וואונדערלעכע שיינהייט, שטאַרק ווי אַ פאַלמע און אויגן — גרינע, ווי בורשטין, און אַ בליק אַ שטאָלצער. האָב איך געמיינט, אַז ר׳ עקיבא אייגערס אַן אייניקל איז דאָך אַוודאי באַהאַוונט אין אַלע מיינע און נאָמבערגס דערציילונגען און לידער. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז זי רעדט אַפילו קיין יידיש ניט און ווען פאַרפירן אַ באַקאַנטשאַפט איז אויך ניט געווען צו האָפן, ווייל גיטעלע האָט מיר פאַרטרויט אַ סוד, אַז ר׳ עקיבא אייגערס אוראייניקל האָט שוין אַ חתן אַ סטודענט אין וואַרשע און דעם חתנס פאָטער איז אויך אַ יחסן, להבדיל: ער איז אַ דיאַקאָן ערגעץ אין אַ רוסישן קלויסטער אין טאַמבאָוו, צי אין סאַמאַרע... און עס איז אַ סברה, אַז דעם דיאַקאָן שטייט ניט אָן דער שידוך... האָט עס מיר דעמאָלסט שטאַרק אַמיזירט און אפשר נאָך שטאַרקער פאַרדראָסן.

אָבער אין אַלגעמיין איז ביי ליפמאַן לעווינען אין צימער געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען. און דער צימער איז געווען אַ גרויסער און אַ שיין=אויפגעקליבענער, מיט אַ ווייכער סאָפע. די דאָזיקע סאָפע פלעגט נאָמבערג נאָכן אַריינקומען, אָדער נאָכן אַריינפאַלן, פאַרנעמען פאַר זיך, אויסציענדיק זיך אויף איר מיט זיין גאַנצער לענג, און ער פלעגט אַלע מאָל רימען, ווי פרצעס „העלד“ אין דער באַרימטער דערציילונג „הכנסת=אורחים“:

— אַ וואוילע קאַנאַפע...

אַ גליק, וואָס נאָמבערג איז געווען דאַן ווי אויף קוועקזילבער, אַ רירעוודיקער, און לאַנג אַיינליגן ניט געקענט, זיך אויפגעשטעלט און גענעבן פלענער, אידעען, ווי אַזוי צו פאַרברענגען...

פלעגט גיטעלע גאָר אַמאָל אָנהייבן זינגען. די אמתע רוסישע לידער פול מיט בענקשאַפט.

דעם זעלביקן ווינטער איז דורך וואַרשע דורכגעפאָרן אַ מיידל צו שטודירן אין דער שווייץ, און דאָס מיידל איז געווען גיטעלעס אַ חברטע נאָך פון דער היים, פון גאָרקי. דאָס דאָזיקע מיידל האָט פאַרמעגט אַזוינע אויגן, וואָס באַשרייבן איצט איז מיר שווער. זאָגן וואונדערלעכע אויגן, וויל איך זי ניט באַליידיקן מיט אַזאַ שאַבלאָנער באַצייכענונג. אירע אויגן האָבן געקוקט אַזוי פאַרטרוימט און אין דער זעלבער צייט אַזוי קלוג, אַז איך און אַפילו נאָמבערג האָבן זייערע בליקן ניט געקענט גלייכגילטיק באַגעגענען... דערצו איז דאָס מיידל געווען אַ זינגערין און צווישן אַלע אירע לידער האָט זי געזונגען אַ רוסיש ליבע-ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, ווי איך געדענק:

אווו דערעווניע אַלעכאָווקע...

און יעדע סטראָף האָט געהאַט אַ זונדערבאַרן רעפרעין, וואו די מעלאָדיע איז נאָך טיפער און טרויעריקער געוואָרן:

טישע, זאַמאָלטשי,
ניטשעווא ניע גאַוואָרי.
העי, נו — טפררו!...

דאָס מיידל איז אין אַ וואָך אַרום אַוועקגעפאָרן, אָבער דאָס לידל מיטן רעפרעין „ניטשעוואָ ניע גאָוואָרי” איז פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט ביי אונז, און ביי גיטעלען אין צימער פלעגט מען עס זינגען אין כאָר; גיטעלע פלעגט אָנהייבן, ליפמאַן לעווין האָט צוגעהאָלפן, די איבעריקע פלעגן אונטערכאַפן און נאָמבערג פלעגט שיר ניט פאַרגיין זיך אין עקסטאַז און ציען מיט געפיל, אַלץ נידעריקער און נידעריקער די טענער פון רעפרעין:

— טישע, זאַמאָלטשי,
ניטשעוואָ ניע גאָוואָרי..

און דערפון איז ביי נאָמבערגן געוואָרן אַ ליד, וואָס איר געבורט האָב איך אַליין ביגעוואוינט באַזוכנדיק אים אין זיין צימער —

ער האָט דעמאָלסט געוואוינט באַזונדער — און האָב נאָך צוגעהאָלפֿן מיט אַ פּאָר ווערטער, וואָס איך האָב אַרײַנגעזאָגט:

קען איך דען פֿאַרשטיין,
וואָס דאָס איז מיט מיר,
וואָס מײַן שטאָלצן קאָפּ
בויג איך אײַן פֿאַר דיר.

דאָס ליד און נאָך איינס — שוין געווידמעט אַן אַנדער מיידל — האָב איך אין אַ פּאָר יאָר אַרום אָפּגעדרוקט אין מײַן זאַמלבוך „יאָהרבוך פּראָגרעס". אמת, קיין האָנאָראַר האָט נאָמבערג פֿאַר זיי ניט פֿאַרלאַנגט. דערפֿאַר אָבער האָט אַ העברעיִשער קריטיקער, וואָס האָט דעם זאַמלבוך מיט שנאה אַרונטערגעריסן, נאָמבערגס צוויי לידער זייער שטאַרק געלויבט...

* * *

פֿאַרגרעסערט די ליטעראַרישע משפּחה, האָט זיך אויך פֿאַרגרעסערט אונזער אײַנפֿלוס אויף דער יידישער אינטעליגענץ און טיילווײַז אַפֿילו אויף דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע. פּרץ, וואָס האָט געדאָרשט נאָך טעטיקייט, האָט בײַ די ליטעראַרישע אינטימע אָוונטן פֿאָרגעלייגט צו גרינדן „אַ קאַסע פֿאַר ליטעראַטן". אַזאַ קאַסע וואָלט די רוסישע רעגירונג ניט דערלויבט. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאַסע זאָל זײַן אין געהיים. פֿאַר מוסרים האָט מען דאַן קיין מורא ניט געהאַט.

וואו־זשע וועט מען אָבער נעמען אויף אַ „פֿאָנד" די ערשטע סומע? האָט ווידער פּרץ אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן אַ באַל פֿון שרײַבער. און דער באַל זאָל פֿאָרקומען פּורים. וועט עס הייסן אַ „שרײַבער־באַל" און אַ פּורים־באַל...

דער באַל דאַרף זײַן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב — אַ בילעט צוויי רובל און פֿאָרקומען זאָל דער באַל אין אַריסטאָקראַטישן פּוילישן זאַל „שווייצערטאַל", אין דער אַריסטאָקראַטישער אויאַזדאָווסקער אַלעע... די שרײַבער אויפֿן באַל באַקומען אויסצייכענונגען. יעדער שרײַבער וועט טראָגן אין לאַץ אַ פֿעדער.

דער פלאַן איז געווען גראַנדיעז. עס איז פאָרגעלייגט געוואָרן אַ פראָגראַם מיט לעבעדיקע בילדער, וואָס איינער אַ מאָלער, מיט דעם נאָמען קונאָ, אַן אַסימילירטער ייד, אָבער פרצעס אַ גרויסער פאַרערער, זאָל עס אויסשטאַטן. איך האָב אויך געדאַרפט אָנטייל נעמען אין פראָגראַם. דאָס בילד האָט געדאַרפט פאָרשטעלן דעם קאַפיטל פון יחזקאל וועגן די עצמות היבשות.

עס האָבן זיך געגרייט צום באַל אַלע דעמאָלסטיקע שרייבער. אָבער די אמתע מחותנים זיינען געווען מיר, די יונגע. מיר, איבערהויפט איך און נאָמבערג, פלעגן אַ פאָר וואָכן נאָכאַנאַנד אַלע טאָג קומען צו פרצן העלפן אים אין דער אַרבעט. פרץ איז געווען שטאַרק פאַרהאַוועט, ווי אַ יונגערמאַנטשיק, אַפילו זיך עוסק געווען מיט די בילעטן. מיר האָבן אים בלויז געהאָלפן שטעמפלען זיי און לאַכנדיק האָט ער געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיי ניט גנבענען... און הגם איך האָב אַ בילעט באַקומען פריי, האָב איך דאָך צוויי טאַקע גענומען אַליין. און אַז פרץ האָט איבערגעציילט און עס האָט געפעלט, האָב איך זיך גלייך מודה געווען פאַר אים, האָט ער שוין אַ יום־טובדיק שמייכלענדיקער זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס אַזוי ווייניק, האַ?...

און מיך אָנגעקוקט וואויליונגעריש מיט זיינע גרויסע, קלוגע, שטראַלנדיקע אויגן...

אַז עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון באַל, האָב איך זיך געפילט אין אַ גוואַלדיקער געהויבענער שטימונג. באַקומען אַן אַוואַנס צו ביי לידסקין, צי ביים „יוד“ עטלעכע רובל און גענומען אויף פראָקאַט אַ שוואַרצן אָנצוג, וואָס דער ראָק האָט געהאַט אַזוינע פאַרשניטענע פאָלעס, אַז איך האָב לאַנג זיך געשובט, צי איך זאָל עס אָנטאָן. אָבער דער געזעץ איז געווען — אמת, ניט פון פרצן, נאָר פון די איבעריקע מאַכער פון באַל — ציוניסטישע סטודענטן — אַז מען מוז קומען נאָר אין אַזאַ מין אָנצוג, איז קיין ברירה ניט געווען. וועמען איך האָב אַוועקגעגעבן די צוויי „געגנבעטע“ בילעטן, געדענק איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז געקומען אויפן באַל בין איך אַליין. דער סטודענט סירקין — שפעטער אינזשעניר סירקין, — וואָס האָט זיך שוין געפונען ביים אַריינגאַנג פון זאַל, און וועלכער

האָט מיך געקענט פֿון פּרעצעס היים (ער פֿלעגט אויך אָנטייל נעמען אין די אינטימע ליטעראַרישע אָוונטן), האָט מיך באַטראַכט ווי אַן אָפֿיציר באַטראַכט אַ סאָלדאַט פֿאַר אַ „סמאָטר“; געזען, אַז איך בין אין אָרדענונג, האָט ער מיר אין „קלאַפּע“ אַריינגעשטעקט אַ פֿעדער אַזאַ, די עמבלעם פֿון מיין הויכער פּראָפֿעסיע, און האָט מיר, אַ יום־טובדיק־שמייכלענדיקער, אַליין אָנגעטאָן אין זיין רייכער סטודענטישער יום־טובדיקער אוניפֿאָרם, דעם סורדוט מיט די גאָלדענע קנעפּ און די הויזן מיט די רויטע פּאַסן, געשיקט טיפֿער אין זאַל, וואו דאָס גרויסע, רייכע פּובליקום האָט זיך שוין טיילווייז געזאַמלט.

אָבער דאָ ביים אַריינגאַנג איז נאָך אַלץ ניט געווען גלאַט. אָרעמע סטודענטן און סתם אָרעמע אינטעליגענטן, מאַנכע האָבן מיך שוין געקענט פּערזענלעך, האָבן געוואָלט אַריינגיין און ניט געהאַט קיין בילעטן און האָבן ניט געקענט צאָלן דעם פֿולן פּרייז אָדער גאָרניט געקענט צאָלן...

האָב איך אָנגעהויבן אַריינלאָזן אָן בילעטן.

— גייט אַריין, געזונטערהייט... — אַזוי האָב איך אַריינגעלאָזט ביי אַ צוואַנציק מאַן...

האָט דאָס באַמערקט איינער פֿון די טוער, לעוויטעס, אויך אַ סטודענט אין יענער צייט, אַ פֿייערדיקער ציוניסט, האָט ער מיר שטרענג אויסגערעדט. דעם דאָזיקן לעוויטעס האָב איך ניט איבעריקס ליב געהאַט. ער איז געווען צופֿיל בורזשואַ פֿאַר מיר, האָב איך אים נאָך שטרענגער אָפּגעענטפֿערט. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט און עס איז אַרויס אַ קריג.

— איך וועל אייך הייסן אַרויספֿירן! — האָט ער געסטראַשעט, אַ בייז־אויפֿגערעגטער...

דאָס האָט מיך נאָך שטאַרקער אויפֿגעבראַכט. עס איז אינגאַנצן מיין שמחה און ער באַליידיקט מיך... אָט דער בורזשואַ. צום אומגליק האָט גראָד קיינער ביים אַריינגאַנג פֿון די מייניקע ניט געוויזן זיך. דערווייל איז צוגעקומען איינער אַ גרויסער גביר, לוריע, אויך אַ ציוניסט, וואָס איך ווייס ניט, וואָס פֿאַר אַ מחותּן ער איז געווען מיט שרייבער, דאָך איז ער אויך געווען פֿון די הויפּט־מאַכער... איך בין זיך מודה, אַז דעמאָלסט, אין יענער מי־

נוט, בין איך אויף פּרצן געווען זייער בייז, וואָס ער נעמט אַריין אין אונזער סביבה אַזוינע ווילד־פֿרעמדע, וואָס האָבן מיט דער יידישער ליטעראַטור ניט נאָר נישט צו טאָן, נאָר זיינען אין געוויסן זין אונזערע שונאים. דער דאָזיקער גביר לוריע, וואָס האָט יאָ געוואוסט, צי ניט געוואוסט מיין „יחוס“, איז זיך מיט מיר באַגאַנגען נאָך גרעבער, נאָך ברוטאַלער, האָט מיך געסטראַשעט מיטן „גאָראָדאָוואָי“, וואָס האָט זיך געפֿונען ביים טיר. איך האָב דערפֿילט, אַז איצט בין איך דער שוואַכערער, אָבער קיין וועג צוריק איז שוין ניט געווען. איך האָב באַשלאָסן באָדאַי פֿאַרלאָזן דעם באַל, אַבי דאָס האַרץ אויסצוקילן קעגן די צוויי זאַטע און צופֿרידענע לייט...

און איך האָב אויך דעם רייכן לוריע ניט געשוינט.

אַ גליק, וואָס גראָד איז אָנגעקומען בעל־מחשבות. ער, אי אַ זייעריקער אי אַ אונזעריקער, מער אַן אונזעריקער, האָט זיי דערקלערט, ווער איך בין, און קוים מיט מי האָט ער זיי איינגעשטילט און מיך אַריינגעשיקט אין זאַל...

האָט עס אין מיר אָנפֿאַנגס שטאַרק געזאָטן. די געזיכטער פֿון די, וואָס זיינען געבליבן הינטער דער טיר פֿון זאַל, ניט קענענדיק אַריינקומען צוליבן טייערן פּרייז פֿאַר אַ בילעט, האָבן געשוועבט פֿאַר מיר מיט די בעטנדיקע בליקן. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפֿונען. אַן אומרו האָט מיך אינגאַנצן באַהערשט. ענדלעך האָב איך דערזען אין עולם נאָמבערגן, אַן אויסגעפּוצטן אין אַ אָנצוג ווי מיינעם, מיט אַ קראַגן, אַריינגעשניטן ביז הויך אין האַלז אַ״ין...

— רייזען, וואָס דרייט זיך אַרום אַזוי ווי אַ נעכטיקער? — האָט ער חבריש געלאַכט פֿון מיר.

מיר זיינען ביידע צוגעגאַנגען צום רייכן בופֿעט און אויסגעטרונקען צוויי גלעזעלעך וויין. נאָמבערג איז נאָך פֿריילעכער געוואָרן. איך, וואָס בין, ווי נאָמבערג, ניט געווען געוויינט צו טרינקען — ביי מיר איז דאָס געווען דאָס צווייטע מאָל וויין טרינקען, נאָך פּרצעס באַנקעט צו זיין יובילײ — בין שוין געקומען צו זיך. אויסגעגאָסן מיין האַרץ פֿאַר אים אויף די בורזשויען — האָט ער מיר געמוסרט, אַז איך בין געווען ניט טאַקטיש און אַז בילעטן איז ניט מיין געשעפֿט צו טיילן...

אַזוי צי אַזוי, איך בין פריילעכער געוואָרן. איך בין אַריין אין טאַנצזאַל. ערשט עס איז שוין פול. פאַרשיידענע מאַסקן האָבן פאַרבייגעשוועבט און צוגערופן לוסטיק און צווידייטיק. פיל פאָרלעך האָבן שוין געטאַנצט אין דעם געוואַקסטן, גלאַטן שפּיגלדיקן „מיט" פון רייכן זאַל... בײַ די זייטן אויף די שטולן זיינען געזעסן די עלטערע געסט, די מכובדים. עס רוישט זייד. שלום אַש פאַרשטעלט אַלס אַ װאָױלער יונג פון „קילערגעסל" בלאָנקעט אַרום... מאַטילדע, וואָס איז שוין געווען זיין „אויסגעוויילטע", קוקט אים אָן מיט שרעק און צעווײנט זיך שיר ניט...

— שלומשי, ווי אַזוי האָסטו זיך פאַרשטעלט?...

איך בלאָנקע אַרום צווישן שיינהייטן, וואָס פאַרנעמען דאָס אויג. און אָט טרעף איך אָן צוויי שוועסטער, אַננאַ און מאַיקע בוכוואַלד, וואונדערלעכע בלאָנדינקעס און יידישע, מיינע און נאָמבערגס נאָענטע באַקאַנטע. אַליין פון אוקראַינע, האָבן זיי שוין אָבער אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס שענסטע פון דעם וואַרשעווער שיק און גראַציע. אַננאַ, מיט די פריילעכע, לאַכנדיקע גרויסע, בלויע אויגן, אַ גראַציעזע, הגם ניט קיין הויכע, טאַנצט אַ וואַלצער מיט אַ פרעמדן יונגמאַן. טאַנצן קען איך ניט, אָבער איך פיל, ווי מיך הייבט פון אָרט. איך מוז טאַנצן, איז ניט קיין וואַלס, איז צוזאַמען מיט אַלעמען אַ קאַרעהאָד, אַ דריידל, ווי אין דער היים. איך קום צו צו די מוזיקאַנטן, אַ פאָר קענען מיך, דערצו זאָג איך צו אַ מתּנה— און האָב טאַקע שפּעטער זיי געגעבן אַ מנה־יפה — שפּילט, קלעזמער, עפּעס יידישעס, אַ פריילעכס, אַ קאַראַהאָד!...

באַלד האָט זיך די מוזיק אָפּגעהאַקט. די טאַנצנדיקע פאָרלעך האָבן זיך פאַרדרימלעך אומגעקוקט צו די מוזיקאַנטן. די לעצטע אָבער האָבן אַ קלאַפּ געטאָן אַ יידישע האָפּקע.

עס האָט זיך גלייך געשלאָסן אַ ראָד...

איך בין צוגעגאַנגען צו אַננען און זי אָנגענומען בײַ די הענט.

— טאַניץ! — האָב איך באַפוילן.

און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר אַליין אין מיטן פון קאַראַהאָד אין אַ פּאָלאָ־טאַניץ...

און דער קאַראַהאָד איז געוואַקסן און קײלעכדיקער און ברייטער געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ געמיש פֿון פֿאָרלעך. דער גאַנצער זאַל האָט באַלד באַקומען אַן אַנדער כאַראַקטער, אַ פֿאָלקסטימלעכן, אַ פֿריידיקן און אַן אָנזאָג אויף עפּעס און אַ רוף צום פֿאָלק.

און איך מיט איר אינמיטן אַ פֿאָלאָ טאַנץ אין עקסטאַז.

נאָכן טאַנץ איז צו מיר צוגעלאָפֿן בעל=מחשבות. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט פֿאַר אַנטציקונג:

— רייזען — האָט ער מיט התפּעלות אויסגערופֿן — איך האָב אײַך היינט שטאַרק ליב באַקומען.

און איך האָב זיך דערפֿילט, ווי אַ זיגער...

פירונצוואַנציקסטער קאַפיטל

זייטיקע אַרבעט. — איך שרייבֿ אַדרעסן. — פאַרריכט מאַנוסקריפטן. — פון אַ ליבֿעראַל אַ סאָציאַליסט. — „די יודישע פאַמיליע“. — מ. ספעקטאָר אַלס רעדאַקטאָר. — דוד פרישמאַנס התפעלות. — די צווייטע וואָכנשריפט „די פאָלקסצייטונג“. — דער פאַרלאַג „תושיה“. — א. ל. יאַקובאָוויטש. — אונזער קורס הייבט זיך. — דער „הדור“ פון דוד פרישמאַן. — שלום אַשם ערשטע דערציילונגען. — די פאַרבעסערטע לאַגע. — די פאַרבראַקירטע דערציילונג. — מ. ספעקטאָרם חרטה.

אָפגעזען דערפון, וואָס סיי אין „יוד“ און סיי אין דער מאָנאַטשריפט „די יודישע פאַמיליע“, וואָס דער פאַרלאַג „אַחיאָסף“ האָט שפעטער שוין אָנגעהויבן אַרויסגעבן, אַלס פרעמיע צום „יוד“ פאַר פיר רובל אַ יאָר, בין איך געווען אַ אָפטער גאַסט מיט מיינע דערציילונגען און לידער, האָב איך דאָך פון האָנאָראַר אַליין ניט געקענט אויסקומען, און איך האָב געמוזט, איבערהויפט די ערשטע פאָר יאָר פון מיין זיין אין וואַרשע, אויסער מיט „לעקציעס“, וואָס איך האָב געהאַט אין אַ פאָר רייכע הייזער, זיך אויך באַשעפטיקן מיט אַנדערע, אַזוי צו זאָגן, זייטיקע אַרבעטן. אַזוי, למשל, האָב איך איינמאָל קומענדיק אין „יוד“ נאָך געלט, וואָס לויטן חשבון פון בוכהאַלטער כהן האָט מיר ניט געקומט, באַקומען פון אים אַ פאָרשלאָג צו פאַרדינען אַ פאָר רובל דורך איבערשרייבן אַדרעסן. דער האָנאָראַר פאַר די אַדרעסן שרייבן איז שוין ניט געווען פון שורה, נאָר פאַר הונדערט אַדרעסן — דרייסיק קאָפיקעס. פונדעסטוועגן האָב איך עס מיט פרייד אָנגענומען, געווינצלט זיך איבער דעם פרייז מיט ה׳ כהן און געדונגען זיך אַפילו. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך באַקום דעם העכסטן האָנאָראַר, ווייל דער ריכטיקער פרייז פאַר הונדערט אַדרעסן איז 25 קאָפיקעס, און איך, אַלס טאַלאַנטפולער שרייבער, באַקום מיט פינף קאָפיקעס מער... דער

דאָזיקער הויכער האָנאָראַר האָט מיך שיר ניט שטאָלץ געמאַכט... איך האָב איבערגעשריבן אין אַ טאָג ביי אַ טויזנט אַדרעסן און באַקומען ביי אַ דריי-רובלדיקע, האָב איך זיך יענעם טאָג און אויף מאָרגן אַפּילו געפֿילט ווי אַ פּראָלעטאַריער, וואָס שפּייזט זיך מיט דער אַרבעט פֿון זיינע הענט, און האָב זיך דערפֿילט נאָך נעענטער צו דעם אַרבעטער-קלאַס, הגם עס איז אַלץ געווען אַן אינטעליגענטע אַרבעט — שרייבן, מעג זיין אַפּילו אַדרעסן...

אַ צווייטן מאָל, ווען איך בין געקומען נאָך געלט צום רעדאַקטאָר אַליין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קען מיר גאָרניט העלפֿן, נאָר אַזוי ווי דער כראָניקער, — דאָס איז געווען טאַקע דערזעלביקער בוכהאַלטער, ה' כהן, וואָס האָט אי געפֿירט די בוכהאַלטעריע פֿון פֿאַרלאַג „אַחיאָסף“ אי געפֿירט אין „יוד“ די וועכנטלעכע כראָניק, ד. ה. איבערגעבן די נייס פֿאַר אַ וואָך, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט פֿאַר אים אָנגעצייכנט אין אַלערליי רוסישע און דייטשע צייטונגען — אַז דער כראָניקער, ה' כהן, איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אורלויב, זאָל איך פֿאַרטרעטן זיין שטעלע, מאַכן די כראָניק פֿאַר דער וואָך, און איך וועל באַקומען דערפֿאַר גאַנצע דריי רובל...

די מומע איז געווען קליין, אָבער זי האָט געלאָקט... די טעג, זומערדיקע, זיינען „געשטאַנען“ שיינע, ליכטיקע. די גערטנער, סיי דער קראַשינסקי-גאָרטן, סיי דער זאַקסישער און סיי די ווייטע גערטנער אין די „לאַזיענקעס“, אין די רייכע אַלעען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען נאָך דער רייכער מאַרשאַלקאָווסקע, זיינען געווען פֿול מיט שפּאַצירנדיקע. דער אַריינגאַנג אין די גערטנער האָט אַפּילו ניט געקאָסט, און מיך, אַלס „דייטש“ געקליידטן, ניט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, כאָטש אַ פֿרעמדער אין לאַנד, האָט מען אַפּילו אין יענער צייט, ווען ביי די טויערן פֿון יעדן גאָרטן זיינען געשטאַנען פּאָליציי-לייט — מיט כּבֿוד אַריינגעלאָזן אין זיי. אָבער אַריינקומען אין אַ גאָרטן, וואו דאָס לעבן האָט גערופֿן מיט אַלע חנען און צויבערייען, מיט אַ ליידיקער טאַש, איז געווען ניט איינגענעם, מען האָט זיך געפֿילט, ווי געפֿאַלן, דערשלאָגן, טראָץ דעם קורצן רעקל און די הויזן איבער די שיך און אַפּילו אין אַ ווייסן קראַגן, און

ניט ווי אַ חסידישער יונגערמאַן אין אַ היטעלע און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס האָט געמעגט זיין דער רייכסטער אַליין, צי אַ זון פֿון דעם רייכסטן, האָט לויט אַלטע געזעצן אין אַזאַ גאָרטן ניט געקענט אַריינגיין.

און אַפֿילו ניט אין די גערטנער, וואו אין מאַנכע האָט מוזיק געשפּילט, איז אין די שיינע זומערדיקע טעג און אָוונטן אויך געווען וואו צו גיין פֿאַרברענגען, צי אַליין, צי מיט נאָמבערגן, און שפּעטער שוין מיט אַשן און אַפֿילו גאָר שפּעטער מיט גרשון שאָפּמאַן, וואָס איז שוין אין יענער צייט אָנגעקומען אין וואַרשע מיט זיין ליבן חנעוודיקן שמייכל אויפֿן קלוגן פּנים און מיט אַ צענדלינג העברעישע סיפּורים, וואָס דער פֿאַרלאַג „תושיה" האָט געזאָלט אַרויסגעבן (און שפּעטער טאַקע אַרויסגעגעבן) און דער האָנאָראַר האָט געדאַרפֿט אָנטרעפֿן אַזש אַ הונדערטער... און שוין גאָר שפּעטער, אין אָנהייב פֿון 1901, פֿלעג איך אויך שפּאַצירן מיט גניעסינען, דעם אַיינגענעם־אומעטיקן שווייגער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַלערליי וויזיאָנען און חלומות...

האָב איך זיך אָנגענומען אויך צו מאַכן די כראָניק — פֿאַר דריי רובל.

מיטגענומען אין מיין קליין צימערל — איך געדענק שוין ניט, וואו איך האָב דאַן געוואוינט — די אַלערליי מאַטעריאַלן פֿאַר דער כראָניק, די רוסישע „נאָוואָסטי", די דייטשע „נייע פֿרייע פּרעסע", דעם „וואָסכאָד" און אַנדערע צייטונגען און זיך אַוועקגעזעצט איבערזעצן אין יידיש פֿון יעדער צייטונג די מיט אַ רויטן בליישטיפֿט אָנגעצייכנטע וויכטיקסטע נייס. פֿון „נאָוואָסטי", געדענק איך, האָב איך געמוזט איבערזעצן אַ טרוקענעם צירקולאַר פֿון אַ מיניסטער וועגן יידישע רעכט... איך האָב זיך אָפּגעגאָסן מיט שווייס ביי דער דאָזיקער אַרבעט... עס איז געווען אַ ליכטיקער טאָג, און די ווערטער אַזוינע פֿינסטערע און אייז־קאַלטע... און איבערגעבן זיי אויף יידיש האָב איך געמוזט ריכטיק, עס איז געווען אַ צירקולאַר אַזש פֿון מיניסטער אַליין... יידן האָבן עס געמוזט נייטיק וויסן... אויך פֿון דער ליבעראַלער „נייע פֿרייע פּרעסע", וואָס איז ערשינען אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער עסטרייך, אין דער פֿרייער ווין, איז די נייס געווען

פאַר יידן ניט קיין פריילעכע... און די ווערטער, הגם אין דייטש, שטיקלעך קרובים מיט יידישע ווערטער, האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג מגולגל ווערן אין יידישע, פאַר דעם „יוד"... איך האָב זיי געמוזט שלעפּן מיט גוואַלד...

די נייס פון „וואָסכאָד" זיינען שוין געווען ליכטער און פריילעכער, דערפאַר אין דער ציוניסטישער „בודושטשנאָסט" האָט זיך געטאָן חושך, כאָטש נעם און פיר אַוועק אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט אין ארץ־ישראל...

באַאַרבעט די דאָזיקע כראָניק, אַן אויסגעשעפּטער און אַן איינגעמידטער, בין איך שוין אַרום זעקס פאַרנאַכט געגאַנגען (און אפשר געפאָרן אין טראַמוויי אין צווייטן קלאַס און באַצאָלט 7 קאָפּיקעס, אויב איך האָב עס פאַרמאָגט) פול מיט האָפענונגען אין רעדאַקציע פון „יוד".

דער רעדאַקטאָר האָט מיך אַנטפאַנגען נאָך פריינדלעכער ווי שטענדיק. אַ פריינדלעכער מענטש בכלל, האָט ער אָבער אויף דער כראָניק אויסגעקוקט די אויגן... דער נומער „יוד" איז שוין געווען צוזאַמענגעשטעלט, האָט שוין געהאַט די דערציילונג, דאָס ליד, דעם ליטאַרטיקל און די לעצטע צוויי־דריי מאמרים, געפעלט האָט נאָר די כראָניק, וואָס האָט זיך געדרוקט אינמיטן פון יעדן נומער, אַזוי אַז עס איז געווען דער בריק, וואָס האָט אַריבערגעפירט צו די אַלע „אָפּטיילונגען" פון אַ נומער „יוד"...

ער האָט אַפילו ניט אַריינגעקוקט, צי האָב איך עס ריכטיק געמאַכט... ער האָט זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן... הגם עס וואָלט ניט געשאַדט, ווען ער קוקט יאָ אַריין, ווייל געוויסע „טערמינען" אין דעם מיניסטערס צירקולאַר פון דער רוסישער „נאָוואָסטי" האָב איך זיכער געקאַליעטשעט...

איך האָב געוואַרט אויף מיין האָנאָראַר — גאַנצע דריי רובל, ווייל דאָס איז דאָך ניט קיין קונסט, נאָר אַרבעט, פאַר וואָס מען דאַרף גלייך באַצאָלן און מען דאַרף די שורות, נאָכדעם ווי עס דרוקט זיך אָפּ, ניט איבערציילן.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אין דער אַדמיניסטראַציע שולדיק געווען אַ סומע געלט, אַ ניט אויסגעצאָלטן צענרובל־

דיקן אַוואַנס... און גראָד ווען איך האָב געבראַכט די כראָניק — אַ שווערן טאָג אָפּגעאַרבעט — האָט מען געפֿונען אַ פּאַסיקע צײַט די שווער פֿאַרדינטע סומע מיר אָפּצורעכענען פֿון מײַן אַלטן חוב...

איך האָב זיך געאַמפּערט, צוגעזאָגט אָפּצוצאָלן זיי דעם חוב מיט אַ דערציילונג, וואָס איך האַלט אין שרייבן, די דערציילונג געלויבט אין זיבעטן הימל אַרײַן — עס האָט ניט געהאָלפֿן — אַ חוב איז אַ חוב! — האָט די אַדמיניסטראַציע געטענהט. דער רעדאַקטאָר אַליין, וואָס וואָלט פֿון זײַן טאַש אפֿשר באַצאָלט, איז גראָד דאַמאָלט ניט געווען בײַ געלט... זיכער, איך האָב אים געגלויבט. ד״ר יוסף לוריע איז געווען פֿון דער נאַטור אַ גוטער און איידעלער מענטש, און אויך אים, אַלס דאָקטאָר און רעדאַקטאָר, האָבן די בעלי־אַחיאָסף זיך ניט שטאַרק איבערגעצאָלט...

בין איך שוין אַוועק אַהיים צו־פֿוס אויף זיכער, אויף אַ טראַמוויי אַפֿילו אויפֿן דריטן קלאַס — 5 קאָפּיקעס, איז שוין אויך ניט געווען...

אָבער אומגעקומען בין איך דאָך ניט. איך בין אַפֿילו ניט ברוגז געוואָרן, אויף לאַנג אַוודאי ניט. ווײַל אין אַ צײַט אַרום — און איך בין שוין דווקא ניט געווען אין אַזאַ נויט — האָב איך שוין, אַלס אַ טובה צו טאָן, ווידער אָנגענומען אַן אַרבעט בײַם רעדאַקטאָר.

דאַמאָלט האָט ער זיך שוין אויסגערופֿן צו צאָלן אַפֿילו פֿאָראויס. אמת, אַליין ניט מער ווי אַ דרייערל... דאָס איז געווען די העכסטע סומע פֿאַר אַרבעט...

דאָס איז געווען אַן אַרבעט אַ ליטעראַרישע, וואָס אייגנטלעך האָט עס דער רעדאַקטאָר אַליין געדאַרפֿט טאָן, ווען ער וואָלט געהאַט בעלעטריסטישע פֿעיִקייטן (מיט יאָרן שפּעטער האָט ער טאַקע אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „פֿריינד“ באַוויזן, אַז ער פֿאַרמאָגט די דאָזיקע פֿעיִקייטן אויך). אָבער ער האָט דאָס ווידער געגעבן מיר. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין איבערשרײַבן און פֿאַרריכטן אַ דערציילונג. און די דאָזיקע דערציילונג האָט געהערט צו דער פֿעדער פֿון אַ וואַרשעווער גביר און אַ כּלל־טוער... אַ ייִד אַ

ליבעראַלער, הגם אַ ציוניסט, האָט ער אויך פֿון צייט צו צייט געשריבן אונטער אַ פּסעוודאָנים, פֿאַרשטייט זיך, אָבער אַלע האָבן געוואוסט, ווער עס באַהאַלט זיך אונטער דעם דאָזיקן פּסעוודאָנים. אַן איינגייער צו פּרצן, האָט דער דאָזיקער גביר און כּלל-טוער אויך אַמאָל עפּעס פֿאַרעפֿנטלעכט אין פּרצעס „יודישער ביבליאָטעק“; וואַרשיינלעך איז עס אויך דעמאָלסט דורכגעגאַנגען פּרצעס רעדאַקציע...

גענומען די דערציילונג אַהיים, האָב איך זי איבערגעלייענט און עס האָט מיך געוואונדערט, ווי אַזוי דער ערלעכער ד״ר יוסף לוריע האָט עס בדעה צו דרוקן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אים איז שווער אָפּצוזאָגן דעם דאָזיקן באַקאַנטן כּלל-טוער, וואָס אַלס מענטש, ווערדליג אַ גביר, איז ער געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער. מיך אָבער האָט די דערציילונג אויפֿגערעגט און שיר ניט בייז געמאַכט, ניט נאָר מיט איר אומגעלומפּערטער פֿאָרם, נאָר מער מיט איר אינהאַלט. ס׳איז געווען עפּעס אַ מעשה וועגן אַ יידן אַ משרת, וואָס דער באַלעבאָס פֿון אַ רייכן געשעפֿט האָט אים יאָרנלאַנג געהאַלטן און נאָכדעם אָפּגעזאָגט... דער אויטאָר פֿון דער דערציילונג, דער כּלל-טוער, האָט זיך כלומרשט אָנגענומען פֿאַרן משרת. עס איז אויסגעקומען, אַז אַ משרת איז אויך אַ מענטש. אַז דער כּלל-טוער, דער אויטאָר פֿון דער דערציילונג, איז געווען אַ ליבעראַל, — איז דאָך אַוודאי פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דעם דערשלאָגענעם משרת, און אַפֿילו אין אַ איידעלער פֿאָרם כלומרשט געטאַדלט דעם רייכן באַלעבאָס...

איך האָב די דערציילונג איבערגעשריבן, אַריינקוקנדיק זעלטן אין חער קאָפּיע. איך צווייפֿל, צי איז אין דער דערציילונג געבליבן צען ווערטער, וואָס האָבן געהערט דעם אויטאָר. פֿון משרת האָב איך געמאַכט אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער מאַכט אַ שטרייק ביים באַלעבאָס... איך בין, איבערשרייבנדיק, אַריין אין מיין ראָלע, האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז ניט איך בין דער אויטאָר פֿון דער דערציילונג, נאָר חער ליבעראַל, דער כּלל-טוער... עס איז אַרויס אַ גרעסערע דערציילונג.

געבראַכט צו רעדאַקטאָר, האָב איך באַשיידן די דערציילונג

אים איבערגעגעבן. ער האָט אַ בלעטער געטאָן דעם מאַנוסקריפּט, מיר באַדאַנקט און גלייך באַצאָלט...

אַז די דערציילונג האָט זיך אָפּגעדרוקט (נאַטירלעך אונטער דעם פּסעוודאָנים פֿון כּלל־טוער), האָט זי געמאַכט אַ גרויסן פּוראָר צווישן די אַרבעטער־מאַסן. מ'האָט זיך אַפֿילו באַנוצט מיט דער דערציילונג פֿאַר אַגיטאַציאָנס־צוועקן. ניט וויסנדיק, ווער דער אויטאָר איז, האָט מען גערעדט וועגן אַ נייעם פֿריינד פֿון די אַרבעטער, וואָס האָט זיך געוויזן אויף די שפּאַלטן פֿון „יוד“... אייניקע אַרבעטער האָבן אַפֿילו ביי מיר געפֿרעגט: ווער איז דאָס דער דאָזיקער... נאַטירלעך, האָב איך דעם סוד קיינעם ניט דערציילט...

דער איינציקער, וואָס האָט געוואוסט דערפֿון, איז טאַקע געווען דער „אויטאָר“, דער כּלל־טוער אַליין. טרעפֿנדיק מיך אין אַ שבת ביי פּרצן אין הויז, איז ער צו מיר צוגעקומען, אַ העכסט אויפֿגעבראַכטער, ערגעץ אין אַ ווינקל, אַז קיינער זאָל פֿונדעסטוועגן ניט הערן — און בייז אַריינגעבייזערט זיך מיר אין די אויערן:

— ווי אַזוי האָט איר געוואַגט צו מאַכן מיך פֿאַר אַ סאָציאַליסט?...

— איך האָב אייך אַזוי פֿאַרשטאַנען, האָב איך זיך פֿאַרטיידיקט...

— ניין, איך בין ניט קיין סאָציאַליסט, און ביי מיר מאַכט מען ניט קיין שטרייקן...

איך האָב אים געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, אָבער באַלד איז צוגעקומען פּרץ און דער געשפּרעך איז אָפּגעהאַקט געוואָרן.

זינט דעמאָלסט איז ער אַ לאַנגע צייט מיט מיר געווען פֿון ווייטן, זיך קוים, בלויז פֿון יוצא־וועגן, געגריסט מיט מיר. שפּעטער האָט ער דעם „פֿאָרפֿאַל“ קענטיק שוין אינגאַנצן פֿאַרגעבן — פֿאַרט האָט אים די דערציילונג — פֿון מיר אַ באַאַרבעטע, פֿאַרשאַפֿט „רום“... זיין פּסעוודאָנים האָט יעדער פֿון זיינע נאָענטע געוואוסט.

אָבער קיין נאָענטע פֿריינד זיינען מיר סיי־ווי־סיי קיינמאָל ניט געווען, הגם מיר פֿלעגן זיך סיי ביי פּרצן, סיי אין די ליטעראַרישע אָוונטן טרעפֿן ניט זעלטן.

איך גיב אָבער צו, אַז קיין שלעכטער מענטש איז ער ניט געווען. איך בין אַמאָל אַריין צו אים אין זיין רייך געשעפט מיט ליפּע נאָוואָגרודסקי נאָך אַ נדבה פאַר אַן אָרעמען פּאָליטישן אַרעסטירטן — האָט ער די נדבה געגעבן מיט אַ פולער האַנט און מיט גרויס פריינדלעכקייט.

ער איז דאָך פּאָרט געווען אַ מקורב צו פּרצן און ער האָט זיכער פאַרמעגט (און פאַרמאָגט נאָך מסתמא איצט אויך) אַ געוויסע שיינקייט אין זיין נשמה.

* * *

ווינטער, אין אָנהייב פון 1902, איז מ. ספּעקטאָר געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער שוין פריער דערמאָנטער מאָנאַטשריפט „די יודישע פאַמיליע“. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער חודש-זשורנאַל. אַוודאי האָט די דאָזיקע נייע ליטעראַרישע ערשיינונג אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד צווישן אונז, יונגע שרייבער און בעסערע לעזער. ווער רעדט נאָך, אַז מ. ספּעקטאָר האָט אין זיין איינלייטונגס-אַרטיקל צום ערשטן העפט אַרויסגעזאָגט, הגם גאַנץ פּאָרזיכטיק, זיין פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידיש, ווי צו אַ שפּראַך, אין וועלכער מען קומט שאַפן נייע ווערטן אד״ג, איז געוואָרן יום-טוב ביי אונז. ביי מיר אַוודאי. איך האָב זיך אויך ניט געקענט באַקלאָגן אויף דער באַציִונג צו מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן פון ד״ר יוסף לוריע, וועלכער האָט מיינע דערציילונגען און לידער געדרוקט גערן און ווי ווייט מעגלעך — אמת, אָבער ספּעקטאָר איז געווען אַן אייגענער מענטש און אַליין אַ קינסטלער. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט ספּעקטאָר געפאָדערט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. אַזוי האָט ער טאַקע, ווען ער האָט אָנגענומען די רעדאַקציע פון דער „יודישער פאַמיליע“, מיך שמייכלענדיק געוואָרנט:

— רייזען, מיר וועט איר מוזן ברענגען דאָס בעסטע, וואָס איר פאַרמאָגט. און לאַכנדיק פלעגט ער צוגעבן:

— איך בין דאָך ספּעקטאָר!

דאָס האָט ניט געהייסן, אַז ער איז אַ בעל-גאווה, אַז ער

האַלט פֿון זיך; דאָס האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז ער איז אַ מבֿין און אים וועט מען ניט „נאַרן“.

די ערשטע זאַכן, וואָס איך האָבֿ אים געבראַכט פֿאַר דעם ערשטן נומער „יודישע פֿאַמיליע“, איז געווען אַ דערציילונג „דאָס עיבור־יאָר“ און אַ בילד מיטן נאָמען „קאַלט“. דורכגעלייענט די ערשטע, איז זי אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, זיך אַזש אָנגעצונדן, צוגערופֿן מאַדאַם ספּעקטאָר און מיט אַ שיינענדיק פּנים איר מיטגעטיילט פֿון זיין גדולה — אַ שיינע דערציילונג, טאַקע גאָר אַ שיינע!...

„קאַלט“ איז אים שוין ווייניקער געפֿעלן געוואָרן, האָבֿ איך עס געוואָלט צוריקנעמען...

— ניין, ריזען, צוריק ניט... זיי וועלן אַריין ביידע, האָט ער געשמייכלט... און באַלד זיך פֿאַרטיפֿט און זיך אָנגערופֿן:

— מיר פֿעלט נאָר אָבֿער אַ ליד...

האָבֿ איך גראָד געהאַט ביי זיך אַ ליד אויך.

איך האָבֿ עס אים דורכגעלייענט: „אַמאָליקע טעג“...

אויף לידער — אַזוי האָט ער אַליין געזאָגט — איז ער שוין ניט אַזאַ מבֿין געווען, פֿונדעסטוועגן האָט ער עס אָנגענומען:

— עס איז אַ שיין ליד... האָט ער געזאָגט... אָבֿער — האָט ער זיך שוין שיר ניט צעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון, ווי אַזוי גיט מען פֿון איינעם אי צוויי דערציילונגען אי אַ ליד?... עס פּאַסט דאָך ניט...

— זיכער פּאַסט ניט, — גיבֿ איך צו...

פֿונדעסטוועגן צוריקגעבֿן דאָס ליד וויל ער ניט. ער וועט זיך שוין אַן עצה געבֿן.

און גלייך האָט ער אַ פּלאַן:

דאָס ליד זאָל איך אים דערלויבן דרוקן אונטער אַ פּסעוודאָנים...

פֿון פּסעוודאָנימען אונטער לידער האַלט איך ניט. אָבֿער ספּעקטאָר בעט זיך כּמעט:

— טראַכט עפּעס אויס אַ שיינעם פּסעוודאָנים...

אָפזאָגן ספעקטאָרן איז מיר שווער, און איך באַשליס צו געבן אַזאַ פסעוודאָנים, וואָס אויב ניט יעדער, איז מיינע נאָענטע כאָטש זאָלן דערקענען, אַז דאָס ליד איז מיינס.

— ווי געפֿעלט אייך א. קאָידאַנאָווסקי?...

א. קאָידאַנאָווסקי? — פֿאַרטראַכט זיך ספעקטאָר.

עס געפֿעלט אים יאָ און ניט... איך ווייס ניט, צי האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז אַ רמז אויף מיין געבורטסשטעטל. ער וויליקט ענדלעך איין.

האָנאָראַר דאַרף צאָלן די זעלבע אַדמיניסטראַציע פֿון „יוד“, די בעלי־אַחיאָסף. האָט שוין ספעקטאָר מורא, אַז עס וועט אָנטרעפן אַ פֿאַרמעגן, גאַנצע דריי זאַכן... ער, אַלס רעדאַקטאָר, איז אַפילו דער גאַנצער באַלעבאָס, אַנדערש וויל ער קיין רעדאַקטאָר קיינמאָל ניט ווערן, פֿונדעסטוועגן קיין גזלן זיין וויל ער ניט, און ער רעדט מיך איין, אַז מיטן האָנאָראַר זאָל איך זיך לאָזן דינגען... אַזוי אַז פֿאַר דעם ליד האָב איך באַקומען בלויז צו צען קאָפּיקעס אַ שורה — אַ רובל מיט זעכציק קאָפּיקעס, און פֿאַר די דערציילונגען צו פֿינף. די „שורות“ אין דער מאָנאַטשריפֿט, וואָס האָט זיך געדרוקט אויף אַ גרעסערן פֿאָרמאַט, ווי „דער יוד“, זיינען גאָרניט מזלדיק...

אָבער נחת האָב איך פֿון די דערציילונגען געהאַט מיי־ווי־סיי. דוד פֿרישמאַן אַליין, פֿון וועמען איך האָב נאָך ביז יענער צייט ניט געהערט קיין גוט וואָרט, אמת, קיין שלעכטן אויך ניט — איך האָב זיך מיט אים בכלל די ערשטע צייט אין וואַרשע זעלטן געטראָפֿן — פֿרישמאַן אַליין האָט, באַגעגענענדיק מיך אויפֿן גרויסן הויף פֿון טוואַרדע זעקס, וואו דער פֿאַרלאַג „אַחיאָסף“ האָט זיך געפֿונען, מיך אָפּגעשטעלט, און דער ערשטער אָנגעהויבן:

— יאָ, איך האָב געלעזן אין דער „יודישער פֿאַמיליע“ אייערע צוויי בילדער... דאָס „עיבור־יאָר“ איז פֿאָרטרעפֿלעך...

זיינע אויגן אונטער די פענסנע האָבן אויפֿגעלויכטן.

— אָט די אָרעמע פֿרוי, — באַגייסטערט ער זיך, — ווען זי ערפֿאַרט, אַז דער חודש אָדר גייט ניט אַריין אין רעכענונג... עס איז אַ געשענקטער חודש... דאָס איז וואונדערלעך. איך האָב געהאַט גרויס פֿרייד ביים לעזן...

די גוטע מיינונג פון פרישמאַנען האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען אונטער דעם אַיינדרוק און זיך געפילט ווי אַ ניי-אַנטדעקטער... בפרט אַז בעל=מחשבות און פרץ האָבן זייער מיינונג ניט געזאָגט וועגן דער דערציילונג.

אַ שטאַרקן אַיינדרוק האָט אָבער געמאַכט מיין דערציילונג „דער גמילת=חסד“, וואָס איז אויך געווען פאַרעפנטלעכט אין דער „יודישער פאַמיליע“ אונטער ספּעקטאָרס רעדאַקציע.

געבראַכט אים די דערציילונג, האָב איך זיך געפילט ניט זיכער מיט איר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס פעלט אין איר, און איך האָב נאָך ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס... ספּעקטאָר האָט זי אויסגעהערט אויפמערקזאַם און האָט זיך אויפגעפלאַמט:

— אַ מייסטערווערק, רייזען... אָבער צו=וואָס, — האָט ער צום סוף געטייטלט מיט די פינגער אויף די לעצטע עטלעכע ציילן, — צו=וואָס אָט די צוגעגעבענע שורות? וואַרפט זיי אַרויס...

איך האָב זיי איבערגעלייענט... אויסגעשטראָכן, און עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. הייסט עס, אַז אין דער דערציילונג האָט גאָרנישט געפעלט, נאָר פאַרקערט, עטלעכע שורות איבעריקע געווען.

איך האָב זיך גליקלעך צעלאַכט:

— איר האָט מיר געראַטעוועט מיין דערציילונג...

— אַלע מאָל עפּעס אויסמעקן, בעסער איידער צוצוגעבן, — האָט ער אַ צופרידענער געגעבן זיין כלל.

* *
*

דער ערפאָלג, וואָס דער העברעישער פאַרלאַג „אַחיאָסף“ האָט געהאַט מיטן „יוד“ און אויך מיט דער מאָנאַטשריפט „די יודישע פאַמיליע“, האָט ניט געלאָזט רוען דעם צווייטן גרויסן העברעישן פאַרלאַג „תושיה“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ניט פון אַ חברה, ווי „אַחיאָסף“, אויף „אַקציעס“, נאָר פון אַ פריוואַטער פערזאָן, דעם באַקאַנטן בן=אַביגדור (ל. שאַלקאָוויטש) מיט אַ פּאָר שותפים. —

און אָט האָבן מיר, אין אַ פּאָר וואָכן פֿאַר פּסח, אין יאָר 1902, דערהערט די בשורה, אַז פֿאַרלאַג „תושיה“ טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „די פֿאָלקסצייטונג“.

אין פֿאַרלאַג „תושיה“, ניט קוקנדיק, וואָס עס איז געווען ביז דאַן אַ דורכאויס העברעיִשער פֿאַרלאַג, פֿלעג איך אָפֿט אַריינקומען. ערשטנס, איז בן־אַביגדור אַליין געווען אַ פֿריינדלעכער מענטש און אַ ליבהאָבער פֿון יידישע שרייבער בכלל. צווייטנס, האָט אין פֿאַרלאַג „תושיה“ געאַרבעט א. ל. יאַקובאָוויטש. דאַן אויך אַ העברעיִשער שרייבער, האָט ער אָבער זיך שטענדיק געטוליעט צו אונז, צו מיר און צו נאָמבערגן. אויך פֿלעגט מען דאָרט געפֿינען דעם דעמאָלסט יונגן, קוים פֿופֿצניאָריקן ז. שניאורן, וואָס איז אָנגעקומען פֿון אָדעס מיט אַ הסכּמה פֿון ביאַליקן אַליין און וועלכער האָט שוין פֿאַרעפֿנטלעכט אין העברעיִשן קינדער־זשורנאַל פֿיינע שירים, און אין מאַנוסקריפּט געהאַט נאָך פֿיל מער פֿאַר דערוואַקסענע... אין פֿאַרלאַג „תושיה“ איז די אַטמאָספֿערע געווען אַ פֿרייערע, ניט אַזוי פֿאַרציוניסטעוועט, ווי אין פֿאַרלאַג „אַחיאָסף“, און ניט אַזאַ הייליקע, הגם אין פֿאַרלאַג „תושיה“ האָט זיך געפֿונען אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער דער העברעיִשער דיכטער, שמואל־לייב גאָרדאָן, וואָס איז אין יענער צייט געווען שיר ניט דער יורש פֿון יהודה־לייב גאָרדאָן. ער איז שוין געווען לויטער לשון־קודש... פֿון יידיש האָט ער ניט געוואָלט הערן. אָבער אַפֿילו אַלס קעגנער פֿון יידיש איז ער געווען אַן אַיינגענעמער מיטשמועסער, אַ ליבלעכער שמייכל האָט שטענדיק גערוט אויף זיינע ליפּן. אַפֿילו צו מיר, אַ קעמפֿער שטענדיק און אומעטום פֿאַר יידיש, האָט ער זיך באַצויגן, הגם ווי צו אַ פֿאַרפֿירטן, אָבער מיט דרך־ארץ און פֿריינדשאַפֿט.

דערצו האָט שוין דער פֿאַרלאַג „תושיה“ דעמאָלסט אָנגענומען צו דרוקן אַ זאַמלונג „סיפּורים“ פֿון ה. ד. נאָמבערג, און אַפֿילו פֿון שלום־אַש, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי זיינען געווען איבערזעצט פֿון יידישן מאַנוסקריפּט. האָב איך זיך שוין אויך געפֿילט אַלס מחותּן אין דעם דאָזיקן פֿאַרלאַג. שטאַרק צופֿרידן מיט מיינע חברים, וואָס זיי גיבן אַרויס זייערע יידישע ווערק אין העברעיִש, בין איך ניט

געווען, אָבער פֿון דער אַנדערער זייט בין איך געווען שטאָלץ, אַז אַ העברעישער פֿאַרלאַג, אויב ער וויל האָבן די ריכטיקע בעלעטריסטן, מוז ער אָנקומען צו איבערזעצונגען פֿון יידיש (די ווערק פֿון י. ל. פרץ „כתבים נבחרים“ אין פֿיר ביכער זיינען נאָך ערשינען אין יאָר 1900, אין פֿאַרלאַג „תושיה“, צו זיין יובילײ, אין איין צייט מיט זיין באַנד שריפֿטן אין יידיש. דער גרעסטער טייל אָבער פֿון די „כתבים נבחרים“ איז געווען געשריבן פֿון פרצן אין יידיש, און איבערזעצט געוואָרן פֿון דעם העברעישן שרייבער ישראל שאַף, האָב איך נאָך דאַן זיך געטרייסט, אַז פרץ איז דאָך אַ שרייבער אויף יידיש, און מ'גיט אַרויס זיינע ווערק אין העברעישער איבערזעצונג — כאָטש אויפֿן שער־בלאַט ווערט דער איבערזעצער ניט אָנגעגעבן — איז פֿאַר יידיש אַלץ אַ כבוד...).

* * *

דערהערט, אַז „תושיה“ הייבט אָן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט אין יידיש, איז דאָס אָנגענומען געוואָרן אַלס צייכן פֿון דעם נצחון פֿון דער יידישער שפראַך איבער דער העברעישער. און ווירקלעך איז עס געווען איינע פֿון די גרעסטע איבערראַשונגען. דער פֿאַרלאַג „תושיה“, וואָס האָט שוין אין יאָר 1901 פֿאַרמאָגט הונדערטער פֿאַרשיידענע מינים פֿון פֿאַרשיידענע העברעישע מחברים, פֿון בעלעטריסטיק ביז לערנביכער, וואָס די לעצטע האָבן דעם פֿאַרלאַג רייך געמאַכט — זאָל זיך אַליין אונטערגראָבן דעם פֿונדאַמענט מיט אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג!... אין העברעישן לאַגער איז שוין דעמאָלט געווען ניט שטאַרק פֿריילעך. עס איז אין יענער צייט אַפילו ערשינען דורכן פֿאַרלאַג „אַחיאָסף“ די העברעישע ליטעראַרישע וואָכנשריפֿט „הדור“ פֿון דוד פֿרישמאַן, און מ'דאַרף צוגעבן, אַז זי איז געווען איינע פֿון די שענסטע ליטעראַרישע ערשיינונגען אין יענער צייט, אַזוי אַז אַפילו פרץ האָט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, ניט צו מיטאַרבעטן אין „הדור“, און אייניקע פֿון זיינע בעסטע פֿאָלקסטימלעכע דערציילונגען האָט ער איבערגעזעצט פֿאַר דער דאָזיקער וואָכנשריפֿט, אויך אין אָריגינאַל געשריבן אייניקע גייסטרייכע פֿעליעטאָנען פֿאַר איר, צוליבן „הדור“ אַפילו נאָך אַ לאַנגיאָריקן ברוגז

גוט־פֿריינד געוואָרן מיט פֿרישמאַנען, — אָבער ניט דער „הדור“, און אַפֿילו ניט די מאָנאַטשריפֿט „השלח“, וואָס אויך דער פֿאַרלאַג „אַחיאָסף“ האָט אַרויסגעגעבן אונטער אַחד־העמס רעדאַקציע, האָבן ניט געקענט אינגאַנצן מוטיקן די פֿריינט פֿון דער נייער העברעישער ליטעראַטור. עס האָט זיך געמערקט, אַז די צייט אַליין איז אויף דער זייט פֿון יידיש, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פֿון אַלע טעאָריעס, פֿאַר אַלע אינטעליגענטע סברות.

מיט דעם ערשיינען פֿון „דער פֿאָלקסצייטונג“ דורכן פֿאַרלאַג „תושיה“ איז מיין מאַטעריעלע לאַגע די ערשטע צייט שטאַרק פֿאַרבעסערט געוואָרן. בעת איך האָב איבערגעגעבן בן־אַביגדורן מיין דערציילונג „דער פֿאַלשער פֿערציגער“ פֿאַרן ערשטן נומער, האָט ער מיר שוין געהעכערט דעם האָנאָראַר, אויך די באַהאַנדלונג זיינע איז געווען מער קאָלעגיאַל, ווי פֿאַרלעגעריש. דערצו, וואָס מ. ספּעקטאָר איז געוואָרן באַשטימט אַלס דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָלקסצייטונג“, האָט אַוודאי צוגעצויגן ניט נאָר מיך צו דער „פֿאָלקסצייטונג“, נאָר אַפֿילו אַש. אויב איך האָב זיך אויף שלעכטער באַהאַנדלונג אַפֿילו אין „יוד“, ווען ער איז געווען די איינציקע יידישע וואָכנשריפֿט, ניט געקענט באַקלאָגן, האָט אָבער שלום אַש, וואָס האָט אין די ערשטע פֿאַר יאָר מיט זיינע נאָך ניט רייפֿע דערציילונגען ניט געקענט דורכשלאָגן זיך אַ וועג אין דער יידישער ליטעראַטור, אין „פֿאָלקסצייטונג“, וואו דער רעדאַקטאָר איז שוין געווען ספּעקטאָר, זיך געדרוקט זייער אָפֿט. ספּעקטאָר איז שוין געווען אַ מבין אויף אַזוינע, ווי אַש, און טאַקע אין „פֿאָלקסצייטונג“ האָט שוין אַש פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע רייפֿערע זאַכן, פֿון וועלכע מ׳האָט שוין אַרויסגעזען דעם שפּעטערדיקן גרויסן דיכטער.

מיטאַרבעטנדיק אין „פֿאָלקסצייטונג“, האָבן מיר אָבער אויך ניט אינגאַנצן פֿאַרלאָזן דעם „יוד“. וואָס אָנבאַטרעפֿט מיך, האָב איך אַ מער־קינסטלערישע זאַך געטראָגן צו ספּעקטאָרן. הגם ספּעקטאָר האָט פֿון מיר אַליין, וואָס איך האָב אים געגעבן, אָנגענומען מיט פֿרייד. בלויז איין דערציילונג האָט ער אַמאָל פֿון מיר פֿאַרבראַקירט.

— ס׳איז עפּעס ווי ניט אַייערס — צו שוואַך פֿאַר אייך...

האָב איך עס אַוועקגעגעבן דעם „יוד". דער רעדאַקטאָר פון „יוד", האָבנדיק אַ קאָנקורענט בײ דער זייט, האָט די דערציילונג, „דער שיכור" האָט זי געהייסן, אָנגענומען מיט פרייד. און גראָד האָט די דערציילונג, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „יוד", אויסגענומען שטאַרק בײ די לעזער. סקעפּטאָר האָט שוין אויף זיך דאַן „גענומען" קיינמאָל מיר אַ זאַך ניט צוריקווייזן...

פינפאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיינע ניט געדרוקטע לידער; — די בעסטע און די אינטימסטע. — די דרוקעריי פון מאיר-יחיאל האַלטער. — קאָנסטאַנטין שאַפּירא. — אָרעמע זעצער אין די לאַנגע קאַפּאָטעס. — די הכנעה פאַרן באַלעבאָס. — די דרוק-מאַשין מיט דער ראָד. — דער געלער ייד ביי דער ראָד. — איך העלף דרייען די ראָד. — די פאַרמשכנטע לידער. — אָן אַ גואל. — איך פאָר אין ביאַליסטאָק. — פאַרלאַג „בילדונג“. — אברהם קאָטיק, דער זון פון יחזקל קאָטיק. — זיין ליטעראַרישע פּלענער. — דיקטירט אין רוסיש. — ביאַליסטאָק. — י. ח. ברענער אין ביאַליסטאָק. — דער יונגער בונדיסט ראַפּאַלאָווסקי. — אַ קוועקזילבערל. — יוסף מעלניק. — לפידות דער אַנאַרכיסט. — צוריק אין וואַרשע. — גרשון שאָפּמאַן. — יעקב לידסקי דער גואל פון מיינע לידער. — דאָס פאָרוואָרט. — דער שנוי-השם. — די ערשיינונג פון מיין ערשטן ביכל „צייט-לידער“.

מיין ביכעלע לידער, וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין דורך דעם ווילנער פאַרלאַג פון א. גאַבעלניק, האָט אַנטהאַלטן דריי קליינע דרוק=בויגן — אַכט און פערציק זייטלעך. לידער אָבער האָב איך שוין דאַן פאַרמעגט פאַר אַ פיל גרעסערן בוך. ווער רעדט ווען איך זאָל אַריינגעמען די שוין געדרוקטע לידער אין „יוד“ און אין „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט“, וואָלט איך שוין דאַן פאַרמאָגט אַ דיקן באַנד. אין דער קליינער לידער=זאַמלונג האָב איך אָבער נאָר בדעה געהאַט אַריינצוגעבן די נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקטע לידער און פון די נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקטע — די בעסטע... מיר אַליין איז דעמאָלסט שווער געווען צו באַשיידן, וועלכע איז די בעסטע. האָב איך אויסגעקליבן ניט די בעסטע, נאָר די, וואָס זיינען געווען מיר נענטער... אמת, אַ צוויי לידער האָב איך יאָ אַריינגענומען, כאָטש זיי זיינען שוין געווען געדרוקט אין צייטשריפטן און זאַמל=ביכער. — איינס „אַ ווינטער=ליד“ („הוליעט, הוליעט“), אין „יוד“,

און דאָס צווייטע „אַ געזינד זאַלבע אַכט“ — אין אַ קליין זאַמלביכל „דער פאָלקספריינד“, וואָס איז ערשינען אין ווילנע, אונטער דער רעדאַקציע פון הלל וויכנין.

דאָס ליד „אַ געזינד זאַלבע אַכט“ האָב איך הלל וויכנינען איבערגעגעבן טאַקע אייגנהענטיק, ווען איך בין געווען אין ווילנע. דערפאַר האָט ער אין דעם זעלבן קליינעם זאַמלביכל „דער פאָלקספריינד“ געשריבן אַ וואַרעמע און טאַקע אַ זייער וואַרעמע רעצענזיע וועגן מיין זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט“. דאָס איז איבעריקנס געווען די איינציקע רעצענזיע אין יידיש, וואָס איז געשריבן געוואָרן איבער דעם דעמאָלסט שיר ניט עפּאָכאַלן — צוליב זיין ראַדיקאַלן טאָן — זאַמלבוך.

מיט אַזאַ מין זאַמלבוך האָט זיך „דער יוד“, „די יודישע פאַמיליע“ און די ווינער יידישע „וועלט“ מורא געהאַט אָנצוהויבן, האָט מען עס פאַרשוויגן... די איינציקע רעצענזיע איז געווען בלויז אין דער ציוניסטישער „רוסישער“ וואָכנשריפט „בודושטשנאָסט“, האָט מען אים טאַקע שטאַרק אַרונטערגעריסן, ניט געשוינט אַפילו פּרצעס דערציילונגען, בילדער, אַרטיקלען און לידער. בלויז וועגן מיינע אַ דריי לידער האָט דער רעצענזענט — דריי שטערנדלעך — מען האָט געזאָגט, אַז ס׳איז פּרוג, אָבער זיכער דערין בין איך ניט — בלויז וועגן מיינע אַ דריי לידער האָבן די „דריי שטערנדלעך“ זיך גוט אָפּגערופן. אָבער מיר האָט עס ניט שטאַרק הנאה געטאָן. עס האָט, פאַרקערט, מיך ווי באַליידיקט. איך געדענק, ווי נאָכן איבערלעזן די בייזע רעצענזיע אין „בודושטשנאָסט“ בין איך אַ דערצאָרנטער, מיט אימפּעט אַוועקגעלאָפן צו פּרצן, פאַרמסרן די ציוניסטישע וואָכנשריפט. ביי פּרצן איז דעמאָלסט גראָד געווען בעל־מחשבות. פּרץ האָט פילאָסאָפיש געשמייכלט. וואָס אַרט אים, וואָס אַ „בודושטשנאָסט“ שרייבט — און בעל־מחשבות האָט מיך בלומרשט געטרייסט, אַז מיינע דריי לידער לויבט מען דאָך יאָ, טאָ וואָס בין איך אַזוי אומצופרידן. דערביי האָט ער צוגעשמייכלט. אַלס ציוניסט איז אים די „בודושטשנאָסט“ געווען אַ שטיקל קרובה, הגם ער איז געשטאַנען מיט צען קעפּ העכער פון די אָפיציעלע ציוניסטן פון דער „בודושטשנאָסט“. אַז איך האָב אים שוין אויסגערעדט,

וואָס ער אַליין שרייבט ניט וועגן דעם „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט“, האָט ער זיך פאַרענטפערט און מיר דערמאָנט דעם רעפעראַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ד״ר יוסף לוריעס הויז וועגן זאַמלבוך און האָט מיינע לידער אויך צו גוטן דערמאָנט. זיכער האָט ער געהאַלטן אַ רעפעראַט אין ד״ר יוסף לוריעס הויז און וועגן „צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט“ פיל גוטס גערעדט, אָבער דאָס, וואָס ער האָט וועגן זאַמלבוך ניט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אָדער דעם רעפעראַט אין „יוד“ צי ערגעץ אַנדערש, האָט געוואונדערט און פאַרדראָסן...

אויף אַזאַ אופן אָבער האָב איך אין מיין ערשטער זאַמלונג לידער אַריינגעגעבן בלויז צוויי לידער, וואָס זיינען געווען שוין געדרוקט, די אַלע איבעריקע — שפאָגל נייע.

דערפאַר האָב איך איבערגעלעבט זייער אומרויִקע מינוטן און גרויס צווייפלעריי ביים געבן זעצן יעדעס ליד... און נאָכדעם ביי דער קאָרעקטור...

צוליב דעם, וואָס איך האָב אַליין געמאַכט די קאָרעקטור — די ערשטע, די צווייטע, און אַמאָל די דריטע, ניט רעכענענדיק שוין די פערטע, די „רעוויזיע“ הייסט עס, אויף די שוין אָפגעדרוקטע בויגנס — פלעג איך אַלע טאָג באַזוכן די דרוקעריי פון ר׳ יחיאל-מאיר האַלטער אויף נאַלעווקעס 7.

די דרוקעריי איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן חדר, וואו די זעצער האָבן געאַרבעט פון פרי ביז שפעט אין אָוונט, און פון אַ פאָדער-צימערל, וואָס האָט געדינט אַלס אַ קאָנטאָר, וואו יחיאל-מאיר האַלטער, דער אייגנטימער פון דער דאָזיקער דרוקעריי, איז געזעסן אָדער געשטאַנען ביי אַ גרויסן טיש און אָנגענומען באַשטעלונגען אויף ספרים און ביכלעך פון אַלערליי מחברים — פון רבנים ביז העברעיִשע און יידישע פאָעטן... קיין „באַרייסער“ איז ר׳ יחיאל-מאיר האַלטער ניט געווען... אַ ייד אין די פופציקער, אין אַ לאַנגער קאַפאָטע, מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפ, צוליב זיינע קונדן, די רבנישע מחברים — מיט אַ ברייטער באָרד, וואָס איז שוין געווען גענוג גרוי, צוליב די גרויסע קאָפדרייעניש, וואָס ער האָט געהאַט מיט די אַלערליי צאָלונגען און וועקסלען, וואָס די מחברים

און די פאַרלעגער האָבן אים געצאָלט, אָדער ניט געצאָלט, האָט ער גוטמוטיק יעדן קונד אויסגעהערט און צופרידנגעשטעלט...

אין דער צייט, ווען עס האָט זיך מיין ביכעלע לידער געזעצט, האָט באַזוכט האַלטערס דרוקעריי קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, דער העברעישער דיכטער, צו דרוקן זיין פּאָעמע „סדום". אַ קאַפּריזנער, אַן אויפגערעגטער, האָט ער געגעבן מאָדנע באַפעלן, ווי אַזוי צו „זעצן", און יחיאל־מאיר האַלטער האָט אים אונטערטעניק אויסגעהערט. מיר האָט דער דאָזיקער זאָנדערבאַרער מענטש, אָבער ווירקלעך גרויסער דיכטער שטאַרק פאַראינטערעסירט: דאָס אַליין, וואָס אַ געטויפטער ייד, און נאָך דערצו דער קייזערלעכער פאָטאָגראַף, דרוקט שירים אין העברעיש און נאָך נאַציאָנאַלע שירים דערצו, האָט אים געשטעלט אין מיינע אויגן אין איין ריי מיט די מאַראַנען אין שפּאַניע. און דאָס טרעפן זיך מיט אים איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער געווינס.

מיט מיין ביכעלע לידער איז שוין געווען ניט גלאַט. א. גאַסעלניקס פאַרלאַג האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. מיין ביכעלע לידער האָט געזאָלט זיין די לעצטע אויסגאַבע. איז דער פאַרלאַג, ניט אברהם גאַסעלניק אַליין, שוין געווען ניט גענוג קרעדיטפעיק. פונדעסטוועגן האָט ר' יחיאל־מאיר האַלטער ניט געוואַגט אָפּצושטעלן די אַרבעט. ער פלעגט נאָר מילד, מיט בקשה זיך ווענדן צו מיר:

— וואָס וועט זאַן, פאַניע רייזען, מ'צולט דאָך ניט... פלעגט טאַקע מיר שטאַרק טרויעריק ווערן אויפן האַרצן, און העלפן האָב איך גאָרניסט געקענט, ווייל דער פאַרלעגער אַליין האָט געוואוינט אין ווילנע...

פונדעסטוועגן האָב איך אין דער קאָרעקטור געמאַכט גרויסע ענדערונגען. אַז ר' יחיאל־מאיר האַלטער פלעגט דערזען אַ שווערע „קאָרעקטור", פלעגט ער זיך אַזש דערשרעקן:

— איך וועל דאָך צו אייער ביכעלע צולייגן, אַז מ'זאָל מיר אפילו באַצאָלן...

אָבער די זעצער האָבן די קאָרעקטור פאַרריכט מיט ליבע... אַליין אונטערגעדריקטע, הגם ר' יחיאל־מאיר האַלטער איז דערין

ניט שולדיק געווען, — ער איז אַליין געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און זיינער אַ זון האָט אויך געאַרבעט אין דרוקעריי מיט אַלע זעצער צוזאַמען — האָבן איניקע פֿון זיי אין מיינע לידער קענטיק דערהערט אַן אָנזאָג אויף בעסערע טעג. איבערהויפּט די יינגערע זעצער (אויך די יינגערע זיינען געגאַנגען אין לאַנגע קאַפּאָטעס און געאַרבעט אין די היטלען...). די פֿריינדשאַפֿט און אַפּילו די ליבע, וואָס די דאָזיקע זעצער האָבן צו מיר דעמאָלסט אַרויסגעוויזן, וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. זייער קלעגלעכער לוין — זיי האָבן געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג פֿאַר אַכט און אויך זעקס רובל אַ וואָך, און אויך די דאָזיקע שכירות האָט מען זיי צוליב דער אָרעמקייט פֿון דעם דרוקער אַליין ניט פּינקטלעך באַצאָלט — זייער קלעגלעכער לוין און שווערע אַרבעט האָט מיך אָפֿט גערירט ביז טרערן, כאָטש קומען צו זיי פֿלעג איך אַ פֿריילעכער, אַ מונטערער, און באַגיין זיך מיט זיי ווי מיט קאָלעגן, ווי מיט שותּפֿים צו מיין דיכטונג... אַמאָל פֿלעגט מיר אַ יינגערער זעצער, שוין עטוואָס אַ באַלעזענער אין די נייע ביכלעך, באַמערקן, אַז אָט די און די שורה, זאָל איך אים מוחל זיין, איז ניט גלאַט, איז ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אים. אַמאָל האָט זיך אים בלויז געדאַכט און אַמאָל איז ער טאַקע געווען גערעכט. נאָכגעגעבן אים, איז ער געווען אויפֿן זיבעטן הימל פֿאַר פֿרייד און אויף דעם סמך שוין פֿאַרריכט נאָך אַ פּאָר גרייזן, וואָס איך האָב אין דער קאָרעקטור פֿאַרבעסערט...

אַוודאי האָב איך, ווי ס'איז דעמאָלסט די מאָדע געווען, זיי געגעבן אַמאָל אַ טרינקגעלט. אַזאַ טרינקגעלט פֿלעג איך אָפּטער געבן אַן אַלטן זעצער, אָבער דווקא אַ געזונטער, פֿריילעכער ייד, מיט אַ לוסטיקן, שטענדיקן פֿייערל אין זיינע אויגן. פֿאַר אים איז עס געווען טאַקע אַ טרינקגעלט ממש... קיין שיכּור, חלילה, איז ער ניט געווען, אָבער אַ גלעזל בראָנפֿן אַמאָל פֿאַר דער אַרבעט, אַמאָל נאָך דער אַרבעט פֿלעגט ער ליב האָבן. דערפֿון פֿלעגט אים דער קאָפּ קלערער ווערן. אַז עס האָט אים ניט געשאַדט, חלילה, קען דינען דער פֿאַקט, אַז ער האָט שפּעטער, אין יאָר 1910, געזעצט די וואָכנשריפֿט „אייראָפּעישע ליטעראַטור“, און די שווערסטע

קאָפּיע פלעג איך דווקא געבן אים. אויף אַ מאַשין זעצן האָט ער ניט געזעצט אַפילו דאַן, ווען עס זיינען שוין אויך אין וואַרשע איינגעפירט געוואָרן די זאַץ=מאַשינען, אָבער צו וואָס אַ מאַשין, אַז מיט דער האַנט, שטייענדיק ביי דעם קאַסטן מיט די בלייענע אותיות, האָט ער געאַרבעט שנעלער און בעסער, ווי אַן אַנדערער אויף אַ זאַץ=מאַשין. דער דאָזיקער זעצער האָט געהייסן ר' אַבא. איך דערמאָן אים דאָ מיט ליבע און גרויס אָנערקענונג. ווי שווער און פאַרפּלאָנטערט אַ קאָרעקטור מיינע, אַפילו שוין מיט יאָרן שפּעטער, איז ניט געווען, פלעגט ער פון איר אַרויסקריכן ווי אַ חריף און אַ בקי צוזאַמען. ער איז געווען ניט אַזאַ גרויסער למדן, ווי אַ געניטער און האָט צייטנווייז אַפילו פאַרמאָגט וואָס מיר רופן אינטויציע...

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין דרוקעריי, ווי ר' יחיאל=מאיר האַלטערס אויף נאַלעווקעס, האָט אויך ניט געוואוסט פון אַ דרוקמאַשין, וואָס גייט אויף עלעקטריע און וואַרפט אַרויס, ווי דורך כישוף, די געדרוקטע בויגנס איינס נאָך דעם אַנדערן כהרף=עין, און קערט איבער דעם בויגן אויף דער אַנדער זייט אַליין. ניין, די דרוקמאַשין ביי ר' יחיאל=מאיר האַלטער, ווי זי האָט אינגאַנצן אויסגעזען געדענק איך ניט — איך ווייס נאָר, אַז געאַרבעט האָט זי אָן עלעקטריע... די עלעקטריע האָט איר געגעבן אַ געלער ייד, וואָס האָט געדרייט די ראָד, וואָס זי, די דרוקמאַשין, האָט פאַרמעגט ערגעץ אין אַ ווינקל, און געדרייט זי, טאַקע שטאַרק און שווער.

האָב איך איינמאָל באַמערקט, ווי דער שווייס גיסט זיך פון זיין פנים, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, טאַקע זייער שווער?...

— פרווון זיי, אויב זיי האָבן כאַישעק...

— אַדרבא, לאָזט! האָב איך זיך דערפרייט.

און איך האָב גענומען דרייען די ראָד. ער איז געשטאַנען ביי דער זייט, זיך אָפּגערוט און צוגעשמייכלט, ווי איינער זאָגט:

— מירן זען, ווי לאַנג ער וועט דרייען...

אָפּגעדרייט ביי אַ צען מינוט, האָב איך דערפילט, אַז באַלד פאַל איך אַוועק ביי דער מאַשין, און דער געלער ייד, לאַנג לעבן זאָל ער, אויב ער לעבט נאָך — האָט מיך אויסגעלייזט.

— ניט פאַר אײַך, פאַני רייזען... לאָזט מיך...

האָט שוין דער געלער ייד באַקומען פון מיר אויך אַ טרינקגעלט. און אַ פּאָר מאָל האָב איך שוין אויף אַן אמת געהאָלפן דרייען די ראָד, איינמאָל אַפילו, אַן אײַנגעבעטער — ביז אַ האַלב שעה...

די זעצער, וואָס האָבן באַאָבאַכט דאָס שפּיל, האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון מיר:

— אַן אייגענער מענטש, הייסט עס. און איך בין ביי זיי נאָך מער געהויבן געוואָרן, הגם ניט צוליב געהויבן ווערן האָב איך עס געטאָן. דער געלער ייד מיט זיין שטענדיק ביזלעכן אומצופרידענעם אויסדרוק אויפן פּנים, אַפילו ווען ער האָט געשמייכלט, האָט מיך פאַרפאָלגט, איבערהויפּט נאָכדעם, ווען איך האָב דערפאַרן, אַז ער באַקומט אינגאַנצן דריי רובל אַ וואָך פאַר דרייען די ראָד...

פאַרטיק געוואָרן דאָס ביכעלע פון דרוק, איז עס נאָך ניט געווען אויסגעצאָלט... זיינען געלעגן צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן ביי יחיאל־מאיר האַלטער אין דער דרוקעריי, פאַרמשכנטע... עטלעכע ביכעלעך פונדעסטוועגן האָט ער מיר אַרויסגעגעבן. האָב איך זיך מיט די עטלעכע ביכעלעך געשפּילט אַ פּאָר טעג, אײנעם אַוועקגעשיקט אַהיים, אין מינסק, צו מיין טאַטן און שוועסטער, אַ פּאָר צעטיילט צווישן די סאַמע נאָענטסטע פריינד און איין עקזעמפּלאַר געלאָזן פאַר זיך, צו שפּילן זיך נאָך מיט אים. דאָס איז געווען אינגאַנצן מיינס... האָב איך זיך אַזוי לאַנג געשפּילט מיט אים, געלייענט און איבערגעלייענט, געזוכט און נאָכגעזוכט, ביז ס'איז מיר געוואָרן פרעמד און ווייט יעדעס ליד. עס האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז דאָס ביכעלע לידער האָב איך צו פרי אַרויסגעלאָזט...

און פון וואַנען ווייס איך, אַז זיי זיינען גוט? און וואָס וועט זאָגן די קריטיק?...

האָב איך טאַקע די קריטיקער און די אַלערליי שוין דעמאָלסטיקע רעצענזענטן קיין עקזעמפּלאַרן ניט אַרויסגעשיקט.

עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זיי וואָלטן דאָס ביכעלע לידער געמאַכט צו נישט, אָפּגעלאַכט, ווי עס פּלעגט טרעפן אַמאָל, אַז מען פּלעגט אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט. מען זאָל, רבונו-של-עולם, באַהיט ווערן!... בין איך שוין שיער ניט געווען צופרידן, וואָס דאָס ביכעלע איז פאַרמשכנט ביי דעם דרוקער.

איך האָב נאָך צייט....

איך האָב אַפילו געפּרוווט אַ רעד טאָן מיט יעקב לידסקי, אַז ער זאָל עס איבערנעמען... אָבער יעקב לידסקי, וואָס האָט שוין מיט זיין פאַרלאַג „פּראָגרעס“ געהאַט אַ געוויסן ערפאָלג און אַפילו מיין „דונער און בליץ“ איז גוט אויפגענומען געוואָרן פון די דאָרשטנדיקע אַרבעטער-לעזער און פון די ברייטע מאַסן בכלל,— יעקב לידסקי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיין שיטה, אַז דאָס פאָלק דאַרף וויסנשאַפט. פאַר פּאָעזיע איז עס נאָך ניט דערוואַקסן. לידער, וואָס מען זינגט ניט, וועט קיינער ניט קויפן...

דערצו האָט ער זיך שוין דעמאָלסט פאַרנומען מיט אַרויסגעבן באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וואָס א. ש. זאַקס האָט באַאַרבעט אין יידיש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע פּאָליטיש-עקאָנאָמישע ביכל אין יידיש בכלל און עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט מיט דער צענזור. עס איז געווען אַ ספק, צי דער צענזאָר וועט עס דערלויבן...

א. ש. זאַקס איז דעמאָלסט נאָר-וואָס געקומען פון ד״ר פּראָווינץ קיין וואַרשע. אַ בונדיסט, איז ער געווען מער טעאָרעטיקער... געלייענט לעקציעס פאַר אַרבעטער-גרופּן וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און ענדלעך זיך פאַרמאָסטן איבערצוזעצן באָגדאַנאָווס. נאָר אַזוי ווי א. ש. זאַקס האָט שוין דעמאָלסט געוויזן חריפות — אַ גמרא-קאָפּ — האָט ער באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע ניט איבערזעצט, נאָר קאָמפּילירט און הגם די שפּראַך זיינע איז דאַן נאָך ערטערווייז געווען האַרטלעך, און איך — ניט קיין גרויסער למדן אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע בכלל — האָב פונדעסטוועגן דעם מאַנוסקריפּט אַ ביסל אויסגעגלעט, אויך די קאָרעקטור געמאַכט... אין

אַוודאי אין אַזאַ ערנסטן פֿאַרלאַג, ווי „פּראָגרעס“, וואָס פֿאַרמעסט זיך צו געבן אַזוינע וויכטיקע ווערק, אַרויסצוגעבן אַ ביכעלע לידער ניט קיין פּאַסיקע אונטערנעמונג... איך אַליין האָב עס געפֿילט און ניט שטאַרק געוואָלט איינריידן לידסקין עס אַרויסצוגעבן. איך האָב געהאָפֿט אויף אַ גינסטיקערער צייט.

די ישועה האָט אייגנטלעך געקענט קומען פֿון אַן אַנדער זייט. דאָס איז געווען דורך דעם פֿאַרלאַג „בילדונג“, וואָס אברהם קאָטיק האָט געגרינדעט אין ביאַליסטאָק און איז צוליב די אינטערעסן פֿון דעם זעלבן פֿאַרלאַג אַראָפּגעקומען אין וואַרשע.

אַ מענטש אין די דרייסיקער, פֿול מיט ענערגיע, אַ קעמפֿער און אידעאַליסט, האָט ער מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. גערעדט האָט ער אַפֿילו נאָר וועגן „וויסנשאַפֿט“, אָבער מיט בעלעטריסטיק האָט ער אויך ניט „מקיל“ געווען... והאָ־ראַיה — ער קלייבט זיך אַרויסצוגעבן פֿון דוד פּינסקי די צוויי דערציילונגען, וואָס זיינען געווען האַלב־אומלעגאַל און איצט האָט אים דער צענזאָר זיי „מיט מי“ דורכגעלאָזט. דאָס זיינען געווען די דערציילונגען „דראַבקין“ און „יום־כפור“. האָט ער שוין ביי מיר אויך גענומען צוויי קליינע דערציילונגען און ביי נאָמבערגן אַ מיניאַטור־דערציילונג „מען וועקט“, וואָס דער צענזאָר האָט עס פֿריער ניט געוואָלט דורכלאָזן, און האָט אַרויסגעגעבן אַ בעלעטריסטישע זאַמלונג.

אין זיין באַזיץ האָט ער שוין אויך פֿאַרמאָגט אַ מאַנוסקריפּט פֿון שלום־עליכם „אַ מעשה אָן אַן עק“ — אַ גרעסערע דערציילונג פֿון דעם באַרימטן הומאָריסט.

מיט איין וואָרט, דער אברהם קאָטיק איז מיר מיט זיין אונטערנעמונגס־גייסט שטאַרק געפֿעלן געוואָרן... אמת, יעקב לידסקין איז דער אַרויסגעבער, וואָס דאַרף און וועט אויפֿלעבן די יידישע ליטעראַטור, אָבער מיט אַלע זיינע מעלות איז ער אַ פּריוואַטער פֿאַרלעגער. אברהם קאָטיק איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַלערליי ראַדיקאַלע טוער און אַליין אַ מענטש מיט אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג.

עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס אין יידיש איז קאָטיק געווען זייער שטומפּיק. פֿון פֿאַך אַן אַפּטייקער,* נאָכדעם אַ לערער, געגעבן לעקציעס אויף רוסיש און מאַטעמאַטיק אין ביאַליסטאָק, האָט ער

האָט פאַרפאַרטיקט די רייכערע שילער צו העכערע קלאַסן גימנאַזיע און אַפילו צו אוניווערסיטעט, אויך אַן אייגנטימער אין ביאַליסטאָק פון אַ ליי-ביבליאָטעק, וואו עס האָבן זיך געפונען פיל יידישע ביכער, וואָס האָבן געזאָלט בילדן די מאַסן, — האָט אברהם קאָטיק, דער זון פון יחזקאל קאָטיק, קיין יידיש דאַן ניט געקענט. ער האָט אין יענער צייט קוים יידיש געלייענט. גערעדט האָט ער שוין אַפילו בעסער, אָבער שרייבן יידיש האָט ער לחלוטין ניט געקענט. דאָס איז געווען דער „פגם“ אין זיין פאַרלעגערישער טעטיקייט. האָט ער טאַקע דערפאַר, באַזוכנדיק וואַרשע, אויף מיר געוואָרפן אַן אויג. און ער האָט מיר פאָרגעלייגט צו פאָרן צו אים אויף זומער — אָנפאַנג 1902 — קיין ביאַליסטאָק אַלס אַ בעל-יועץ און אַרויסהעלפער...

און איך בין געפאָרן...

דער פאַרלאַג „בילדונג“ האָט זיך טאַקע געפונען אין קאָטיקס וואוינונג, וואָס ער האָט געהאַט אין אַ גרויס הויז, אויף ליפאָווע גאַס, וואָס עס האָט געהערט, דאָס הויז נאַטירלעך, צו זיין פרוים עלטערן — דער פאַמיליע לפידות. געוואוינט האָב איך טאַקע ביי אברהם קאָטיקן און אויף אַזאַ אופן זיך נעענטער באַקאַנט מיט אַ נייער אומגעבונג, וואָס נאָך וואַרשעווער טומל און הו-האַ איז עס געווען פאַר מיר ווי אַן אָפרו, סיי פיזיש, סיי גייסטיק...

אמת, אברהם קאָטיק אַליין האָט, אַלס לערער, מיר גאָר אָן אַרבעט נישט געלאָזט... קודם-כל האָט ער פאַר מיר אויסגעלייגט אַ פלאַן נאָך אַ פלאַן, אַמאָל אין יידיש, אַמאָל אין רוסיש וועגן געוויסע אויסגאַבן אויף גאָר גרויסן מאַסשטאַב. די פאַנטאַזיע האָט ביי אים שטאַרק געאַרבעט. דערנאָכדעם האָט ער די אַלע פלענער פאַראייניקט אין אַ פראָספעקט, מיט פולע פאַראַגראַפן, וועלכע ער האָט מיר דיקטירט אין רוסיש און איבערזעצן האָב איך עס געדאַרפט אין יידיש...

שפעטער-צו איז אים אַיינגעפאַלן צו געבן דעם פאָלק אַ ביסעלע „געשיכטע“... איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ געוויסן רוסישן ראַדיקאַלן היסטאָריקער — כ'האָב שוין פאַרגעסן זיין נאָמען — וועלכער האָט אַ זייער פיינעם בוך איבער עגיפטן.

האָב איך דאָס דאָזיקע בוך, „די געשיכטע פֿון עגיפּטן“, אָנגעהויבן איבערזעצן און הגם די אַרבעט איז פֿאַר מיר געווען אַ שווערע, האָב איך עס אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר מאָנאַטן געמאַכט. עס איז מיר נאָר געבליבן צו פֿאַרריכטן געוויסע שווערע שטעלן און איבערשרייבן אויף ריין. בין איך אָבער אויך דאַן — און אפֿשר בלויז דאַן — ניט געווען קיין גרויסער מתמיד און האָב די אַרבעט אָפּגעלייגט פֿון טאָג צו טאָג...

אַ גליק, וואָס אין ביאַליסטאָק — איך ווייס ניט צוליב וואָס — האָט זיך דעמאָלט געפֿונען י. ח. ברענער, און ער איז שפּעטער אויך צוגעצויגן געוואָרן פֿאַר אַ קליינעם לוין צו דער באַאַרבעטונג פֿון דער געשיכטע פֿון מצרים...

אַז איך פֿלעג אויסגעשעפּט ווערן פֿון די טרוקענע אַרבעטן בײַ אברהם קאָטיק, — קיין שלעכטער באַלעבאָס איז ער, חלילה, ניט געווען און סײַ ער סײַ זײַן ליבנסווערדיקע אינטעליגענטע פֿרוי האָבן מיר באַהאַנדלט זייער איידל און פֿרײַנדלעך און זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן דעם בעסטן צימער פֿון זייער געמיטלעכער וואוינונג — פֿלעג איך אָפֿט אַוועקגיין צו פֿאַרברענגען מיט י. ח. ברענער. ער איז דאַן אַלט געווען בײַ אַ יאָר אײַנאונצוואַנציק, און אפֿשר נאָך ייִנגער, אָבער אויסגעזען האָט ער מיט זײַן ערנסטער באַציִונג צו אַלץ וואָס אַרום אים ווי אַ סך אַן עלטערער. ער איז שטענדיק געווען גוטמוטיק און ווען ער פֿלעגט שמייכלען, האָט זײַן ערנסט פּנים אויפֿגעשײַנט און זײַנע אויגן האָבן באַקומען אַ גרויס ליכטיקייט. איבערהויפּט האָט ער קינדיש-קלינגענדיק געלאַכט. און לאַכן, כאָטש בטבע אַן אומעטיקער און אומצופֿרידענער, פֿלעגט אים אויסקומען זייער אָפֿט, אַדאַנק זײַן באַאָבאַכטונגס-קראַפֿט, זײַן פֿעיִקייט צו באַמערקן דאָס שוואַכע און לעכערלעכע אין מענטשן און אין לעבן...

ער האָט געוואוינט אויף אַ דאַכשטיבל, ווי אַ נזיר. אויפֿן טיש איז צווישן אַלערליי ביכער, פּאַפּירן און זײַן עקזעמפּלאַר עמק-עכור — אַ זאַמלונג פֿון זײַנע ערשטע סיפּורים, וואָס איז שוין ערשינען אין פֿאַרלאַג „תושיה“ — אויפֿן טיש איז געלעגן אַ שטיק ברויט און אין דער זײַט אויף אַ פּאַפּירל אַ שטיקל צעשמאָלצן פּוטער, פֿון דער הייבער זון. איינמאָל, געדענק איך, אַרויסקוקנדיק

אויפֿן הויף, האָט ער באַמערקט אַ פּאָר בחורים, פּראַנטיש אָנגעטאָן, אויף די הויזן ביי איינעם איז דער קנייטש אין יעדער קאַלאָשע געווען זאָרגעוודיק געקנייטשט און דער בחור האָט נאָך דעם קנייטש אַלע ווילע מיט די הענט בולטער געמאַכט, מען זאָל דעם קנייטש, הייסט עס, מער באַמערקן. באַאָבאַכטנדיק עס, האָט זיך צו מיר ברענער געווענדט, אָנווייזנדיק אויף זיי:

— זעט זייערע נאַרישע פּנימער, ווי מ׳טוט זיך דאָס אָן ווי די גולמס... אַך, איך פֿאַראַכט זיי...

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווי אָט דער ברענער, וואָס איז געווען פֿול מיט רחמים צו דער וועלט און צו אַלע באַשעפֿענישן, האָט אין דער זעלבער צייט געטראָגן אין זיין האַרצן פֿאַראַכטונג און שיר ניט האַס צו אַלץ, וואָס איז טעמפּ און גלאַנצט בלויז אויסערלעך.

און דאַן האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף זיינער אַ דערציילונג אין „עמק עכור“, געפֿרעגט שטיל, ווי פֿאַרשעמט, צי האָב איך עס געלייענט, און געצווייפֿלט אַפֿילו, ווען איך האָב אים פֿאַרזיכערט, אַז יאָ...

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאַן זיין גאַנץ ביכעלע ניט דורכגעלייענט, הגם ער האָט מיר געשענקט אַן עקזעמפּלאַר אַלס אַ מתנה, מיט אַ זייער פֿריינדלעכער אויפֿשריפֿט. פֿאַרוואָס האָב איך דאָס ביכל ניט דורכגעלייענט אינגאַנצן? ניט קוקנדיק אויפֿן טיפֿן אינהאַלט, איז אָבער די פֿאָרם פֿון די ערשטע ברענערס דערציילונגען געווען זייער אַ שווערע, די שפּראַך ניט גאָר גלאַט. געשריבן האָט ער פֿון די טיפֿענישן פֿון פֿאָלק, פֿון אָרעמע ברויען, שניידערינס. אין יידיש וואָלטן זיינע דערציילונגען מיך זיכער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, אין העברעיש אָבער האָט ברענערס דיאַלאָג געקלונגען ווי געקינסטלט, הגם ער, אַלס גרויסער טאַלאַנט, האָט זיך באַמיט די רייד פֿון זיינע העלדן, וואָס האָבן אַלע, נאַטירלעך, גערעדט יידיש — איבערצוגעבן עכט, רעאַליסטיש און אין העברעיש איז עס אים שווער אָנגעקומען.

אין זיינע איינִיקע דערציילונגען, וואָס ער האָט שפּעטער געשריבן אין יידיש — געדרוקט טאַקע אַ פּאָר פון זיי אין מיינע שפּעטערדיקע ליטעראַרישע אויסגאַבן — האָט זיך י. ח. ברענערס טאַלאַנט שטאַרק געפילט.

אפשר האָט ער טאַקע די ערשטע צייט אַליין באַדויערט, וואָס אים קומט אוים צו שאַפן אין אַ שפּראַך, וואָס איז ניט מסוגל איבערצוגעבן דאָס לעבן פון פאָלק אין אַלע זייערע שאַטירונגען...

מיט דער צייט האָט שוין י. ח. ברענער די פאָרם אַפילו אין דער העברעישער שפּראַך בעסער באַהערשט, איבערהויפּט ווען ער האָט אין זיינע ראָמאַנען „בחורף“ און „מסביב לנקודה“ שוין באַהאַנדלט דעם יידישן אינטעליגענט און בכלל העברעע פּראָבלעמען.

איינמאָל האָב איך ברענערן פאַררופן צו מיר.

באַקאַנט אים מיט אברהם קאָטיקן, האָט קאָטיק אים גענומען אויפן פאַרהער, ווי איינער זאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין באַשעפעניש? ברענער איז געווען געקליידט זייער אָרעם און איבערהויפּט פּראָסט, שיִר ניט ווי אַ טרעגער, אין אַ קורטקע אַזאַ פון פּראָסטן קאָרט און אין אַ היטל איבערן שטערן... די שיך גרויסע און ניט געפּוצטע... אין מיינע אויגן האָט ער שטענדיק אויסגעזען ווי אַ למד-וואָווניק, אָדער אַ נסתר... הגם ער איז ניט געווען קיין לעבן, האָט שטענדיק געבענקט נאָך עפּעס, נאָך עמעצן...

אָבער אַז קאָטיק האָט דערהערט „מיינונגען“ פון ברענערן, איז ער געבליבן ווי פאַרגאַפט. ברענער, וואָס איז אַליין געווען אַ סאָציאַליסט, אָבער פון אַן אַנדער מין, האָט קאָטיקן געשטעלט איי־ניקע פראַגן. איך געדענק שוין ניט דעם אינהאַלט זייערן. קאָטיק האָט דערזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ העכערן מין מענטשן, אַ דיכטער און דענקער... ער האָט פאַר אים געקריגן גרויס דרך־ארץ. אויך ברענער האָט שוין שפּעטער באַקומען אַ מער פּאָזיטיווע באַציִונג צו קאָטיקן פערזענלעך און צו זיינע אויפטוען און האָט אַפילו אָנטייל גענומען אין פאַרלאַג „בילדונג“.

אין ביאַליסטאָק האָב איך געלעבט ווי אָפּגעשלאָסן, זיך באַגעגנט מיט דער חברשאַפֿט, — נאָכדעם ווי ברענער איז אַוועקגעפֿאָרן — פֿון יוסף מעלניק, אַ ביאַליסטאָקער רייכערער יונגער בחור, אַ פּראַנט, וואָס איז אָבער געווען שוין דאַן ליטעראַריש ראַפֿינירט, שפּעטער אַ געשיקטער דייטשער פֿעליעטאָניסט, — סאָציאַלע פֿראַגן זיינען אים ווייניק אָנגעגאַנגען. אַ פֿריילעכער, אַ לעביונג, מיט אַ שפּאָטיקן אויסדרוק אויף זיין שמאָלן לענגלעכן פּנים, האָט ער מיר דאָך פֿון צייט צו צייט פֿאַרלייכטערט מיין איינזאַמקייט און אַמוזירט אַפֿילו מיט זיין פֿיינעם, הגם איבערפֿלעכלעכן הומאָר. ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ פּאָר רייכערע הייזער, וואו איך האָב זיך געפֿילט גאַנץ אומבאַקוועם, ניט צוליב דער רייכקייט, נאָר צוליב דער גייסטיקער פּוסטקייט, וואָס האָט אין די דאָזיקע הייזער געהערשט. הגם איין פֿריילין אין אַזאַ רייכן הויז, אַ גרויסע שיינהייט, אַ בלאָנדע, מיט גרויסע בלויע, טרוימערישע אויגן, האָט מיך זייער פֿריינדלעך אויפֿגענומען און זי האָט זיך געמיט צו צייגן זיך אַלס אַ דעמאָקראַטישע נאַטור, וואָס האַלט זיך אַפֿילו ניט אָפּ פֿון צו ריידן יידיש.

נענטער האָב איך זיך געפֿילט מיט דעם יונגן לפּידות, אַ שוואָגער פֿון אברהם קאָטיק, אַ שטאַרקער ברונעט, מיט געגרייזלטע שוואַרצע האָר און פֿייערדיקע אויגן. אַ יינגל אַ ברען!... זיינע בערך רייכע עלטערן האָבן גרויס צער געהאַט צוליב זיינע ווייט־גייענדיקע מיינונגען און מעשים... גענוג איז זיי געווען אברהם קאָטיק אַליין, וואָס זיין קולטורעלע און שיר ניט רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, — אין אַ לעגאַלער מאַסקע — האָט זיי קיין פֿאַרגעניגן ניט פֿאַרשאַפֿט, כאָטש אין אַלגעמיינעם זין איז די גאַנצע פֿאַמיליע לפּידות געווען זייער אַ דעמאָקראַטישע און בכלל אַ סימפּאַטישע.

דער יונגער לפּידות האָט זיך צו מיר ווי צוגעקלעפּט, געוויזן מיר, אין אונזערע לאַנגע שפּאַצירן, גאַנץ ביאַליסטאָק, די רייכע פֿאַבריקן אין די אָרעמע גאַסן, וואו עס האָבן געוואוינט די אַרבעטער און די אָרעמע באַפֿעלקערונג בכלל. עס איז געווען אַ גרויסע פֿרייד צו הערן אָט דעם יונגן בחור ריידן מיט גרויס פֿייער וועגן

די פֿלאָגן פֿון דער געזעלשאַפֿט און וועגן דער נייטיקייט אומצוּוואַרפֿן אַזאַ מין אָרדענונג.

לײדער איז דער דאָזיקער הויך באַגאַבטער און אידעלער קעמפֿער אין עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אַנטלױפֿנדיק פֿון דער רעאַקציע קיין פּאַריז, דאָרט אומגעקומען פֿון אַ באָמבע, וואָס האָט עקספּלאָדירט אַרום אים.

אַ צווייטער פֿון די נאָענטע מײַנע אין ביאַליסטאָק אין יענער צײַט איז געווען אַ יונגער בחור׳ל, אַ מאָגערס, אַ דאַרס, אָבער פֿול מיט לעבן און ענערגיע, אַ קוועקזילבער, — מיט דעם נאָמען ראַפּאַלאָווסקי. פֿון פֿאַך אַן אײַנבינדער, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלע פֿאַכן... אַ קעמפֿער, אַן אָרגאַניזירער פֿון שטרײַקן אַפֿילו... ער איז בײַ אברהם קאָטיקן געווען אַ בן־בית, פֿלעגט אַלע מאָל קומען אָפּגעבן באַריכטן, ווי האַלט עס מיט דעם און יענעם שטרײַק, וואָס אין יענעם זומער האָבן זיי זיך, די שטרײַקן, צעפֿלױט ווי אין אַ גרויס גערעטעניש. פֿון איין שטרײַק איז דער יינגל ראַפּאַלאָווסקי שיר ניט געווען דער אָנפֿירער.

אויך האָב איך געהאַט די זכיה צו זען זיך פֿון צײַט צו צײַט מיט דעם באַרימטן בונדיסט גות, וואָס האָט דעמאָלסט זיך אויפֿגעהאַלטן שטאַרק קאָנספּיראַטיוו אין ביאַליסטאָק און געוואוינט אין איינער פֿון די זײַטיקסטע און פֿאַרוואָרפֿנסטע גאַסן פֿון ביאַליסטאָק. איך בין אַפֿילו אַמאָל געווען בײַ אים אין צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ שטיל אָפּגעזונדערט הויז... איך האָב געבראַכט אים אַן אומלעגאַל ליד פֿאַר אַ נומער „אַרבעטער־שטימע“, וואָס האָט זיך שוין „געזעצט“ ערגעץ־וואו... אַ פּאָר אומלעגאַלע לידער האָב איך אים שוין איבערגעגעבן, ווען ער האָט מיך באַזוכט בײַ קאָטיקן און אַדאַנק זײַן באַזוכן מיך בין איך בײַ קאָטיקן אין די אויגן שטאַרק געשטיגן. גות זאָל אַליין קומען באַזוכן מיך צוליב אַ ליד! דאָס איז געווען איינע פֿון די גרעסטע אָנערקענונגען, וואָס מען האָט דעמאָלסט אַ פּאָעט געקענט געבן...

* * *

אָפּגעטאָן אָדער ניט אָפּגעטאָן מיין אַרבעט אין ביאַליסטאָק, בין איך דאָך ענדע זומער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע. איך האָב נאַטירלעך פון ביאַליסטאָק קיין אוצרות ניט געבראַכט, קיין פאַרטיקע לידער און דערציילונגען אויך ניט. זייענדיק אין ביאַליסטאָק פאַרנומען מיט געוויסע אַרבעטן פון פאַרלאַג „בילדונג“, האָב איך דעם זומער ווייניק געשריבן. עטלעכע לידער און אַ נאָך ניט־באַאַרבעטע דערציילונג „דער לערער“ — דאָס איז געווען דער גאַנצער ליטעראַרישער פאַרמעגן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. אמת, איין ליד האָב איך נאָך פון ביאַליסטאָק געשיקט אין „יוד“ — „דער מענטש“ — און עס איז גלייך געוואָרן אָפּגעדרוקט. אָבער האָנאָראַר האָב איך נאָך באַקומען, אַזוי האָט מען מיר געזאָגט — פאַרן אַוועקפאָרן. מסתמא איז עס געווען אמת; געהאָלפן געוואָרן דערפון בין איך ניט. קיין דירה האָב איך נאָך ניט געהאַט, און ניט געקענט אַזוי גיך געפינען, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין פריינד און פאַרערער, אַ העברעישן לערער יאַקאָבי, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אַ ליידיקן צימער אויף דזיקע גאַס, וועלכער איז שוין אַפילו באַצאָלט פאַר צווי חדשים, קען איך דערווייל זיך אַריינציִען...

— אָבער — האָט ער מיר אָנגעזאָגט די חסרונות — עס איז אין צימער ניטאָ קיין טיש, בלויז אַ בעטל און אַ טאַבורעט...

איך בין אַריין אין צימער — גרויס און פריי, ווי אַ פעלד. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ בעט מיט אַ סעניק, דאַכט זיך אָן אַ קישעלע. אַן איינזאַמער טאַבורעטל איז געשטאַנען אינמיטן דעם צימער און האָט פאַרנומען דעם פלאַץ פון אַ טיש... פונדעסטוועגן איז מיר דער צימער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער טיר פון קאָרידאָר און עס האָט געהייסן אַ מלוכה פאַר זיך — געפעלן געוואָרן. בפרט עס איז דאָך בלויז אויף אַ פּאָר טעג, ביז איך וועל קריגן אַ צימער אַ ריכטיקן, מיט אַ טיש און מיט בעטגעוואַנט.

אַז איך האָב געוואוינט אין צימער מער ווי אַ פּאָר טעג, איז איבעריק צו דערציילן... דעם נידעריקן טאַבורעט האָב איך געקרוינט מיט נאָמען טיש, און כדי ער זאָל אויסקומען העכער, האָב

איך בשעתן שרייבן דעם דאָזיקן טיש אַוועקגעשטעלט אויפן בעט און געזעצט זיך שוין אויף מיין טשעמאָדאַן, וואו עס זיינען געלעגן מיינע מאַנוסקריפטן, ביכלעך און דאָס ביסל וועש... און אויף אַזאַ אופן האָב איך איבערגעשריבן מיין דערציילונג „דער לערער", אָנגעשריבן אַ נייע דערציילונג „שטילע טריט" און אַ צאָל לידער. דער דאָזיקער „טיש" איז מיר געווען הייסט עס מזלדיק, הגם די דערציילונג „דער לערער" האָב איך אָפּגעדרוקט פיל שפּעטער, אויך די דערציילונג „שטילע טריט".

אין דעם דאָזיקן צימער פלעגט מיך באַזוכן מיין פריינד גרשון שאָפּמאַן, וואָס, ווי איך האָב שוין דערציילט, איז געקומען קיין וואַרשע צוליב אַ ביכעלע סיפורים, וואָס דער פאַרלאַג „תושיה" האָט געהאַלטן שוין אין אַרויסגעבן. דעם האָנאָראַר האָט ער שוין לאַנג באַקומען, דערפאַר איז ער געווען פונקט אַזוי רייך ווי איך. אָבער פריינד זיינען מיר געווען ניט בלויז צוליב דער אורזאַך. איך בין געווען אַנטציקט פון זיינע דערציילונגען, וועלכע ער האָט מיר געגעבן לייענען אין מאַנוסקריפּט. כאָטש אין העברעיש און כאָטש אין אַ שווערער ספּעציפישער אייגן-געשאַפענער שפּראַך, וואָס האָט געקענט הייסן מיט רעכט שאָפּמאַנישער העברעיש, האָט זיין סטיל זיך אויסגעצייכנט (און צייכנט זיך נאָך אויס עד-היום) מיט מייסטערהאַפטן צימצום. יעדעס וואָרט — אַ בילד. זיין געפיל פאַר מאָס, בפרט נאָך אין העברעיש, איז געווען צו באַוואונדערן. דערצו דער אינהאַלט, דער טיפער ליריזם, דער איידעלער, קוים באַמערקבאַרער אומעטיקער הומאָר, וואָס האָט געגרייכט ביז עלעגישקייט, די דינע איידעלע עמפינדונגען פון זיינע העלדן, די איידלקייט פון טאָן, ווי ער וואָלט זיינע דערציילונגען ניט געשריבן, נאָר אויסגעשפּילט אויף וואונדערלעכע פידלען — דאָס אַלץ האָט מיך געמאַכט פאַר זיינעם אַן איבערגעגעבענעם פאַרערער און חבר צוזאַמען... ער איז נאָך דאַן ניט געווען קיין פולע איין-און-צוואַנציק יאָר אַלט. אויך זיין באַציִונג צו מיין שרייבן איז צו מיין דעמאָלטיקער העכסטער פרייד געווען אַ וואַרעמע, כאָטש מיט קאָמפּלימענטן האָט ער זיך ניט געוואָרפן. עס איז בלויז געווען גענוג זיינס אַ וואָרט און אַ שמייכל, איך זאָל וויסן, אַז עס געפעלט אים.

אַמאָל פֿלעגט ער אַ מיינונג אַרויסזאָגן אינדירעקט: למשל, וועגן מײַן ליד „דער מענטש“, וואו די לעצטע סטראָפֿע ענדיקט זיך:

און דער מענטש — די קרוין, די קרוין
בעטלט אין די הײַזער —

האָט ער מיך, ווי זײַן שטייגער איז געווען, פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— איר מוזט שטאַרק פֿײַנד האָבן אָרעמקייט און אַ ספּעציפֿיש שאָפּמאַנישן שמייכל געטאָן.

איבערהויפּט זײַנען אים געפֿעלן געוואָרן מײַנע דערציילונגען „פֿאַרלאָרן דאָס קול“ און „ווײַבערשער שרעק“...

— אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע... — פֿלעגט ער זאָגן, מיינענדיק דערבײַ דעם רעאַליזם, ווײַל אין יענער צײַט האָט סײַ פּרץ, סײַ אַש דער אָנפֿאַנגער און אַפֿילו נאָמבערג אַליין, מיט וועלכן שאָפּמאַן איז געווען שטאַרק נאָענט — געשאַפֿן אין דעם ראָמאַנטישן גייסט, פֿון וואָס שאָפּמאַן איז געווען ניט קיין גרויסער אָנהענגער...

באַזוכט מיך אין מײַן אויסטערלישן צימער, האָט ער זיך איינמאָל צערעדט וועגן מײַן ביכעלע לידער, נאָכגעפֿרעגט אויף זײַן ערשײַנונג. האָב איך אים דערציילט, אַז יעקב לידסקי, וועלכן איך האָב שוין באַזוכט, צוריקקומענדיק פֿון ביאַליסטאָק, — איז שוין מרוצה אַרויסצונעמען דאָס ביכעלע פֿון דרוק, נאָר מיט דעם תּנאַי, אַז איך זאָל ענדערן דעם נאָמען. ניט לידער זאָל עס הייסן, נאָר „צײַט־לידער“.

— גיט אים נאָך! האָט שאָפּמאַן געשמייכלט.

— אַוודאי, שמייכל איך צוריק, — ער וויל אָבער אַ פֿאָרוואָרט. אָנפֿאַנג האָט ער געוואָלט דווקא, אַז פּרץ זאָל שרײַבן דאָס פֿאָרוואָרט. און פּרץ איז שוין מרוצה געוואָרן, פֿאַרלאַנגט ער אָבער, איך זאָל ענדערן אייניקע „גראַמען“, וואָס קלינגען פֿאַר אים ניט גוט. לויבן אַ זאַמלונג לידער, וואָס האָבן אייניקע ניט־געלונגענע ריימען, קען ער זיך ניט דערלויבן. אָבער דאָס ביכל איז דאָך שוין אָפּגעדרוקט, נו, ווי קען מען ענדערן, סײַדן אויף דאָס נײַ איבערדרוקן.

הערט שאָפּמאַן אויס, שמייכלט און רופט זיך ענדלעך אָן:

— זאָגט לידסקין, אַז איך וועל אָנשרייבן אַ פאָרוואָרט... אָבער אָן מיין נאָמען נאַטירלעך.

לידסקי לאָזט זיך שוין איבעררעדן... ער וויל, הייסט עס, אויסלייזן די לידער פון דער דרוקעריי און אַרויסלאָזן זיי אויף גאָטס וועלט. ער איז זיכער, אַז לידער וועלן גיט פאַרקויפט ווערן, ניטאָ דערויף קיין בעלנים, סיידן לידער מיט מעלאָדיעס, ווי גאָלדפאַדנס, למשל. אָבער, ווי געזאָגט, ער וויל מיר אַ טובה טאָן, איז ער שוין מרוצה, אַז שאָפּמאַן זאָל אָנשרייבן אַ פאָרוואָרט — אַבי אַ פאָרוואָרט... מיט אַ פאָרוואָרט, האָפט ער, וועט עס האָבן מער ווערט... איך מוז אים אָבער צוגעבן נאָך עטלעכע לידער. עס זאָל הייסן אַ שפּאָגלניי ביכל, ווייל הגם די עקזעמפּלאַרן זיינען פאַרמשכנט געווען, פונדעסטוועגן האָב איך עטלעכע ביכלעך באַוויזן צו צעטיילן, וואָלט עס שוין געהייסן אַן אַלט ביכעלע. וויל ער אָפּפרישן מיט עטלעכע נייע.

אַוודאי האָב איך דערלייגט פיר לידער — הלוואי וואָלט ער נאָך געוואָלט! לידסקי אַליין, כאָטש ער איז זיכער געווען, אַז צום ביכעלע וועט ער דערלייגן, וואָרעם ווער וועט עס קויפן לידער אָן מעלאָדיען צו זינגען! — פונדעסטוועגן גיט ער מיר אַ מתנה — אַ פינפערל... זאָל עס ניט הייסן אומזיסט..

איך בין ניט געווען אויסן דאָס פינפערל — עס איז מיר דאָך שטאַרק צוניץ געקומען — אויסן בין איך געווען צו באַפרייען דאָס ביכעלע לידער פון ר' יחיאל־מאיר האַלטערס דרוקעריי, וואו זיי זיינען געלעגן איבער אַ האַלב יאָר פאַרמשכנטע...

איבערגעדרוקט אַ ניי שער־בלעטל, אַ גרינס, האָט זיך עס געלייענט אַזוי:

„צייט־לידער" (מיט אַ פאָרוואָרט) פון
אברהם רייזען, פאַרלאַג „פראָגרעס", תרנב.

און אַזוי איז דאָס ערשטע ביכעלע לידער אַרויס אין אַ מזלדיקער שעה אויף דער ליכטיקער וועלט...

זעכצונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיין נייגעריקייט וועגן ערפאָלג פון מיין ביכעלע. — די מיינונגען שבעל־פה וועגן מיין ערשטן ביכעלע לידער. — בעל מחשבותעס שטרענגקייט. — דוד פרישמאַן איבעראַשט מיך ווידער. — די רעצענזיע אין „דער יודישער פאַמיליע“. — די לויבגעזאַנגען אין „פרעמדע“ צייטשריפטן. — דאָס בריוועלע פון אַ גרופּע באַרקאָווער סטודענטקעס. — י. וואָלין, מיין קריטיקער־לאַנדסמאַן, אין „בודושטשנאָסט“. — עספיר די בונדיסטקע. — איר ערשטע מיינונג. — איר געענדערטע מיינונג אין טורמע. — דער צווייטער ליטעראַטן־באַל אין שווייצערטאַל. — עספיר גייט מיט מיר אויפן באַל. — דער זיג. — די געהויבענע געסט אפרים ליליען און בערטאָלד פייוועל. — די לעבעדיקע צייטונג. — פּרץ אויף דער בינע. — מיינע אַנטי־ציוניסטישע טעלעגראַמעס. — ד״ר חיים־דוב הורוויץ. — דער באַנקעט פאַר די געסט. — עספיר אויפן באַנקעט. — די שטימונג. — נחום סאָקאָלאָוו. — מזרח און מערב.

די ערשטע פאָר וואָכן, נאָך דעם ערשיינען פון מיין זאַמלונג לידער אין פאַרלאַג „פראָגרעס“ אונטערן באַנייטן טיטל „צייט־לידער“, האָב איך קיין דירעקטע מיינונג וועגן מיין ביכעלע ניט באַקומען. אָבער אומרויִק וועגן זיין מאָראַלישן גורל בין איך שוין ניט געווען. צייכנס פון ערפאָלג האָבן זיך שוין באַלד באַוויזן. ערשטנס, אַריינגייענדיק כמעט יעדן טאָג אין פאַרלאַג „פראָגרעס“, האָט מיך דער פאַרלעגער יעקב לידסקי אויפגענומען פריינדלעכער, ווי געוויינלעך. זיין שמייכל, מיט וועלכן ער האָט מיך אַלעמאָל אויפגענומען, איז ברייטער און ליכטיקער געוואָרן, האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ צייכן, אַז מיין ביכעלע גייט... אַמאָל פלעג איך זיך ניט קענען באַהערשן און אַ פרעג טאָן אים סתם:

— נו, וואָס הערט זיך?

האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס פֿרעג איך וועגן מיין ביכעלע „צייט־לידער“, און ער, אַ צופֿרידענער, פֿלעגט ענטפֿערן:

— ביי מיר גייט אַליין...

און אַמאָל פֿלעג איך אַריינקוקן אין דעם אָפֿענעם בוך, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפֿן טיש, אַ בוך, וואו ס׳זיינען געווען פֿאַרשריבן די טעגלעכע באַשטעלונגען פֿון די בוכהענדלער. פֿלעג איך מיט פֿרייד באַמערקן די רשימות: ביאַליסטאָק, אינדיצקי — 15 „צייט־לידער“; ווילנע, יצחק פֿונק — 20 „צייט־לידער“; מינסק, נפֿתּלי משכּיל־לאיתן — 10 „צייט־לידער“... האָב איך שוין פֿרעגן ניט געדאַרפֿט, איך האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס ביכעלע גייט... ביז עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז לידסקי אַליין, בטבע אַן אויפֿריכטיקער, האָט געמוזט צוגעבן:

— אַייער ביכעלע, רייזען, גייט ווי מצה־וואַסער... און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער זיך שוין פֿאַר מיר גליקלעך געקלאָגט, אַז מען וועט באַלד מוזן דרוקן אַ צווייטע אויפֿלאַגע...

דערהערט אַ צווייטע אויפֿלאַגע, האָב איך זיך שיער ניט פֿאַרשעמט. אויף אַזאַ ערפֿאָלג האָט איך ניט געהאָפֿט, ווער רעדט לידסקי, וואָס האָט געמיינט, אַז ס׳פֿאָלק קויפֿט בלויז לידער, וואָס האָבן מעלאָדיעס און מען זינגט זיי, איז גאָר געווען גליקלעך איבערראַשט.

פֿאַר דער קריטיק האָב איך נאָך אַלץ זיך געשראָקן... אין מיינע ליטעראַרישע קרייזן האָט מען וועגן ביכעלע ווייניק גערעדט, הגם געטיילט האָב איך אים מיינע חברים קאָלעגן פֿון דער ברייטער האַנט. געגעבן אַ ביכעלע אי נאָמבערגן, אי אַשן, אי ליפּמאַן לעווינען, אי די עלטערע — פּרצן און דינעזאָנען. דער איינציקער, וואָס האָט מיך געמוטיקט מיט זיין מיינונג, איז געווען יעקב דינעזאָן. מיט אַ שיינענדיקן פּנים און מיט שטראַלנדיקע אויגן פֿלעגט ער אַ צייט נאָכאַנאַנד, יעדעס מאָל ווען איך פֿלעג אַרויפֿקומען צו אים אין זיין איינזאַם אָפּגעזונדערטן, הגם געמיטלעכן, צימער — אויסדריקן זיין התפּעלות פֿון אַ באַזונדער ליד, וואָס ער האָט געפֿונען אין ביכעלע פֿון די עטלעכע צענדליק לידער. אַוודאי איז ביי מיר זיין מיינונג געווען שטאַרק אָנגעלייגט. דינעזאָן איז, אמת, אַלס שריי־

בער, געווען שוין עטוואָס פֿאַרעלטערט. אָבער זיין גייסט איז געווען שטענדיק יונג און פֿריש, ער האָט געלייענט און זיך אינטערעסירט מיט די נייסטע ערשיינונגען אין דער יידישער, העברעישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, שוין אָפּגעזען פֿון די גרויסע קלאַסיקער, וואָס ער האָט פֿיל פֿון זיי געקענט אויף אויסווייניק. וואָס אָנבאַטרעפֿט פּרצן, האָט ער מיר קיין עקסטרע מיינונג וועגן די „צייט־לידער“ ניט געזאָגט. אָבער זיין מיינונג האָב איך שוין געוואוסט פֿון פֿריער, ווען איך האָב אים דאָס רוב לידער פֿאָרגעלייענט גלייך נאָכן אָנשרייבן זיי.

נאָמבער איז צום ביכעלע געבליבן קאַלט. געריימט בלויז „אין קישן באַהאַלט איך מיין פּנים“ און „אָרעמעס לעבן“.... ליפּמאַן לעווין איז שוין געווען גנעדיקער, איבערהויפּט זיין חברטע, די גוטע גיטעלע... זי האָט אַפֿילו געפּרווט מאַנכע לידער זינגען מיט ניגונים פֿון רוסישע לידער...

דערפֿאַר האָב איך געמוזט אויסהערן אַ ניט גאָר גינסטיקע מיינונג פֿון ד״ר עליאַשעוו — בעל־מחשבֿות. ס׳איז פֿאָרגעקומען אין רעדאַקציע פֿון „יוד“. אויפֿן שרייב־טיש פֿון ד״ר יוסף לוריע איז גראָד געלעגן אַן עקזעמפּלאַר פֿון דעם ביכעלע, וואָס לידסקי האָט אים געשיקט פֿאַר רעצענזיע, ווייל איך אַליין האָב אים, דאַכט זיך, קיין עקזעמפּלאַר ניט אַרויפֿגעטראָגן. בעל־מחשבֿות, וועלכער איז געווען דאַן אין ד״ר לוריעס רעדאַקציאָנס־צימער, האָט דאָס ביכעלע גענומען אין דער האַנט.

— געלייענט? — האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן.

— יאָ.

— נו, איר וועט שרייבן עפּעס? — האָב איך ווידער געוואַגט צו פֿרעגן, אָדער יוסף לוריע האָט עס געפֿרעגט.

— ניין, — האָט ער גרויזאַם געענטפֿערט און אַ ביזל|עכן שמייכל געגעבן.

און באַלד האָט ער דאָס ביכעלע אַ בלעטער געטאָן און זיך געזוכט צו פֿאַרטיידיקן:

— לידער פֿון אָרעמקייט!

און איז נאָך אַלץ בייז געווען.

— וועלכע? — האָב איך זיך מיט אים גענומען דינגען און איך בין אַליין שיר ניט בייז געוואָרן פאַר דעם בילבול, וואָס ער מאַכט אויף מיינע לידער.

— אַלע, אַלע! האָט ער זיך אויפגערעגט, — פילנדיק קענטיק אַליין, אַז ער איז ניט גערעכט — אַלע, אַפילו „הוליעט, הוליעט“ איז אויך אַ קבצניש ליד.

האָב איך שוין אינערלעך געשמייכלט.

באַלד האָט ווידער גענומען בלעטערן, געפונען דאָס קליינע לידעלע „אויף וואָס זאָל איך האָפן, אויף וואָס זאָל איך וואַרטן? איך האָב די מלחמה פון לעבן פאַרשפילט“...

— נו, יאָ, האָט ער טריומפירנדיק זיך געווענדט — אַוודאי, איר זאָגט אַליין — „איר זייט ניט קיין העלד“...

— עס איז דאָך בלויז אַ שטימונג — האָב איך זיך פאַרענטפערט, און האָב אים אָנגעצייגט אויף אַנדערע מונטערערע לידער:

איך וואַרט אויפן ליכטיקן טאָג, וואָס וועט קומען
מיט גאָלדענע שטראַלן, מיט בליִונג און בלומען...

איז ער שוין מילדער געוואָרן. געבלעטערט דאָס ביכעלע און זיך אָפגעשטעלט אויף דעם ליד „אַ געזינד זאַלבע אַכט“.

— דאָס איינציקע ליד, וואָס האָט אָריגינעלע פאָרם!

באַלד אָבער האָט ער מיר „דערלייגט“ נאָך אַ פאָר לידער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דאָס ליד „אין די פינסטערע אַלעען“, און ענדלעך איז ער שוין גאָר מילד געוואָרן און געזאָגט:

— געוויס, אין דעם ביכעלע געפינען זיך זייער שיינע לידער... מיר דאַרפן אָבער איצט האָבן אַנדערע לידער...

„מיר“ האָט ער אַוודאי געמיינט „ציוניסטן“... כאָטש, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, איז ער געווען אַן אַנדער מין ציוניסט...

זיין אין אַלגעמיין האַרטע מיינונג האָט מיך פונדעסטוועגן ניט באַאומרויקט. אויב ער איז ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט צו מיין ערשטן ביכעלע לידער, האָב איך דאָך געפילט אין זיין טאָן אַן

אומאויפריכטיקייט, אַ קאַפּריזנעקייט און נאָך מער — אַ פאַרביטערטקייט.

בעל־מחשבות, ווי באַקאַנט, האָט אַליין אויך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט לידער. אייניקע לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „יוד" אונטערן נאָמען ד״ר אים. על... און שוין שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ליד אינם ערשטן נומער פון מיין וואָכנשריפט „דאָס יודישע וואָרט"...

דערפאַר בין איך באַוויזנט געוואָרן מיט גוטע ווערטער פון דוד פרישמאַן. עס איז געווען דאָס צווייטע מאָל, וואָס דער דאָזיקער „בייזער" קריטיקער האָט מיך אַיינגענעם איבערראַשט.

עס איז אויך פאָרגעקומען אין רעדאַקציע פון „יוד", אין ד״ר יוסף לוריעס צימער. אַריינקומענדיק, האָב איך אים געטראָפן גראָד בלעטערנדיק, צי לייענענדיק דאָס ביכעלע „צייט־לידער". מיך דערזען, האָט ער זיך אַזש דערפרייט און מיט צופרידנקייט זיך געווענדט צו מיר:

— וויסן זי... איך האָב דאָס ביכעלע גענצלעך איבערגעלעזן. געוויס, עס פאַרמאָגט נאָך פיל ניט רייפעס, אָבער אין אַלגעמיין — הערלעכע לידער.

און אַ בלעטער טוענדיק דאָס ביכעלע, האָט ער זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליין לידל „צו אַ געפאַלענער פרוי" און האָט זיך אָנגערופן:

— וואונדערלעך שיין! און ביים צווייטן סטראָף האָבן זיינע בליקן אויפגעלויכטן אונטער זיין גאָלדענעם פּענסנע...

„שוין, פאַרוועלקט די שיינע גלידער
און די ליבע גוטע־ברידער
וועלן שוין צו דיר ניט קומען..."

— „די ליבע גוטע־ברידער" — האָט ער אַ פּראָטעסטירט קעגן די „גוטע־ברידער" אי זיך באַגייסטערט פון דעם פערז. און ענדלעך צוגעגעבן ערנסט:

— זעען זי, אומזיסט זאָגט מען, אַז איך בין אַלין מבטל... עכטע טאַלאַנט אַנערקען איך אימער...

וואָס זאָל איך דאָ לייקענען, איך האָב זיך געפילט שטאַרק געשמייכלט און אַפילו גליקלעך פון דעם כלומרשט בייזן דוד פרישמאַנס מיינונג, און בין אים דערפאַר אין האַרצן שטאַרק דאַנקבאַר געווען. און אפשר האָב איך אים מיין דאַנק אויך אויסגעדריקט מיט ווערטער. איך געדענק עס ניט.

פונדעסטוועגן האָט ער קיין רעצענזיע אין „הדור“, וואָס איז דאַן ערשינען אונטער זיין רעדאַקציע דורכן פאַרלאַג „אַחיאָסף“, ניט געשריבן.

אָבער אויך אין „יוד“ איז קיין שום רעצענזיע ניט געווען.

אין דער מאָנאַטשריפט „די יודישע פאַמיליע“, שוין אונטער ספעקטאָרס רעדאַקציע, איז יאָ געווען אַ קורצע רעצענזיע פון ב״ק (אַ פסעוודאָנים פון י. ח. ראַווניצקי). אַרויסטרעטנדיק קעגן דער צו גוטער מיינונג אין דעם פאָרוואָרט צום ביכעלע, האָט ער דאָך צוגעגעבן אַליין אַ פאָר גוטע ווערטער וועגן ביכעלע און זיך דערהויפט אָפגעשטעלט אויף דער האַרציקייט און פשוטקייט פון די לידער...

איבעריקנס איז דאָס געווען די איינציקע רעצענזיע אין יידיש.

דערפאַר האָבן זיך שפעטער אָנגעהויבן שיטן רעצענזיעס וועגן מיין ביכעלע „צייט-לידער“ אין די רוסיש-יידישע צייטשריפטן און אַפילו אין די העברעישע. די ערשטע רעצענזיע איז געווען אין „בודושטשנאָסט“, וואו דער רעצענזענט, י. וואָלין, האָט מיך געקרוינט אַלס דעם גרעסטן יידישן דיכטער... אַליין אַ דיכטער אין רוסיש, האָט ער איינִיקע מוסטערן געבראַכט אין רוסישער איבערזעצונג. די דאָזיקע רעצענזיע מיט איר איבערגעטריבענעם לויבגעזאַנג האָט מיך דווקא ניט צופרידנגעשטעלט. עפעס איז זי מיר געווען צו פריקרע. עס האָט מיך פשוט דערשראָקן און גלייך נאָכדעם האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד, ווי אַן ענטפער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

איך וויל ניט זיין גרויס, מיך ציט ניט דערצו
צי האָט פאַר דער צייט דען די גרויסקייט אַ ווערט?
איך וויל בלויז אַביסל האַרמאָניע און רו
און ווייניקער מערן צו זען אויף דער ערד..

איך וויל ניט קיין קאַמף, איך וויל ניט קיין שטרייט,
צו ברענגען מיט גוואַלד דעם עקשן, דעם גליק;
איך וויל נאָר, אַז קלוג זאָלן ווערן די לייט,
זאָל יעדער אַליין זיך באַפרייען פון שטריק...

דערצו איז נאָך דער י. וואָלין געווען מיינער אַ פערזענלעכער באַקאַנטער. באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין מינסק אין הויז פון רחל ברכות, וועמעס פאַרערער ער איז געווען אין אַלע הינזיכטן; ווער רעדט, אַז די הויך־טאַלאַנטירטע שריפטשטעלערין האָט נאָך שפעטער־צו אָנגעהויבן דרוקן אירע ווירקלעך מייסטערהאַפטע דערציילונגען אין „יוד", איז זיין פאַרערונג צו איר געוואָרן אַזש דירנד.

אויך צו מיר, ווען איך פלעג זיך אַמאָל אין אַ יאָר פון וואַרשע קיין מינסק אַריבערכאַפן און טרעפן זיך מיט אים ביי רחל ברכות אין הויז, האָט ער זיך באַצויגן מיט גרויס איבערגעבונג. ער האָט געהערט צו אַן אַנדער וועלט, איבערהויפט לויט זיין קלאַס, ווייל ער האָט געשטאַמט פון זייער רייכע עלטערן, הגם אין יענער צייט איז ער נאָך געווען סאָציאַליסטיש געשטימט און האָט געשריבן רעוואָלוציאָנערע רוסישע לידער פאַר אומלעגאַלע רוסישע אויסגאַבן.

אַ מער אַיינגעהאַלטענע, אָבער אויך אַ זייער וואַרעמע רעצענזיע וועגן מיין ביכעלע „צייט־לידער" האָט שוין געגעבן דער „וואָסכאָד". דער רעצענזענט, ד"ר פרומין, האָט אויך באַוואונדערט דעם אויסגעשמידטן פערז און דעם „טיפן לירויזם" און דעם אַלמענטשלעכן טאָן.

אַ לויבגעזאַנג אָנשטאָט אַ רעצענזיע האָט אויך באַקומען דאָס ביכעלע „צייט־לידער" אין „המליץ", וואָס דאָס האָט מיך באמת געוואונדערט. צוליב מיין „צוואַנציגסטען יאָרהונדערט" (וועלכער איז אַגב, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, לחלוטין פאַרשוויגן געוואָרן אין דער רעמאָלסטיקער יידישער און העברעישער פרעסע) בין איך שוין געווען באַקאַנט אַלס קעמפער פאַר יידיש. די רעצענזיע אין דעם „המליץ" איז געווען גאָר אַ געהויבענע, ניט מער דער טיטל איבער דער רעצענזיע האָט געהייסן: „פנינים ברפש..." דאָס הייסט,

פּערלען, אָדער דימענטן, אין בלאָטע... די „פּנינים“ זיינען דאָס געווען מיינע לידער. די בלאָטע — די יידישע שפּראַך, ניט היינט געדאַכט... ווען ניט אָט דער אומגעלומפּערטער, באַליידיקנדיקער טיטל, וואָלט די רעצענזיע, נאַטירלעך, ניט געקענט אַריין אין „המליץ“... דער דאָזיקער טיטל איז געווען דער קרבן־חטאת פאַר לויבן אַ ביכל לידער אויף יידיש. און נאָך ווי געלויבט! דער רעצענזענט איז געווען איינער אַ דאַן באַקאַנטער העברעישער שרייבער, א. ל. בימקאָ, און דווקא אויך מיינער אַ באַקאַנטער פון וואַרשע. ווען ער האָט געשריבן די רעצענזיע, איז ער שוין געווען ניט אין וואַרשע, אָבער איך האָב אַלץ אים חושד געווען, אַז דאָס איז ער אויסן מיר צו טאָן אַ פּערזענלעכע געפעליקייט...

אַן אמתע פרייד האָט מיר פאַרשאַפט אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס איך האָב באַקומען פון קראָקאָוו פון אַ גרופּע סטודענטקעס. די פּאָסטקאַרטל איז געווען געשריבן אין רוסיש. אין די ערשטע פּאָר שורות איז געשטאַנען געשריבן:

„צעלויעם וואַס, מילי, דאָראָגאָי, אברהם רייזען, זאַ וואַשי טשודניאַ סאָווערמענניאַ סטיכאָטוואָרעניאַ“. די ווייטערדיקע שורות, פול מיט באַגייסטערטע אויסדרוקן און שיר ניט מיט ליבע־דערקלערונגען, געדענק איך שוין ניט. און די אונטערשטע העלפט פּאָסטקאַרטל האָט אַנטהאַלטן ביי אַ פערציק אונטערשריפטן פון די סטודענטקעס מיט אַלערליי נעמען. עס זיינען געווען אַננאַ ראַבינאָוויטשעס מיט ליזאַ גאָלדשטיינס, און בערטאַ זילבערמאַנס און ראָזע סווידלאָווסקי און ווער געדענקט דען די אַלע ליבע נעמען פון די וואונדערלעכע יידישע קראָקאָווער סטודענטקעס, וואָס זיי האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט פאַר די ליבסטע און שענסטע און באַצויבערנדיקסטע...

אַזאַ פּאָסטקאַרטל האָב איך שוין געמוזט ווייזן אויך מיינע נאָענטע חברים. דער ערשטער איז געווען נאָמבערג. ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט אויף זייער נאַיוויטעט און אָנטיילגענומען אין מיין גרויסער פרייד, ווי אַ חבר, הגם זייערע מיינונגען האָט ער אַוודאי און אַוודאי ניט „געטיילט“....

דערפאַר האָט מיר פאַרשאַפט אַ ביסל צער די מיינונג פון עספּיר, אַ באַרימטע בונדיסטקע, וואָס איז אין יענער צייט, אַרום

1902, נאָר־וואָס געקומען קיין וואַרשע און האָט געמאַכט אַ רושם אין אונזערע קרייזן. דער ערשטער האָט זיך מיט איר באַקענט נאָמבערג — צי דורך ליפע נאָוואָגרודסקין, צי ביי פּרצן אין הויז, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז איידער איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט האָט מיר נאָמבערג — ער האָט שוין דאַן געוואוינט אַליין אין אַ פּיינעם צימער אויף קאַרמעליצקע און געקענט איינלאַדן אַהין אַפילו געהויבענע געסט — האָט מיר נאָמבערג דערציילט פון אַן אינטערעסאַנטער סאָציאַליסטישער טוערין, וואָס פאַרמאָגט פיל אינטעליגענץ און באַזיצט אַפילו אַ ראַפינירטן ליטעראַרישן געשמאַק. פאַרבייגייענדיק האָט ער מיר איבערגעגעבן איר מיינונג וועגן מיין ביכעלע „צייט־לידער“. איך געדענק די מיינונג, ווי איצט:

— אַ סך אמת און ווייניק פּאָעזיע...

האָט עס מיר זייער וויי געטאָן. און אַ לענגערע צייט האָב איך זיך מיט איר אַפילו ניט געוואָלט נעענטער באַקענען, הגם זי איז אויך לויטן אויסזען געווען זייער אַ סימפּאַטישע, פול מיט חן. העכער פון מיטעלן וואוקס, מיט שוואַרצע קלוגע אויגן, אין אַ שוואַרצער זיידענער לאַנגער קלייד. די שוואַרצע האָר, פאָרזיכטיק און גלאַט פאַרקעמט, האָבן איר צוגעגעבן גרויס פאָרנעמקייט. דערצו האָט זי, כאָטש אַ פּירערין פון די אָרעמע אַרבעטער־מיידלעך, זיך געהאַלטן מיט געוויסן איידעלן שטאָלץ...

ערשט שפּעטער־צו, אַ דאַנק ליפע נאָוואָגרודסקין, האָט זי איר מיינונג געענדערט, און אַז מען האָט זי דאָס ערשטע מאָל אַרעסטירט און זי איז געזעסן אין טורמע אויף דער פּאַוויע־גאַס, האָט זי, אין אירע צעטלעך צו ליפען, געפאָדערט, ער זאָל איר שיקן בלויז מיינע ביכלעך. אין טורמע זיצנדיק האָט זי, הייסט עס, תשובה געטאָן און זיך איבערצייגט אין מיין טאַלאַנט.

ליפע נאָוואָגרודסקי פלעגט טאַקע קומען צו מיר און שיר ניט אַ פריילעכער אָנזאָגן:

— רייזען, עספּיר איז גאָר אַנטציקט פון אייערע לידער און דערציילונגען. זי בעט מיך, איך זאָל שיקן איר אין טורמע וואָס מער פון אייערע...

אַוודאי האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס מיינע לידער און דערציילונגען קענען אַריינטראָגן פֿרייד און פֿאַרגעניגן די קעמפֿער, וואָס זיצן פֿאַרשפּאַרט אין טורמע, אָבער פֿאַרדראָסן האָט דאָך מיר, וואָס פֿרייערהייט האָט עספּיר וועגן מיינע לידער ניט געזאָגט די מיינונג, וועלכע איך האָבֿ ערוואַרט פֿון איר.

ערשט אַז זי איז באַפֿרייט געוואָרן (אין 1903 איז זי ווידער אַרעסטירט געוואָרן), האָט זי מיר אויסגעדריקט איר אַנטציקונג פֿון מיינע לידער און דערציילונגען און האָט זיך שיער ניט אַנטשולדיקט פֿאַר איר פֿריערדיקער מיינונג, הגם זי האָט באַמערקט, אַז נאָמבערג האָט אַפֿילו איר ערשטע מיינונג וועגן מיר ניט גאָר ריכטיק מיר איבערגעגעבן.

האָבֿ איך שוין פֿאַרגעבן אי איר אי נאָמבערגן, בפֿרט אַז איך האָבֿ קיינמאָל ניט געשאַצט דעם מענטשן, צי חבר, צי חברטע, לויט זייערע מיינונגען וועגן מיר.

מיט דער צייט בין איך מיט דער הויך־אינטערעסאַנטער עספּ'רן געוואָרן נעענטער באַקאַנט, כאָטש שטאַרק באַפֿריינדעט מיט איר בין איך קיינמאָל ניט געווען. צו שטאָלץ און צו באַפֿעלעריש, צייטנווייז אַזש מאַיעסטעטיש איז זי געווען פֿאַר מיר.

פֿונדעסטוועגן, אַז איך האָבֿ זי איינגעלאַדן גיין מיט מיר צום צווייטן ליטעראַטן־באַל, וואָס איז ווידער פֿאָרגעקומען אין דעם אַריסטאָקראַטישן שווייצער־טאַל, האָט זי מיין איינלאַדונג מיט פֿרייד אָנגענומען. איר פֿרייד האָט זי ניט אויסגעדריקט און געדאַנקט אַוודאי ניט; זי האָט סיי־ווי־סיי געאַנט, אַז פֿיל פֿון מיינע חברים און קאָלעגן וועלן מיר מקנא זיין, וואָס איך גיי מיט איר, מיט עספּירן, אויפֿן באַל...

געקומען צו איר, צו נעמען זי אויפֿן באַל, בין איך אַ זייגער 8 אין אָוונט. זי האָט געוואוינט אין אַ צימער אויף מוראַנאָוו. זי איז שוין געווען גרייט. אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ־זיידענער קלייד, אויבן ביים האַלז אַ ווייסע, געהעפֿטע „קרוזשעווע“, ווי די מאָדע איז דאַן געווען, האָט זי בכלל אויסגעזען יום־טובדיקער ווי שטענדיק. ליפֿע נאָוואָגרודסקי איז אויך דערביי געווען. צו גיין אויפֿן באַל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט... עס האָט מיר זייער וויי געטאָן, פֿאַרוואָס

ער וויל ניט גיין; צוליב געוויסע פרינציפן און פערזענלעכע אורזאַכן זאָגט ער זיך אָפּ פון פרייד, הגם ער איז געווען דאָס רוב (און אַוודאי אויך איצט) — אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, און צייטנווייז פלעגט ער גאָר אויפפלאַמען. אָבער מיין אייגענע פרייד, וואָס איך וועל קומען אויפן באַל מיט עספירן אַליין, — האָט איבערגעוואויגן מיין פאַרדראָס, וואָס נאָוואָגרודסקי גייט ניט מיט.

נאָוואָגרודסקי האָט אונז אַרויסבאַגלייט ווי אַ פריינט, ווי אַ חבר, און שיר ניט ווי אַ פאָטער. מען האָט געדאַרפט האָבן דערצו אַ גרויסן כוח! אָבער נאָוואָגרודסקי האָט דעם כוח געהאַט! האָט ער מיר נאָך מיטגעגעבן געלט אויף אַ דראָשקע, ווייל דרויסן האָט גראָד גערעגנט (און אפשר האָב איך זיך אָנגעגרייט מיט געלט, ווייסנדיק שוין מיט אַ פאָר טעג צוריק, אַז עספיר וועט גיין מיט מיר אויפן ליטעראַטן-באַל). איך געדענק בלויז, אַז אַרויסגייענדיק שוין פון צימער, האָב איך און עספיר אים ווידער פאָרגעלייגט מיטצוגיין, מיטצופאָרן, אָבער ער, אַ רויק-שמייכלענדיקער, האָט געענטפערט:

— ניין, ניט פאַר מיר.

און צעלאַכנדיק זיך מיט זיין אַיינגענעם קלינגענדיקן געלעכטער, זיך כלומרשט פאַרענטפערט:

— איך האָב דאָך קיין פראַק ניט...

אַוודאי האָב איך אָפּגעהיט דעם געזעץ אויך דעם צווייטן יאָר און בין געווען אָנגעטאָן אין אַ פראַק, וואָס איך האָב גענומען, ווי צום ערשטן באַל, אויף פראָקאַט...

געקומען אויפן באַל מיט עספירן, איז שוין דער אַריסטאָקראַטישער עולם געווען פאַרזאַמלט: אויך די געהויבענע צוויי געסט, וואָס זיינען דעמאָלסט געקומען קיין וואַרשע פון בערלין, בערטאָלט פייוועל און דער מאָלער אפרים ליליען, זיינען שוין אויך געווען... צוליב די צוויי דערמאָנטע בערלינער געסט איז אויך נחום סאָקאָלאָוו מיט זיין פאַמיליע און כוויטע געווען אויפן באַל... פריץ, וואָס איז אויך אויף דעם באַל געווען דער טאָנגעבער, האָט זיך אַ יום-טובדיקער, מיט זיין שטראַלנדיקן שמייכל, אַרומגעטראָגן איבערן זאַל ווי אַ ווינט. ער איז געווען אין אַ גוואַלדיק-געהויבענער שטימונג: און

אַ בּיסל אויפֿגערעגט. דאָס האָט ער בּאַלד געדאַרפֿט אַרויפֿגיין אויף דער בּינע, וואָס דער זאַל פֿאַרמאָגט, און עפּעס דורכלעזן פּורימדיקס (דער ליטעראַטן-בּאַל האָט אָפֿיציעל געהייסן „פּורים-בּאַל" און איז פֿאַרגעקומען יעדן שושן-פּורים אָוונט...). עס האָט געוואָלט פֿאַרגעלעזן ווערן אַ לעבּעדיקע צייטונג, אין פּורים-שפּילעוודיקן גייסט...

בּאַלד איז ער טאַקע אַרויף אויף דער בּינע... פֿאַרגעלעזן, צי גערעדט עפּעס אויסווייניק... איך געדענק ניט. עס איז געווען אַ צו פֿריילעכע אומאָרדענונג, אַז דער עולם זאָל אויסהערן. איך געדענק, ווי פּרץ האָט מיט זיין ניט גאָר שטאַרקער שטים געפּרוּווט דערגרייכן צו די ווייטערע רייען. בּלויז די ערשטע רייען האָבּן אים אויסגעהערט, און אַזוי ווי ער האָט עטוואָס קריטיקירט דעם ציוניזם מיט זיינע אייניקע שאַרפֿזיניקע וויצן, און גראָד זיינען די ערשטע רייען, וואָס זיינען געזעסן, צי געשטאַנען, בּאַשטאַנען פֿון ציוניסטן, איז זיין ערפֿאָלג ניט געווען צו גרויס...

איך האָבּ אויך נאָך מיט עטלעכע טעג פֿריער אָנגעגרייט וויציקע פּאַראָדיעס אויף טעלעגראַמען וועגן ציוניזם. האָבּ איך שוין אַוודאי ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטן מיט זיי... ערשט שפּעטער, בּיי אַ טישל, אין בּופֿעט-צימער האָבּ איך די טעלעגראַמען פֿאַרגעלייענט פֿאַר אַ פּאָר צענדלינג מענטשן. ד"ר חיים-דוב הורוויץ, וואָס איז דאַן געווען אין וואַרשע, פֿריער אַלס מיטאַרבּעטער פֿון „יוד" און שפּעטער אַלס מיטרעדאַקטאָר אין תּושיהס „פֿאָלקסצייטונג", איז גאָר נשתּומם געוואָרן פֿון מיין געוואַגטקייט. ער האָט אָנגעקוקט עספּירן, וועלכע איז געזעסן בּיי מיין רעכטער זייט, און אויף זיין הומאָריסטישן שטייגער האָט ער בּאַמערקט:

— דאָס האָט אַייך אָט די שיינע פֿריילין בּאַגייסטערט. ווען זי איז ניטאָ דערבּיי, וואָלט איר ניט געוואַגט אַזוי שטאַרק אַרויסצוטרעטן קעגן ציוניזם אָט דאָ, פֿאַר אונז...

אפשר איז ער גערעכט געווען.

אַ זייגער צוועלף איז אין אַ קלענערן זאַל פֿון זעלבּן שווייצערטאַל פֿאַרגעקומען אַ בּאַנקעט לכּבוד די צוויי גרויסע געסט, בּערטאָלד פֿייוועל און אפֿרים ליליען. צום בּאַנקעט זיינען געווען אַיינגע-

לאַדן בלויז די אויסדערוויילטע. איך האָב אויך אויפֿן באַנקעט באַקומען נאָך אַ פּאָר טעג פֿריער פֿון פרצן אַליין, צי פֿון דעם קאָמיטעט צוויי בילעטן. עספּיר האָט זיך זייער געפֿרייט, וואָס זי וועט בייוואוינען אַזאַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. זי האָט אויף מיר דאַן געקוקט, ווי אויף אירן אַ שיצער. ווי אַריסטאָקראַטיש, טראָץ איר צוגעהעריקייט צום „בונד" און צו די יידישע מאַסן, זי האָט זיך ניט געהאַלטן שטענדיק, האָט זי זיך דאָך געפֿילט פֿרעמד אין דעם דאָזיקן נייעם קרייז, פֿון וועלכע פֿילע זיינען געווען קעגנער פֿון אידע און אויך מיינע אידעאַלן. אָבער זי האָט באַזעסן גענוג טאַקט. איבעריקנס, לייקענען האָט מען ניט געקענט, אַז צווישן די „הויכגעשטעלטע" אויפֿן באַנקעט זיינען געווען אויך פֿיל אינטערעסאַנטע און אייגענע. ווער רעדט פּרץ אַליין, מיט וועלכן זי איז אין אַ צייט אַרום באַפֿריינדעט געוואָרן — איז דאָך אי אינטערעסאַנט אי אַן אייגענער מענטש, אַ רעוואָלוציאָנער. און איך און אַפֿילו נאָמבערג זיינען אויך ניט געווען קיין פֿרעמדע.

איך האָב עספּירן פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אייניקע געסט, אַפֿילו פֿאַר נחום סאָקאָלאָוון, וועלכער האָט מיך שוין פּערזענלעך געקענט (איך בין שוין שיר ניט געווען אַ מיטאַרבעטער אין „הצפֿירה", ווי איך וועל שפּעטער דערציילן). נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען דעמאָלסט אין דעם כאַמע גלאַנץ פֿון זיין ליטעראַרישער און אויך ציוניסטישער קאַריערע, איז געווען דער טאָסטמייסטער. האָט ער זיך דווקא געהאַלטן זייער דעמאָקראַטיש, אַפֿילו מיט מיר זיך איבערגעוואָרפֿן מיט אַ פּאָר פֿריינדלעכע ווערטער... אמת, מיט די געהויבענע געסט האָב איך ניט גערעדט, הגם בערטאָלד פֿייוועל איז, לויטן אויסערלעכן אויסזען, מיר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן — אַ שיינער, שלאַנקער ברונעט, מיט אַ דייטשער צירלעך-מאַנירלעכקייט, אַ רויִק-שמייכלענדיקער. איך בין געווען צופֿרידן, וואָס איך דאַרף ניט ברעכן מיין צונג אויף דייטש. דאָס האָט שוין געטאָן פֿאַר מיר נחום סאָקאָלאָוו...

די מעניו איז געווען זייער אַ רייכע. אויך דאָס פֿלעשעלע וויין, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר יעדן גאַסט, איז געווען פֿון דעם בעסטן סאָרט — איז אַוודאי די שמחה געווען זייער גרויס. די צוויי

יידישע געסט פון דייטשלאַנד האָבן געזאָלט סימבאָליזירן די פאַראייניקונג פון דעם מערב־יידן מיט דעם מזרח־יידן, און אַוודאי איז די דאָזיקע פאַראייניקונג אויפן באַנקעט געלונגען אויפן העכסטן אופן. אין דעם זין זיינען געוועזן טאַקע די רעדעס פון סאָקאָלאָוו און אַפילו פון פרץ...

זיבנאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך ווער אַן אַגענט פאַרן „וואָסכאָד״. — מיין רייזע צוריק קיין ביאַליסטאָק אַלס אַגענט. — דער ביאַליסטאָקער באַנקיר און זיין זון. — מיין באַזוך אין קאָוונע. — מיין ערשטע איבערזעצטע דערציילונג אין „וואָסכאָד״. — מיין איבערזעצער, ד״ר א. מאַרקאָוו. — זיין באַגייסטערטער בריוו צו מיר. — פריילין לעאָנאָוואָ. — מיין ערשטע זומער-וואוינונג אין סווידער. — די שיינע יידיש-פוילישע פריילין. — מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. — איך זעץ איבער פון פויליש „איז אַוועק צום קריג דער מלך״. — די אָפּקלאַנגען אין דער פוילישער פרעסע.

איינע פון מיינע אינטערעסאַנטסטע און אפשר טיפסטע איבערלעבענישן אין יענער צייט האָב איך געהאַט, ווען איך האָב באַזוכט קאָוונע, שוין אַלס אַגענט פון „וואָסכאָד“.

„טויזנט און איין נאַכט“ צו דערציילן, ווי אַזוי איך בין בכלל געוואָרן אַן אַגענט פון דער דאָזיקער רוסיש-יידישער צייטשריפט.

פאַרשלייערט פאַר אַן אַגענט האָט מיך טאַקע אברהם קאָטיק, ווען איך בין געווען זיין אַרויסהעלפער אין ביאַליסטאָק און מיין אַרבעט האָט זיך שוין געענדיקט און איך האָב שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן צוריק קיין וואַרשע. אין יענער צייט האָט באַזוכט ביאַליסטאָק איינער פון די דעמאָלסטיקע (און אויך פון די היינטיקע) ראַדיקאַלערע כלל-טוער, דער יוריסט בראַמסאָן. ער איז אויך געווען איינער פון די אַרויסגעבער אָדער רעדאַקטאָרן פון „וואָסכאָד“. דער „וואָסכאָד“ האָט זיך דעמאָלסט מאַטעריעל געניטיקט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע צאָל נייע אַבאָנענטן צו אויפהאַלטן זיין עקסיסטענץ. אויך איז געווען נייטיק זיין צירקולאַציע צו פאַרגרעסערן צוליב אַגיטאַציע-צוועקן. גענוי וואָס דער „וואָסכאָד“ האָט דעמאָלט פּראָפּאַגאַנדירט, איז מיר ניט געווען קלאָר, איך האָב אים

אין יענער צייט ווייניק געלייענט. לויט זיין אינהאַלט איז דער „וואָסכאָד" געווען אַ ליבעראַלע וואָכנשריפֿט, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אָפֿט מיט שאַרפֿע אַרטיקלען קעגן דער רעגירונג און געפֿאָדערט מער רעכט פֿאַר יידן אין רוסלאַנד... אַ יידישער שרייבער און קעמפֿער פֿאַר יידיש, האָב איך טאַקע ניט געהאַלטן פֿון יידישע צייטונגען אין אַנדערע שפראַכן, הגם איך האָב געפֿילט די צייטווייליקע נויטווענדיקייט פֿון זיי. אויב אָבער די „בודושטשנאָסט", אַלס ציוניסטישע וואָכנשריפֿט אין רוסיש, איז מיר געווען אין אַ געוויסן זין דערווידער, איז דער „וואָסכאָד" מיט זיין ליבעראַלן און אָפֿט אויך ראַדיקאַלן טאָן מיר דאַן געווען פֿיל נעענטער. בפֿרט אַז די ערשטע רוסישע לידער פֿון פֿרוג האָב איך געלייענט נאָך אַלס יינגל אין קאָידענאָוו אין די ביכלעך פֿון „וואָסכאָד", וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער שטעטלשער ביבליאָטעק און שפעטער — אין מינסק, און אַפֿילו נאָך שפעטער — אין וואַרשע. אויך איז מיר טייער געווען דער „וואָסכאָד" צוליב די ערינערונגען וועגן די ערשטע רוסישע דערציילונגען, וואָס איך האָב דאָרט געלעזן יינגלוויז, פֿון בן-עמי. איינס פֿון יענע בן-עמיס דערציילונגען „דער בעל-תפֿילה" האָט אויך מיר געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק, וואָס איז נאָך ניט אָפגעווישט געוואָרן ביז היינטיקן טאָג.

דערזען מיט מיינע אויגן איינעם פֿון די פֿאָרשטייער פֿון „וואָסכאָד", כאָטש דער „וואָסכאָד" פֿון בראַמסאָן איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי דער אַמאָליקער פֿון לאַנדאָו, איז מיר די באַקאַנטשאַפֿט מיט אים געווען זייער איינגענעם; בראַמסאָן, אַליין אַ קאָוונער, מיט וועמעס ברודער ד״ר בראַמסאָן איך האָב טאַקע דאָרטן זיך באַקענט, ווען איך בין געווען אַ סאָלדאַט — אַ מאַן, וואָס האָט איינגעזאַפט דאָס שענסטע פֿון דער רוסישער קולטור, וואוינענדיק אין פעטערבורג אַ לאַנגע צייט — האָט זיך געהאַלטן מיט מיר דעמאָקראַטיש, הגם מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט. ווען אברהם קאָטיק האָט מיך, ביי אים אין הויז, פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ יונגן יידישן שרייבער, האָט בראַמסאָן אַ מורמל געטאָן, ווי ער האָט פֿלומרשט פֿון מיר שוין געהערט, כאָטש איך האָב דערין געצווייפֿלט. נאָך אַ קורצן געשפרעך וועגן „וואָסכאָדס" שווערער עק-

סיסטעניץ, איז אברהם קאָטיקן, וואָס איז שטענדיק פול געווען מיט פּלענער, פּלוצלונג איינגעפאַלן:

— רייזען, פאַרוואָס זאָלט איר ניט ווערן אַ פאָרשטייער פון „וואָסכאָד" און פאָרן איבער דער פּראָווינץ מאַכן אַבאָנענטן...

בראַמסאָן האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק, ווי ער וואָלט מיך באַטראַכט, צי וועל איך טויגן דערצו... און האָט אויך צוגעגעבן, אין רוסיש נאַטירלעך:

— זיכער, עס וואָלט געווען אַ וויכטיקע אַרבעט, אי פאַר אייך, אי פאַרן „וואָסכאָד"...

און דאָ האָט ער מיר שוין דערקלערט אי די לאַגע, אי די ריכטונג פון נייעם „וואָסכאָד"... די פראַגע וועגן יידיש דאַרף מיך ניט באַאומרויקן, ווייל דער „וואָסכאָד" אין זיין באַנייטן צוזאַמענשטעל איז ניט נאָר ניט קעגן יידיש, נאָר ער רופט זיך אָפּ זייער וואַרעם וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור... אַ באַווייז — די איבערזעצונגען פון פּרץ און שלום-עליכם אין „וואָסכאָד"...

איך האָב זיך געלאָזט איבעררייד ן און האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. דערווייל אָבער בין איך געפאָרן צוריק קיין וואַרשע...

ערשט ווען איך בין שוין געווען אין וואַרשע, זיינען מיר אין אַ מאָנאַט אַרום אָנגעקומען די פּאַפּירן מיט אַלערליי זיגלען און חתימות, אַוש פון פּעטערבורג, אַז איך ווער באַשטעטיקט אַלס אַ פאָרשטייער פון „וואָסכאָד" און איך בין באַרעכטיקט צו מאַכן אַבאָנענטן... אין קאָנווערט איז אויך געלעגן פופציק רובל אויף די ערשטע הוצאות...

אויסגעקליידט זיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַגענט, האָב איך אויסגעקליבן די ערשטע שטאָט פאַר מיין נייער טעטיקייט — טאַקע ווידער ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק, האָב איך געהאָפט, וועט מיר אברהם קאָטיק אַרויסהעלפן.

געקומען ווידער אין ביאַליסטאָק אין אָוונט, בין איך שוין פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, ווי אַ ריכטיקער אַגענט, געטרונקען טיי פון אַ סאַמאָוואַר, וואָס דער משרת האָט מיט גרויס דרך-ארץ מיר אַריינגעטראָגן און אוועקגעשטעלט אויפן טיש. דערזעענדיק אַ מאַ-

מאָוואַר פֿאַר מיר איינעם אַליין, האָב איך זיך אי דערשראָקן, אי געמוטיקט: הייסט עס דאָך, אַז איך זע טאַקע אויס, ווי אַן אַגענט... וועט מיר אפשר געלינגען עפּעס אויפֿצוטאָן פֿאַרן „וואָסכאָד” און אין איין וועג — אויך פֿאַר מיר אַליין. ווייל פֿאַר יעדן יעדלעכן אַבאָנענט, וואָס איך זאָל באַקומען, האָב איך געדאַרפֿט קריגן פֿופֿציק פּראָצענט — זעקס רובל...

דער אַבאָנעמענט־פּרייז פֿאַר אַ יאָר „וואָסכאָד” איז געווען דעמאָלסט גאַנצע צוועלף רובל...

אינדערפֿרי האָב איך ווידער געטרונקען טיי פֿון אַ סאַמאָוואַר און האָב זיך שוין געהאַלטן ניט ווי אַן אַגענט, נאָר ווי אַן אמתער סוחר, וואָס איז געקומען קיין ביאַליסטאָק מאַכן גרויסע געשעפֿטן...

אָפּגעגעסן פֿרישטיק אין האָטעל, בין איך אַוועק צו אברהם קאָטיק.

קאָטיק האָט מיך, ווי זיין שטייגער איז, זייער וואַרעם אויפֿגענומען, האָט מיך געמוטיקט צו מיין נייער טעטיקייט און מיר געהאָלפֿן צונויפֿשטעלן אַ צעטל, וואוהין צו גיין מאַכן אַבאָנענטן.

דער ערשטער קרבן האָט געזאָלט זיין דער באַנקיר ג..., ווייל ערשטנס, איז ער טאַקע אַ גרויסער גביר, צווייטנס—אַ יידישער מענטש, און דריטנס איז ער מיט בראַמסאָנען פֿערזענלעך באַקאַנט (בראַמסאָן איז נאָך געזעסן אין ביאַליסטאָק).

אַריינגעקומען צום באַנקיר אין קאַנטאָר מיטן פּאָרטפֿעל אונטערן אָרעם, אין אַ נייעם מאַנטל און אַ נייעם הוט, האָב איך אויסגעזען, קענטיק, טאַקע ווי אַ ריכטיקער אַגענט. עס איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס איך האָב געדאַרפֿט דאָך אַליין מעלדן די סחורה, וואָס איך פֿאַרקויף, און דאָס איז פֿאַר מיר געווען דאָס שווערסטע...

עס איז געווען אַ זייגער עלף אינדערפֿרי. אין קאָנטאָר זיינען קיין זייטיקע מענטשן ניט געווען, בלויז דער גביר אַליין, אַ שיינער אַלטער מאַן מיט אַ זילבערנעם קאָפּ האָר און מיט אַן איידעלן פּנים, און זיין זון, אַ הויכער יונגערמאַן, מיט אַ שאַרפֿן בליק און מוטיקן אויסזען...

— ווינאָוואַט... האָב איך אויסגערופן, ווענדנדיק זיך צום אַלטן — און אויסגעשאָסן, אין רוסיש נאַטירלעך, וועגן דעם ציל פון מיין באַזוך...

— טשטאָ, „וואָסכאָד"... האָט דער אַלטער זיך געמאַכט טאַמעוואַטע און באַלד מיר געהייסן ווענדן זיך מכוח אַזאַ ענין צום זון...

דער זון האָט מיך אומגעדולדיק אויסגעהערט און זיך טרוקן אָנגערופן:

— פאַר מיר איז גענוג די „נאָוואָסטי"... אויך אַ יידישע צייטונג...

האָט זיך שוין אָנגערופן דער פאָטער, ווי פאַרשולדיקט:

— דאַ, דאַ, מי פּאָלוטשאַיעם „נאָוואָסטי", יעזשעדניעוונאָ...
(דאָס הייסט: יאָ, יאָ, מיר באַקומען די „נאָוואָסטי" טעגלעך).

דערזען, אַז איך האַלט דאָ שמאָל, אַז זיי זיינען גאָר יוצא מיט דער „נאָוואָסטי", וואָס דער איינציקער יחוס אירער איז, וואָס נאָטאָוויטש, דער רעדאַקטאָר, איז אַ געוועזענער ייד און זי האָט אַמאָל אַ פאַרעווען אַרטיקל וועגן יידישער רעכטלאָזיקייט — האָב איך באַשלאָסן, אַז אַוועקגיין אַזוי מיט ליידיקע הענט טאָר איך שוין ניט... איך וואָלט דאָס אויסגעלייגט פאַר ניט מזלדיק, און עס וואָלט מיך אַנטמוטיקט צו גיין צו אַנדערע... דערצו האָט מיך שוין אויפגערעגט, וואָס אַ יידישער באַנקיר וויל יוצא זיין פאַר זיין יידישקייט מיט דער „נאָוואָסטי" אַליין... האָב איך זיך אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן מיט אַ כעס:

— טשטאָ זנאַטשיט „נאָוואָסטי"... — האָב איך מבטל געווען די „נאָוואָסטי" כעפּרא דאַרעא... אויב די „נאָוואָסטי" איז אַ יידישע צייטונג, קען מען שוין זאָגן, אַז די „נאָוואָיע וורעמיאַ" איז אויך ניט שלעכט...

דערהערט „נאָוואָיע וורעמיאַ", האָט דער אַלטער באַנקיר אַזש אַ ציטער געטאָן און דער זון איז געוואָרן שטאַרק בייז, זיך גענומען שיר ניט זידלען.

האָב איך באַשלאָסן, אַז „בלוט זאָל זיך גיסן" און אָן אַן אַבאָנעמענט וועל איך ניט אַוועק...

און איך האָב זיך צעבייזערט:

— די איינציקע צייטונג אין רוסיש, „וואָסכאָד“, וואָס פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן, מיט וועלכע מען רעכנט זיך אין סענאַט אַליין... אַזאַ צייטונג איז אַ פליכט, אַז זי זאָל געשטיצט ווערן פון אַזוינע יידן, ווי איר...

דערהערט סענאַט, איז דער אַלטער באַנקיר נאָך מילדער געוואָרן... דער זון אָבער האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי זיינס:

— ער האָט די „נאָוואָסטי“...

איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען בראַמסאָן... אויף דעם אַלטן באַנקיר, וואָס איז, קענטיק, אויך געווען אַ שטיקל כלל-טוער, האָט דער נאָמען געווירקט ווי אַ צויבער. ער האָט אַ שושקע געטאָן אין אויער דעם זון עפּעס. דער זון האָט זיך אַזש פאַרקרימט און וואַרפנדיק אויף מיר אַ בייזלעכן בליק, האָט ער אַרויסגעברומט:

— נו, כאַראַשאָ... נאַ פּאָלגאָדאַ... (נו, גוט, אויף אַ האַלב יאָר).

בין איך אַרויס ווידער מיט לשון — געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז פאַר צוועלף רובל באַקומט ער צוויי און פופציק נומערן און צוועלף ביכלעך אַלס ביילאַגע און אין די ביכלעך גייען ראָמאַנען אין פאָרזעצונגען... איז ראַט איך אים, ווי אַ פריינד, אַז ער זאָל ניט בלייבן אינמיטן ביי אַ פאָרזעצונג און דאַרפן אויסקוקן די אויגן אויף די איבעריקע ביכלעך...

דער זון האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן און דער פאָטער האָט אים אַ וואונק געטאָן.

— נו, כאַראַשאָ, נאַ גאָד, — האָט ער אַזש אַרויסגעקרעכצט...

איך האָב אינערלעך געשמייכלט פאַר גדולה... — הייסט עס, אַז איך טויג יאָ...

באַקומען צוועלף קנאַקעדיקע רובלס — ווי דער שטייגער פון אַ באַנק, דינען זיי מיר געווען טאָפּל טייער... אַריינגעלייגט אין טאַש, נאָכדעם ווי איך האָב אַרויסגעגעבן אַ קוויטאַנציע מיט אַלע פּליטערלעך, — האָב איך זיך גאַנץ געלאַסן, זאָל דער זון ניט מיינען, אַז איך האָב ניט געזען קיין צוועלף רובל, זיך אָפּגעזעגנט מיטן אַלטן באַנקיר, וועלכן איך האָב שיר ניט ליב באַ-

קומען פאַר זיין באַהאַלטענער גוטסקייט (איך אים בין קענטיק אויך געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט צו מיר געשמייכלט, ווי ער וואָלט געזאָגט: דו טויגסט!), דעם זון בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, בין איך אַרויס פון קאָנטאָר, ווי נאָך אַ גרויסן נצחון, אָבער דאָך מיט אַן אומאַיינגענעמען געפיל...

מיין גאַנצע ענערגיע און מיין ביסל העזה, וואָס איך האָב ביי אַ געוויסער אויפרעגונג געקענט באַקומען, האָט זיך אין דעם באַנקירס קאָנטאָר אינגאַנצן אויסגעשעפּט. פונדעסטוועגן האָט מיר נאָך אין פאַרלויף פון צוויי טעג זיין אין ביאַליסטאָק געלונגען צו „אַבאָנירן" אייניקע, ווייניקער רייכע, אָבער ווייכערע יידן, אמת, צו האַלב און צו פערטל יאָר... דער פערטליאָריקער אַבאָנענט איז געווען אַ ייד אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַלטן אַ קראָם פון שניט, ניט ווייט פון קאַטיקס וואוינונג. ער איז געווען אַ שטיקל באַקאַנטער מיינער, נאָך פון פריער, און, דאַכט זיך, אויך מיינער אַ לעזער. געוואָלט אַבאָנירן האָט ער דווקא אויף אַ האַלב יאָר, אָבער אין קראָם זיינען אין דער צייט קיין קונים ניט געווען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די געשעפטן זיינע זיינען זייער שלעכט, און אַ ייד איז ער געווען אַ וואוילער, אַ לעזער פון „יוד", און מיינער אַ שטיקל פאַרערער, האָב איך אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל אַבאָנירן בלויז אויף דריי מאָנאַט...

מיט אים האָב איך שוין גערעדט אויף יידיש און ער האָט מיר פאָטערלעך געמוסרט:

— זייט איך דאָך גאָר קיין מוחר ניט...

„געלייזט" אַרום און אַרום ביי אַ פופציק רובל, האָב איך, מורא האָבנדיק דאָס געלט צו האַלטן ביי זיך, עס גלייך אַוועקגעשיקט אין דער אַדמיניסטראַציע פון „וואָסכאָד". געוויזן דעם קוויטל פון פאָסט בראַמסאָנען און קאַטיקן, זיינען זיי ביידע געווען העכסט צופרידן פון מיין טעטיקייט און געהאָפט אויף גרויסע ערפאָלגן.

אָבער דערמיט האָט זיך אין ביאַליסטאָק מיין ערפאָלג געענדיקט, און איך האָב באַשלאָסן פאָרן קיין קאָוונע, זוכן דאָרטן מיין גליק און דאָס גליק פאַרן „וואָסכאָד"...

קומענדיק קיין קאָוונע — עס איז געווען אָנהייב ווינטער — בין איך פאַרפאָרן אין אַ האָטעל אויף דער לאַנגער גאַס. עס איז שוין געווען אָוונט. בין איך גלייך אַרויס אויפן גאַס, זוכן מיינע אַמאָליקע באַקאַנטע... סאָלדאַטן און ציווילע... דער 111טער דאָנער פאָלק, אין וועלכן איך האָב געדינט אַלס סאָלדאַט, איז שוין אין קאָוונע מער ניט געווען, ער איז שוין געווען אַרויסגעצויגן אין מאַריאַמפּאָל... פון מיינע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געטראָגן די היטלען מיט די ווייסע „אָקאָלאָשקעס", זיינען, הייסט עס, שוין אין קאָוונע קיין זכר ניט געווען, האָט דאָס מיך דווקא געאַרט. איך האָב זיך געלאָזט העכער צום „פּלאַץ=פּאַראַד", וואו אונזער מוזיקאַנטישע קאָמאַנדע איז אַמאָל געווען. דאָס הויז, וואו מיר זיינען „געשטאַנען", איז שוין געווען באַוואוינט פון ציווילע. איך בין אַריין אין הויף און געזוכט דאָרטן זיך אַליין... אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט האָט מיך אַרומגענומען...

אויך פון מיינע ציווילע פריינד האָב איך שוין קיינעם ניט געטראָפן, ניט דמיטרי צענזאָרן, ניט פּראָפּוסן (א. מ. דעווינישסקי— האָב איך געוואוסט — איז שוין געווען אין ווילנע), האָט דאָס נאָך מיין בענקשאַפט פאַרגרעסערט.

איך האָב זיך געלאָזט צוריק. איך בין אַריין אין שטאָטגאָרטן, וואו דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען... דער גאָרטן איז געווען ליער פון מענטשן, די ביימער אָן בלעטער האָבן מרה=שחורהדיק געגלאָצט אין פאַרוואָלקנטן הימל אַריין... די עסטראַדע, אויף וועלכער איך פלעג אַמאָל זיצן אין דעם אָרקעסטער און קנאַקן מיינע סאָלאָס אויף דעם מעשענעם באַריטאָן, — די עסטראַדע איז געווען ליער און געקוקט סומנע. אויך אין טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָטגאָרטן, האָט מען אין יענעם אָוונט ניט געשפּילט, און דאָס האָט מיין אומעט נאָך פאַרגרעסערט. איך האָב ניט געפונען קיין שפּור, קיין אָפּקלאַנג פון מיינע אָפּגעלעבטע דריי יאָר מיט אַכט מאָנאַטן... אומזיסט האָב איך זיי געזוכט...

ערשט אויף מאָרגן, אַז איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך באַגעגנט אַ פּאָר ניט גאָר נאָענטע באַקאַנטע, וואָס איך האָב געקענט אין די „סלוזשבע"=יאָרן. זיי האָבן מיך אין די ציווילע קליי=

דער ניט גלײַך דערקענט, האָבן זיך ווי געוואונדערט, וואָס איך בין ווידער דאָ, און האָבן זיך ענדלעך קאַלט געזעגנט...

פֿאַרנאַכט זײַנען דאָך מיך אין האָטעל געקומען באַזוכן אַ פּאָר אַנדערע, שוין נעענטערע באַקאַנטע, וועלכע האָבן פֿון די פֿרײַערדיקע זיך דערוואוסט, פֿון מײַן קומען קיין קאָוונע. די זײַנען שוין געווען מײַנע לעזער, און אַפֿילו פֿאַרערער, הגם רוסיש־רײדנדיקע אינטעליגענטן. אײנער פֿון זײ, גאָר אַ פֿרײַנדלעכער, האָט געוואָלט דערגײן דעם ציל פֿון מײַן קומען. האָב איך אים אַלס פֿאַרערער ניט געוואָלט אַנטוישן, אַז איך בין געקומען בלויז ווי אַן אַגענט פֿון רוסישן „וואָסכאָד“, און האָב אים דערצײלט, אַז פּשוט — איך האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך קאָוונע און בין אַהער געקומען בלויז אויף אַ טאָג... צוועלף אַ זײגער בײַנאַכט פֿאָר איך צוריק קיין וואַרשע.

און צוועלף אַ זײגער בין איך טאַקע אַוועקגעפֿאָרן צוריק, ניט אויסזאָגנדיק אַפֿילו דעם ציל פֿון מײַן קומען. איך האָב זיך בלויז געוואונדערט, ווי אַזוי האָב איך מיט אַ וואָך צוריק געהאַט דעם מוט צו מאַכן גאַנצע זעקס אַבאָנענטן פֿאַר אַ צײַטשריפֿט, וואָס איז מיר אין גרונד גענומען דאַן זײער ווייניק אָנגעגאַנגען.

קומענדיק צוריק אין וואַרשע, האָב איך זיך אַ לענגערע צײַט געפֿילט זינדיק קעגן „וואָסכאָד“. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָרט אין פּעטערבורג אין רעדאַקציע פֿון „וואָסכאָד“ רעדט מען נאָכאַנאַנד וועגן מיר און וועגן מײַן לײַכטזיניקײט... האָב געקראָגן פֿאָר אויס פּופֿציק רובל מיט באַשטעטיקונגען, אַז איך בין באַפֿולמעכטיקט צו מאַכן אַבאָנענטן, און אויסער די זעקס אַבאָנענטן, וועמעס געלט, אמת, איך האָב זײ פֿון ביאַליסטאָק אַרויסגעשיקט — אויסער דעם האָב איך זײ גאָרנישט געשיקט און אַפֿילו ניט געשריבן... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פּעטערבורג זוכט מיך אַרום... הגם איך האָב אויסגערעכנט, אַז צוגעלײגט צו מיר האָבן זײ ניט. זײ האָבן מיר געשיקט פּופֿציק רובל, האָב איך זײ אָפּגעשיקט צוריק אַזוי פֿיל. דאָך האָט מײַן פֿאַרטײדיקן זיך אַלײן — מיר ניט גרינגער געמאַכט מײַן זינד און האָב יעדן טאָג דערוואַרט צו באַשטראָפֿט ווערן, אויב ניט יורידיש, איז מאָראַליש...

אָבער אָנשטאָט צו באַשטראָפט ווערן בין איך גאָר באַלוינט געוואָרן, אויב ניט מאַטעריעל, איז מאָראַליש. דאָס ערשטע מאָל — מיט דער שוין דערמאָנטער פריינדלעכער רעצענזיע אין „וואָסכאָד“ פון ד״ר פרומין, און דאָס צווייטע מאָל — מיט פאַרעפנטלעכן אַ דערציילונג פון מיר, איבערזעצט פון ד״ר א. מאַרקאָוו...

דער דאָזיקער ד״ר א. מאַרקאָוו האָט מיך אַמאָל באַזוכט אין וואַרשע און נאָכדעם אויך אין ביאַליסטאָק. נאָכן באַקענען זיך מיט אים, האָט ער ביי מיר גענומען עטלעכע דערציילונגען, וואָס זיינען געווען געדרוקט נאָך פריער אין „יוד“ און „יודישער פאַמיליע“, וועלכע ער האָט געוואָלט איבערזעצן אין רוסיש, טאַקע פאַרן „וואָסכאָד“. מיר האָט זיך דעמאָלסט אַזאַ גליק ניט געגלויבט. איבערזעצט צו ווערן אין רוסיש האָבן דאַן בלויז זוכה געווען פרץ און שלום־עליכם... דאָס רוב טאַקע — פון זעלבן ד״ר א. מאַרקאָוו. און גראָד איז מיין דערציילונג געווען אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד“, אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב פאַרן „וואָסכאָד“ אַזוי מורא געהאַט און יעדן טאָג געוואַרט אויף אַ שטראָף...

איז די שמחה געווען אַ טאָפּלטע. ערשטנס — באַווייזט עס, אַז דער „וואָסכאָד“ האָט מיר שוין פאַרגעסן מיין ניט־פּינקטלעכקייט אַלס זיין אַגענט, און צווייטנס די זכיה אַליין צו ווערן איבערזעצט אין רוסיש...

איך בין דאַן געווען אין האַרצן טיף דאַנקבאַר דעם ד״ר א. מאַרקאָוו, איז שוין כדאַי געווען צו זאָגן אייניקע ווערטער וועגן אים, כאָטש ווערט איז ער אַ גאַנצן קאַפּיטל...

ווען איך האָב זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל באַקענט, איז ער געקומען קיין וואַרשע פון פּעטערבורג, וואו ער האָט שטענדיק געוווינט. ער איז געווען אַ העכסט אינטערעסאַנטער מענטש, אַ גרויסער פאַרערער פון טאָלסטאָי און ניט נאָר פון דעם קינסטלער טאָלסטאָי, נאָר אויך, און אפשר נאָך מער — פון טאָלסטאָי דעם מאָראַליסט. ער איז געווען טאַקע אַליין אַ טאָלסטאָיאַנער, ניט געגעסן קיין פלייש און בכלל געלעבט לויט טאָלסטאָיס לערן, הגם ער איז געווען אַ פריילעכער און לעבנסלוסטיקער מענטש און מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר.

די ערשטע דערציילונג מיינע, וואָס ער האָט איבערזעצט, איז געווען „דער שמעק טאַבאַק“. דאָס איז בכלל געווען די ערשטע דערציילונג, וואָס איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט אין „יוד“, און באַקאַנט געוואָרן דורך איר אַלס דערציילער... די צווייטע דערציילונג, וואָס האָט נאָכגעפֿאָלגט אין „וואָסכאָד“, איז שוין געווען פֿון אַ העכערן מין — „פֿאַרלוירן דאָס קול“. נאָכדעם איז געקומען „אויס בלאָטע“ און אַנדערע. דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַ טריומף. דערצו נאָך האָט דער איידעלער ד"ר א. מאַרקאָוו מיר געשריבן אַ באַגייסטערטן בריוו וועגן מיין דערציילונג „דער פֿאַרביטערטער“, וואָס איך האָב אים, שוין אויף זיין ביטע פֿון פּעטערבורג, אַליין אַרויסגעשיקט. זיין ענטפֿער האָט אַנטהאַלטן 12 בייגעלעך פּאָסט-פּאַפּיר. „ניט נאָר פֿאַר אייך — האָט ער צווישן אַנדערן געשריבן, אין רוסיש נאַטירלעך — נאָר אַפֿילו פֿאַר טאָלסטאָיען וואָלט עס געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ שעדעווער. און ער האָט זיך אַזעקגעלאָזט אין ליב-ווערטער, וואָס ווען איך וואָלט ניט געקענט אים, אַלס אַן אויפֿריכטיקן און שוין צו פֿיל ערלעכן — וואָלט איך זיך געפֿילט אַזש אומבאַקוועם.

דעם בריוו האָט זיך מיר געוואָלט, עס זאָל לייענען אויך פּרץ. ווייל פֿון אַ גרוס, וואָס איך האָב געהערט פֿון איינעם פֿון פּרצעס דעמאָלסטיקע באַזוכער, דווקא אַ העברעישן שרייבער, הגם ער האָט אויך געשריבן אין יידיש (יידיש בכלל האָט ער שטאַרק ליב געהאַט), מיטן נאָמען ישראל שאַף — לויט אַ גרוס, וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן, ווען די דערציילונג „דער פֿאַרביטערטער“ האָט זיך אָפּגעדרוקט אינעם „יוד“, האָט פּרץ ניט געוואָלט הערן זי פֿאַרלעזן טאַקע פֿון זעלבן ישראל שאַף... אויסגעהערט בלויז עטלעכע אָפּזאַצן און גלייך, לויט שאַף האָט מיר איבערגעגעבן, האָט פּרץ געזאָגט:

— גענוג...

און איך בין געווען זיכער, אַז שאַף זאָגט ניט קיין ליגן, הגם קיין גרויסער חסיד מיינער איז ער אַליין אויך ניט געווען...

האָט מיר דעמאָלסט פרעצעס באַציִונג שטאַרק פאַרדראָסן, הגם פון אַנדערע לעזער און אַפילו פון שרייבער־לעזער האָב איך, ווען די דערציילונג האָט זיך אָפגעדרוקט, געהערט גענוג גוטע מיינונגען, וואָס זאָלן מיך טרייסטן.

אָבער פרצן האָב איך ד״ר מאַרקאָווס בריוו ניט געוויזן און בכלל, אויסער נאָמבערגן, אים קיינעם ניט פאָרגעלייענט. עס איז מיר געווען גענוג, וואָס די דערציילונג האָט נאָכדעם זוכה געווען געדרוקט צו ווערן אין רוסיש אין אַ ספעציעלער זאַמלונג פון איבערזעצטע יידישע דערציילונגען. די דאָזיקע זאַמלונג האָט געהייסן: „יעווריעסקאַיאַ זשיזן“ און דער „וואָסכאָד“ האָט עס געגעבן אַלס פרעמיע צו זיינע אַבאָנענטן.

האָב איך שוין לחלוטין פאַרגעסן אין די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען בלויז ניט קיין געלונגענער אַגענט פאַרן „וואָסכאָד“ און בין דערפאַר דערהויבן געוואָרן שיר ניט ביז אַ באַצאָלטן מיטאַרבעטער אין „וואָסכאָד“, ווייל דער איידעלער ד״ר א. מאַרקאָוו האָט זיך מיט דעם קליינעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט באַקומען פאַר מיינע איבערזעצטע דערציילונגען, זיך געטיילט מיט מיר שיר ניט מיט אַ גלייכן טייל. דעם דאָזיקן טייל פלעגט ער איבערשיקן צו אַ פריילין לעאָנאָוואַ, אַ קורסיסטקע אין וואַרשע, וועלכע איז געווען זיינע אַ כלה. אַזוי האָט ער זי טאַקע, ווען ער איז געווען אין וואַרשע, זי אָנגערופן פאַר מיר. די דאָזיקע לעאָנאָוואַ האָט אַליין יידיש ניט געקאָנט לייענען, איך צווייפל, צי האָט זי געקענט ריידן, דערפאַר איז איר געווען נאָך מער אינטערעסאַנט מיין קומען צו איר אין צימער, וואו זי, אַ רוסיש־דערצויגענע, האָט געקאָנט זיך באַקענען מיט אַ יידישן שרייבער, וואָס דאָס איז געווען קענטיק פאַר איר זייער טשיקאַווע. זי האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און העפלעכקייט און זייער שטאַרק געלויבט מיינע דערציילונגען אין „וואָסכאָד“, וואָס דער ד״ר מאַרקאָוו שיקט איר צו פון פעטערבורג.

דאָך בין איך ניט געוואָרן צו־שטאָלץ, חלילה. גראָד אין דער זעלבער צייט האָב איך איבערזעצט אַ ליד פון פויליש פון דער דיכטערין מאַריאַ קאָנאָפניצקאַ און דווקא אַלס איבערזעצער בין

איך שיר ניט באַרימט געוואָרן אין דער פּוילישער פּרעסע. ס'איז געווען אין זומער 1902. עס איז שוין דעמאָלסט ערשינען די פריער דערמאָנטע „יודישע פאָלקסצייטונג“. אויך „די יודישע פאַמיליע“ איז נאָך מאָנאַטלעך ערשינען. געדרוקט זיך האָב איך זיך אין די אַלע צייטשריפטן און אויף אַזאַ אופן זיך שוין געקענט דערלויבן צו וואוינען אויף אַ זומער-וואוינונג אין סווידער, בײַ אַ צוואַנציק ווערסט פון וואַרשע און צוויי ווערסט פון אָטוואָצק, וואו פרץ האָט דאַן געוואוינט זומער.

געדונגען אַ צימער צוזאַמען מיט נאָמבערגן בײַ אַ ליטווישער פאַמיליע גאָרדאָן, וואָס זיי אַליין האָבן די וואוינונג געהאַלטן בשותּפות מיט אַ יידיש-פּוילישער פאַמיליע, אָבער אויך שוין די פּוילישע פאַמיליע זיינען געווען שטיקלעך דייטשן — האָבן מיר זיך געפילט אין דער וואוינונג גאַנץ געמיטלעך. דער צימער איז געווען גענוג גראַם, דערצו איז אויך געווען אַ טיש אונטער אַ בוים, ניט ווייט פון דער וואוינונג, אונטערן פרייען הימל... אַזוי אַז נאָר שטימונג — פּלאַץ צו שרייבן איז שוין געווען איבערגענוג. אין דער דאָזיקער זומער-וואוינונג האָב איך טאַקע געשריבן בערך פאַר יענער צייט זייער פיל און איבערהויפּט זאַכן, וואָס האָבן געמאַכט אין יענער צייט אַ רושם ניט נאָר צווישן די לעזער, נאָר אַפילו צווישן מיינע קאָלעגן... אַזוי האָב איך אין די ערשטע פאָר מאָנאַט אין סווידער אָנגעשריבן מיינע דערציילונגען: „דער בוים“, „יאָזעף אין דער יידישער גאַס“, „די פאַבריק“ און אַ ריי לידער. און עס איז נאָך געבליבן גענוג צייט צו „פלירטעווען“ מיט די שיינע טעכטער פון דעם ליטווישן באַלעבאָס, די גאָרדאָנס, און מיט אַ שוועגערין פון דעם פּוילישן באַלעבאָס, אַ וואונדערלעכע שיינהייט, אַ בלאָנדע, וואָס מיט אירע האָר אויפן קאָפּ, פאַרפלאָכטן אין צעפּ און אַרומגעדרייט זיי אַרום און אַרום אויפן קאָפּ, האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונגע קעניגין אין אַ קרוין. די דאָזיקע „פּויליש-יידישע שיינהייט“ איז געווען אַ גרויסע פאַרערערין פון דער פּוילישער ליטעראַטור. יידיש האָט זי ניט נאָר ניט געלייענט, נאָר אַפילו שוואַך גערעדט. האָב איך איר געוואָלט מאַכן פאַר אַ יידישער לעזערין און זי מיך פאַר אַ פּוילישן. זענדיק זי איינמאָל, זיצנדיק בײַם טיש, אונטערן בוים,

מיט אַ ביכעלע לידער אין אַ שיינעם באַנד, מיט אַ גאָלדשניט, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט. עס איז געווען אַ בענדל פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקעס לידער. דער נאָמען פון דער דיכטערין איז מיר שוין געווען באַקאַנט פון אירע אייניקע דערציילונגען אין רוסיש און אויך אין יידיש, וואָס פרץ האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע פריערדיקע אויסגאַבן. איר דערציילונג „רויך“, טאַקע אין פרצעס איבערזעצונג, איז אויך געווען געדרוקט אין מיין זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט“, ווי איך האָב, דאַכט זיך, שוין פריער דערציילט.

האָב איך אויסגעדריקט פאַר דער פריילין מיין באַדויערן, וואָס איך פאַרשטיי ווייניק פויליש... „ווייניק“ איז בלויז געזאָגט פון איידלקייט וועגן, ניט צופיל צו מצער זיין די יידישע מיידל, וואָס איז געווען אַ גרויסע פאַטריאָטקע פון פויליש בכלל און פון דער פוילישער ליטעראַטור בפרט.

האָט זי גענומען אָנטייל אין מיין „לאַגע“ און האָט מיר געפרוווט פאָרלעזן אַ פאָר לידער. דער קלאַנג אַליין האָט מיך אַנטציקט. די וואונדערלעכע פערזן פון דער גרויסער פוילישער דיכטערין האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אין אַ וועלט פון שיינקייט און מוזיק, הגם די מאָטיוון, ווי ווייט איך האָב געקענט אויסכאַפּן, זיינען געווען דווקא ערדישע, פון לעבן פון די אָרעמע פוילישע פויערים און שטאָטישע אַרבעטער.

אָבער פון איין ליד בין איך אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פון קלאַנג אַליין (אייניקע שטעלן האָב איך אויך פאַרשטאַנען), אַז איך האָב אַרויסגענומען דאָס ביכעלע פון דער פריילינס האַנט און זיך אָפּגערופן:

— דאָס ליד וועל איך פרווון איבערזעצן.

איר ליכטיק פנים איז פאַר צופרידנהייט, וואָס איך נעם זיך אונטער איבערצוזעצן פון פויליש אין יידיש, נאָך ליכטיקער געוואָרן, אירע שיינע בלויע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעשטראַלט...

— פעוונאָ... ניעך פאַן טלאָמאַטשי... יאַ פאַנו פאָמאָגען.

די ערשטע שורה, האָב איך איר געטייטשט, פאַרשטיי איך אַליין:

אַ יאַק פּאָשעד קרול נאַ וואָינען... הייסט עס: איז אַוועק צום קריג דער מלך...

אָבער די צווייטע — כּורני בראָינען... וואָס באַטייט עס?...
האָט שוין איר שוואָגער מיר דערקלערט...

אַ פּאָר ציילן האָט מיר דערקלערט די חנעווודיקע פריילין גאָרדאָן, וואָס האָט אין וואַרשעווער גימנאַזיע אויך פּויליש געלערנט... מיט איין וואָרט, עס האָבן זיך געפונען גוטע מענטשן, וואָס האָבן מיך אַרויסגעהאָלפן. און אַ ביסל איז מיר שוין די פּוילישע שפּראַך געוועזן באַקאַנט, פון הערן אַליין. קורץ, דאָס ליד האָב איך איבערזעצט, איבערגעשריבן אויף ריין און עס גלייך פאַר די צוויי פאַמיליעס, די ליטווישע און פּוילישע און איבערהויפּט פאַר דער יידיש־פּוילישער שיינהייט — פאָרגעלייענט:

איז אַוועק צום קריג דער מלך,
בלאָזן אַלע שופרות פריילעך...
שופרות בלאָזן, רוישן, ברומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען...

דאָס שיינע, בלאָנדע מיידל איז געוואָרן שטאַרק פאַרוואונדערט, ווי אַ נס וואָלט געשען. זי האָט ניט געקאָנט גלויבן, אַז אין יידיש זאָל אַרויסקומען דער זעלבער קלאַנג ווי אין פּויליש.

דער שוואָגער, דער פּויליש־יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט באַזעסן אַ געווויסע מאָס אינטעליגענץ און איז געווען שוין יידיש־נאַציאָנאַל געשטימט, האָט אַפילו געוואָלט האָבן, אַז אין יידיש קלינגט עס נאָך שענער ווי אין פּויליש.

נאָר דאָס האָב איך שוין, אויס באַשיידנקייט, אַליין ניט צוגעגעבן...

אַזוי צי אַזוי — די שיינע פריילין איז גאָר געווען באַגייסטערט, אַ גאַנצן טאָג איז זי אומגעגאַנגען ווי אַ יום־טובדיקע, ווער רעדט, אַז איך האָב איר נאָך צוגעזאָגט דאָס „ליד" אָפּדרוקן אין „יוד", האָט זי מיר מיט דאַנקבאַרע בליקן אויסגעדריקט איר אָנערקענונג.

צום גליק האָט ד״ר יוסף לוריע, דער רעדאַקטאָר פון „יוד", דאָס ליד גלייך אַוועקגעשיקט אין קראָקע, וואו „דער יוד" האָט זיך

געדרוקט, און אין אַ וואָך אַרום איז דער נומער „יוד“ מיט דעם ליד שוין געווען אין סווידער... די שיינע, בלאָנדע פריילין האָט עס געפּרוווט מיט אַ פרומער מינע לייענען און זיך שוין „דערשלאָגן“ צו איבערלייענען אַ פאָר ווערטער... „איז אַוועק צום קריג“... דאָס וואָרט דער מלך איז שוין פאַר איר צו שווער געווען און דער שוואָגער האָט איר שוין געמוזט קומען צו הילף.

זי האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך לערנען לייענען יידיש...

צי האָט זי איר וואָרט געהאַלטן, ווייס איך עד=היום ניט...

אין אַ פאָר וואָכן אַרום האָט מען מיר אָנגעזאָגט די שמחה, אַז דער „קוריער פּאָראַנני“, אַ פוילישע טעגלעכע צייטונג, האָט אָנגעזאָגט מיט שטאָלץ אירע לעזער, אַז דער באַוואוסטער „זשאַרגאָנאָווי“ פאָעט אברהם רייזען האָט איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט אין „יוד“ קאָנאָפּניצקעס באַרימטע ליד „איז אַוועק צום קריג דער מלך“. די דאָזיקע ליטעראַרישע נאָטיץ איז, ווי מען האָט מיר נאָכדעם דערציילט, געווען אין נאָך אַ פוילישער צייטונג.

אין אַמאָליקע יאָרן אַ נאָטיץ אין אַ פוילישער צייטונג וועגן אַ יידישן שרייבער איז געווען אַ זעלטענע געשעעניש, און עס האָט מיר אין יענער צייט געגעבן פרעסטיזש ביי די פאָר אַסימילירטע „פוילישע יידן“, מיט וועלכע איך פלעג זיך, צוליב פרצן, ניט זעלטן טרעפן. איינער פון זיי איז געווען שלמה גראָסגליק, דער שעף פון דער יידישער גמינע, פרצעס אוממיטלבאַרער „נאַטשאַלניק“, און דער צווייטער, אַדוואָקאַט קאָן, וועלכער איז געווען דער קאַסיר פון דעם יידישן ליטעראַרישן פאָנד, וואָס איז דעמאָלסט געגרינדעט געוואָרן פון די הכנסות פון די שרייבער=בעלער, וואָס דאָס איז אויך געווען ניט קיין קליינער אַמט אין יענער צייט...

אַכטאונצוואַנציקסטער קאַפיטל

אַמעריקאַנער טריומפן. — יעקב דינעזאָן און זעווין פון „די יידישע גאַזעטען“. — מיין ערשטער אינדירעקטער האָנאָראַר פון אַמעריקע. — די ערשטע קריטיק וועגן מיין דערציילונג „שטילע טריט“ פון אַב. קאַהאַן. — דער שטאַרקער איינדרוק. — איך ווער אַ קאָרעספאָנדענט פאַר „די יידישע גאַזעטען“. — די ערשטע פינפאונצוואַנציק דאָלאַר. — מיין פרייד. — איך פאָר קיין מינסק אויף פסח ווי אַ פראַנט. — יוסף בריל (איו״ב ממינסק). — מיין פאָטער אַלס סוחר אין מינסק. — מיינע דריי דערציילונגען אין איין טאָג. — פרץ אַלס רעדאַקטאָר פון „יוד“ אויף איין וואָך. — די געענדערטע דערציילונג. — „אַ זומער־מאַנטל“. — „דער הונט“. — פרצ׳ס מיינונג וועגן דער דערציילונג.

נאָך די אַלע ערפאָלגן, וואָס איך האָב געהאַט, ווערנדיק איבערזעצט אין „וואָסכאָד“ און אַפילו אין „בודושטשנאָסט“ און נאָך דעם באַגייסטערטן בריוו פון ד״ר א. מאַרקאָוו, דעם הויפט=איבערזעצער פון מיינע דערציילונגען אויף רוסיש, — איז צוגעקומען נאָך אַ דערמוטיקונג און אַזש פון אַמעריקע. אין אַ בריוו פון אַמעריקע, וואָס איך האָב באַקומען אין זעלבן זומער, 1902 — און אפשר מיט אַ זומער פריער האָט עס פאַסירט — פון מיין קאָוונער „מעצענאַט“ קלעבאַנאָוו, וועלכער איז שוין געווען אין אַמעריקע פון 1897, און וועמען איך האָב שטענדיק דערמאָנט צו גוטן פאַר מיינע נאָענטע און אַפילו אַ צייט אָפגעהיט זיינע ערשטע בריוו, וואָס ער האָט מיר געשיקט פון אַמעריקע, אַגב=אורחא זייער אינטערעסאַנטע — אין אַן אינטערעסאַנטן בריוו פון אים קיין וואַרשע האָט ער מיר געשריבן, אַז עס פרייט אים זייער, וואָס די האָפענונגען, וואָס ער האָט אויף מיר געלייגט, נאָך זייענדיק אין קאָוונע, ווען איך בין געווען אַ סאָלדאַט, און נאָכדעם אַ מוזיקאַנט אין 111טן דאָנער פאָלק — האָבן זיך פאַרווירקלעכט. ער לייענט, הייסט עס, אַלץ, וואָס איך שרייב אין אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, וועלכע דרוקט

איבֿער מיינע דערציילונגען און לידער. און ער זאָגט מיר לסוף צו צו מאַכן מיר אַ סורפּריז....

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבֿ איך באַקומען אין אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט צוויי אויסשניטן פֿון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג. דאָס זיינען געווען צוויי „קריטיקן" וועגן מיינע צוויי דערציילונגען: די ערשטע — אַ קריטיק וועגן מיין דערציילונג „שטילע טריט" און די צווייטע — וועגן „גמילות חסד". דער נאָמען פֿון קריטיקער איז געווען אבֿ. קאַהאַן.

אבֿ. קאַהאַן איז נאָך פֿאַר מיר אַלס שרייבער דאַן געווען אַן אומבאַקאַנטער נאָמען. עפּעס האָבֿ איך יאָ געהערט פֿון אַ סאָציאַליסט א. קאַהאַן. מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער איז אַ גרויסער רעדנער און ריידן רעדט ער נאָר אויפֿן גאַס. שטעלט זיך אַרויף אויף אַ וואָגן — אַזוי איז געגאַנגען די לעגענדע — און הייבט אָן ריידן. און באַלד פֿאַרזאַמלען זיך שוין אַרום אים די אַרבעטער, די גרינע יידן, יונג און אַלט, און אויף אַזאַן אופֿן באַקערט ער זיי, מיט זיינע פּשוטע רייד, צום סאָציאַליזם... און אַזוי ווי אַמעריקע איז אַ פֿריי לאַנד, מעג ער עס טאָן פֿראַנק און פֿריי. וואו האָבֿ איך די דאָזיקע לעגענדע געהערט — און אפשר איז דאָס ניט קיין לעגענדע געווען — געדענק איך ניט. מעגלעך, אַז ביי יעקבֿ דינעזאָן אין צימערל, וואוהין איך פֿלעג זיך אַריינכאַפּן זייער אָפֿט, און דער ליבער דינעזאָן פֿלעגט פֿאַר אונז דערציילן אַלערליי מעשׂות, וואָס עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן.

אָבער פֿון דעם טאָן פֿון די קריטיקן, כאָטש זיי זיינען געווען געשריבן זייער פּאָפּולער, אַז יעדער זאָל פֿאַרשטיין, האָבֿ איך געמערקט, אַז דער אבֿ. קאַהאַן איז דווקא אַ ליטעראַריש־דערצויגענער מענטש, און אויבֿ דער סטיל פֿון די אַרטיקלען איז ניט אומעטום געווען צו שטאַרק ליטעראַריש, זיינען אָבער די מיינונגען געווען גאַנץ ניי אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט פֿון „רעאַליזם" נאָך דעמאָלסט ווייניק וואָס געוואוסט. אַפֿילו בעל־מחשבֿות האָט נאָך דאַן מער געשריבן סתּם אַרטיקלען ווי קריטיק, און אויבֿ קריטיק, איז דאָס געווען מער וועגן פּאָעזיע, ווי למשל, אַ רעצענזיע וועגן מ. וואַרשאַווסקיס לידער, וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן, און אַפֿילו

אין זײַנע אַרטיקלען װעגן מענדעלע מוכר=ספֿרים, װאָס אין זײ האָט ער זיך שױן אַנטפּלעקט אַלס דער צוקונפֿטיקער גרױסער קריטיקער, האָט ער נאָך אַלץ מער גערעדט װעגן יידישן לעבן, װי װעגן מענדעלעס רעאַליזם און קונסט בכלל, הגם די דאָזיקע ערשטע גרױסע אָפּהאַנדלונג פֿון בעל=מחשבֿות װעגן מענדעלע מוכר=ספֿרים איז אין און פֿאַר זיך אַ װיכטיקע ליטעראַרישע דערגרייכונג.

די מעלה פֿון אַב. קאַהאַנס קריטיק איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, װאָס באַטראַכט מײַנע דערציילונגען האָט ער ניט פֿון יידישן, נאָר פֿון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. דאָס האָט מיך גליקלעך איבערראַשט. דערמיט האָט ער מיר שטאַרק צוגעטראָפֿן... „רייזען — האָט ער צװישן אַנדערן געשריבן — װײַזט אין דער דערציילונג „גמילת חסד“, אַז ער איז אַ מבֿין אויף מענטשן... בכלל האָט ער די דערציילונג זייער שטאַרק געלויבט. װעגן דער דערציילונג „שטילע טריט“, װעלכע ער האָט אין יענער צייט שטאַרק באַרימט געמאַכט צװישן די יידישע לעזער אין אַמעריקע — װי איך האָב שוין דערפֿאַרן מיט יאָרן שפּעטער — װעגן „שטילע טריט“ האָט ער שוין געשריבן מיט הויכער באַגייסטערונג. איבערהויפּט האָט ער באַװאונדערט דעם אײַנפֿאַל אַליין. „אַזױנע טעמען — האָט ער געקנעלט מיט זײַנע דעמאָלטיקע גרינע און אפֿשר שוין אויך געלע לעזער — אַזױנע טעמען קענען אַבי' װעמען ניט אײַנפֿאַלן. מען מוז האָבן אַ גרױסע „אײַנבילדונגס=קראַפֿט“ (אַ באַגריף, װאָס קאַהאַן נוצט נאָך עד=היום — אָנשטאָט פֿאַנטאַזיע...). אמת, אין דער דערציילונג „שטילע טריט“ האָט ער געפֿונען אויך פֿעלערן. איבערהויפּט איז אים ניט געפֿעלן געװאָרן, װאָס איך לאַך צופֿיל פֿון דעם העלד, אַזוי אַז אָנשטאָט הומאָר באַקומט זיך דער אײַנדרוק פֿון חוזק מאַכן, פֿון אויסלאַכן... די באַמערקונג קאַהאַנס האָט מיר שוין אַ ביסעלע װײ געטאָן און נאָך מער דערפֿאַר, װאָס איך האָב געפֿילט, אַז זי איז געװען ניט גאָר אומגערעכט. די דערציילונג „שטילע טריט“, ניט געקוקט װאָס די טעמע איז װירקלעך מיר אַליין שטאַרק געפֿעלן געװען און האָט מיר בײַם שרײַבן שטאַרק פֿאַרפֿירט — איז געװען אָנגעשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט צו בחפֿזונדיק, הגם אַ רושם האָט זי געמאַכט גאָר אַ שטאַרקן...

שפּעטער בין איך שוין ניט געווען קיין בן־יחיד, וועמען מען שרייבט קריטיק אין אַמעריקאַנער צייטונגען. אויך שלום אַשס דערציילונגען און נאָמבערגס האָט דער „פֿאָרווערטס“ איבערגעדרוקט און אַב. קאַהאַן האָט געשריבן וועגן זיי באַגייסטערטע אַרטיקלען. ווער רעדט אַש האָט שוין די לאַגע אויסגענוצט און אַליין גענומען שרייבן פֿאַרן „פֿאָרווערטס“ און באַקומען אַפֿילו האָנאָראַר.

אָבער איך בין געווען דאַן דער ערשטער, וואָס האָט זוכה געווען צו דעם כּבוד, ווייל ניט זייענדיק באַקאַנט, קיינער פֿון אונז, מיט דעם אינהאַלט פֿון יענעם „פֿאָרווערטס“, האָבן מיר אַלע, לויט די פּאָר „קריטיקן“ פֿון אַב. קאַהאַן, זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז די אַמעריקאַנער צייטונג — מיר האָבן אַפֿילו ניט רעכט געוואוסט איר נאָמען — איז אַוודאי איינע פֿון די שענסטע ערשיינונגען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און הלוואי וואָלטן מיר דאָ — אין וואַרשע הייסט עס — קענען זיך פֿאַרגינען צו גרינדן אַזאַ מין צייטונג, וואו מען שרייבט קריטיקן ניט נאָר וועגן ביכער, נאָר וועגן אַן איינצלנער דערציילונג פֿון אַ יונגן שרייבער...

קיין האָנאָראַר, נאַטירלעך, האָב איך פֿאַר די דערציילונגען, וואָס דער „פֿאָרווערטס“ האָט פֿון מיר שוין נאָכאַנאַנד איבערגעדרוקט, ניט באַקומען. אַליין שיקן מיינע דערציילונגען האָב איך ערשט אָנגעהויבן מיט יאָרן שפּעטער, פֿון קראָקע. אָבער ווער האָט דאַן פֿאַרלאַנגט האָנאָראַר? מיט די פּאָר „קריטיקן“, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געשריבן וועגן מיר, האָט ער מיך שוין דאַן גענוג באַלוינט. אין יידיש זיינען זיי דאַן געווען די ערשטע קריטיקן וועגן מיר בכלל...

איבעריקנס, האָנאָראַר פֿון אַמעריקע האָב איך יאָ אין יענער צייט באַקומען. דאָס איז נאָך געווען פֿון „די יידישע גאַזעטען“. אויך „זיי“ האָבן נאָך מיט אַ יאָר פֿריער איבערגעדרוקט אייניקע לידער פֿון מיר, פֿון זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט“, און האָבן מיר אַריינגעשיקט אויף יעקב דינעזאָנס אַדרעס גאַנצע פֿינף דאָלער... עס זאָל ניט הייסן, אַז זיי פֿאַרלאַנגען, חלילה, אומזיסט. בין איך אַוודאי געווען צופֿרידן. די אַמעריקאַנער צייטונגען זיינען געווען פֿאַרבאָטן אין רוסלאַנד, אַפֿילו אַזאַ כּשרע צייטונג, ווי „די

יידישע גאַזעטען" פון סאַראַזאָן, האָב איך מיינע לידער איבערגעדרוקטערהייט קיינמאָל ניט אָנגעזען, כאָטש איך האָב דאַן שטאַרק געוואָלט זען, ווי זעען זיי אויס. יעקב דינעזאָן האָט מיר אָבער דערקלערט, אַז „די יידישע גאַזעטען" איז אַן אָנשטענדיקע צייטונג און מיט איר הויפּט־מיטאַרבעטער, ישראל זעווין, שרייבט ער זיך אָפּט דורך מיט בריוו... איז ביי מיר געווען נאָך מער אָנגעלייגט. און איינמאָל האָט מיר יעקב דינעזאָן געוויזן אַ בריוו פון „די יידישע גאַזעטען", וואו מען לייגט מיר פאָר, אַז איך זאָל ווערן זייער קאָרעספּאָנדענט פון וואַרשע, איך זאָל שיקן צוויי „בריוו" אַ מאָנאַט, און מיין האָנאָראַר וועט זיין צען דאָלער... אַוודאי האָב איך זיך אונטערגענומען. איך האָב נאָר פאַרלאַנגט אַן אַוואַנס פון פינף און צוואַנציק דאָלער. דער „בריוו פון וואַרשע" איז זיי, קענטיק, געפעלן געוואָרן, ווייל „זיי" האָבן מיר גלייך, אויף יעקב דינעזאָנס אַדרעס אַרויסגעשיקט די פאַרלאַנגטע סומע און האָבן געפאָדערט נאָך מאַטעריאַל. האָב איך געשריבן נאָך אַ „קאָרעספּאָנדענץ", וואָס האָט מיר שוין באמת געלונגען... דינעזאָן אַליין, וועלכער האָט זי איבערגעלייענט ביים אַוועקשיקן זי — ער אַליין האָט עס טאַקע אַוועקגעשיקט, שוין מיט זיינע מאַרקעס — האָט טאַקע עס געלויבט. אין יענער „קאָרעספּאָנדענץ" האָב איך אין בעלעטריסטישער פאָרם געשילדערט די שווערע לאַגע פון די יונגע בחורים, וואָס ציען זיך פון דער פּראָווינץ אין וואַרשע, זוכנדיק דאָרט גליקן, און ווערן אַנטטוישט נאָך די ערשטע עטלעכע מאָנאַטן.

מיט די צוויי בריוו האָט זיך געענדיקט מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „די יידישע גאַזעטען". קיין קאָרעספּאָנדענט ווערן אויף אַן אמת האָב איך ניט געהאַט קיין חשק און דערצו איז דער אויסוואַל פון די טעמעס פאַר די „וואַרשעווער בריוו" געווען אַ באַגרעניצטער. „די יידישע גאַזעטען" האָבן געפאָדערט צו יידישלעכן שטאָף און איך האָב אַזוינס אי ניט געפונען, אי ניט געזוכט. נאָר אָנשטאָט „בריוו" האָב איך זיי אַרויסגעשיקט אַ פּאָר דערציילונגען...

די פופציק רובל, וואָס דינעזאָן האָט מיר איבערגעגעבן, איז מיר שטאַרק צונויץ געקומען. עס איז געווען אַרום ערב־פּסח... עס האָט געצויגן צו פאָרן אַהיים, קיין מינסק. האָב איך פון דעם געלט

זיך געקויפט אַ נייעם אָנצוג, אַ הוט און אַ זומער־מאַנטל און ווען כ'בין געקומען צו דינעזאָנען, האָט ער פון מיר גאָר אָנגעקוואָלן:

— אַ שיינער יונגערמאַן, — האָט ער מיך באַוואונדערט און גענומען באַטראַכטן דעם הוט, דעם מאַנטל און דעם אָנצוג, געפרעגט אויפן פרייז פון יעדער זאַך באַזונדער, געטאַפט די „וואַרע“ פון אָנצוג, פון מאַנטל, פון הוט, געוואָלט אויסגעפינען, צי האָבן מיך, חלילה, די וואַרשעווער קרעמער ניט אָפגענאַרט...

געקומען קיין מינסק, האָב איך דעם פסח פאַרבראַכט גאָר פריילעך. פון מיינע אייגענע ערפאָלגן האָט שוין מיין פאָטער געוואוסט און ער האָט געקוקט אויף מיר מיט גרויסער פאָטערלעכער ליבע, אויך מיט דרך־ארץ. האָט מיר דערציילט, אַז איו״ב ממינסק, אַ דעמאָלסט באַוואוסטער העברעיִשער שרייבער, מיט וועלכן ער איז שטאַרק באַפריינדעט, וויל זיך מיט מיר באַקענען, אָפגעלויבט איו״ב ממינסק אַלס גוטן מענטשן. האָב איך דעם טאַטן אַוודאי ניט אָפגעזאָגט צו גיין מיט אים צו איו״בן. איו״בס שירים און איבערהויפט די סאַטירישע פאַראָדיען אויפן מדרש האָב איך נאָך יינגלווייז געלייענט מיט גרויס אַנטציקונג, בפרט זיין באַרימט ווערק „מדרש סופרים“, וואו ער האָט געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון די אַמאָליקע אָרעמע העברעיִשע שרייבער...

איו״ב ממינסק — מיטן אמתן נאָמען יוסף בריל — אַ ציכטיקער אַלטער מאַן, פון נידעריקן וואוקס, מיט אַ שטענדיקן ליבלעכן שמייכל, וואָס האָט געגרענעצט זיך מיט איראָניע, האָט שיר ניט געהאַלטן פאַר אַ זכיה, וואָס איך אַ יונגער און אַ יידישער שרייבער בין געקומען אים באַזוכן... דאָס האָט מיך טיף גערירט און איך האָב, פאַרקערט, אים אויסגעדריקט מיין פרייד, וואָס איך האָב דעם כבוד צו זען איינעם פון די באַרימטסטע העברעיִשע שרייבער. און ווירקלעך האָט דער דאָזיקער שוין דאַן באַלד פאַרגעסענער יוסף בריל געמאַכט אַ וואונדערלעכן איינדרוק מיט זיין באַהאַלטענער דערשלאָגנקייט און אמתער עניוות. זיין קאָנקורענט בי אַלס העברעיִשער לערער אין די גבירישע הייזער, בי אַלס שריפטשטעלער איז שוין דאַן געווען יכּנה״ז, וועלכער האָט זיך געדרוקט בי אין

„המליץ“ און סיי אין „יוד“ און ברילן, אַ מענטש מיט מער בילדונג און קולטור, הגם ניט אַזאַ טאַלאַנט ווי יכנה״ו, האָט עס אַוודאי געאַרט...

די וואוינונג, וואָס בריל האָט פֿאַרנומען, איז געווען אַ ריינצוגעקליבענע, אָבער זייער אַן אָרעמע... די אָרעמקייט האָט געוואונקען פֿון אַלע ווינקעלעך. עס האָט ניט געהאָלפֿן, וואָס זיין פֿרוי, אַ גוטמוטיקע אַלטיטשקע, אַן איינפֿאַכע יידענע, האָט נאָכאַנאַנד גערוימט, אַפֿילו ווען געסט זיינען געווען דערביי. דער איינציקער ליכטיקער ווינקל איז געווען — ביי אַ וואַנט דער אַלמער מיט די ספֿרים און ביכער. דורך די גלעזערנע טירלעך האָבן אַרויסגעקוקט די אַלע יאָרגאַנגען „כנסת ישראל“, „האָסיף“, „כרם“, וואו יוסף בריל— איו״ב ממינסק — איז אַמאָל אַ חשובער מיטאַרבעטער געווען...

אַ וויימוט האָט מיך אַרומגענומען, ווען כ׳בין אַרויס פֿון ברילס וואוינונג. איך האָב מיר נאָך אַלץ ניט געקענט גלייבן, אַז אַזאַ באַרימטער שריפֿטשטעלער זאָל אויף זיינע עלטערע יאָרן ניט האָבן קיין טרייסט און פֿילן שוין ביי זיין לעבן די פֿאַרגעסנקייט, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים...

בין איך אין פֿאַרלויף פֿון די עטלעכע וואָכן, וואָס איך האָב דאַן פֿאַרבראַכט אין מינסק, אָפֿט אַרויפֿגעקומען צו ברילן, און מיט מיין באַזוך געוואָלט פֿאַרטרייבן זיינע קענטיק שווערע געדאַנקען, וואָס ער האָט געטראַכט, רויכערנדיק נאָכאַנאַנד זיין קליינע משכּילישע ליולקע...

* * *

פֿאַרבראַכט אין מינסק עטלעכע וואָכן, איז שוין צייט געווען צו פֿאָרן צוריק קיין וואַרשע. איז אָבער שוין ניט געווען אויף הוצאות. אויך ביי מיינע נאָענטע איז די לאַגע געווען ניט איבעריק גלענצנד. מיין פֿאָטער, וואָס האָט זיך שוין באַזעצט אין מינסק, האָט געפּרוווט זיין מזל ווידער אין האַנדלען מיט תבואה, אָבער אין פֿרילינג איז פֿאַר דעם תבואה־האַנדל די ערגסטע צייט, בפֿרט אַז קיין קאַפּיטאַל האָט ער ניט געהאַט און געהאַנדלט מיט אַ שותּף, וועלכער האָט געהאַלטן אַ שפּייכלער אויפֿן מינסקער

„נייעם" מאַרק, וואו די פֿויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען מיט זייערע תּבֿואות און אַלערליי אַנדערע סחורות, ווי פֿלאַקס, חזיר־האָר, וואָל, און אַפֿילו טרוקענע שוועמלעך. מיין פֿאָטער, ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ פּאָעט אין אַלע הינזיכטן, איז אָבער געווען אַ מבֿין אויף די אַלערליי סחורות און פֿאַרן שותּף איז ער געווען זייער געוואונטשן. אָבער אַזוי ווי דער שותּף האָט געגעבן דאָס געלט צום האַנדל און דער טאַטע בלויז זיינע פֿעיִקייטן, זיין געניטקייט, האָט דער שותּף, אַ פּראָסטער מענטשל, אים סיי ווי סיי שטאַרק עקספּלואַטירט, אויסגענוצט... אויך מיין שוועסטער, שׂרה־בתיה, האָט, לערנענדיק זיך אַליין, ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דאַן צו פֿאַרדינען צו פֿיל פֿון די „אורקן", וואָס זי האָט געגעבן... וועלנדיק פֿאַרריכטן מיין לאַגע און די לאַגע פֿון מיינע נאָענטע, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, ווען מיין פֿאָטער איז אַוועק, קענטיק, אויפֿן מאַרק, אָדער אפֿשר מיט אַ באַזוך צו יוסף ברילן — אַמאָל פֿלעגט ער אויך באָרגן ביי אים אַ גמילות־חסד און פֿלעגט ניט שלאָפֿן קיין נעכט, ביז ער האָט דעם אָרעמען מענטשנפֿריינדלעכן ברילן ניט אומגעקערט מיט דאַנק די געליענע פֿאָר רובל, און אַמאָל איז עס געווען בלויז אַ רובל,— האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן. מיין קאָפּ איז געווען פֿול מיט אידעען, טעמען און מאָטיוון...

איך האָב געשריבן — צו מיין אייגענעם וואונדער — אַ דערציילונג נאָך אַ דערציילונג און אין זעקס שעה האָב איך אָנגעשריבן דריי דערציילונגען — איינע אַ גרעסערע „דער הונט" און צוויי עטוואָס קלענערע — „אין אַ זומער־מאַנטל" און „אַ בעל־חוב"... איך האָב זיי געשריבן מיט אַזאַ האַסטיקייט, אַז כ'בין נאָכן שרייבן געבליבן אויסגעשעפּט...

מיין שוועסטער שׂרה־בתיה איז די ערשטע אָנגעקומען.

— דריי דערציילונגען אָנגעשריבן, האָב איך איר געמאָלדן...

— ניט מעגלעך! האָט זי זיך פֿאַרחידושט...

— נאַ, זע...

זי האָט זיך גענומען לייענען... אָבער איך האָב זיך געאיילט. איך מוז זיי גלייך אַוועקשיקן קיין וואַרשע, אין „יוד"...

דער פאָטער, ווען ער איז אַ ביסל שפּעטער אָנגעקומען, איז געווען גאָר איבערראַשט, ווען ער האָט דערהערט פון דער דאָזיקער פרוכטבאַרקייט... ער האָט אויף מיר געקוקט אי מיט באַוואונדערונג אי מיט רחמנות...

איך האָב געפילט, אַז ער צווייפלט אין די מעלות פון די דערציילונגען, וועלכע איך האָב אַפילו, קעגן מיין שטייגער, דאָסמאָל ניט איבערגעשריבן...

איך האָב זיי גלייך אַוועקגעשיקט אין „יוד“... געפאָדערט, מען זאָל מיר גלייך (דעם „גלייך“ האָב איך מיט דריי דיקע פאַסעקלעך אונטערגעשטראָכן, אַז זיי זאָלן וויסן...), מען זאָל מיר גלייך אַרויסשיקן פינף-און-צוואַנציק רובל...

אין פיר טעג אַרום האָב איך צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג באַקומען דאָס געלט פון דער אַדמיניסטראַציע, מיט אַ פאָר פריינדלעכע ווערטער פון ד"ר יוסף לוריע...

איך בין ביים טאַטן נאָך געהויבענער געוואָרן... פונדעסטוועגן האָב איך זיך פאַר דעם גורל פון די דערציילונגען געשראָקן. ווער ווייס, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעשריבן...

קומענדיק אין וואַרשע, האָב איך שוין געטראָפן די קלענערע דערציילונג אָפּגעדרוקט, נאָר מיט אַ געענדערטן טיטל... אָנשטאָט „אַ בעל-חוב“ — הייסט עס נאָר מיטן משונהדיקן נאָמען „במקום ווינט“... איך האָב זיך אַזש דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אַז אימעצער איז אין רעדאַקציע משוגע געוואָרן. איך געדענק זיכער, אַז די דערציילונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַ בעל-חוב“... ערשט אין רעדאַקציע בין איך געוואויר געוואָרן, אַז יוסף לוריע איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ וואָך ערגעץ, איז פרץ געבליבן אויף דער וואָך דער רעדאַקטאָר... אויב אַזוי, האָב איך שוין פאַרשטאַנען. פרץ אַלס רעדאַקטאָר האָט געמוזט ענדערן... ער האָט זיך פשוט ניט געקענט באַהערשן. אַמאָל פלעגט ער טאַקע שטאַרק פאַרבעסערן אַ זאַך, אָבער ניט זעלטן — זי אַזוי פאַרענדערן, אַז דער אויטאָר האָט זיך אַליין אין איר ניט דערקענט. דער דערציילונג האָט ער, צום גליק, בלויז געענדערט ביים סוף... איך האָב שיר ניט גע-

ווינט... אָבער איך האָב פּרצן, ביים זעען זיך מיט אים, נאָרניט באַמערקט... דערפאַר זיינען שוין די אַנדערע צוויי דערציילונגען געווען אָפּגעדרוקט ווי געשריבן, אַפּילו מיט די פּאָר פעלערן... אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט די דערציילונג „דער הונט“. פּרץ האָט זי שטאַרק געלויבט, פאַרגליכן זי צו גאָרקיס אַ דערציילונג, נאָר מיט אַ שמייכל באַמערקט, אַז קיין אמתער „באָסיאַק“ איז מיין העלד דאָך ניט... האָט עס מיך ווייניק געאַרט, ווייל איך בין ניט אויסן געווען צו „געבן“ אַ באָסיאַק...

אויך דער מאָנאָלאָג „אַ זומער=מאַנטל“ האָט דאַן שטאַרק אויסגענומען, אמת, שוין מער ביי די לעזער... און נאָך עד=היום ווערט ער פון פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע דעקלאַמאַטאָרס פאָרגעלייענט אויף ליטעראַרישע אָוונטן, הגם איך אַליין בין דערפון ניט שטאַרק צופרידן און איך נעם עס אָן אַלס שטראָף פאַר מיין דעמאָלסטיקן צוגעאַיילטן שריט. ניט נאָר די דערציילונג „דער הונט“ איז שפּעטער געווען איבערזעצט אין עטלעכע שפּראַכן — צווישן זיי אויך אין ענגליש, נאָר אַפּילו „דער זומער=מאַנטל“ האָט זוכה געווען דערצו. די דערציילונג אָבער „דער בעל=חוב“ איז אַזוי געבליבן ניט באַמערקט. אפשר בין איך שולדיק, און אפשר פּרצעס ענדערונג ביים סוף... און איך מוז צוגעבן, אַז די ענדערונג, כאָטש פּרץ האָט בכלל יאָ פאַרמאָגט געשמאַק צו ענדערן אַמאָל עפּעס ניט נאָר אין אַ ליד, נאָר אויך אין אַ דערציילונג — אַז די ענדערונג אין „בעל=חוב“ איז געווען ווירקלעך ניט קיין געלונגענע. פּרץ איז קענטיק געווען פרעמד די פּסיכאָלאָגישע זייט פון דער דערציילונג, און אָנשטאָט דער פּסיכאָלאָגישער זייט האָט ער זיך גערעכנט מיט דער עטישער זייט, האָט אַריינגעוואָרפן דאָרט דאָס וואָרט רחמנות, וואָס גראָד אין דער דערציילונג בין איך ניט רחמנות אויסן געווען, און איבערהויפּט ניט געמיינט עפּעס אונטערצושטרייכן, נאָר ווייזן... אויב די העלדין פון דער קליינער דערציילונג האָט יאָ געקאָנט אַרויסרופן רחמנות, האָט עס אָבער ניט געדאַרפט אונטערשטראָכן ווערן, ווי פּרץ האָט עס געטאָן מיט זיין ענדערונג.

ליידער האָב איך נאָכדעם ניט געקענט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי איך האָב די געענדערטע שטעלע, און אפשר אייניקע שטעלן, אַליין

געשריבן — און די דערציילונג איז שפעטער אַריין אין מיינע געזאַמלטע שריפטן, ווי זי איז געווען אָפגעדרוקט אין „יוד“...

איז מיר די דערציילונג, — סיי ווי סיי ניט קיין זייער געלונגענע,— איצט אַ ביסל פרעמדלעך, דאָך רופט זי ביי מיר אַרויס איינע פון די אַיינגענעמסטע ערינערונגען פון יענער צייט.

און טאַקע צוליב דעם באַמי איך זיך ניט די געענדערטע שטעלן איבערבייטן אויף מיין שטייגער...

עפעס זיינען מיר איצט שוין ליב געוואָרן פרצעס שורות אין מיינער אַ (און שפעטער אין אַ צווייטער...) דערציילונג.

ניינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

שלום אַש. — זיין ערשטע רייפֿע ערציילונג „די משוגענע מוטער“. — שיין אין זיין הונגער. — שלום אַש אַלס חתן. — אַש אַלס פֿאַמיליע־מאַן. — שלום אַש אַלס העברעער. — זיין ערפֿאָלג אין „הצפֿירה“. — איך טו אים נאָך. — מיינע העברעישע איבערזעצער: ישראל שאַף און וו. ל. יאַקובאָוויטש. — נחום סאָקאָלאָוו. — דער בוכהאַלטער פֿון „הצפֿירה“ בערמאַן. — די גוטהאַרציקע און איידעלע מאַדאַם סאָקאָלאָוו. — די יונגע רעוואָלוציאָנערע קורסיסטקע. — מיין צעטעלע צו מאַדאַם סאָקאָלאָוו. — די צען־רובלדיקע. — די געוויסנביסע.

שלום אַש איז מיר ליב געוואָרן גלייך נאָך זיין אָנקומען פֿון קוטנע קיין וואַרשע. אין זיינע ערשטע אומרייפֿע און כּמעט קינדערשע שרייבונגען, וואָס איך, דעמאָלסט שוין שיר ניט רייפֿער שרייבער, האָב זיי אויסגעהערט ניט אָן אַ שמייכל, האָב איך שוין געמערקט די צייכנס פֿון גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט. אָט לייענט ער מיר פֿאָר אַ זאַכעלע, אַ שטימונג, ווי עס האָט דאַן געהייסן. עס הייבט זיך אָן: „די נאַכט איז געווען זייער אַ פֿינסטערע“, און שפּעטער, מיט עטלעכע צייל ווייטער: — „די לבנה, אַ קיילעכדיקע ווי אַ יאַרמולקע“ (אָדער ווי עפּעס אַן אַנדער מין זאַך), האָט זיך גערוקט הינטערוויילעכץ (אָדער געשוואומען אַפֿיר)“...

— סטייטש, אַש, — שטעל איך אים אָפּ, איר זאָגט דאָך (די ערשטע יאָרן האָבן מיר זיך געאירצט), איר זאָגט דאָך בײַם אָנהייב, אַז עס איז געווען אַ פֿינסטערע נאַכט, ווי קומט אַהער די לבנה?...

אַש בלייבט פֿאַרווירט, צעשמייכלט זיך באַלד מיט זיין ליבן אָפֿענעם שמייכל, פֿון וואָס זיין דעמאָלסט־מילדער אויסדרוק אויפֿן פּנים ווערט נאָך תּמימותדיקער, און ענטפֿערט:

— דאָס איז אַ קלייניקייט — דאָס קען מען פֿאַרריכטן... די לבנה, הייסט עס, קען מען אַרויסוואַרפֿן...

אַמאָל אָבער פֿלעגט ער פֿאַרגעסן אַרויסצוּוואַרפֿן, און די לבנה האָט זיך אומגעשפּאַצירט איבערן הימל אין אַ שטאָק־פֿינסטערער נאַכט, כאָטש נעם און קלייב פּערל פֿאַר איר שיין...

דערפֿאַר אָבער האָט ער שוין עטוואָס שפּעטער פֿאָרגעלעזן מיר אַ דערציילונג, וועלכע האָט מיך שוין אַנטציקט און כ'האָב אים באַטראַכט, ווי אַ מייסטער. דאָס איז פֿאָרגעקומען אויף דזיעלנעגאַס, אין דער וואוינונג פֿון די ביעליענקים, אַ ליטווישע פֿאַמיליע, וואָס האָט געהאַלטן אַ פּריוואַטן רעסטאָראַן, און דאָרט, אויב ס'איז נאָר געלט געווען, האָבן מיר אַמאָל אַ גוטן פֿרישן מיטאָג געגעסן. אין דער זעלבער וואוינונג פֿלעגט אויך אַרויפֿקומען ה. ד. נאָמבערג, א. ש. זאַקס, וואָס האָט זיך שוין דאַן, נאָך גאָר אַ יונגער בחור, געשניטן אויף אַן עקאָנאָמיסט און געלערנטן, האָט אָבער אויך ניט גרינג געשעצט די באַקאַנטשאַפֿט פֿון פּאָעטן און ליטעראַטן. די בעליענקים זיינען בכלל געווען גאַסטפֿריינדלעכע מענטשן, איבערהויפּט די שיינע טעכטער, פֿון וועלכע איינע, וויעראַ, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ שטאַרק טונקעלע, מיט שוואַרצע פֿייערדיקע, אָבער גוטסקייט אָפּשפּיגלענדיקע אויגן — האָט אונז באַהאַנדלט, ווי אַ ליבע שוועסטער. פֿלעגן מיר זיך אָפֿט, אַפֿילו אין די אָוונטן — ניט אין צייט פֿון עסן — אַריינכאַפּן אין דער דאָזיקער וואוינונג ווי אייגענע מענטשן. צימערן האָט די וואוינונג פֿאַרמאָגט פֿיל, איז אין איין צימער האָט דעמאָלט אַש, נאָך האַלב לאַנג־געקליידט, פֿאַר מיר און פֿאַר נאָמבערגן געמאָלדן, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג. איך בין דאַן שטאַרק נייגעריק געוואָרן. איבערהויפּט דער טיטל פֿון דער דערציילנג האָט מיך פֿאַראינטערעסירט — „די משוגענע מאַמע“.

אַש האָט די דאָזיקע דערציילונג געלייענט מיט מער ענערגיע, ווי די אַנדערע, די פֿריערדיקע, די פֿליטער־פֿלאַטערלעך־שטימונגען... הגם אויך די דערציילונג האָט פֿאַרמעגט געוויסע סענטימענטאַלע שטעלן, איז דער אײַנדרוק, וואָס די דערציילונג האָט אויף מיר געמאַכט, געווען זייער אַ שטאַרקער. איך האָב מיינע אויערן ניט

געגלויבט. אויב אַזוי, איז דאָך שלום אַש ניט נאָר אַ נאַיִווער שרייבער, וואָס שפּילט זיך מיט וואָלקנדלעך אויפן הימל, נאָר זעט און פאַרשטייט מענטשן אין זייערע טיפסטע ליידן... און כאָטש דער אינהאַלט פון דער דערציילונג איז געווען זייער אַ טרויעריקער, בין איך אָבער פון דער דאָזיקער התגלות פון אַשן געוואָרן אַנטציקט.

איבעראַשט האָט מיך בלויז נאָמבערגס פאַרקערטע מיינונג. אים, נאָמבערגן, איז די דערציילונג זייער שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיין פאַרניכטנדיקע מיינונג פריי אַרויסגעזאָגט. אַש, דערמוטיקט פון מיין אַנטציקונג, און סתּם אַ „יינגל“, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אַזוי לייכט פאַרניכטן, האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. עס איז אַרויסגעקומען אַ קריגעריי, אַ זידלעריי. מיר האָט עס שטאַרק וויי געטאָן, בין איך שוין אַרויס מיט דעם באַליידיקטן יונגן אַשן, איבערלאָזנדיק נאָמבערגן אַן אויפגערעגטן אַליין.

דערפאַר איז נאָמבערג געוואָרן אַשס גרויסער פאַרערער אין אַ קורצער צייט, ווען אַש האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע דערציילונגען און בילדער, וואָס ער האָט אין ענדע פון יאָר 1902 אַרויסגעגעבן אונטער איין טיטל „אין אַ שלעכטער צייט“. און אַזוי איז נאָמבערגס פאַרהערלעכונג פון אַשס שאַפן געשטיגן אַלץ מער.

אויך פערזענלעך האָב איך אין יענער צייט אַשן שטאַרק ליב געהאַט, טראָץ זיינע געוויסע קאַפּריזן און העזהדיקייט, וואָס ער האָט שוין אין יענער צייט פאַרמאָגט. און אפשר האָב איך אים טאַקע ליב געהאַט פאַר זיינע קאַפּריזן, וואָס האָבן אים צוגעגעבן דאַן פיל חן. זיין חן איז באַשטאַנען דווקא אין זיינע „פעלערן“. די נעגאַטיווע זייטן פון זיין כאַראַקטער זיינען אייגנטלעך געווען ביי מיר דעמאָלט פאָזיטיווע. דערצו האָט זיך שוין געמערקט אין זיין אָנהייב, אַז ער גייט צו גרויסע זיגן און טריומפן. זיינע דורכפאַלן, וואָס ער האָט לכתּחילה דורכגעמאַכט, האָבן אים קיינמאָל ניט גערויבט זיין מוט. אַ פייער פלעגט זיך דאַן אין זיינע ברוינע אויגן אָנצינדן, אַ פייער פון מוט און גלויבן אין זיך און אין זיין צוקונפט.

— רייזען, איך שרייב אַ דראַמע! האָט ער מיר איינמאָל, אין יענער צייט פון זיין אָנהייב, אַ זאָג געטאָן.

איך האָב געמיינט, אַז ער באַרימט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען. ערשט דעם נאָענטסטן שבת ברענגט ער צו פּרצן אַ פּאַרטיקע דראַמע — אין דריי צי אין פֿיר אַקטן...

פּרץ, וואָס האָט נאָך דעמאָלסט אַליין ניט געוואַגט צו נעמען זיך צו דראַמען — און צו וואָס — אַז פֿון קיין יידיש טעאַטער איז שוין קיין זכר ניט געווען ניט אין רוסלאַנד, ניט אין פּוילן?— פּרץ איז נשתומם געוואָרן. יעקב דינעזאָן האָט ווי אַ פֿאָטער, פֿון דער זייט, זיצנדיק ביים טיש און שטאָפּנדיק די גילזן-פּאַפּיראָסן פֿאַר פּרצן — יעקב דינעזאָן האָט טאַקע פֿאָטערלעך געשמייכלט:

— דאָס קינד פּלאַפּלט.

און אַש נעמט אַרויס אַ העפֿט, געשריבן לויט אַלע געזעצן פֿון דראַמענשרייבעריי: „די פּערזאָנען: זרח — אַ ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע״, אאַז״וו און הייבט אָן לייענען... פּרץ הערט צו און שמייכלט...

מאָלט אייך, אַז די ערשטע דראַמע פֿון שלום אַש איז ניט געווען קיין שטאַרק געראָטענע, זי האָט בלויז אַרויסגערופֿן גוטמוטיקן שפּאַס ביי פּרצן און ביי די איבעריקע צוהערער, וואָס האָבן געהאַט גענוג געדולד זי אויסצוהערן ביזן סוף. וואָס אָנבאַטרעפֿט מיך אַליין, בין איך זיך מודה, האָב איך ניט געהערט מער ווי די ערשטע צוויי דריי דיאַלאָגן...

אָבער אַ געוואַגטקייט איז עס געווען. און אַש האָט, אַפֿילו נאָך פּרצעס מבטל זיין די דראַמע, זיך אַליין געהאַלטן ביי זיינס, אַז די דראַמע איז יאָ גוט און מען וועט זי נאָך שפּילן אין טעאַטער אַמאָל...

— איר פֿאַרשטייט ניש... — האָט ער זיך געדונגען שוין מיט יצחק גרינבוימען, וועלכער איז נאָך דעמאָלסט קיין דעפּוטאַט ניט געווען, בלויז אַ סטודענט פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, און זיין צווייטער יחוס איז דאַן געווען, וואָס ער האָט געוואוינט אויף צעגליאַנאַ נומער 1 — און פֿלעגט אַריינקומען צו פּרצן אי ווי אַ חסיד, אי ווי אַ שכן.

אַשס דינגען זיך מיט אַלע, וואָס האָבן אָנפֿאַנגס אים באַ-

וויזן פעלערן אין זיין שרייבן, האָט מיר שטאַרק געפעלן. עס איז געווען הערין פיל „יונגע“ חוצפה.

שיין איז אויך אַש דעמאָלט געווען אין זיין נויט, אין זיין מאַנגלען.

פון ליטעראַטור האָט ער די ערשטע צייט נאָך ווייניקער פאַרדינט, ווי מיר, האָט ער אויך ווי מיר, געדענק איך, געהאַט די ערשטע צייט — אַ פאָר „לעקציעס“. וואָס ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים דעמאָלסט — איז ביי מיר עד-היום אַ רעטעניש, אפשר בלויז אַ ביסל לשון-קודש, וואָס, זייענדיק אַ שטיקל געוועזענער ישיבה-בחור, האָט ער מסתמא יאָ געקענט, ווי ער האָט זיך באַרימט... אין אַנדערע געגנשטאַנדן איז ער דעמאָלסט, אַ קוים צוואַנציקיעריקער, געווען כמעט אומוויסנד. אָבער ער איז שוין אין יענער צייט געווען דאָרשטיק נאָך וויסן, געריבן זיך צווישן געבילדעטע, אַפילו מיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַזאַ מין... ווער רעדט נאָמבערגן האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן פראָפעסאָר... ביסלעכווייז האָט ער זיך אַנטוויקלט, ביז ער האָט דערגרייכט די שטופע פון בילדונג, אויף וועלכער ער שטייט איצט. און זאָל עס, אַגב-אורחא, ניט זיין קיין סוד, אַז שלום אַש איז איצט איינער פון די געבילדעטסטע יידן, איבערהויפט אין יידישער וויסנשאַפט, אין „חכמת ישראל“. אָן זיין „יידישער“ בילדונג — און טיילווייז אויך וועלטלעכער — וואָלט ער ניט באַוויזן אָנצושרייבן אַזוינע ווערק, ווי „שבתי-צבי“, „קידוש-השם“, „אין אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט“ און „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליען“.

האָט ער אין יענער צייט, שוין מיט די פאַרדינסטן פון ליטעראַטור און לעקציעס, שטאַרק געמאַנגלט. אָבער געמאַנגלט און אַפילו געהונגערט האָט ער מיט חן. אַמאָל פלעגט ער אַריינפאַלן צו דינעזאָנען און אויסשרייען, בליצנדיק מיט פונקען פון זיינע אויגן, דעם נאַקעטן אמת.

— דינעזאָן, איך האָב ניט קיין איין גראָשן, איך בין זייער הונגעריק...

דינעזאָן פלעגט עס אויף מאָרגן מיר דערציילן מיט ליבע צו אַשן, ווי אַ מוטער קלאָגט זיך וועגן איר קינד: „געהערט אַ

בֿיסל, דאָס קינד האָט שוין צוויי טעג קיין געקעכטס ניט פֿאַרזוכט"...

אַוודאי פֿלעגט אים דינעזאָן אַזוי שוין ניט אַוועקשיקן. דינעזאָן, אויסער זײַן גרויסער גוטסקייט — איך פּערזענלעך האָב זי בלויז איינמאָל אין אַ גרויסער נויט עקספּלואַטירט, באָרגנדיק בײַ אים צוויי רובל — האָט ער שלום אַשן זייער ליב געהאַט, גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַן אייגן קינד און באַוואונדערט אַפֿילו אַשס דעמאָלסטיקע אומרײַפֿע שרײַבונגען.

באַגעגן איך אַשן אַזוי איינמאָל, אין יענער ערשטער צײַט, ווען ער האָט שטאַרק געמאַנגלט, אויף די נאַלעווקעס... און אים באַמערקן האָט מען שוין דעמאָלסט, אַדאַנק זײַן הויכער פֿיגור, געקענט אַפֿילו אין אַזאַ מענגע מענטשן, ווי די נאַלעווקעס האָבן פֿאַרמאָגט. עס איז געווען אַ זייגער צוועלף בײַטאָג...

— אַש!

— רייזען!

און באַלד:

— איך בין הונגעריק, ווי אַ וואָלף...

אָבער אויסגעזען האָט ער, ווי אַ יונגער לייב, וואָס זוכט איבערן וואַלד עפּעס שפּײַז... זײַנע בליקן, קינגלעך צערייצטע, האָט ער געוואָרפֿן צו די שוי-פֿענסטער פֿון די דעליקאַטעסן-רעסטאָראַנדלעך. אויף איינעם האָט זיך זײַן בליק לענגער אָפּגעשטעלט. גענומען גראַבלען זיך אין די וועסט-טאַש, אַרויסגענומען קליינגעלט, געציילט, געחשבונט און די סומע איז געווען 12 קאָפּיקעס.

— קומט, רייזען, איך וועל עפּעס איבערכאַפּן...

איך בין אים נאָכגעגאַנגען. איך אַליין האָב דעמאָלסט קיין געלט בײַ זיך אויך ניט געהאַט, הגם הונגעריק בין איך ניט געווען. איך האָב שוין געהאַט געגעסן אין מײַן צימער.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן בופֿעט, וואו עס זײַנען געלעגן אַלערליי וואורשטן, טאַקע פֿון כּל-המינים, די באַרימטע וואַרשעווער וואורשט... בײַ אַשן האָט זיך דער אַפּעטיט צעפֿלאַקערט, די ברעגן פֿון די נאָזלעכער האָבן זיך נערוועז באַוועגט...

— אַז איך וויים גאָרניט, וואָס אויסצוקלייבן... — האָט ער זיך שוין צעלאַכט, ווענדנדיק זיך צו מיר.

די פאַרקויפערין, אַ זאַטע, צופרידענע פרוי, פרעגט איר בחרם ווער עס איז אַנטקעגן איר געשטאַנען דאַן, — איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק:

— נו, פאַני, וואָס נעמען זי?...

— כ׳וואַי... — האָט אַש אַרויסגעברומט... און ער האָט געפרעגט דעם פרייז פון די סאַלאַמי, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ באַזונדערן רייץ פון די אַנדערע מינים ווורשטן...

צום גליק האָט ער געקראָגן אַ פערטל סאַלאַמי, מיט צוויי רייפטעלעך ברויט פאַר צוועלף קאָפּיקעס... האָט זיך אים אָבער שטאַרק פאַרגלוסט אַ זויער אוגערעקל, וואָס האָט חנעוודיק און אַפּעטיטלעך אַרויסגעקוקט פון אַ גאַנצן טאָפּ.

— צו אַלדי שוואַרץ־יאָר! — האָט ער כלומרשט אין שפּאַס אויסגערופן, — עס איז דאָ אַזוי טייער!

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט באַקומען אַן אוגערעקל אַ הוספה...

צוגעטראָגן אַליין דעם מאָלצייט צו אַ טישעלע, וואָס האָט זיך אין וואורשט־געשעפט געפונען, האָט ער זיך מיט גאָפּל און מעסער אַוועקגעזעצט צו דער סעודה...

און ווער עס האָט ניט געזען, ווי אַזוי אַש האָט דעמאָלסט מיט זיינע יונגע שטאַרקע ציין געביסן די טרוקענע סאַלאַמי, געקנאַקט מיט זיי די האַרטע זייט פון דעם ברויט און הילכיק געגעסן דאָס אוגערעקל אַלס צוביים, האָט ניט געזען אַשן אין זיין שיינקייט, גרויסקייט און חן. דאָס האָט אַ יונגער, הונגעריקער לייב געפּראַוועט די סעודה, ערגעץ אין אַ ווינקל פון וואַלד, וואו ער וועט באַלד ווערן אַליין דער קיניג...

אַלנפאַלס האָב איך אַזאַ מין אַיינדרוק דעמאָלסט באַקומען.

פונדעסטוועגן האָט ער אויך ביים אָנהייבן די סעודה ניט פאַרגעסן צו פרעגן מיך, און געווען אויפריכטיק, צי בין איך אויך ניט

הונגעריק. איך האָב אים פֿאַרזיכערט, אַז ניט, הגם זיין גרויסער אַפּעטיט האָט שיר ביי מיר אַפּעטיט אַרויסגערופֿן.

מיט דער צייט איז אַשם לאַנגע בעסער געוואָרן, אַלנפֿאַלס איז ער שוין ניט געווען אַזוי עלנט, כאָטש ער האָט זיך אויף עלנטקייט קיינמאָל ניט באַקלאָגט. אַשם טאַלאַנט האָט דאַן באַמערקט מנחם=מענדל שפּיראָ, אַ פּוילישער ייד, אַ משכיל, הגם ניט אַן אַסימילאַטאָרישע ניגונגען... פֿון פּראָפֿעסיע אַ העברעישער לערער, איז שפּיראָ אָבער געווען אַ גרויסער פֿריינד פֿון דער פּוילישער שפּראַך און איבערהויפּט פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור. מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי זיינען געווען זיינע דיכטער. פֿונדעסטוועגן האָט ער אויך געלעזן „דעם יוד“ און שפּעטער אויך „די פֿאָלקסצייטונג“. ווי אַזוי ער האָט אַשן באַגעגנט, איז מיר אומבאַקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז ניט נאָר געוואָרן זיין פֿאַרערער, נאָר אויך, אין געוויסן זין, זיין הערציער. אַש איז געוואָרן אַן איינגייער אין זיין וואונונג. שפּעטער=צו האָב איך שוין אַשן ניט אַזוי אָפֿט באַגעגנט, און אויב יאָ, איז ער שוין ניט געגאַנגען אַליין, נאָר מיט אַ זייער שיינער, ליכטיקער, האַלב=שטאָלצער, האַלב=צוריקגעהאַלטענער מיידל, וואָס האָט אויסגעזען אַ ביסל פּוילישדיק. דאָס איז געווען מאַטילדע, די טאָכטער פֿון מנחם=מענדל שפּיראָ....

איז אַש דאַן געווען דער איינציקער, צווישן אונז, יונגע קאָלעגן, וואָס האָט „אָפֿיציעל“, הייסט עס, אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ שיין מיידל, וועלכע ער האָט אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום פֿאָרגעשטעלט, אַ ביסל שעמעוודיקערהייט, אַלס זיין כלה...

האָב איך זיך אַוודאי שטאַרק געפֿרייט מיט אַשם גליק, כאָטש געדאַכט האָט זיך מיר, אַז ער איז נאָך צו יונג אַ חתן צו ווערן.

אָבער אַש איז געווען אַ גוטער חבר. האָט ער מיך און נאָמבערגן איינגעלאַדן צו שפּיראָן אין הויז, וואו ער איז שוין געווען אַ בן=בית; האָבן מיר דאָרטן פֿאַרבראַכט אַ שיינעם אָוונט מיט דער ליבער פֿאַמיליע, און זיך באַקענט מיט דער יינגערער טאָכטער, בתיה, וואָס האָט דעמאָלסט אויסגעזען, ניט קוקנדיק אויף אירע זעכצן יאָר, ווי אַ בליענדער בוים. דער אָוונט איז געווען איינער פֿון די שענסטע אָוונטן, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין יענער צייט אין

וואַרשע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מנחם-מענדל שפּירא, אַליין אויך אַ ליטעראַט, אַ מיטאַרבעטער אין „הצפירה“ און אויך אין דער פּוילישער „איזראַעליטאַ“, האָט אויך מיינע דערציילונגען און לידער געלייענט און האָט געפֿונען פֿאַר מיר אַ גוט וואָרט, ניט קוקנדיק, וואָס די הויפּט-פֿאַרערונג האָט ער אַוועקגעגעבן צו אַשן און טיילוויז אויך צו נאָמבערגן...

אַוועקגעגאַנגען בין איך פֿון דער דאָזיקער פֿאַמיליע מיט אַ זייער וואַרעמען געפֿיל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט ניט פֿאַרווישט געוואָרן, אַזוי אַז אין יאָרן אַרום איז נאָך דאָס געפֿיל, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פֿון יענעם אָוונט, פֿריש געבליבן און ער האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן די דערציילונג „ביים פֿרעמדן פֿייער“...

און אָט איז אַש געוואָרן אַ פֿאַמיליענמאַן...

האָט ער געמוזט זוכן נייע קוואַלן פֿאַר חיונה, און אין אַ העלן פֿרימאָרגן איז אַש געוואָרן אַ העברעיִשער שרייבער...

זיינע זאַכעלעך, מעשהלעך, וואָס „דער יוד“ און אַפֿילו „די פֿאָלקסצייטונג“ האָבן ניט געוואָלט דרוקן, — האָט ער איבערזעצט, צי געלאָזט איבערזעצן אין העברעיִש, און די „הצפירה“ האָט עס פֿאַרצוקערט און די העברעער האָבן שוין אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג...

אויף אים קוקנדיק, האָב איך שוין אויך אַמאָל אין אַ נויט געלאָזט איבערזעצן אַ דערציילונג מיינע, וואָס איז געווען געדרוקט אין „יוד“, און אַוועקגעשיקט עס, צי אַליין אַוועקגעטראָגן, אין „הצפירה“, ווי אַן אָריגינעל העברעיִשע. אַנדערש וואָלט עס ניט געקענט געדרוקט ווערן. אַן אָפֿיציעל איבערזעצטע דערציילונג פֿון יידיש אין העברעיִש וואָלט די „האַרינטע“ ניט דערלויבט. איז דאָס פֿון מיין זייט געווען דעמאָלסט טאַקע אַ גרויסע זינד, ניט אַזוי וואָס כ'האָב אָפּגענאַרט די רעדאַקציע פֿון „הצפירה“, ווייל די רעדאַקציע האָט יאָ געוואוסט, אַז עס איז שוין געווען געדרוקט אין יידיש, האָט זיך בלויז געמאַכט דאָס רוב ניט וויסנדיק — ניט אַזוי דאָס אָפּנאַרן, ווי דער פֿאַקט אַליין, וואָס איך דרוק זיך אין „הצפירה“ — אי העברעיִש, אי ציוניסטיש. אמת, די „הצפירה“ איז נאָך דאַן שטאַרק ציוניסטיש ניט געווען. סאָקאָלאָוו איז נאָך דאַן אפשר געווען נעענטער מיט זיין געמיט — אויב ניט

מיט זיין געדאַנק — צו דער „איזראַעליטאַ“ אין וואַרשע, ווי צו „דער וועלט“ אין ווין....

די ערשטע דערציילונג, וואָס איך האָבֿ געגעבן אין „הצפירה“, איז געווען „איוב“... די דערציילונג האָט זיך זייער לייכט געלאָזט איבערזעצן. איבערזעצט האָט זי דער שוין פֿריער דערמאָנטער ישראל שאַף, דער הויפּט־איבערזעצער פֿון פּרצעס ווערק אין העברעיִש (פּרץ האָט אויך אַליין געשריבן אין אַ פּליסיקן העברעיִש). די דערציילונג איז אָפּגעלעגן אַ דריי טעג און אין קול ואין עונה. און געלט איז נייטיק געווען... בין איך אַריבער אין רעדאַקציע, אויף מאַריאַנסקע 20 (אָדער 2).

פֿאַרבלאָנדזשעט האָבֿ איך גלייך צו נחום סאָקאָלאָוון אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט. איך בין געבליבן אַ פֿאַרציטערטער. איך האָבֿ שוין סאָקאָלאָוון געזען אַמאָל ביי פּרצן און אַמאָל אין אַ ליטעראַרישער אינטימער פֿאַרזאַמלונג ערגעץ־וואו, אָבער קיין גרויסער מחותּן בין איך אין די פּאָר צופֿעליקע מאָל זען זיך מיט אים ניט געוואָרן.

סאָקאָלאָוו, דערזעענדיק מיך אַזוי אומדערוואַרט אַריינקומען, האָט זיך קענטיק אויך דערשראָקן. ער איז געבליבן פֿאַרווירט, ווי איך. עס איז באמת געווען אַ קאָמישע סצענע.

איך האָבֿ דאָך ווי עס איז אַרויסגעזאָגט דעם ציל פֿון מיין קומען...

— אָ, יאַ, „איוב“, — האָט ער דערוואַכט און פֿריינדלעך צוגעשמייכלט — יאַ, איך געדענק עטוואָס... וועגן אַ מלמד... אַן אָרעמער מלמד... יאַ... עס וועט זיין געדרוקט...

אָבער דאָס דרוקן זיך אין „הצפירה“ איז ביי מיר דעמאָלסט געווען לאַוו־דווקא. אויסן בין איך געווען דעם האָנאָראַר. אַן „ענגע“ צייט געווען און עס איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג און דאָס לעבן האָט געוואונקען פֿון אַלע וואַרשעווער רייכע און אַפֿילו אָרעמע גאַסן.

— אָ, — רוף איך זיך אָן, אויך אַ ביסל אין דייטש, — זייער גוט... איך וואָלט אָבער ווינשן דעם האָנאָראַר שוין צו באַקומען...

האָט ער מיך אָנגעקוקט שוין גאָר פאַרוואונדערט, ווי איינער זאָגט: אַזוינס פאַסירט אים דאָס ערשטע מאָל... מען זאָגט אים צו דרוקן און ער וויל געלט...

— אַבער יאַ, — רופט ער זיך אָן זייער איידל, — זיכער, אַז עס וועט זיך אָפדרוקן, וועט מען איהן באַצאָלן... דאָס איז שוין די זאַך פון דער אַדמיניסטראַציע...

איך אָבער האָב שוין פעסט באַשלאָסן ביי זיך אָן געלט ניט אַוועקצוגיין...

האָט שוין סאָקאָלאָוו ענדלעך געפרעגט — אַ ברירה האָט ער געהאַט:

— וויפיל קען עס דען אָנטרעפן?

— דאָס וועט מען זען נאָכן אָפדרוקן (די „הצפירה" האָט געצאָלט פער צייל).

— וועט זיין גענוג דערווייל פינף רובל? — האָט ער תמימותדיק געפרעגט.

— אָ, יאָ... — האָב איך געענטפערט, צופרידן שוין פון דער סומע.

און סאָקאָלאָוו האָט אַרויסגענומען פון טאַש פינף איינציקע זילבערנע רובל — אַוודאי זיין טאַשן־געלט געווען...

און עד־היום וואונדער איך זיך אויף מיין דעמאָלסטיקער ניט העפלעכקייט און מער ווי איך וואונדער זיך, פאַרדריסט עס מיך... אָבער סאָקאָלאָוו, בטבע אַ גוטמוטיקער מענטש, האָט קיין פאַריבל ניט געהאַט און דערנאָך זיך אַפילו פריינדלעך מיט מיר צערעדט, אָבער נאָך פריינדלעכער זיך אָפגעזעגנט...

דערפאַר איז די דערציילונג „איוב" שוין געווען אָפגעדרוקט גלייך אין אַ טאָג אַרום... און די דערציילונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די העברעישע לעזער... אַזוי אַז די „הצפירה" האָט זיך שוין געיאָגט נאָך מיינע דערציילונגען און אין פאַרלויף פון אַ געוויסן זומער פון יענע יאָרן — איך געדענק ניט גענוי, צי 1902, צי שוין 1903 — האָב איך מיט די האָנאָראַרן פון „הצפירה" מיין מאַטעריעלע לאַגע פיל פאַרבעסערט. אמת, דערפאַר „געזינדיקט" מיט העברעיש.

שפּעטער האָב איך זיך שוין נאָך געלט געווענדט אין אַדמיניסטראַציע צו דעם בוכהאַלטער בערמאַן, און ער, מיינער אַ פֿאַרערער, נאָך אַלס לעזער פֿון „יוד“, האָט געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט. אין יענעם יאָר האָט די „הצפֿירה“ געפֿייערט איר אַ יובילײ און האָט צוליב דעם אַרויסגעלאָזט אַ „מאַסף“ און בערמאַן האָט שוין פֿאַרלאַנגט פֿון מיר אַ גרעסערע „זאַך“. האָט דער דאַן נאָך גאָר יונגער העברעיִשער און שפּעטער אויך יידישער טאַלענטפֿולער דיכטער יעקב שטיינבערג, מיט וועלכן איך האָב זיך אין יענער צייט שטאַרק געחברט, איבערזעצט מיין פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים“, אמת, בלויז אין ווייסע פֿערזן, אָבער טאַלענטפֿול איבערזעצט — און האָב די דאָזיקע פּאָעמע אַוועקגעגעבן פֿאַרן יובילײ־„מאַסף“. באַקומען פֿאַר איר האָב איך, ווי פֿאַר פּאָעזיע, אַ גרעסערן פּרייז, אַזוי, אַז בערמאַן האָט זיך שוין איינמאָל מיט אַ שמייכל געקלאָגט:

— די „הצפֿירה“ וועט צוליב אייך מוזן באַנקראָטירן...

האָב איך שוין רחמנות באַקומען אויף דער „הצפֿירה“ און האָב זעלטענער אָנגעהויבן צו דרוקן זיך אין איר, סיידן אין אַ גרויסער נויט.

פֿאַר די לעצטע עטלעכע דערציילונגען האָט שוין געצאָלט מאַדאַם סאָקאָלאָוו אַליין. האָט זי שוין ניט נאָר גוט באַצאָלט און אויך אַוואַנסירט, נאָר סתּם זייער פֿריינדלעך מיך שטענדיק אויפֿגענומען. זי פֿלעגט שוין אַן אַוואַנס ווייניקער ווי צען רובל ניט געבן. און דערלאַנגען די סומע פֿלעגט זי מיט אַזאַ ליכטיקן שמייכל אויף איר איידעלן אַריסטאָקראַטישן פּנים, אַז עס פֿלעגט ווערן אי אײַנגענעם, אי אומאײַנגענעם. אומאײַנגענעם, וואָס דו דאַרפֿסט באַלעסטיקן אַזאַ דערהויבענע פֿרוי מיט נישטיקע געלט־אָנגעלעגנהייטן.

איבערהויפּט איז די מאַדאַם סאָקאָלאָוו, אַלס פּערזענלעכקייט, געווען איינע פֿון די לעבנסווערדיקסטע פֿרויען, וואָס איך האָב אין וואַרשע, צווישן דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, ווען באַגעגנט. אַ פֿאַרנעמע, מיט אויסדרוקספֿולע יונגע, שוואַרצע אויגן און מיט איר באַזילבערטן קאָפּ, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ מאַיעסטעטישקייט, האָט זי שטענדיק אַ שמייכלענדיקע, מיט אַ געמיט פֿון איידעלער אומ־

באַשטימטער פֿאַרזאָרגטקייט, באַצויבערט און דערהויבן. איר גרייטקייט צו קומען צו הילף שרייבער אין אַ מאַטעריעלער נויט איז געווען ניט אָפּצושאַצן. אָט ווי איצט געדענק איך, ווי אַ צייט נאָכדעם ווי איך האָב שוין אין „הצפירה“ גאָרניט אָפּגעדרוקט, האָב שוין איינגאַנצן „תשובה“ געטאָן, האָט זיך צו מיר גראָד געווענדט אַ יונגע קורסיסטקע, וועלכע איז געווען באַקאַנט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן און אויך צווישן אונזערע קאָלעגן, אַלס פֿאַרזאָרגערין פֿון אירע אייגענע חברטעס, וואָס זיינען דאָס רוב געווען מאַטעריעל אין אַ נויט — האָט זי זיך צו מיר געווענדט נאָך הילף:

— רייזען, איך מוז האָבן צען רובל, עס גייט אין לעבן...

— איך האָב ניט...

— קריגט ערגעץ! האָט זי באַפֿוילן.

— ניטאָ וואו צו קריגן...

איך האָב דערפֿילט, אַז זי דאַרף דאָס געלט נייטיק. אָפּזאָגן איר, אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטער, איז געווען אוממעגלעך. אירע בלויע אויגן האָבן זיך אַזוי פֿאַרוואָלקנט און איר שפּילעוודיק פּנים איז אַזוי ערנסט געוואָרן.

— איך האָב נאָך איין וועג... האָב איך זיך מודה געווען. איך וועל אייך געבן אַ צעטעלע צו מאַדאַם סאָקאָלאָוו.

איך האָב געמיינט, אַז זי וועט ניט וועלן גיין... אָבער יאָ, זי וועט גיין...

אָנגעשריבן דאָס צעטעלע, וואו איך האָב זיך שטאַרק אַנטשולדיקט פֿאַר מיין באַלעסטיקן, בעט איך אין פֿאָראויס צען רובל, וואָס זיינען מיר איצט זייער נייטיק, און זאָג צו די טעג צו ברענגען אַ דערציילונג.

איך האָב די קורסיסטקע ציגעפֿירט צום הויף מאַריאַנסקע 2. געשטעלט זיך וואַרטן ביים טויער און האָב שוין חרטה געהאַט אויף מיין טאַט. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט די סומע ניט באַקומען. מיר איז שוין מאַדאַם סאָקאָלאָוו געווען מער אַ שאָד צו באַלעסטיקן, בפֿרט אַז איך האָב שוין געוואוסט, אַז די לאַגע אין „הצפירה“ איז שוין אַ שווערע — איידער קומען צו הילף דער קורסיסטקע פֿאַר אירע אָרעמע חברטעס...

אָבער אָט איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַרויס פון קאָרידאָר פון „הצפירה" די קורסיסטקע, געלאָזט זיך מיט געלאַסענע טריט צו מיר. בין איך שוין געווען זיכער, אַז זי האָט ניט געקראָגן, און געדאַנקט אין האַרצן גאָט...

— ניט געקראָגן?... בין איך איר אַנטקעגן געגאַנגען.

— יאָ, געקראָגן — האָט זי אויסגעזונגען. — זי האָט גלייך מיט אַ פריינדלעכן שמייכל מיר געגעבן צען רובל...

אמת, איך האָב אין אַ וואָך אַרום געלאָזט איבערזעצן אַ דערציילונג און עס אַוועקגעשיקט אין „הצפירה" פאַרן חוב און מער קיין האָנאָראַר ניט פאַרלאַנגט, אָבער עפּעס האָט מיר אַ לאַנגע צייט געריכן דאָס האַרץ.

דערמיט אָבער האָט זיך געענדיקט מיין „העברעישע" ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס אויסער אין אַ פּאָר יאָר אַרום, אין „הצופה", וואו נאָמבערג איז געווען דער הויפּט־מיטאַרבעטער, האָב איך, אויף זיין בקשה, אָנגעשריבן אָריגינעל אין העברעיש אַ קליין בילדל „הבעל־שמחה", און אַ צווייטס איבערזעצט פון יידישן מאַנוסקריפּט „הרוכל" — דער גייער.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

יעקב לידסקי און פֿאַרלאַג „פּראָגרעס". — זיין „וואַד" און זיין „יום־טוב". — מיין ערשטע „פֿאָטאָגראַפֿיע". — מיין אָנזיכטס־קאַרטע אין שווי־פֿענסטער. — מיין ערשטע זאַמלונג „ערציילונגען און בילדער". — דר. ט. ערנפּרייזס באַגייסטערטע קריטיק. — וו. קאָראַלניקס עטלעכע שורות אין דייטש. — פּרצעס האַלבע קריטיק אין „פֿריינד". — די רעטעניש.

דער פֿאַרלאַג „פּראָגרעס" פֿון יעקב לידסקי האָט זיך אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע פּאָר יאָר, 1900—1902, שטאַרק צעוואַקסן. האַנט אין האַנט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געגאַנגען די נייע יידישע ליטעראַטור. יעקב לידסקי, אַליין אַ סימפּאַטיזירער פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט אַ געוויסן סאָציאַלן חוש בכלל, האָט דערפֿילט און אויך פֿאַרשטאַנען די פֿאָדערונגען פֿון דער נייער צייט און איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן מיט גרויס פֿרייד און איבערגעגעבנקייט. אַרויסגעבן אַ ביכל פֿון וויסנשאַפֿטלעכן, צי אַפֿילו פֿון בעלעטריסטישן אינהאַלט איז געווען ביי אים אַ מין הייליקע אַרבעט. אַליין אַ מענטש מיט אַ חוש פֿאַר הומאָר, פֿלעגט ער אָבער וועגן אַרויסגעבן יעדעס וויכטיק ביכל אין יידיש ריידן מיט גרויס פּאַטאָס. דערצו איז ער אין יענער צייט געווען דער איינציקער פֿאַרלעגער, וואָס דער ציוניזם האָט אים ניט נאָר ניט פֿאַרכאַפּט, נאָר האָט זיך צום ציוניזם באַצויגן ווי אַ קעגנער. אַ מענטש אַ פֿאָלקסטימלעכער, זיינען אים די ציוניסטישע „פּאָליטישע" טענדענצן געווען פֿרעמד און שיר ניט דערווידער. און אין יענער צייט, ווען „דער יוד" איז געווען גאַנץ ציוניסטיש און „די יודישע פֿאָלקסצייטונג" — הגם אַ קאָנקורענץ־צייטונג צום „יוד", איז אויך געווען ציוניסטיש געפֿאַרבט — אין יענער צייט איז אַזאַ פֿאַרלאַג, ווי „פּראָגרעס", געווען מער ווי אַ נויטווענדיקייט.

אמת, איך לייקן ניט, אַז „די פאָלקסצייטונג“ האָט מיט דער צייט אויף אירע שפּאַלטן אויך געגעבן וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און אַפילו אייניקע קאַפּיטלען פּאָפּולער־פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון א. ש. זאַקס — אָבער איר אַלגעמיינער טאָן איז געווען ענג־נאַציאָנאַליסטיש און טאַקע ציוניסטיש. פאָרט איז דער פאַרלאַג „תושיה“ געווען אַ העברעישער פאַרלאַג און האָט אפשר ניט ווילנדיק געמוזט שטיצן דעם ציוניזם, וואָס איז שוין דעמאָלסט געווען ענג פאַרבונדן מיט העבראיזם. דאָס אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף יידיש איז בכלל געווען ווי אַ דיסאָנאַנס אין דער גאַנצער טעטיקייט פון פאַרלאַג „תושיה“. שמואל־לייב גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון העברעישן קינדער־זשורנאַל „עולם קטן“, וואָס דער פאַרלאַג „תושיה“ האָט אין יענע צייטן אַרויסגעגעבן, אַ העברעישער דיכטער און שפּעטער אַ צוזאַמענשטעלער פון העברעישע לערנביכער פאַר קינדער, האָט טאַקע שטאַרק געבייזערט זיך אויף דער יידיש־פאַרלעגערישער טעטיקייט פון פאַרלאַג „תושיה“. עס איז געווען טאַקע אַ רעטעניש, וואָס בן־אַביגדור, דער הויפּט פון פאַרלאַג „תושיה“ און אין יענע צייטן אַליין אַ באַדייטנדיקער העברעישער שריפטשטעלער, האָט זיך אַזוי פעסט געהאַלטן אין יידיש און האָט ניט נאָר טאָלעראַנץ אַרויסגעוויזן, נאָר, פשוט — ליבע צו דער יידישער שפּראַך און צו איר ליטעראַטור, אמת, אויף זיין אייגנאַרטיקן, אפשר אויך האַלב־קאָמערציעלן אופן. ער איז געגאַנגען מיט דעם וועג, אַז יידיש (אָדער, ווי ער האָט עס דעמאָלט אפשר גערופן — זשאַרגאָן) שטערט ניט העברעיש. שמואל־לייב גאָרדאָן האָט, פאַרקערט, אין יידיש געזען אַ סכנה פאַר העברעיש און וואָס עס איז נאָר געווען אין זיין מאַכט, האָט ער געטאָן, יידיש צו פאַרשעמען און צו דערנידעריקן, הגם ניט אַזוי ברוטאַל, ווי עס האָט געטאָן זיין אידענחבר, י. ח. טביוב; אַזוי ווייט אין זיין קאַמף קעגן יידיש ווי י. ח. טביוב איז ער ניט געגאַנגען. דערצו איז ער פערזענלעך, אַ מילדער און איידעלער מענטש, ניט געווען פעיק. פאָרט איז ער אַ דיכטער געווען, בשעת י. ח. טביוב איז בלויז געווען אַ טאַלאַנטפולער פעליעטאָניסט מיט אַ שפּיציקן סאַרקאַזם.

נאָר צו טביובן און צו זיין כמעט קרענקלעכער שנאה צו יידיש וועל איך זיך נאָך אומקערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

איז ווי געזאָגט — דער איינציקער פּאַרלאַג, וואָס איז געווען לויטער אין יידיש און פּאַר יידיש און סאָציאַליסטיש געפאַרבט — ווי ווייט די אומשטענדן האָבן דאַן דערלויבט — איז געווען דער פּאַרלאַג „פּראָגרעס" פון יעקב לידסקי. דער מאָראַלישער פירער פון דעם פּאַרלאַג, אין אַ געוויסן זין, בין איך געווען טאַקע אַליין. לידסקי האָט געהאַט צו מיר פיל צוטרוי. סיידן אַז האָב אים פּאָרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן אַ יידישע כרעסטאָמאַטיע, האָט ער שוין איבער מיר איראָניזירט און מיך אָנגערופן פאַנטאַזיאָר... אַזוי ווייט האָט ער נאָך דעמאָלסט אין יידיש אַליין ניט געגלויבט. נאָר וועגן דער ערשטער יידישער כרעסטאָמאַטיע, צוזאַמענגעשטעלט פון מיר, וואָס ער האָט ענדלעך יאָ אַרויסגעגעבן, און מיט גרויס ערפאָלג, וועל איך נאָך בּאַריכות דערציילן.

אויסער די פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע בּיכער און אייניקע, אמת— געציילטע, בּעלעטריסטישע בּיכער, וואָס יעקב לידסקי האָט מיט ליבע אַרויסגעגעבן פאַרן פאָלק, האָט ער אויך דאַן אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט מאַנכע בּיכער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער מדרגה, שוין מיט אַן אויסקוק אויף פּראָפּיט, און דווקא אויף די אויסגאַבן האָט ער ניט בּאַנוצט די פירמע „פּראָגרעס", נאָר אַוועקגעשטעלט זיין אייגענעם נאָמען — פּאַרלאַג יעקב לידסקי... אויפן פּאַרלאַג „פּראָגרעס" האָט ניט געטאָרט פאַלן קיין שטויב; דער פּאַרלאַג „פּראָגרעס" איז געווען זיין יום=טוב, זיין נשמה=יתירה, אָבער ער אַליין, יעקב לידסקי, איז אַ ייד אַ סוחר, וואָס דאַרף אויך פּראָפיטירן און דערצו איז ער שוין געצוואונגען אַרויסצוגעבן אַנדערע בּיכער, אָבער דער נאָמען „פּראָגרעס" טאָר דערפון ניט ליידן. אויב ליידן, זאָל ליידן יעקב לידסקי אַליין...

עס הייסט אָבער ניט, אַז אונטער זיין אייגענעם נאָמען האָט ער אַרויסגעגעבן, חלילה, שונד=בּיכער, דערפון האָט יעקב לידסקי שוין געוויכט. אים איז געווען גענוג די פּאָר יאָר, וואָס ער, נאָך אַלס גאָר יונגער מאַן, איז געווען אין אַמעריקע און אַרויסגעגעבן,

צי געהאָלפֿן אַרויסגעבן, די פֿיל־טײַליקע ראָמאַנען, וואָס דער עולם האָט זיי „געשלונגען" ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אַפֿילו אין רוסלאַנד און פּוילן, וואו זיי האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין די טויזנטער. דאָס זײַנען געווען די ראָמאַנען פֿון א. טאַנענבוים, פֿון יצחק ראַבינאָוויטש און אַנדערע ראָמאַנען־שרײַבער פֿון יענער צײַט. צווישן זיי האָבן זיך, אמת, אויך געפֿונען איבערזעצונגען אָדער באַאַרבעטונגען פֿון זשול ווערן, קופּער און אַנדערע, וואָס האָבן דאָך פֿאַרמאָגט אין זיך אַ קערנדל פֿון נוצלעכקייט און אויך ליטעראַרישקייט.

האָט לידסקי געזען, אַז מײַן ערשטע ביכעלע „צײַט־לידער" האָט געהאַט אַזאַ ערפֿאָלג און ער מוז אַלע דרײַ מאָנאַטן דרוקן אַ נײַע אויפֿלאַגע, האָט ער מיר שוין אַליין פֿאָרגעשלאָגן, איך זאָל אים געבן אַ ביכעלע דערציילונגען, אַן אויסוואַל פֿון די, וואָס זײַנען געווען געדרוקט אין „יוד" און אין „דער יודישער פֿאַמיליע". אמת, דאָס ביכעלע האָט נאָך ניט געטאָרט האַלטן מער ווי אַכציק זײַטן. אָבער פֿאַר יענער צײַט איבערדרוקן דערציילונגען, וואָס זײַנען געווען געדרוקט ניט לאַנג אין די זשורנאַלן, איז געווען אַ נײַס. דערצו האָט בלויז זוכה געווען דאַן פּרץ, ווען ס'איז אַרויס זײַן באַנד שריפֿטן צו זײַן פֿופֿציקיעריקן יובילײ. איז דאָס אויך געווען אַדאַנק פֿאַרערער און מעצענאַטן, וואָס האָבן דורך אַ קאָמיטעט דעם דאָזיקן גרויסן באַנד — אין זיבן הונדערט זײַטן — אַרויסגעגעבן. פֿון אַן אָנפֿאַנגער אָבער, וואָס די זעלבע דערציילונגען האָט דער לעזער ערשט געלייענט אין „יוד", אַרויסגעבן אויף דאָס נײַ אַ ביכעלע, איז געווען שיר ניט אַ זכיה, שוין אָפּגערעדט פֿון דער מאַטעריעלער ריזיקע... אַוודאי האָב איך אויסגעקליבן פֿון מײַנע פֿערציק דערציילונגען, וואָס איך האָב שוין דאַן געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט, — צען, לויט מײַן מיינונג, בעסטע דערציילונגען און זיי איבערגעשריבן. און איבערגעשריבן זיי האָב איך ניט אַזוי צוליב פֿאַרריכטן זיי — נאָך מײַן מיינונג זײַנען די דערציילונגען געווען די פֿולקומהייט אַליין — אַיבֿ האָב איך זיי פֿאַרן ערשטן מאָל דרוקן אין „יוד" גענוג מאָל איבערגעשריבן, — נאָר כּדי אין דרוקערײַ זיי צו געבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ מאַנוסקריפּט. וואָס איך בין דערמיט אויסן געווען, איז מיר

ניט קלאָר עד=היום. אפשר האָט עס געדאַרפט הייסן פאַר די „זעצער“, אַז זיי דאַרפן „זעצן“ אַ שפּאָגל=ניי בוך.

אַז איך האָב איבערגעגעבן די צען דערציילונגען אין אַ דיקן העפט, האָט לידסקי מיר אַליין באַשטימט דעם האָנאָראַר — פינפאונצוואַנציק רובל. דאָס איז אויך געווען מער בתורת מתנה, ווי האָנאָראַר, ווייל וואָס איז שייך האָנאָראַר פאַר זאַכן, וואָס זיינען שוין געווען געדרוקט אין צייטשריפטן און איך האָב שוין פאַר זיי באַקומען האָנאָראַר אין רעדאַקציע... בפרט אַז יעקב לידסקי האָט ניט געגלויבט, אַז אַ ביכעלע מיט איבערגעדרוקטע דערציילונגען זאָל גוט פאַרקויפט ווערן. „די לעזער, האָט ער מיר דערקלערט, וואָס האָבן ליב אַיירע דערציילונגען, האָבן דאָך שוין געלעזן זיי אין „יוד“, אין „דער יודישער פאַמיליע“ און אין „פאָלקסצייטונג“.

— נאָר גאָרנישט... — האָט ער געשמייכלט, — פרווון דאַרף מען... זאָל זיין אין פאַרלאַג „פראָגרעס“ אויך אַייערס אַ ביכעלע דערציילונגען.

און איך בין געווען באמת דאַנקבאַר דאַן לידסקין, וואָס ער גייט צוליב מיר אַרויסוואַרפן געלט אומזיסט, און מיין אָנערקענונג צו אים איז נאָך דעמאָלסט גרעסער געוואָרן. איך האָב געזען באַשיינפערלעך, אַז דער ייד לידסקי איז אויסן צו מאַכן פון מיר אַ ריכטיקן מחבר.

אין יענער צייט, אַגב=אורחא, האָט אים שוין איך געהערט מיין זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט“, פון וועלכן ער האָט אָפּגעקויפט די פלאַטן פון אַרויסגעבער יוסף קאַפּלאַן; צי יוסף קאַפּלאַן, אַלס רייכער יונגערמאַן, האָט די פלאַטן מיר אַוועקגעשענקט און דאָס ביסל געלט פאַר זיי האָב איך שוין פון לידסקין אַליין באַקומען — גענוי געדענק איך עס ניט. אָבער אויף אַזאַ אופן האָט שוין לידסקי אויף די לעצטע זייטן פון זיינע אויסגאַבן אַנאָנסירט פון מיר פאָלגנדיקע ביכלעך:

„צייט=לידער“ (מיט אַ פאָרוואָרט) פון אברהם רייזען; פרייז 20 קאָפּ.

„דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט“ (זאַמלבוך) רעדאַגירט פון אברהם רייזען, פרייז 50 קאָפּ.

„דונער און בליץ" פון לונקעוויטש, איבערזעצט פון אַ. ר., פרייז 20 קאָפּ.

מיט איין וואָרט, אַ גאַנצע רשימה פון ביכער... איך האָב זיך שוין טאַקע דערפילט ווי אַן אמתער מחבר...

קום איך אַזוי איינמאָל אַריין צו יעקב לידסקין גלאַט אַזוי, זען וואָס הערט זיך — און יעקב לידסקי נעמט מיך אויף מיט זיין פריינדלעכן שמייכל... פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס געשעפט גייט גוט. און ער אַליין זאָגט מיר אויך אויס, אַז „די צייט-לידער" גייט ער שוין דרוקן אַ פינפטע אויפלאַגע... אויפן „צוואַנציגסטען יאָרהונדערט" האָט ער אַ באַשטעלונג פון מאָהליעוו (און מאָהליעוו איז דאַן געווען אַן אָפּגעשטאַנענע שטאָט אין קויפן צו לייענען יידישע ביכער — אַזוי האָט מיר שוין לידסקי פריער דערציילט) אויף גאַנצע פינף עקזעמפּלאַרן... „דונער און בליץ" פאָדערט מען אין ביאַליסטאָק פאַר אַן אַרבעטער-קרייז גאַנצע צען שטיק... מיט איין וואָרט, איך פיל זיך געהויבן. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס שולדיק איז מיר לידסקי גאָרנישט — פאַר אַלץ באַצאָלט: פאַר „דונער און בליץ" די פופצן רובל שוין לאַנג אָפּגענומען, די פינף רובל פאַר „די צייט-לידער" אַוודאי, די פינפאונצוואַנציק פאַר דער זאַמלונג „דערציילונגען און בילדער" — כאָטש זיי האָבן זיך נאָך ערשט געהאַלטן אין זעצן — שוין אויך אָפּגענומען. נאָר אַז עס איז באַשערט געווען צו קריגן האָנאָראַר, צי כמו האָנאָראַר, — קומט עס גאָר פון אַנדערע וועגן.

רופט זיך צו מיר איינמאָל אין יענע טעג לידסקי אָן:

— רייזען, אפשר האָט איר פאַר מיר עפּעס אַ שיינע פאָטאָגראַפיע אייערע?...

— אַ פאָטאָגראַפיע? — ענטפער איך און בין גאָרניט חושד — צו וואָס דאַרפט איר מיינע אַ פאָטאָגראַפיע?

— אָט אַזוי, איך קען אייך שוין אַ פּאָר יאָר און האָב נאָך ניט אייער פאָטאָגראַפיע. איך האָב ליב צו זאַמלען פאָטאָגראַפיעס פון שרייבער...

וואָלט איך אים אַוודאי געגעבן, אָבער קיין פאָטאָגראַפיע האָב איך נאָך ניט געהאַט. ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז איך זאָל

זיך דאַרפֿן אַמאָל פֿאָטאָגראַפֿירן. ס'וואָלט געווען ניט אַזוי אַן איבעריקע הוצאה, ווי אַן איבעריקע אָנשטרענגונג. אמת, אין קאָוונע, אַלס סאָלדאַט, האָט א. דעווינישסקי דעם לעצטן זומער פֿון מיין „דינען“ פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאָטאָגראַפֿירן זיך צוזאַמען אין אַ גרופּע. אין אַ געוויסן שבת, ווען איך בין שוין אַלס מוזיקאַנט געווען פֿריי פֿון מיליטערישע פֿליכטן און פֿלעג קענען קומען צו דער „פֿרייער“ חברה, האָבן מיר זיך געדאַרפֿט טרעפֿן לעבן דעם „טערק“ — איך, הייסט עס, און דמיטרי צענזאָר, פּראָפּוס, א. דעווינישסקי און סאַדאָווסקי — אַ בונדיסט, און גיין נאָכדעם צוזאַמען פֿאָטאָגראַפֿירן זיך. אָבער, קענטיק, צוליב מאַטעריעלע סיבות איז די אידעע ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, הגם צום באַשטימטן אָרט, צום „טערק“, זיינען מיר יאָ געקומען. האָבן מיר יוצא געווען, וואָס מיר האָבן ביים „טערק“ אין קאָנדיטעריי געקויפֿט די טייערע „פּיראָזשנעס“, וואָס זיינען אַזש צעגאַנגען אין מויל, און, קענטיק, אויף אַזאַ אופֿן האָבן מיר פֿאַרשווענדט דעם אויפֿגאָב, וואָס מיר האָבן געדאַרפֿט געבן דעם פֿאָטאָגראַף...

קורץ, יעקב לידסקי האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן — און עפּעס מיט אַ פֿאַרדעכטיקן שמייכל דערביי — אַז איך זאָל לאָזן מיך פֿאָטאָגראַפֿירן, און דווקא ביי אַ ריכטיקן פֿאָטאָגראַף. ער וויל פֿון מיר האָבן אַ ריכטיקן בילד... אַי, געלט? — האָט ער נאָך פֿריינדלעכער געשמייכלט — איז ער גרייט זיך לאָזן קאָסטן ביז אַ פֿינפֿערל...

און דערביי האָט ער אַרויסגענומען טאַקע פֿינף רובל און מיר דערלאַנגט...

אַוועק בין איך טאַקע צו אַ גוטן פֿאָטאָגראַף ערגעץ אויף דער קרולעווסקאַ-גאַס — אָבער געקאָסט האָט מיר אַ האַלב טוץ — אויף פֿאָסטקאַרטלעך — בלויז דריי רובל. איך געדענק עס, ווי היינט, און דערצייל עס, ווייל די צוויי רובל זיינען מיר געווען דעמאָלסט זייער וויכטיק. פֿון לידסקין האָב איך עס ניט פֿאַרלייקנט און געהייסן אים אַריינרעכענען אַלס אַוואַנס אויף ווייטערדיקער אַרבעט, וואָס ער האָט, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט געטאָן...

אַז דאָס בילד איז פֿאַרטיק געוואָרן, איז ביי מיר יענעם טאָג געווען אַ יום-טוב; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַ צווייטן

מאָל געבאָרן געוואָרן. צו וואָס זאָל איך דאָ לייקענען, עס איז טאַקע געווען דאָס ערשטע בילד פֿון מיר. אין מיין שטעטל, קאָידענאָוו, איז אַפֿילו יאָ געווען אַ שטיקל „פֿאָטאָגראַפֿשטשיק“, און דווקא מיינער אַ פֿריינד, הגם אַן עלטערער פֿון מיר — יונה לאַפּטשעוווער האָט ער געהייסן, — אָבער ס'זאָל מיר דערמאָלט אײַנפֿאַלן, אַז ער זאָל מיך פֿאָטאָגראַפֿירן, איז מיר ניט אײַנגעפֿאַלן. פֿאָטאָגראַפֿירן פֿלעגט ער בלויז ווייבלעך, וואָס זייערע מענער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע און אויך אַמאָל די טאַטעס און מאַמעס פֿון די מענער אין אַמעריקע. אָבער צו וואָס האָב איך געדאַרפֿט האָבן אַ בילד?...

אויף אַזאַ אופֿן איז דאָס געווען מיין ערשט „בילד“...

לידסקי האָט פֿון דעם בילד גאָר אָנגעקוואָלן:

— אַ שיינער יונגערמאַן! — האָט ער זיך אַזש אַנטציקט און שוין אויך אַריינגערופֿן מאַדאַם לידסקי פֿון אַ צימער, ווייל זיין וואוינונג האָט זיך שוין געפֿונען אינאיינעם מיטן גרויסן בוכגעשעפֿט און פֿאַרלאַג.

צוגענומען דאָס בילד, האָט ער ווידער אַ שמייכל געטאָן און שטאַרק פֿאַרדעכטיק, הגם איך האָב גאָרנישט פֿאַרדעכטיקט — און געבעטן, איך זאָל אויפֿשרייבן מיין נאָמען מיט אַ סטראָף פֿון מיינס אַ ליד — צום אָנדענקען. דער סטראָף דאַרף אָבער זיין פֿון אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

האָב איך אים אויך די געפֿעלקייט געטאָן און בין אַפֿילו געווען גערירט פֿון זיין פֿאַרלאַנג. פֿון די איבעריקע „בילדער“ האָב איך אַ פּאָר אַוועקגעשיקט אין מינסק, צו מיין פֿאָטער און שוועסטער, אַ פּאָר צעטיילט צווישן מיינע קאָלעגן, איינס אַוועקגעשענקט אַן אַרבעטער־מיידל, וואָס איז געווען מיינע אַ אומזיסטע שילערין, און ווען איך האָב איר געצייגט דאָס בילד, איז זי אַזש בלייך געוואָרן פֿאַר פֿאַרלאַנג צו באַזיצן עס. איך האָב איר דאָס בילד — עס איז שוין געווען דאָס לעצטע — אַוועקגעשענקט, אַפֿילו מיט אַן אויפֿשריפֿט. דאָס מיידל איז געווען אַ שיינהייט, אָבער אַ שעמעוודיקע, אַ צוריקגעהאַלטענע און האָט אויסגעזען צייטנווייז ווי אַ הייליקע, ווי אַ נאָנע. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך דורך

אירער אַ באַקאַנטער געוואָר געוואָרן, אַז דאָס מיידל איז געווען צו מיר ניט גלייכגילטיק און איך האָב עס קיינמאָל ניט געוואוסט און אַפילו ניט חושד געווען.

נאָכדעם ווי איך האָב מיין לעצטע פאָטאָגראַפיע אַוועקגעשענקט, האָב איך אָן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן.

גיי איך אַזוי איינמאָל פאַרביי א. צוקערמאַנס בוכהאַנדלונג אויף די נאַלעווקעס און שטעל זיך אָפּ, ווי מיין שטייגער איז געווען, ביים שויפענסטער — און דעמאָלסט איז שוין געוואָרן מאָדע די שויפענסטער אין די יידישע בוכהאַנדלונגען אויסצופוצן מיט אַלערליי ניי=ערשינענע ביכער און איבערהויפּט מיט נייע בילדער — עס איז כלומרשט געווען דער רענעסאַנס פון דער יידישער קונסט — אויך אָנזיכטסקאַרטן פון די יידישע גדולים, ווי פרץ, מענדעלע, שלום-עליכם, און אויך פון די ציוניסטישע פירער, ווי מאַקס נאָרדוי, ד״ר הערצל און, דאַכט זיך, עס איז שוין געווען אויך די „באַרימטע" אָנזיכטסקאַרטע פון אוסישקינען מיט זיין גוואַלדיק נייעם אַפאָריזם: „אין לך דבר שאינו עומד בפני הרצון"... וואָס דאָס מיינט אויף פשוט יידיש: „דו קענסט אַלץ דערגרייכן ווען דו ווילסט נאָר"... — פלוצים פאַלט מיין בליק אויף אַן אָנזיכטסקאַרטע מיט אַ נאָמען אונטן און אַפילו מיט אַ סטראָף פון אַ ליד אויף יידיש, וואָס סיי דאָס פנים, סיי די אונטערשריפט, סיי די סטראָף איז מיר שטאַרק באַקאַנט... איך קען אָבער זיך ניט דערמאָנען און דער עיקר איך קען עס ניט גלייבן, אַז דאָס זאָל זיין דער און פון דעם, וועמען איך זע און וואָס איך לייען איבער...

„איך וואַרט אויפן ליכטיקן טאָג, וואָס וועט קומען..."

ווער האָט עס געשריבן?

און די אונטערשריפט? האַ? אברהם רייזען. און דאָס פנים — אויך זייער ענלעך... ביז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע פון מיר אַליין די „אָנזיכטסקאַרטע"...

נאָכן באַטראַכטן די שויפענסטער איז מיין שטייגער געווען אַריינצוגיין אינעווייניק אין בוכהאַנדלונג אום צו קויפן עפּעס אַ קליינקייט, ווי אַ נומער „וואָסכאָד", אַמאָל אַפילו אַ „הדור", אויב איך האָב אין אַדמיניסטראַציע פון „אַחיאָסף" זיך געפוילט צו גיין גע-

מען אָן געלט, אויף וואָס אַלס מיטאַרבעטער פֿון „יוד“ איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע... און אויב כ׳האָב גאָרניט געקויפֿט, פֿלעג איך סתּם פֿאַרברענגען אַ ביסל מיטן בוכהענדלער צוקערמאַן, וואָס איז געווען אי אַ פֿריינדלעכער אי אַ געבילדעטער און בכלל ליטעראַריש-וועלטלעכער יונגערמאַן, און מיך, דאַן נאָך אַן אָנפֿאַנגער, האָט ער אויפֿגענומען מיט אמתער גאַסטפֿריינדלעכקייט. דערצו איז ער אויך געווען אַ פֿאַרלעגער פֿון מאַנכע יידישע ביכלעך און אונטער זיין פֿאַרלאַג „צוקערמאַנס פֿאָלקסביבליאָטעק“, איז אין יענער צייט ערשינען אייניקע וויכטיקע יידישע ביכלעך פֿון ד״ר גאָטליב וועגן היגיענע, וועלכע איך האָב רעצענזירט און צו גוטן דערמאָנט אין זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט“ — איז ער אַוודאי געווען צופֿרידן מיט מיינע באַזוכן אין זיין בוכהאַנדלונג, וואָס זיינען געווען זייער אָפֿט.

אָבער איבערצייגנדיק זיך, אַז די אָנזיכטסקאַרטע איז טאַקע פֿון מיר אַליין, האָב איך זיך עפּעס מאָדנע פֿאַרשעמט, זיך בגנבה אָפּגערוקט פֿון שויפֿענסטער און בין אַוועק מיט שנעלע טריט צו יעקב לידסקין...

אַריינקומענדיק צו יעקב לידסקין האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ מין טראָציקן שמייכל, ווי איינער זאָגט: אַהאַ, איך האָב אייך אָפּגעטאָן. ער האָט שוין קענטיק פֿאַרשטאַנען, אַז איך ווייס שוין...

— צו-וואָס אַזוי פֿרי? — האָב איך אים געמוסרט, איך בין נאָך ניט ווערט....

— וועט איר ווערט זיין — האָט ער זיך געוויצלט...

— אַך, צו פֿרי! — האָב איך זיך שיר ניט געבייזערט. טיף אין האַרצן האָט מיר אפֿשר הנאה געטאָן אַזאַ גרויסע אָנערקענונג, כאָטש די אָנערקענונג האָט מיר געגעבן בלויז דער פֿאַרלעגער, וואָס איז, ערשטנס, מאַטעריעל פֿאַראינטערעסירט צו מאַכן מיך באַרימט און צווייטנס, וועט אים די „אָנזיכטסקאַרטע“ אַליין ברענגען פּראָפֿיט...

ביז איך האָב זיך צוגעוויינט צו דער דאָזיקער „באַרימטהייט“, האָב איך זיך געפֿילט עפּעס ווי ניט אין מיין ראָלע... די דאָזיקע אָנזיכטסקאַרטע האָט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט פֿליכטן: עס איז עפּעס

געווען, ווי אַ צווייטן מאָל בר=מצוה געוואָרן... פון היינט אָן טאָר מען שוין קיין „נאַרישקייט“, קיין עבירות ניט באַגיין, דו האָסט שוין אַ גרויסע אַחריות...

ווער רעדט, אַז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז מיין אָנזיכטסקאַרטע ווערט זייער גערן געקויפט, האָב איך זיך שוין שטאַרק פאַרטראַכט איבער זיך. אַמאָל פלעגט אַ פריינד מיינער פון ערגעץ שיקן מיר אַליין מיין אייגענע אָנזיכטסקאַרטע מיט אַ פאָר ווערטער... אַפילו שלום אַש האָט מיך איבערראַשט מיט אַזאַ סיורפריז און דווקא פון וואַרשע גופא... דערפאַר האָט ער זוכה געווען, אַז מיט צוויי יאָר שפעטער זאָל זיין בילד זיין געדרוקט אין מיין יאָרבוך „פראָגרעס“ און גלייך נאָכדעם, טאַקע פון דעם זעלבן בילד — אַן אָנזיכטסקאַרטע, וואָס דער פאַרלעגער יעקב לידסקי האָט פון דער ברייטער האַנט אַרויסגעגעבן.

און אויך אַשס אָנזיכטסקאַרטע האָט דער עולם, איבערהויפט די נאַציאָנאַל=געשטימטע יוגנט, פיל געקויפט און געשריבן אויף זיי זייערע באַגריסונגען און ברכות איינע צו די אַנדערע, ווי עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע...

* * *

מיין ערשטע זאַמלונג דערציילונגען אונטערן טיטל „ערצעהלונגען און בילדער“ איז שוין אַרויס אָן אַ פאָרוואָרט. לידסקי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַ פאָרוואָרט איז ניט באַזונדערס נייטיק. זעענדיק, אַז אַפילו מיינע לידער זיינען אַ גאַנגבאַרער „אַרטיקל“, האָט ער שוין דערפון געמאַכט אַ קל=וחומר: מה=דאָך לידער, וואָס מען זינגט ניט (אמת, אייניקע לידער פון מיין ערשטן ביכעלע „צייט=לידער“ האָט מען שוין גענומען זינגען, בפרט „הוליעט, הוליעט“, „אָרעמעס לעבן“ און „לעבן ווילט זיך“ — דאָס לעצטע פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט“) — היינט אַ פשיטא=שוין דערציילונגען. און ער האָט טאַקע געטראָפן, כאָטש ווי גרויס דער ערפאָלג פון די דערציילונגען איז ניט געווען, האָט ער זיך ניט געקענט גלייכן צום ערפאָלג פון די „צייט=לידער“... דער ערפאָלג פון די „צייט=לידער“ איז געווען, אויב איך קען זיך אַזוי אויסדריקן, מער אין דער ברייט,

בשעת ווען דער ערפאָלג פון דעם ערשטן ביכל דערציילונגען איז געווען מער אין דער טיף... אויך ווען די דערציילונגען זיינען די רעצענזיעס און קריטיקן געווען ניט אין יידיש, נאָר אין העברעיש, רוסיש און אַפילו אין דייטש... עס האָט מיך אי געפרייט אי פאַרדראָסן... ניט „דער יוד“, ניט „די יודישע פאָלקסצייטונג“ האָבן מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די ערשיינונג פון מיין ערשטן ביכעלע דערציילונגען. דערפאַר האָט ד״ר מ. ערנפרייז אין „השלוח“ געווידמעט מיינע דערציילונגען אַ הויך-באַגייסטערטן אַרטיקל. און וואָס מיך האָט מער ווי אַלץ געוואונדערט, וואָס ד״ר ערנפרייז האָט מיר צוגעטראָפן. ניט ווייל ער האָט מיך גערימט, נאָר ווייל ער האָט מיך פאַרשטאַנען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ניט גערעדט בלויז וועגן מיין סאָציאַלע, נאָר אויך וועגן מיין פילאָסאָפישער אָנשויונג, כאָטש אויך די סאָציאַלע זייט האָט ער — מיט רעכט — שטאַרק אונטערגעשטראָכן. איך בין זיך מודה, אַז ד״ר מ. ערנפרייזס קריטיק אין „השלוח“ האָט מיר דעמאָלסט פאַרשאַפט פיל פרייד און מיך געמוטיקט צום ווייטערדיקן שאַפן. דער אַרטיקל בכלל איז געווען זייער שיין געשריבן, מיט אַ סך קולטור און ליטעראַטור-פאַרשטענדעניש און אין אַ געהויבענעם טאָן, צו וואָס די קריטיק אין יידיש, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָט נאָך ניט געוואַגט, ניט רעכענענדיק די שוין דערמאָנטע גרויסע אָפּהאַנדלונג פון בעל-מחשבות איבער „מענדעלע“, וואו ער האָט שוין זיך פאַרמאָסטן ווי אַ גרויסער קריטיקער.

אויך אַ זייער גינסטיקע רעצענזיע האָט פאַרעפנטלעכט אין רוסיש אין איינעם פון די ליטעראַרישע מאָנאַטסהעפטן פון „וואָסכאָד“ ד״ר צינבערג. זיין רעצענזיע איז שוין געווען אין מער אַיינגעהאַלטענעם טאָן, אָבער אויך ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין לויבווערטער פאַר מיין ערשטן ביכעלע דערציילונגען. און ווי ניט אַיינגעהאַלטן זיין טאָן איז געווען, האָט ער זיך דאָך ניט געקענט באַהערשן און אינצווישן פון אַרטיקל אויסגערופן: „טשטאָ-טאָ טשעכאָווסקים וועיעט אָט עטאָווא טשודנאַווא ראַזסקאַזאַ“. אויך איז געווען אַ גאַנץ קורצע אָבער זייער וואַרעמע ביבליאָגראַפישע נאָטיץ וועגן מיין ערשטן ביכעלע דערציילונגען אין דער ווינער דייטשער ציוניסטישער „וועלט“.

די נאָטיץ האָט געהערט צו דער פּען פֿון א. קאָראַלניק, וואָס איז שוין דעמאָלט, הגם נאָך ניט קיין דאָקטאָר און נאָך ניט באַרימט, געווען ניט קיין אומבאַקאַנטער נאָמען אין די ליטעראַרישע קרייזן. אויך די נאָטיץ, וואָס האָט פֿאַרמאָגט בײַ אַ 60 צײַלן, האָט אין לײַטער פּאָזיטיוון טאָן באַהאַנדלט דעם כאַראַקטער פֿון מײַנע ערשטע דערציילונגען און איין צײַל איז מיר נאָך געבליבן ביז איצט אין זכרון: „דיזע שליכטע געשיכטן פּאַקן אונז"... טאָמער האָב איך אין דער ציטאַט אַ טעות געמאַכט, זאָל מיר דער איצט באַרימטער ד״ר א. קאָראַלניק פֿאַרגעבן.

אין ייִדיש האָבן מײַנע דערציילונגען זוכה געווען צו האָבן בלויז אַ האַלבע קריטיק און ערשט שפּעטער אין דער טעגלעכער צײַטונג „דער פֿרײַנד", וואָס איר גרינדונג וועל איך ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

די מעשה דערפֿון איז אַזוי געווען:

קומענדיק איינמאָל אין אַ שבת צו פּרץ, האָט פּרץ, ווען די מקורבים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונאַנדערצוגיין, מיך פֿאַרהאַלטן און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט:

— איר וואַרט, איך וויל אײַך עפּעס פֿאָרלייענען.

דער איינציקער, וואָס איז געבליבן דאַן מיט מיר, איז געווען יעקב דינעזאָן. ער האָט, קענטיק, שוין געוואוסט, וואָס פּרץ וועט פֿאָרלייענען, האָט ער אויף מיר געקוקט מיט מער אויפֿמערקזאַמקייט ווי שטענדיק און געשמייכלט.

און פּרץ האָט אונז, מיך מיט דינעזאָנען, אַרײַנגערופֿן אין צווייטן צימער, וואו ער פֿלעגט אויפֿנעמען גאָר נאָענטע און משפּחה — דאָס איז אייגנטלעך געווען אי דער עסצימער, אי דער שלאָפֿצימער אי דער זאַל, — אַוועקגעזעצט זיך מיט אַ ברייטן שמייכל אויף אַ שטול און, נאָכדעם ווי איך האָב זיך געזעצט לעבן אים און דינעזאָן קעגנאיבער — האָט זיך באַוויזן אין זײַנע הענט אַ מאַנוסקריפּט פֿון פֿיל בויגעלעך פּאַפּיר און ער האָט זיך צו מיר, ניט ווי אַ רבי, נאָר ווי אַ קאָלעגע אָנגערופֿן:

— איך וויל אײַך פֿאָרלעזן, אײדער איך שיק אַוועק אין „פֿרײַנד“...

און מיט אַ ליכטיקן שמייכל צוגעגעבן:

— דאָס איז טאַקע וועגן אײַך אַלײן.

איך האָב זיך אַזש פֿאַרשעמט. ניט גאָר אָן אויפֿרעגונג האָב איך זיך צוגעגרייט צו הערן פּרצעס אורטייל איבער מיר.

ס'איז אָבער ניט געווען קיין אורטייל, נאָר אַ מין ליכטיק שפּילן זיך מיט מײַנע דערציילונגען. פּרץ האָט אָנפֿאַנגס געווידמעט אַ פּאָר אײַנלייטונגס־צײַלן: רייזען שפּילט בלויז אויף צוויי סטרונעס — ער שפּילט אויף זיי וועגן אָרעמקייט און נויט (האָט עס מיך שוין אַ ביסל פֿאַרדראָסן). ווען ער קומט אין לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין וואַסער, וואָלט זײַן פֿידל באַקומען אַ דריטע סטרונע און זי וואָלט אויך געקלונגען... און נאָכדעם האָט ער איבערדערציילט יעדע דערציילונג מײַנע אויף זײַן שטייגער, גאָרנישט צוגעבנדיק אַלײן פֿון זיך... דער טאָן אָבער פֿון זײַן דערציילן איז געווען אַ וואַרעמער, הגם מיט אַ געמיש פֿון הומאָר אין געוויסע שטעלן, ווי אויך איראָניע...

איבערגעדערציילט אַלע דערציילונגען אויף זײַן נוסח, הגם אין קורצן, כּדי נאָר צו באַקענען דעם לעזער מיט זייער אינהאַלט און מיט די מאָטיוון — האָט ער פֿאַרענדיקט בזה־הלשון: „אין די הימלען פֿליט ער ניט, אָבער אויף דער ערד איז ער דער גרעסטער“...

דערהערט די ענדע, בין איך געוואָרן גאָר געטרייסט, הגם עס האָט מיר אויך פֿאַרדראָסן, וואָס פּרץ האָט בײַ מיר „אַוועקגערויבט“ דעם הימל, אָבער די ערד איז פֿאַר מיר אויך גענוג געווען, און זײַן דער גרעסטער אויף דער ערד איז דעמאָלט פֿאַר מיר געווען איבערגענוג.

פֿאַרשעמטערהייט, רויטלענדיק זיך, האָב איך אים, ווען ער האָט מיך צום סוף געפֿרעגט, צי בין איך צופֿרידן — אויסגעדריקט מײַן דאַנק. איז פּרץ נאָך צופֿרידענער געוואָרן און נאָכדעם ווי פּרץ האָט דעם מאַנוסקריפּט אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אויפֿגעשריבן דעם אַדרעס און פֿאַרקלעפּט, זײַנען מיר אַלע דרײַ אַרויס אין גאַס.

ווי מיר דאַכט איצט, האָט פרץ פאַר מיינע אויגן אַריינגעוואָרפן אין אַ בריווקעסטל דעם קאָנווערט. אין אַ וואָך אַרום איז אָנגעקומען דער „פריינד“ מיט דער ליטעראַרישער ביילאַגע, וואו פרצעס קריטיק איז געווען געדרוקט אַ העלפט און אונטן — פאָרזעצונג פאָלגט. די פאָרזעצונג איז אָבער קיינמאָל ניט געקומען, צו מיין גרעסטן וואונדער און באַדויערן.

איינאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

די בענקשאַפט נאָך אַ טעגלעכער צייטונג. — די מורא פון דער צאַרישער רעגירונג פאַר יידיש. — די ערשטע קלאַנגען. — דינעזאָן זאָגט מיר בריוולעך אָן די בשורה. — די איינלאַדונג. — דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג שאול גינזבורג. — ווידער פעטערבורג. — דער ערשטער נומער. — פּרצעס ערשטע „זאַכעלע" און „פריינד". — מיינע דריי מיניאַטורן. — פּרץ קען ניט נאָכקומען די פאָדערונג פון אַ טעגלעכער צייטונג. — „שמעיה גבור". — דער פאַריבל אויף פּרצן. — מיין שטרייק און גוט־פריינד מיטן „פריינד".

אַ טעגלעכע צייטונג אויף יידיש — דאָס איז געווען די בענקשאַפט און די האָפענונג יאָרנלאַנג סיי ביי די יידישע מאַסן, סיי ביי דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו די מאַסן און סיי, אָדער הויפּטזעכלעך — ביי די יידישע שרייבער.

די פירער פון אַלע באַוועגונגען, אַפילו די יעניקע, וואָס האָבן ניט געגלויבט אין דער צוקונפט פון יידיש און ניט געוואָלט אפשר, אַז זי זאָל האָבן אַ צוקונפט — האָבן צוגעגעבן, אַז אַ טעגלעכע צייטונג אין יידיש וועט האָבן דעם גרעסטן ערפאָלג סיי אין קאָמערציעלן, סיי אין מאָראַלישן זין. פון אַלע לאַגערן, סיי פון ציוניסטישן, סיי פון ליבעראַלן, סיי פון סאָציאַליסטישן, האָט מען זיך געפרווט אויף אַלערליי וועגן און אומוועגן אַרויסצוקריגן אַ דערלויבעניש פון דער רוסישער רעגירונג אויף אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע יידישע צייטונג. די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט גוט געוואוסט די מאַכט פון אַ לעבעדיקער שפּראַך בכלל און די אויפקלערונג פאַר די מאַסן, וואָס אַ טעגלעכע צייטונג קען ברענגען בפרט, — האָט די אַלע „ביטעס", וואָס מען האָט איר דערלאַנגט, ברוטאַל אַנטזאַגט. די אַנטטוישונג איז געווען זייער גרויס. ענדלעך האָט מען זיך שוין אינגאַנצן מייאש געווען, אַז אַ טעגלעכע

צייטונג אויף יידיש זאָל ווען-עס-איז אין רוסלאַנד ערשיינען, און מען האָט זיך שוין געטרייסט מיט די צוויי וואָכנבלעטער, וואָס זיינען אָפּיציעל ערשינען אין קראָקע, עסטרייך, און זיינען איבערגעשיקט געוואָרן יעדע וואָך אין דער וואַרשעווער טאַמאָזשנע, וואו דער יידישער צענזאָר האָט געדאַרפט זיי דורכקוקן און דערלויבן זיי אַריינצוקומען מיט דעם רעכט פון צייטשריפטן, וואָס דרוקן זיך אין אויסלאַנד, אויב אַזעלכע זיינען נאָר כשר און לעגאַל לכל-הדעות.

און ניט נאָר „ליטעראַרישע“ פּערזענלעכקייטן און ניט נאָר פירער פון באַוועגונגען האָבן זיך משתדל געווען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער צייטונג אין יידיש, נאָר סתם רייכע יידן — אמת, שוין כלומרשט אידעאַלערע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען מיט זייער קאָמערציעלן חוש, אַז אַ טעגלעכע צייטונג אין יידיש אָדער „זשאַרגאָן“, ווי מען האָט יידיש גערופן אין דער „העברער“ געזעלשאַפט — איז אַ גוט געשעפט, אָפּגעזען, צי איז עס אַ שפּראַך, צי ניט; צי האָט עס יאָ אָדער האָט עס ניט קיין צוקונפט, — סתם רייכע יידן מיט פּראָטעקציע אין „פּעטערבורג“ האָבן פאַרוואָרפן מיט „ביטעס“ די קאַנצעלאַריעס פון די מיניסטאָרן און אַפילו געגאַנגען ווייטער, ביז צום קייסער אַליין, אָבער אַלע באַמיִונגען, אַלע שתדלנותן האָבן ניט געהאָלפן, און מען איז געבליבן בלויז ביים ריידן וועגן אַ צייטונג, ווי דער שיכור, וואָס האָט ניט קיין שנאַפּס, קילט זיין פאַרלאַנג בלויז מיט ריידן וועגן אַ גוט גלעזעלע שנאַפּס...

אויך איך אַליין האָב געהערט צו די, וואָס האָבן געגאַרט נאָך אַ טעגלעכער צייטונג אויף יידיש, האָב שיר ניט מקנא געווען די העברעער, וואָס זיי פאַרגינען זיך צו האָבן גאַנצע צוויי טעגלעכע צייטונגען... אמת, מען האָט זיך שוין דאַן געסודעט, אַז זיי גופא, ד"ה די אַרויסגעבער פון די דאָזיקע צוויי העברעישע טעגלעכע צייטונגען, זיינען זיך אויך משתדל צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן נאָך אַ יידישע צייטונג — און אויך זיי, די כשרע, לאָיאַלע, געלינגט עס ניט, אויך זיי געטרויט מען ניט, און זיי מוזן זיך האַלטן בלויז מיט די העברעישע צייטונגען, וואָס האָבן שוין אין יענער צייט, אַדאַנק דער דערוואַכונג פון די יידישע מאַסן — קיין שום אָפּקלאַנג אין לעבן ניט געפונען. די „הצפירה“ האָט נאָך

עפעס געהאַט אַ שטיקל איינפלוס און ווירקונג אויף די באַלעבאַטישע און חסידישע לעזער, דער פעטערבורגער „המליץ“ אָבער, אונטער דער רעדאַקציע פון לעאָן ראַבינאָוויטש, האָט שוין זיין איינפלוס דאַן כמעט אינגאַנצן פאַרלאָרן. אויך זיינע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער זיינען געווען אַריבער — ווער אין „הצפירה“ און ווער אין אַחד-העמס „השלח“, צי אין פרישמאַנס „הדור“... דער „המליץ“ האָט שוין אין יענער צייט קוים געזשיפעט, סיי מאָראַליש, סיי מאַטעריעל.

און אָט איינמאָל אין יאָר תרס״ג, איינִיקע טעג נאָך סוכות, ווען איך בין געקומען אויף סוכות אין מינסק — אויף פסח און אויף סוכות פלעג איך דאָס רוב פאָרן אין מינסק און פאַרבלייבן שוין דאָרט עטלעכע וואָכן, ניט קענענדיק זיך שיידן מיט מיינע נאָענטע — באַקום איך אַ לענגערן בריוו פון ליבן און גוטן יעקב דינעזאָן, און איבערגעבנדיק מיר באַריכות, ווי זיין שטייגער שרייבן איז געווען, אַלע פאָטשטן און אַלע נייעס און פאַסירונגען און אַפילו אַלע גוטמוטיקע, אומשולדיקע ליטעראַרישע רכילותן וועגן נאָמבערגן און אַשן און אַפילו וועגן פרצן אַליין — קומט צום סוף זיין פריילעכע בשורה, אַז אינגיכן הייבט אָן צו ערשיינען אַ טעגלעכע צייטונג אין פעטערבורג מיטן נאָמען „דער פריינד“ און דער רעדאַקטאָר איז שאול גינזבורג... אויך איז ער מיר מודיע, שוין מיט אַ שמייכל, — איך פלעג דערפילן אין זיינע בריוו דעם שמייכל זיינעם ביים שרייבן — אַז נאָמבערג און אַש האָבן שוין באַקומען צו 25ער אַוואַנסן... און ער עצהט מיר, אַז איך זאָל וואָס גיכער קומען קיין וואַרשע, כדי איך זאָל ניט פאַרשפעטיקן „די צעטיילונג דער ערדע“ — ציטירט ער מיר פרידריך שילערס באַרימט געדיכט...

אַוודאי איז דאָס געווען פאַר מיר אַ בשורה פון גרויס באַדייטונג און וויכטיקייט. ערשטנס אַ טעגלעכע צייטונג אויף יידיש — יידיש וועט נאָך חשובער ווערן. אויסער אַ ליטעראַטור וועט שוין אויך זיין אַ ריכטיקע פרעסע... מען וועט שוין ניט דאַרפן אויסקוקן די אויגן אויף אַ נומער יעדע וואָך, וואָס ווערט רעדאַגירט אין וואַרשע, דרוקט זיך אין קראָקע, ווערט אָפגעשיקט צוריק אין

וואַרשעווער טאַמאָזשנע צום צענזאָר און ביז דער נומער גייט אַרויס, קריכן אַרויס די אויגן וואַרטנדיק... איצט וועט זיין אַלע טאָג אַ צייטונג גלייך פון פּעטערבורג... אמת, פּעטערבורג איז ניט נעענטער פון וואַרשע ווי קראָקע, אָבער עס איז פאָרט די זעלביקע מדינה... צווייטנס, טאַקע די מאַטעריעלע זייט: אַ טעגלעכע צייטונג דאַרף האָבן יעדן טאָג אַן ערציילונג, אַמאָל אַ ליד — עס וועלן זיך אָנהייבן גוטע צייטן...

מיין פאָטער איז אויך שטאַרק צופרידן. אַדאַנק מיינע ערפאָלגן אין יידיש איז ער שוין אינגאַנצן פון אַ העברעער געוואָרן אַ „חסיד“ פון יידיש, הגם קיין קעגנער איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער באַנעמט גלייך די וויכטיקייט פון אַ יידישער צייטונג פאַרן גאַנצן פאָלק און טאַקע פאַר מיר אַליין אויך...

— איצט, אברהמל — טרייסט ער מיך — וועסטו שוין ניט דאַרפן אָפּקומען... זיי וועלן דיך דאַרפן און דאַרפן...

דערצו ווייס ער, ווער שאול גינזבורג איז. מיין טאַנס טאַטע האָט געהאַנדלט מיט שאול גינזבורגס פאָטער, אַ מינסקער סוחר... משה גינזבורג האָט ער געהייסן און געוואוינט אויף דער „זיבעציגער“ גאַס... אויך מיין טאַטע האָט אים געקענט, און ער דערציילט מיר, אַז ער איז געווען אַ גרויסער סוחר... דאָס געשעפט האָט נאָך אויך אין יענער צייט עקסיסטירט אין מינסק און איז געפירט געוואָרן שוין פון דער אַלמנה גינזבורג און זין און ברידער... וואָס אָנבאַטרעפט מיך, האָב איך פערזענלעך געקענט שאול גינזבורגן, אַלס זאַמלער פון יידישע פאָלקסלידער. אין ענדע פון יאָר 1898 האָב איך אים, קומענדיק פון קאָוונע, געזען אין מינסק, וואוהין ער איז געקומען פון פּעטערבורג, וואו ער האָט שוין שטענדיק געוואוינט, צו באַזוכן זיין מוטער. איך האָב אים דעמאָלסט באַזוכט טאַקע אין זיין מוטערס וואוינונג, און דער איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען אַן איינגענעמער... אַ שיינער, שטאַטלעכער יונגערמאַן, מיט בלויע אויגן, אַ שלאַנקער, אַ מילדער, מיט איידעלע און העפלעכע באַנעמונגען. איך האָב אים איבערגעגעבן דאַן אַ קאָלעקציע פאָלקסלידער, וואָס איך האָב שוין געזאַמלט אין מינסק, ניט רעכענענדיק די פילע קאָלעקציעס פאָלקסלידער, וואָס

איך האָב איבערגעגעבן צו איבערשיקן אים — דעם ד״ר בראַמסאָן אין קאָוונע און אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער זאַמלונג פון יידישע פאָלקסלידער. מיינע זאַמלונגען האָט ש. גינזבורג, שוין מיר פּערזענלעך, זייער שטאַרק גערימט און איז מיר זייער דאַנקבאַר געווען פאַר זיי. און ווירקלעך האָב איך אין ש. גינזבורג און פּ. מאַרעקס ערשטער זאַמלונג פון יידישע פאָלקסלידער, וואָס איז אין יאָר 1901 ערשינען אין אַ דיקן באַנד, אויף איין עמוד אין יידישער — אויף אַ צווייטן עמוד — אין לאַטיינישער שריפט, צוליב וויסנשאַפטלעך-פאָלקלאָריסטישע צוועקן — ווירקלעך האָב איך אין דער זאַמלונג אַ גרויסן חלק געהאַט...

אויסער אַלס זאַמלער פון פאָלקסלידער האָט שאול גינזבורג שוין דאַן געוואוסט, אַז איך שרייב אויך לידער. איך האָב אים אַפילו אייניקע דאַן געבראַכט צו טראָגן אויף מבינות, ניט האָבנדיק דאַן קיין אַנונג, אַז ער, דער יידיש-רוסישער אינטעליגענט און געלערנטער, וואָס וואוינט אַזש אין פּעטערבורג, וועט ווען-עס-איז זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער טעגלעכער צייטונג. מיינע אייגענע לידער האָט ער אויך שטאַרק גערימט. מיט אַנטציקונג האָט ער אָבער גערעדט וועגן אַ גרויסער פּאָעמע פון דעם רוסישן פּאָעט י. פּאָלאָנסקי, „די חתונה פון די מוראַשקעס“ (צי עפּעס ענלעכעס צו דעם נאָמען) און האָט מיר דאַן געראָטן, אַז איך, איך, וועדליג איך האָב אַ לייכט פערז — זאָל זיך נעמען צו שרייבן אַזאַ מין פּאָעמע און עס וועט מיר זיכער געלינגען.

נאַטירלעך האָב איך אַזאַ פּאָעמע קיינמאָל ניט געשריבן, אָבער פון זיין געשפּרעך, הגם אין רוסיש — און נאָך וואָס פאַר אַ רוסיש, אַן אמתער פּעטערבורגער רוסיש, מיט אַלע חנען און קנייטשעלעך — פּונקט ווי טורגעניעווס אַ העלד — פון זיין געשפּרעך און בכלל פון זיין אינטערעסירן זיך אין מיין שרייבן, האָב איך געמערקט, אַז ער איז אַ פריינד פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, און אין די פּאָר שעה, וואָס ער האָט מיט מיר דאַן פאַרבראַכט, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ רושם...

געוואָר ווערנדיק, אַז ש. גינזבורג איז דער רעדאַקטאָר פון דער קוים דערלעבטער יידישער טעגלעכער צייטונג, האָט מיין האָ-

פּענונג אויף גוטע צייטן אויפגעבליט, כאָטש עס זיינען געווען דעמאָלסט קאַלטע האַרבסטיקע טעג... נאָך דער בשורה האָב איך שוין געוואָלט גלייך „פליען" קיין וואַרשע, אָבער גיי פלי, אַז אַפילו מיטן באַן צו פאָרן איז שוין ניט געווען קיין מעגלעכקייט. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו ש. גינזבורג — דעם אַדרעס האָט מיר דער גוטער יעקב דינעזאָן אָנגעוויזן אין זיין בריוו — און איך האָב אויסגעדריקט מיין פרייד, וואָס אונזער אַלעמענס האָפענונג איז דערפילט געוואָרן; איך בין צוגעקומען צום פּסוק וועגן אַן אַוואַנס — אויף גאָר אַן איידעלן אופן נאַטירלעך — און כדי עס זאָל ניט זיין אינגאַנצן קיין אַוואַנס, האָב איך אַרויסגעשיקט דריי קליינע בילדלעך, וועלכע האָבן זוכה געווען אין עטלעכע יאָר שפּעטער, מיט נאָך אַ דערציילונג, וואָס איז שוין שפּעטער געווען געדרוקט טאַקע אין „פריינד" — איבערזעצט צו ווערן אין רוסיש און געדרוקט צו ווערן אַזש אין קאָראָלענקאָס „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ"...

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען אַן ענטפער, איך געדענק ניט, צי אין רוסיש, צי אין יידיש — אַלנפאַלס זייער אַ פריינדלעכער און מיט געלט... הגם, שרייבט ש. גינזבורג אַליין, דעם אַוואַנס, וואָס ער שיקט מיר, טוט ער עס לפנים משורת הדין, אָבער ער שיקט יאָ, ווייל ער ווייס ווי אַזוי צו שעצן מיין מיטאַרבעטערשאַפט... דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס די דריי „בילדלעך" וועלן ערשט קענען אַריינגיין אין צווייטן (צי אין דריטן) נומער, ווייל איך האָב פאַרשפּעטיקט. אין ערשטן נומער, מעלדעט ער מיר, אַגב־אורחא, וועט אַריין פּרצעס אַ זאַך...

בין איך שוין צופרידן, וואָס אין צווייטן, בפרט אַז נאָך פּרצן איז דאָך אַוודאי גוט... אויב אין ערשטן נומער הייסט כהן, הייסט דאָך אין צווייטן נומער לוי און טאָמער אַפילו אין דריטן, הייסט עס שלישי — אויך אַ כבוד....

מיין פאָטער איז גאָר אַנטציקט, ניט אַזוי פון דעם 25ער — אַ נייענקער געווען, אַזש פון פּעטערבורג, אפשר ערשט פון „קאַזינאַטשייסטוואָ" — ווי פון דעם בריוו אַליין.

ער דערציילט מיר ווידער, ווער שאול גינזבורג איז און אַז זיין פאָטער משה גינזבורג איז אַ ייד אַ גביר געווען און אַ גרויסער סוחר, און זיין טאַטע, מיין זיידע הייסט עס, האָט מיט אים גרויס געהאַנדלט — טאַבאַק ביי אים געקויפט, ווען ער פלעגט פאָרן נאָך סחורה פון קאָידענאָוו קיין מינסק.

געדענק איך שוין ניט, צי דעם ערשטן נומער „פריינד“ האָב איך געזען אין מינסק צי שוין קומענדיק צוריק אין וואַרשע... אַזוי צי אַזוי — דער איינדרוק פון ערשטן נומער איז געווען אַ בלאַסער... פון בעלעטריסטיק געדענק איך בלויז אַ קליין מעשהלע, צי אפילו קיין מעשהלע אויך ניט — עפּעס אַ מין מעשהלע — האַלב פובליציסטיש, האַלב אַלעגאָריש — מיטן נאָמען „די אַף“ פון י. ל. פרץ...

פון די טעלעגראַמעס איז געווען איינע פון סאָפיע, בולגאַריע... האָט עס מיר דעמאָלסט ווייניק וואָס אינטערעסירט. עס האָט בלויז געפעלט אַ „מכתב משטאָקהאָלם“, עס זאָל אויסזען ווי אַ נומער „המליץ“ אין יידיש...

האָב איך זיך אַ ביסעלע דערשראָקן: סטייטש, אָט אויף דעם האָבן מיר עס געוואַרט?... אויך נאָמבערג איז געבליבן ניט צופרידן פון ערשטן נומער. פרץ אַוודאי ניט... אָבער מען האָט נאָך הויך די אומצופרידנהייט ניט אַרויסגערעדט... מען דאַרף וואַרטן...

עס איז געווען בלויז אַ טרייסט, וואָס צום ציוניזם איז נאָך קיין שטעלונג ניט געווען... הגם די שטעלונג פון דער רעדאַקציע צו יידיש איז ניט געווען שטאַרק פויגלדיק, — ניט קעגן און ניט פאַר — נאָר סתם פאַרעווע...

אָבער דאָך אַ טעגלעכע צייטונג אין יידיש...

אַ טעגלעכע — דאָס הייסט אין אַ יאָר איבער דריי הונדערט נומערן... איז איין נומער ניט געראָטן, קען דער צווייטער — אויף מאָרגן — זיין שוין יאָ געראָטן...

בפרט אַז אין דריטן נומער זיינען שוין געווען געדרוקט מיינע דריי בילדלעך, האָט יענער נומער שוין אַוודאי אין מיינע אויגן אויסגעזען געלונגענער.

מיט דעם ערשיינען פון „פריינד" האָט די וואָכנשריפט „דער יוד" אויפגעהערט צו ערשיינען... דער רעדאַקטאָר ד"ר יוסף לוריע, וועלכער איז אונז אַלעמען שוין נאָענט געוואָרן, איז אָפּגעפאָרן קיין פעטערבורג אַלס הויפטמיטאַרבעטער און פירער פון „פריינד". איז דאָס געווען אַ גרויסער שאָד! „דער יוד" מיט אַלע זיינע פעלערן איז דאָך מיט דער צייט געוואָרן אונז טייער. פאָרט האָבן זיך אויף זיינע שפאַלטן געדרוקט די בעסטע ווערק פון פרץ, מענדעלע און די ערשטע פאָר יאָר פון שלום-עליכם (שפעטער איז ער איבערגעגאַנגען אין „תושיהס" „פאָלקסצייטונג"). ווער רעדט — מיר, די יונגע, ווי אַש, נאָמבערג, איך, האָבן געהאַט פיל צו פאַרדאַנקען „דעם יוד", און זיין צווייטן רעדאַקטאָר יוסף לוריע, וואָס ער האָט אונז געגעבן די מעלעכקעט צו אַנטפלעקן זיך פאַר די יידישע לעזער און טיילווייז ווערן באַקאַנט און אַפילו באַרימט!

דערצו האָבן מיר מורא געהאַט, אַז אויך די וואָכנשריפט „די יודישע פאָלקסצייטונג" וועט ניט קענען אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון אַ טעגלעכער צייטונג און וועט זיך מוזן צומאַכן... צום גליק האָט ביים פאַרלאַג „תושיה" „די יודישע פאָלקסצייטונג" נאָך עקסיסטירט אַ פאָר יאָר, איינצייטיק מיטן „פריינד", און די מורא, אַז „דער פריינד" זאָל ניט בלייבן קיין „בן-יחידל", איז ערשט מקויים געוואָרן שפעטער...

אַלס טעגלעכע צייטונג האָט „דער פריינד" זיך טאַקע געהאַלטן, ווי אַ בן-יחידל... ניט שטאַרק נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשע, איבערהויפט זיך ניט געוואָרפן מיט געלט פאַר די מיטאַרבעטער... און זיין מאַטעריעלער ערפאָלג איז געווען די ערשטע צייט גאַנץ גרויס. איך בין גלייך ברוגז געוואָרן און אויפגעהערט צו שיקן מאַטעריאַל. אויך אַש האָט די ערשטע חדשים פון „דעם פריינדס" ערשיינען זייער זעלטן זיך געדרוקט אין „פריינד". בלויז פרץ האָט די ערשטע צייט אָפט זיך געדרוקט. האָט ער טאַקע ניט געקענט אַזוי פיל שאַפן און האָט איינמאָל זיי געשיקט אַ דערציילונג „שמעיה גבור", וואָס ער האָט איבערגעזעצט פון העברעישן אָריגינאַל, וועלכער איז געווען געדרוקט שוין אַמאָל אין „הצפירה". האָבן טאַקע

די באַלעבאַטים פון „פריינד“ שטאַרק פאַריבל געהאַט און פרצן שטאַרק אויסגערעדט אין אַ בריוו, וואָס ער האָט זיי, יאַקבי, ניט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז עס איז שוין געווען געדרוקט אין „הצפירה“... אַגב אין יידיש איז „שמעיה גבור“ אַרויס פיל שענער און שטאַרקער...

אָפּגעשטרייקט מיטן „פריינד“ עטלעכע מאָנאַט — איך געדענק שוין ניט גענוי צוליב וועלכע אורזאַכן — ווי 'מיר דאַכט, איז עס געווען מער צוליב „האָנאָראָווע“, ווי צוליב מאַטעריעלע טעמים — האָב איך ענדלעך דעם שטרייק געוואונען... איך האָב אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן, הגם עס איז געווען אין ווינטער, באַקומען אַ בריוו פון שאול גינזבורג אַליין און „סטייטש, פאַרוואָס שרייב איך ניט און פאַרוואָס שיק איך ניט אַריין מיינע ערציילונגען, וועלכע ער ווייס ווי אַזוי צו שעצן...“

האָב איך שוין אַוועקגעשיקט מיין דערציילונג „די קאַלטע האַנט“.

און בין אויף אַ קורצער צייט מיטן „פריינד“ געוואָרן ווידער גוט-פריינד...

צוויִאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין וואוינונג אויף שווענטאָ־יערסקאָ. — קראַשינסקים גאָרטן. — אליעזר מאָנפּריד מיין שותף צום צימער. — משה טייטש אַלס גאַסט. — זיין ערשטער נאַכטלעגער ביי מיר. — מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיינער אַ חברטע. — די רייזע קיין מינסק. — די פּסחדיקע דערציילונג אין „פריינד״. — קעשעניעוו. — דער ערשטער באַריכט פון ד״ר מאַנדעלשטאַם. — דער געשטיגענער טיראַזש פון „פריינד״. — מיין „צער און צאָרן״. — דער האָנאָראַר פאַר מיין פּאָגראָם־ליד פאַר די פּאָגראָם־קרבנות. — צוריק אין וואַרשע. — די מוטיקע האַלטונג פון דער יידישער יוגנט.

געוואָרן גוט־פריינד מיטן „פריינד", האָט זיך שוין די מאַטעריעלע לאַגע מיינע כלומרשט פאַרבעסערט. איך האָב, האָפנדיק אויף בעסערע צייטן, גענומען אַ גרעסערן צימער אויף סט.־יערסקאַ־גאַס, ניט ווייט פון קראַשינסקיס גאָרטן. דאָס איז געווען דער איינציקער גאָרטן, וואו אַפילו חסידישע יונגעלייט, אָדער אַפילו אַלטע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן געמעגט אַריינקומען פראַנק און פריי. דער קראַשינסקי־גאָרטן איז געווען אַ פאָלקס־גאָרטן אין פולן זינען פון וואָרט. ביים טויער איז קיין פאָליציאַנט ניט געשטאַנען. וויבאַלד אַז מען מעג, איז צו וואָס איז דער פאָליציאַנט. פלעגט מען טאַקע אין קראַשינסקיס גאָרטן טרעפן זיצן אויף אַ באַנק אונטער ביימער אַ חסידישן יידן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע לעבן אַ רוסישן סאָלדאַט און יעדער האָט זיך געטראַכט זיינע געדאַנקען, קוקנדיק אין דער ווייט, אָדער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי זוכנדיק עפּעס אויף דער ערד. אויך די יוגנט פון דער דזיקאַ־גאַס און פון פראַנציסקאַנער און פון באָניפראַטנגאַס פלעגן פאַרבייגייענדיק דעם קראַשינסקי־גאָרטן שוין כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די ברייטע אַלעען, אָדער זיצן אויף די בענק און שמועסן צווישן זיך, אָדער סתם שווייגנדיק באַטראַכטן גאָטס שיינע וועלט...

איך אַליין האָב דעם דאָזיקן גאָרטן ליב באַקומען פֿון די ערשטע טעג אָן, וואָס איך בין געקומען אין וואַרשע. ניט איין ליד האָב איך אונטער זיינע ביימער אָנגעשריבן אָדער פֿאַרצייכנט, זיצנדיק אויף אַ באַנק און ווערנדיק פֿון עפּעס מיטגעריסן אָדער דורכגענומען. פֿילע פֿון יענע לידער, וואָס איך האָב דעם ערשטן זומער אָנגעשריבן אין דעם קראַשינסקי־גאָרטן, זיינען ביי מיר ניט אויפֿגעהיט געוואָרן, פֿאַרלאָרן געגאַנגען, ניט גלויבנדיק דאַן אין זייער ווערט. אַמאָל אָבער דאַכט זיך מיר, אַז צווישן יענע „פֿאַרלאָרענע“ לידער האָבן זיך געפֿונען אַזוינע, וואָס וואָלטן אויך היינט געהאַט אַ געוויסן ווערט. אָבער צוריקקערן זיי קען איך איצט ניט, איך געדענק בלויז פֿון מאַנכע דעם „אינהאַלט“, די מאָטיוון — ס׳רוב מעלאַנכאָלישע, עלעגישע און שטימונגספֿולע. פֿלעס האָב איך אין יענע טעג אין קראַשינסקיס גאָרטן אָבסערווירט, באַמערקט און דורכגעפֿילט. אָט זיצט אַן אָרעמע „מיידל“, קענטיק פֿון יענע, וואָס האָבן ביידערנאַכט מיט „זיך“ געהאַנדלט... זי איז מיד, פֿאַרמאַטערט, און אויב איר דאַכט זיך, אַז קיינער הערט ניט, הוסט זי זיך פֿונאַנדער הייזעריק און גרילצנדיק...

נאָר אָט הייבט זי זיך אויף פֿון אָרט און גייט, ווי וואַקלענדיק זיך, אַוועק אין אַן אַנדער אַלעע. ס׳קומט איר אַנטקעגן אַ פּאָרל, אַ יונגס, אַ פֿריילעכס; דער „ער“ וויצלט זיך קענטיק, ווייל די „זי“ לאַכט פֿריידיק און פֿון פֿולן האַרצן...

און די אומגליקלעכע מיידל קוקט אָן דאָס גליקלעכע פּאָרל פֿול מיט קנאה...

* * *

דאָס צימער אויף סט.־יערסקאַ האָט שוין, צוליב דער רייכער געגנט, געקאָסט צען רובל אַ חודש. פֿונדעסטוועגן האָב איך געהאַט צו אים אַ שותּף, אליעזר מאָנפֿריד, דאַן נאָך אַ יונג בחור, וואָס האָט זיך אויף עפּעס געשניטן, צי אויף אַ פּאָעט, צי אויף אַ פֿידלשפּילער — איז נאָך ניט געווען באַוואוסט. באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים אין רעדאַקציע פֿון „יוד“, וואו ד״ר יוסף לוריע האָט מיר אים פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ יונגן טאַלאַנט, וואָס זאָגט צו...

האָט ער זיך צו מיר צוגעלאָזט. אַן אײדעלער, אַ העפֿלעכער, אַ יונגטלעכער, איז ער מיר געפֿעלן געוואָרן פּערזענלעך און ער איז מיט דער צײַט געוואָרן מײַן שותּף צום צימער. אַ פּינקטלעכער אין צאָלן פֿאָרױס דאָס דירה=געלט, האָט ער אױך אױף מיר געווירקט, איך זאָל זײַן פּינקטלעכער, ניט ווי מײַן שטײגער איז דאַן געווען, הגם די בעלי־באַטים פֿון דער וואױנונג, אַ יונג פּאָרפֿאָלק, האָבן ניט שטאַרק געמאָנט און בכלל ניט מקפּיד געווען אױפֿן „ערשטן“... עס איז רעכט געווען דער צענטער אױך, און אַמאָל טאַקע דער מערצנטער... עס איז געווען אַ שמאָלער, אָבער אַ לאַנגער צימער. געשטאַנען איז אין אים אַ בעטל, אַ סאָפֿקע, אַ טישל און צװײ שטולן... צום גליק האָט זיך מאָנפֿריד אין די בײַטאָגס זעלטן געפֿונען אין צימער, ער איז שױן דאַן געווען אַ „מענטש“, הגם אינגאַנצן אַ זיבעצן=אַכצן יאָר אַלט. ער איז שױן דאַן געווען פֿיל מיט פּלענער, סײַ ליטעראַרישע, סײַ מוזיקאַלישע און אַפֿילו רײן=קאָמערציעלע. איך האָב פֿון אים גאָר אָנגעקוואָלן. אַז מ. בעקמאַן האָט געדאַרפֿט האָבן אַ פּסח=ליד פֿאַרן פּסח=נומער „פֿאָלקצײַטונג“ און ניט געהאַט, האָט שױן מאָנפֿריד דאָס גלײַך דערפֿאַרן און ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד „די קשיות“, שיר ניט אַ פֿילאָסאָפֿישע; עס האָט מיט פּסח גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן, אָבער ווײַבאַלד אַז קשיות, הגם אַנדערע קשיות, וואָס דאָס לעבן שטעלט אַרױס, האָט דאָס שױן געקענט געניצט ווערן אױך אױף פּסח אָנשטאָט די פֿיר קשיות פֿון מה=נשתּנה... דערצו האָב איך נאָך אַלס גוטער פֿרײַנד זײַנער גענומען די קשיות אין מײַנע הענט, און ס׳איז געוואָרן אַ דרוקפֿעיִק ליד, וועדליג פֿאַר יענע יאָרן און וועדליג פֿאַר אַ פּסח=נומער...

אין דעם זעלביקן צימער איז בײַ מיר אױך אַ קורצע צײַט אײַנגעשטאַנען, אַלס גאַסט, משה טײַטש, וועלכער איז אין יענעם ווינטער, צווישן 1902 און 1903, אָנגעקומען אין וואַרשע פֿון ווילנע, פֿון וואַנען ער האָט זיך נאָך פֿריער מיט מיר דורכגעשריבן און צוגעשיקט אַפֿילו לידער און לידלעך. ער איז אָנגעקומען אין אָוונט, אַ שעמעוודיקער און אַ באַרעדטער, אַ פֿאָלקס=מענטש און אַ אינטעליגענט; אַ רוסיש=און אַ ייִדיש=„שפּרעכנדיקער“. שווער געווען צו

דערגיין, צי אָנטאַפּן דעם ריכטיקן טייטש... אָבער דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען אַוודאי און אַוודאי אַ גוטער. ס׳הייסט, איך האָב גלייך געזען, אַז ס׳איז אַן אייגענער מענטש, הגם גערעדט רוסיש האָט ער גאַנץ שאַרף, און ס׳איז געווען גלייך צו דערקענען, אַז ער האָט אי „געעקסטערנעט“, אי אין דער באַוועגונג געווען און דווקא אין סמאָרגאָן, אַ שטאָט, וואָס האָט אין יענער צייט געשוויבלט און געגריבלט מיט אַרבעטער־פּראַגן, שטרייקן, „סבאָדקעס“ און אַפילו דעמאָנסטראַציעס. פֿאַר אַזאַ האָב איך שוין געקראָגן דרך־ארץ. כ׳האָב גלייך געזען, אַז ער איז אַ למדן אויך אין די ענינים פֿון דער באַוועגונג, און ווי מיר קלינגט איצט אין מוח, איז ער אויך אין טורמע שוין געזעסן אַלס פּאָליטישער. דאָס איז שוין געווען שיר ניט אַ זכיה.

צערעדט זיך גאַנץ פֿריינדלעך, ווייזט זיך אַרױס, אַז ער איז געקומען גלייך פֿון דער באַן צו מיר. גיב איך אים אַ פֿרעג וועגן אַ צימער, ענטפֿערט ער, לאַכנדיק, אַז דערווייל וועט ער שלאָפֿן ביי מיר. ער פֿאַרלאַנגט ניט, חלילה, מיין בעט און ניט מאָנפּרידס סאָפֿקע, נאָר בלויז דאָס שטיקל פּאָדלאָגע...

איך האָב זיך אַזש דערשראָקן: אַ גאַסט לייגן שלאָפֿן אויף דער ערד, ווי שיקט זיך עס, און ווי האָט מען דאָס אַ האַרץ דערצו.

אָבער משה טייטש לאַכט: ער ווערט שוין גאָר פֿריילעך, ער גייט אַריין אין זיין אמתער ראָלע, הייסט עס. ער באַווייזט מיר מיט „אותות און מופֿתים“ און אויך וויסנשאַפֿטלעך, אַז אויף דער ערד שלאָפֿן איז ניט אַזוי שלעכט, ווי מען מיינט. און ווי לאַנג זאָגט ער, צי האָט ער עס געזאָלט זאָגן, איז בכלל, אַז מענטשן שלאָפֿן אויף בעטן.

ווען מיין בעט איבערגעבן אים קען גאָר קיין רייד ניט זיין. ער איז — זאָגט ער — בכלל אַ דם־שונא פֿון אַ בעט... געשמאַק שלאָפֿט ער ערשט אויף דער פּאָדלאָגע...

קוים מיט צרות איינגערעדט אים און געפּועלט, אַז ער זאָל נעמען מיין קישעלע. ווייבאַלד אַז אויף קישעלעך שלאָפֿן איז ניט אַזוי געזונט, איז זאָל ער מיר טאָן די טובה און זאָל ער מיר לאָזן שלאָפֿן אין בעט כאָטש אָן אַ קישעלע.

געקראָגן מיט וואָס אויך אונטערצובעטן און מיט וואָס זיך איבערצודעקן — און ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן אימפּראָוויזירטן געלעגער, ערשט אַ חסרון:

— עס איז צו רייך, — זאָגט ער, און שמייכלט צו שוין ווי גאָר אַ נאָענטער...

געפֿעלט מיר שוין דער הומאָר זייַנער און איך פֿיל שוין זיך מיט אים גאָר היימיש. און מיר, — ער ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, איך אין בעט, — לאָזן זיך אַריין אין ליטעראַרישע און הייםישע שמועסן. אליעזר מאָנפֿריד שלאָפֿט אויף דער סאָפֿקע און שמייכלט פֿון שלאָף, ווי ער וואָלט זיך מכין געוועזן צו שפּילן אויפֿן פֿידל, אָדער ווי עס וואָלט זיך אים געחלומט, אַז מ. ספּעקטאָר נעמט בײַ אים אָן אַ ליד פֿאַר דער „פֿאָלקסצייטונג“.

אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, איז משה טײַטש גאָר יום־טובדיק. געוואָרן שוין אַפֿילו מיט מיר אינטים און באַוויזן מיר אַ קליין פּאָרטרעטל פֿון אַ בילד־שיינער ברונעטקע.

— ווער איז זי?...

— דאָס איז מײַן כלה... וויעראַ...

— אַזוי, איר האָט שוין אַ כלה... — רים איך אים און איך פֿיל זיך גליקלעך... אַבי איך האָב געמיינט, אַז ער האָט קיינעם ניט אויף דער וועלט.

ערשט וואו קיינעם ניט! — דאָ אין וואַרשע דאַרף ער היינט אויסזוכן אַ סמאָרגאָנער מיידל, אַ קורסיסטקע, אַ שיינהייט...

און פֿאַרנאַכט איז ער טאַקע געקומען צו מיר מיט דער דאָזיקער קורסיסטקע, ווירקלעך אַ וואונדערלעכע שיינהייט געווען און אַוודאי נאָך איצט אויך...).

אמת, זי איז בלויז אַ באַקאַנטע, אַ חברטע פֿון סמאָרגאָן. זיי האָבן זיך געהאַלטן בלויז חבריש, אָבער איך, שיר ניט פֿאַרליבט אין דער דאָזיקער שיינהייט, וואָס אַפֿילו בעל־מחשבותן, מיט וועלכן איך האָב זי שפּעטער באַקענט, איז זי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן אַלס שיינהייט — איך שיר ניט פֿאַרליבט, האָב דאַן אַ ביסל געליטן פֿון דעם. וואָס מען רופֿט מיט דעם נאַרישן נאָמען „אײפערזוכט“...

שפּעטער ערשט, אַז וויראַ איז געקומען, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. און הגם וויראַ איז אויך געווען אַ בליענדיקע שיינהייט (און לאָמיר האָפן, אַז נאָך איצט, ווען איך שרייב עס — אויך) — אָבער וויבאַלד אַ כלה פון אַ קאָלעגע, האָב איך צו איר געהאַט בלויז אַ געפיל פון עכטער פריינדשאַפט און דאָס זעלבע געפיל האָב איך אויך שפּעטער באַקומען צו דער שיינער קורסיסטקע פון סמאָרגאָן. ווער רעדט, אַז נאָכדעם, ווי מיין שוועסטער איז געקומען קיין וואַרשע און זיך נאָענט באַפריינדעט אי מיט וויראַן אי מיט דער קורסיסטקע, זיינען מיר אַלע געוואָרן כמעט ווי איין משפחה.

און ווען איך האָב דעם קינפטיקן זומער 1903 געוואוינט אין אָטוואָצק אין אַ שטיבל, וואָס איך האָב געדונגען בשותּפות מיט נאָמבערגן, פלעגן זיי אָפט קומען צו אונז צו גאַסט און ס׳איז געווען זייער פריילעך. אָבער צו דעם דאָזיקן שיינעם זומער אין אָטוואָצק וועל איך זיך אומקערן שפּעטער.

דערווייל צוריק צום „פריינד“.

געוואָרן גוט־פריינד מיטן „פריינד“ אַרום אַ פּאָר וואָכן פאַר פסח, האָב איך אַוועקגעשיקט דריי דערציילונגען און באַקומען אַ האָנאָראַר, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאָרן אויף פסח אַהיים און נאָך מיטנעמען אויף מיינע הוצאות ביז סמאָרגאָן די שיינע סמאָרגאָנער קורסיסטקע, וועמעס עלטערן עס האָבן געוואוינט אין דער דערמאָנטער שטאָט. איבער וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ האַלבן טאָג אין ווילנע, וואו זי האָט געהאַט פריינד, און איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אין אַ פריילעכער און אינטערעסאַנטער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט.

פון סמאָרגאָן בין איך שוין, אָפּזעגנענדיק זיך מיט דער ליבער סמאָרגאָנער מיידל, געפאָרן אַליין, און געוואַרט מיט בענקשאַפט אויף אירן אַ בריוו. דער בריוו איז געקומען חול־המועד פסח. אויף אַ זייער העפלעכן, אָבער באַהאַלטענעם־ליבלעכן אופן האָט זי מיר אויסגעדריקט איר דאַנקבאַרקייט פאַר מיין פריינדשאַפט מיטצונעמען זי אויף מיינע הוצאות אַהיים, וואו זי פאַרברענגט ביי אירע עלטערן אַ זייער פריילעכן יום־טוב.

וואָלט אַלץ גוט געווען. ווער רעדט, אַז דער פּסח־נומער „פריינד" מיט דער לעצטער דערציילונג פון די דריי, וואָס איך האָב געשיקט אין „פריינד", איז אָנגעקומען אין מינסק און די דערציילונג מיטן נאָמען „מיט צען פונט ווייניקער" האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דעם שעף פון דעם האַנדלס־הויז „גינזבורג און זין", וואָס איז אויך געווען דער פאָרשטייער פון „פריינד" פאַר גאַנץ מינסק, האָט ער מיר טאַקע אַוואַנסירט אַ גאַנצן 25ער (צי די סומע האָט מיר אפשר געקומט), און נאָך בסבר פּנים יפות, זאָגנדיק, אַז די בעסטע דערציילונג אין נומער (עס איז געווען אַ ליטעראַרישע ביילאַגע) איז מיינע. אמת, דער דאָזיקער „פאָרשטייער" פון „פריינד" אין מינסק איז געווען אַ פּשוטער ייד און אויף זיינע מבינות פאַרלאָזן זיך איז געווען ניט כּדאַי. נאָר אַז איינער זאָגט גוט אויף דיינער אַ זאַך, איז ער שטענדיק אַ מבין...

אָבער די אַלע פריידן זיינען אַ טאָג נאָך פּסח פאַרשטערט געוואָרן. עס איז אָנגעקומען אַ נומער „פריינד", און צווישן די געווינלעכע טעלעגראַמעס — אַ ספּעציעלע טעלעגראַמע פון קעשעניעוו, מיט דער קורצער, אָבער טיף דערשיטערנדיקער און אויפרעגנדיקער מעלדונג: אַ פּאָגראָם אין קעשעניעוו. 47 געהרגעטע, פיל פאַרוואונדעטע, צעריבּט יידיש האָב און גוטס. הילף גלייך נייטיק. די טעלעגראַמע, ווי מיר דאַכט, איז געקומען פון קיעוו און איז געווען אונטערגעשריבן פון פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם. איך געדענק ניט, איצט שרייבנדיק, פּינקטלעך דעם טעקסט, אָבער אין איר איינגעהאַלטנקייט האָט זיך געפילט שטאַרקער פּראָטעסט, טיפער ווייטאָג און צער, ניט קוקנדיק, וואָס די צענזור האָט אַלע שאַרפע ווערטער אויסגעמעקט.

אוי מאָרגן איז שוין אָנגעקומען „דער פריינד" פול מיט איינצלהייטן פון קעשעניעוו גופא, מיט גענויע באַשרייבונגען וועגן די שוידערלעכקייטן פון דעם פּאָגראָם. מינסקער יידן האָבן דאַן געכאַפּט די עקזעמפּלאַרן „פריינד" ביי דעם איינציקן, ווי מיר דאַכט, דאַן צייטונגס־פאַרקויפער און געצאָלט פינף קאָפּיקעס און נאָך מער. דער טיראַזש פון „פריינד" האָט זיך געגעבן אַ הויב אויף טויזנטער...

אויך פריער איז „דער פריינד“ שטאַרק געלייענט געוואָרן, נאָר נאָכן קעשעניעווער פאָגראָם איז זיין צירקולאַציע געשטיגן לעגענדאַריש.

וואָס אָנבאַטרעפט מיך פערזענלעך, האָב איך דאַן יעדן נומער „פריינד“ מיט די באַשרייבונגען פון די גרוילטאַטן געלייענט צו עטלעכע מאָל, וויינענדיקערהייט, ווי אַ פרומער ייד לייענט וועגן די עשרה הרוגי מלכות אין קינות... עס האָט מיך ניט געלאָזט נאָכדעם אַיינזיצן אין הויז. איך האָב אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, איבער דעם גובערנאַטאָרס סאָד, איבער דעם בולוואַר און ניט געקענט זיך באַרויִקן. מיינע פויסטן האָבן זיך געביילט. אין יעדן גוי, וואָס איך האָב דאַן באַגעגנט, האָב איך געזען אַ שונא, אָנגעקוקט אים אי מיט שרעק, אי מיט דראָונג. איך בין אומגעגאַנגען איבער די גאַסן און פאַר אויפרעגונג געקלאַפט מיטן גראָבן שטעקן, וואָס איך האָב דאַן געטראָגן, אויף די שטיינער, אויף די הילצערנע טראָטואַרן, ווי איך וואָלט זיך פאַרמאָסטן קעגן שונא.

ענדלעך האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ניט דאָס רוסישע פאָלק איז שולדיק, נאָר די רעגירונג, די פאַרפוילטע סיסטעם.

און איך האָב אָנגעשריבן אַ קליין לידל, וואו איך האָב דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרשטעלטערהייט אַרויסגעזאָגט. דאָס ליד האָט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפעניש פון דער נשמה:

אַ קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
און האָט עס אינגאַנצן צעטראָגן,
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער —
און האָט פיל נפשות דערשלאָגן...

צי קען איך דען צאָרנען אויף ווינטן און דונער —
צי ווייסן זיי דען וואָס זיי טו'ן...
עס ברענט נאָר מיין צאָרן, ווי האָט עס געטראָפן
ווען ליכטיק געשיינט האָט די זון?

דעם ווינט און דעם דונער, אָ, זיי בין איך מוחל,
זיי זיינען, ווי קרעפטן, דאָך בלינד;
ווי האָט דאַן געלויכטן די זון אָבער, פרעג איך,
און רויִק געזען אַזאַ זינד?...

איך האָבֿ דאָס ליד גלייך אַוועקגעשיקט אין „פֿריינד" און צוגעשריבֿן, אַז דעם באַטרעפֿנדיקן האָנאָראַר פֿאַר דעם לידל זאָל מען איבערגעבֿן דעם קאָמיטעט פֿאַר די פּאָגראָם־קרבנות...

געגלויבט האָבֿ איך, אַז עס וועט אָנקומען די פּאָגראָם־קרבנות אַ צען רובֿל, אָבער די רעדאַקציע האָט קענטיק עס ווייניקער אָפּגעשאַצט און צווישן דעם צעטל פֿון די נדבות איז אין אַ וואָך אַרום דערמאָנט געוואָרן מיין נדבה — דריי רובֿל...

האָבֿ איך זיך דערפֿילט באַליידיקט פֿאַר מיר און פֿאַר זיי...

דער אַרויסגעבֿער ראַפּאָפּאָרט, ווען ער איז אין יענעם זומער געקומען קיין וואַרשע, האָט מיר איבערגעגעבֿן, אַז דאָס ליד האָט צווישן די פּעטערבורגער לעזער געמאַכט אַ רושם און ס'האָט אַפֿילו געהאָלפֿן צו אויפֿוועקן מאַנכע רייכע יידן אין פּעטערבורג, צי ערגעץ אַנדערש־וואו, אָפּצורופֿן זיך מיט הילף פֿאַר די געליטענע פֿון פּאָגראָם...

אין עטלעכע וואָכן אַרום קומענדיק אין וואַרשע האָבֿן זיך די וואָלקנס עטוואָס פֿונאַנדערגעגאַנגען. אויך אין וואַרשע, ווי אין מינסק, האָט מען זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם — דאָס איז דאַן געווען דעם מיניסטערס פּלעוועס פּאָליטיק — אָבער דער מוט ביי די מאַסן איז ניט נאָר ניט געפֿאַלן, נאָר דווקא אויפֿגעהויבֿן זיך. די אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט זיך נאָך פֿאַרשטאַרקט. דערצו האָבֿן זיך געגרינדעט באַהאַלטענערהייט זעלבסטשוצן פֿון דער יידישער קעמפֿנדיקער יוגנט פֿון אַלערליי ריכטונגען, אַזוי, אַז אַ פּאָגראָם אין וואַרשע וואָלט שוין ניט פֿאָרגעקומען אָן אַן אָפֿענעם קאַמף קעגן דער דעמאָלטיקער רעגירונג.

דרייאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

וואַרשע זומער 1903. — נייע מענטשן. — אָדעס, קיעוו, ווילנע. — ל. שאַפּיראָ. — זיין ערשטע דערציילונג. — זיין געביטענע מיינונג איבער מיר. — ז. שניאור. — זיין פּאַמפלעט אין „הצפירה״. — זיין אימיטירן. — מיין שוועסטער שרה רייזען וועגן שניאורן. — יעקב שטיינבערג. — ש. צ. זעצער. — פייערבערג. — יעקב שטיינבערג און זיין דעמאָלסטיקע וועלט־אַנשויונג. — ראובן גראַנאָווסקי. — אַ גרוס פון י. י. לינעצקי. — מענדעלע מוכר־ספרים׳ס באַציִונג צום ציוניזם. — „אונזערע ציוניסטען״ און „דער ציוניסטישער גלאָק״. — פּרץ און דער ציוניזם. — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט חיים־נחמן ביאַליק.

וואַרשע איז אין 1903 שוין געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער נייער יידישער און טיילווייז אויך פון דער העברעישער ליטעראַטור. שוין „דער יוד״ און נאָכדעם „די פאָלקסצייטונג״, דער פאַרלאַג „פּראָגרעס״ האָט געלאָקט יונגע און אַפילו עלטערע שרייבער און דיכטער צו קומען קיין וואַרשע... קיעוו, וואָס איז געווען אַ שטיקל צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין די ניינציקער יאָרן; אָדעס, וואו עס האָט געוואוינט און געשאַפן מענדעלע אַליין, י. י. לינעצקי, אַחד־העם, י. ח. ראַווניצקי, און דער דאַן זייער יונגער ביאַליק; אַפילו ווילנע, די ירושלים דליטא, וואו עס האָבן געלעבט און געשאַפן די קאָריפעיען פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי אייזיק־מאיר דיק און אַנדערע, און פון דער העברעישער ווי אָדם־הכהן, — זיינען דאַן פאַרטונקלט געוואָרן קעגן דעם נייעם ליכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין וואַרשע. איז ניט קיין וואונדער, וואָס יעדן יונגן טאַלאַנט פון די אַלע אויסגערעכנטע צענטערס האָט עס געצויגן קיין וואַרשע, וואָס זי איז געוואָרן דאָס האַרץ פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַזוי האָב איך שוין אין 1903 אין וואַרשע געהאַט פֿיל נייע קאָלעגן און אַפֿילו חברים. צווישן זיי איז שוין געווען ל. שאַפּיראָ, וועלכער איז שוין אַגב געווען אַ קורצע צייט אין וואַרשע, איידער איך בין נאָך געקומען, און האָט זיך שוין באַקענט געהאַט מיט ליפּע נאָוואָגרודסקין און מיט אַנדערע סאָציאַליסטן און אינטעליגנטן ... אויך, ווי עס ווייזט אויס, האָט שוין פּרץ פֿון אים געוואוסט און האָט אַפֿילו געהאַט בדעה, צו דרוקן ל. שאַפּיראָס אַ לענגערע דערציילונג אין די „קולטור־בלעטער“, וואָס ער האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן. אָבער צו דרוקן ל. שאַפּיראָן דער ערשטער האָב איך געהאַט די זכיה. אַזוי איז זיין פֿאַרבנרייכע דערציילונג „איציקל ממזר“ געווען געדרוקט אין מיינעם אַ זאַמלבוך. ליפּע נאָוואָגרודסקי, בײַ וועמען די דערציילונג האָט זיך געפֿונען, האָט זי מיר איבערגעגעבן, און אין יענער צייט האָט מיר די דאָזיקע דערציילונג שיער ניט אַנטציקט מיט איר געזונטן רעאַליזם, הגם ל. שאַפּיראָ איז שפּעטער פֿון דעם דאָזיקן מין שרייבן, האַלב צו זיין גליק און האַלב צו זיין שאָדן — אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען. ווען ער איז געקומען אין 1903 דאָס צווייטע מאָל אין וואַרשע — און אפשר נאָך פֿריער ווי אין 1903 — איז ער שוין געווען דער ל. שאַפּיראָ, ווי מיר קענען אים איצט, אַן ערנסט שמייכלענדיקער, אַ פֿאַרטיפֿטער אין זיך און אין אַנדערע, אַ גוטמוטיקער און אַ שטרענגער... געשריבן האָט ער דעמאָלסט ווייניק; ער האָט געשטעלט אין ליטעראַרישן זין גרויסע פֿאָדערונגען, אי זיך, אי אַנדערע. וועגן מיינע „זאַכן“ האָט ער אַ לענגערע צייט, ווי איך בין געוואויר געוואָרן פֿון אים אַליין, קיין גרויסע מיינונג ניט געהאַט, הגם ער האָט עס דייטלעך מיר ניט נאָר ניט אַרויסגעזאָגט, נאָר אַפֿילו מיט קיין רמז ניט אַרויסגעוויזן. אַדרבא, ער האָט זיך צו מיין פֿריינדשאַפֿט צו אים באַצויגן מיט דער זעלבער פֿריינדשאַפֿט, נאָר מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ; ערשט ווען איך האָב אים מכבד געווען, טאַקע אין קאָטיקס קאַפֿע־הויז, דער „קיבעצאַרניע“ פֿון אַ טייל יידישע יונגע שרייבער ביז 1903 — מיט מיין ביכעלע דערציילונגען און בילדער, האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום, דורכלייענענדיק זיי, און קומענדיק אין

קאַפּע, מיר איבערגעגעבן אַ באַגייסטערטע מיינונג, וועדליג פֿאַר זיין רויִקן טעמפּעראַמענט...

— וואָס זאָל איך אַייך זאָגן, רייזען, איר האָט מיך איבעראַשט... איך פֿיל זיך פּשוט שולדיק קעגן אַייך... זייער שיינע זאַכן... אייניקע האָבן מיך גאָר פֿאַרכאַפּט... איך האָב דערזען מענטשן ביי אַייך, בילדער, געפֿילן... איר האָט מיך באמת איבעראַשט...

איך געדענק ניט, צי פּונקט אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. עס איז אַ געשיכטע פֿון באַלד 25 יאָר, אָבער דאָס איז דער תּמצית פֿון זיין מיינונג איבער מיין ערשטן ביכעלע דערציילונגען.

און הגם ער איז זיכער געווען יינגער פֿאַר מיר מיט אַ פּאָר און אפשר עטלעכע יאָר, אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ יונגס, אָבער אַ בליק אונטער די פּענסנע צי די ברילן — אַן ערנסטן, נאָר זייער אַ מילדן, וואָס האָט ממש געגלעט דאָס האַרץ, וואוהין עס האָט אַריינגעדרונגען — הגם יינגער פֿאַר מיר, איז מיר זיין מיינונג געווען זייער טייער און איך בין נאָך צו אים צוגעלאָזענער געוואָרן, געהאַלטן פֿאַר אַ גליק, ווען קומענדיק אין קאָטיקס קאַפּע, האָב איך אים געטראָפֿן מיט זיין נאָענטסטן פֿריינד נאָוואָגרודסקי, צי אַליין, צי אַמאָל אין אַ וויכּוח אין אַ קרייזל ביי אַ טיש וועגן ציוניזם און העברעיִש, וואָס פֿון ביידע איז ער געווען אַ גוואַלדיקער קענער, און מיט דעם כּוח פֿון זיין לאָגיק, און דווקא רויִקערהייט, באַזיגט אַלע זיינע „פֿיינד“...

דער צווייטער פֿון די נייע אָנגעקומענע, שוין פֿון אָדעס, כאָטש אַליין איז ער געווען וואָס מען רופֿט אַ ליטוואַק — פֿון שקלאָוו, איז געווען ז. שניאור, נאָך דאַן קוים פֿופֿצן יאָר אַלט, אָבער שוין רייף אין אַלע הינזיכטן, אַפֿילו שוין רייפֿע העברעיִשע שירים געשריבן און אויך געדרוקט, איבערהויפּט אין „עולם קטן“ — אַ העברעיִשן קינדער־זשורנאַל... געקומען איז ער פֿון אָדעס מיט אַ הסכּמה פֿון חיים־נחמן ביאַליקן אַליין, אין וועמעס סביבה ער האָט זיך, ווי ער האָט מיר דערציילט, געפֿונען די פּאָר יאָר, וואָס ער איז געווען אין אָדעס. פֿאַר דער דאָזיקער הסכּמה, אַגבֿ־אורחא, האָט ער דערפֿאַר אָפּגעדרוקט דאָ ניט לאַנג אַ פֿעליעטאָן, וואו ער האָט

אָנגערופן ביאַליקן דער „שר המסכים“, הגם אויך די בעסטע אָפּהאַנדלונג וועגן ביאַליקן, נאָך מיין מיינונג, האָט אויך דער זעלבער שניאור געשריבן צו ביאַליקס 25־יעריקן יוביליי אין בערקאָוויטשעס מאָנאַטשריפט „מקלט“...

אויך „מיר, פערזענלעך“, האָט ער נאָך אין וואַרשע, אַלס יינגל, אין אַ פעליעטאָן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה“, גאַנץ היבש אָפּגעטאָן... אמת מיט טאַלאַנט, אָבער אַז מען האָט געוואָלט, האָט מען זיך געקענט באַליידיקן...

— ס'טייטש, שניאור, האָב איך אים געפרעגט אין שפּאַס, נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלייענט זיין פאַמפלעט אויף דער חברה פון קאַטיקס קאַפע און אויף מיר אויך בתוכם... סטייטש, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? איך בין דאָך מיט אייך אַדרבא־ואַדרבא, און דערצו האָט איר דאָך אויסגעטראַכט זאַכענישן, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן...

האָט ער זיך אָנפאַנגס אַ ביסל פאַרשעמט, באַלד אָבער האָט ער צוריק באַקומען זיין געוויינלעכע דרייסטקייט און אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע שוואַרצע, קלוגע, פייערדיקע אויגן און זיך פונדעסטוועגן פאַרענטפערט:

— ערשטנס, האָב איך ניט אייך געמיינט... און צווייטנס, וואָס שאַדט עס אייך. איך רוף דאָך אייך אָן דער גדול, דער אַרי שבחבורה? איז אייך שלעכט?...

נאַטירלעך, האָב איך אויף אים לאַנג קיין האַרץ ניט געטראָגן, און האָב אים פאַרגעבן, בפרט אַז דער פעליעטאָן איז טאַקע געווען געשריבן מיט פיל טאַלאַנט, מיט אַ פיינעם הומאָר און מיט זייער טרעפנדיקע באַמערקונגען וועגן אונזער דעמאָלסטיקער ליטעראַרישער סביבה בכלל...

מיין שוועסטער שרה־בתיה אָבער, וואָס איז שוין דעמאָלסט געקומען אין וואַרשע און געוואוינט צוזאַמען מיט מיר אין אָטוואָצק, וואוהין אויך ז. שניאור פלעגט קומען צו גאַסט אויף אַ שבת — איך פלעג, באַזוכנדיק יעדע וואָך וואַרשע, מיטנעמען אויף מיינע הוצאות דעם יונגן חברה־מאַן — מיין שוועסטער האָט מיך געמוסרט, וואָס איך פאַרגיב אים... איך האָב אָבער ליב געהאַט זיינע

שפּאַכן און אימיטירונגען, אויף וואָס ער איז שוין דאַן געווען אַ „מאַדים“... אַז ער פלעגט אָפּשפּילן, ווי אַזוי דער שמש פון דער שקלאָווער קלויז שרייט אויף די קונדייסים און טרייבט זיי פון קלויז, איז געווען פאַרשפּאָרט צו גיין אין אַ טעאַטער... דער יונגער ז. שניאור איז דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אַלטן שמש, סיי מיטן אויסזען, סיי מיט דער שטים... עס איז געווען אַ פרייד צו הערן און זען אים דאַן. מיין שוועסטער אָבער האָט ניט געקאָנט מוחל זיין אים, וואָס ער, אַ יינגל, זאָל וואַגן מיך צו באַשרייבן... און הגם איר כעס אויף אים האָט זי, אויס גאַסטפריינדלעכקייט, ניט אַרויסגעוויזן, אָבער זי האָט מיך שטענדיק שוועסטערלעך געטאַדלט, וואָס איך בין צו-גוט צו מיינע באַליידיקער. דערביי האָט זי שוין אָנגערופן נאָך אַ נאָמען...

וועגן יענעם בין איך געווען מיט איר אפשר אַ ביסל איינפאַרשטאַנען, אָבער צו פיל בין איך געווען פאַרבונדן מיט אים גייסטיק, אַז איך זאָל קענען טראָגן אויף אים אַ כעס; איך האָב אים ניט נאָר פאַרגעבן זיין צייטווייליקע ניט-„גערעכטיקייט“ קעגן מיר, נאָר אַפילו געפילט צו אים אַ שטאַרקע חברשאַפט, פריינדשאַפט און ליבשאַפט...

אָבער וועגן ז. שניאורן האָב איך מיט מיין גוטער און טיף פילנדיקער שוועסטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען מענטשן אינטויטיוו, ניט מסכים געווען... איך האָב דעם יונגן, כמעט יינגלשן שניאור דאַן שטאַרק ליב געהאַט און ניט געפילט קיין בייזוויליקייט אַפילו אין זיין פאַמפלעט.

אויך דער דאַן זייער יונגער יעקב שטיינבערג — הגם אין יידיש, ווי ז. שניאור, האָט ער נאָך דאַן נישט געשריבן — איז געווען איינער פון מיינע נאָענטע יונגע חברים, אַ יונגער, אָבער שוין פול מיט איראָניע און אַפילו סאַרקאַזם, אַן אומצופרידענער מיט זיך און מיט אַלעמען אַרום. טיף אין האַרצן האָט ער פאַרמאָגט גענוג ליבע און גוטסקייט צו מענטשן, ער האָט זיך אָבער מיט די דאָזיקע געפילן ווי געשעמט. איך האָב אים פאַרשטאַנען און ליב געהאַט און צייטנווייז אַפילו אים געטרייסט און אָפּגעלייקנט זיינע פעסימיסטישע מיינונגען וועגן מענטשן, הגם איך אַליין, ווי מיר

אַלע אין יענער צייט, זיינען צייטנווייז, אַדאַנק אפשר דער שווערער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, און אויך צוליב דער מאַטעריעלער אומגינסטיקער לאַגע — געווען אויך ניט צו אָפט אָפּטימיסטיש געשטימט...

אויך איז שוין אין יענער צייט אַראָפּגעקומען ש. צ. זעצער, מיט וועלכן כ׳בין באַלד באַקאַנט און באַפריינדעט געוואָרן. ש. צ. זעצער, כאָטש נאָך זייער אַ יונגער, ניט קוקנדיק אויף זיין הויכן וואוקס און כאַראַקטעריסטיש ערנסטן אויסדרוק אויפן פּנים, וואָס האָט אים געמאַכט עלטער אויסזען, ווי ער איז געווען דאַן אין אמתן — איז שוין געווען באַקאַנט אין די ליטעראַרישע און אינטעליגענטע קרייזן מיט זיין סעריע אַרטיקלען וועגן ניצשע, וואָס ער האָט, נאָך פון זשיטאָמיר, פאַרעפנטלעכט אין פרישמאַנס „הדור“, און וועלכע האָבן געמאַכט אַ פוראָר. נאָמבערג, וועלכער איז אין יענער צייט (און אפשר אויך שפּעטער) געווען ניצשעאַניש געשטימט, האָט אים שטאַרק מקרב געווען, הגם זעצער איז ניט געווען פון יענעם מין, וואָס לאָזן זיך מקרב זיין. ניט קוקנדיק אויף זיין צוריקגעהאַלטנקייט און שעמעוודיקייט, האָט ער שוין דאַן באַזעסן דעם איידעלן שטאָלץ פון אַ תלמיד־חכם...

דאָס האָט אָבער ניט אים, ניט מיר געשטערט צו ווערן גוטע פריינד, און פאַרלאָזנדיק זיך נאָך דערצו אויף מיין שוועסטער שרה־בתיהם מבינות, אַז ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער און איבערהויפּט אויפריכטיקער — דאָס איז ביי איר געווען דער עיקר — איז סיי זיין פריינדשאַפט סיי זיין באַזוכן אונז אַמאָל מיר געווען זייער נאָענט און אָנגענייגט.

ווער רעדט נאָך, אַז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז פייערבערגס אַ יוגנט־חבר און אפילו אַ לערער זיינער — און ער האָט פיל געוואוסט פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם העברעישן דיכטער, איז זעצערס פּרעסטיזש אין מיינע אויגן נאָך מער אויסגעוואַקסן. הערן דעמאָלסט עפּעס וועגן פייערבערגן, וואָס זיין פריצייטיקער טויט האָט דאַן געמאַכט אַזאַ טיפן רושם אין דער העברעישער און אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, און וועגן זיינע ווערק, איבערהויפּט וועגן זיין ניט פאַרענדיקטן סיפור „לאָן“, איבער וועלכן

עס איז אין יענער צייט אַזוי פיל געשריבן געוואָרן — איז געווען פיל מער ווי אינטערעסאַנט. מיט יאָרן שפּעטער האָט טאַקע ש. צ. זעצער אָנגעשריבן אַ וואונדערלעך־רירנדע מאָנאָגראַפיע וועגן פייערבערגן, וואָס איז געווען געדרוקט צו דער יידישער איבערזעצונג פון פייערבערגס ווערק. אויך די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן מיט גרויס ליבע און פינקטלעכקייט פון ש. צ. זעצער.

* * *

צווישן די נייע אָנגעקומענע — פון אָדעס — איז אויך געווען ראובן גראַנאָווסקי, פון וועמען איך האָב ביז זיין קומען אין וואַרשע קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט מיך אָבער גלייך פאַראינטערעסירט סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט, סיי מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. געטראָפן האָב איך אים אין בוכהאַנדלונג ביי יעקב לידסקי. נאָך זיין „שפּראַך” האָב איך גלייך דערקענט, אַז ער איז פון די אָדעסער. ווי איך האָב שפּעטער דערפאַרן, איז ער געבוירן אין אַ קליין שטעטל ערגעץ אין אוקראַינע, נאָר זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין אָדעס. דאָס שטעטל, הייסט עס, איז געווען צו ענג פאַר אים נאָך אין די יינגלשע יאָרן. צערעדט זיך מיט אים, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז שוין אַ מחבר פון אַ ביכעלע שירים מיטן נאָמען „דער ריכטיגער שפּיגעל”, אָבער ניט דאָס האָט מיך פאַראינטערעסירט. עס זיינען שוין דעמאָלסט געווען גענוג מחברים פון ריכטיקע שפּיגלען... אינטערעסאַנטער איז געווען די פּאַסירונג, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיינס אַ צווייט ווערק „אונזערע ציוניסטען”, אַ ווערק, וואָס איז געווען געדרוקט אין אָדעס אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און איצט איז דאָ בלויז איין איינציקער עקזעמפּלאַר דערפון אויף דער גאַנצער וועלט. וואו זיינען אַהינגעקומען די אַלע עקזעמפּלאַרן? איז די מעשה אַזוי געווען: דאָס ביכעלע „אונזערע ציוניסטען” — אַ שאַרפע סאַטירע אויף די דעמאָלסטיקע ציוניסטן — האָבן טאַקע די אָדעסער ציוניסטן אויסגעקויפט ביי אַלע בוכהענדלער, גלייך ווי עס איז ערשינען, און מען האָט עס פאַרניכט, פאַרברענט, צי עס אין שוואַרצן ים אַריינגע-

וואָרפן — ווער ווייס... ניט געלאָזן קיין איין עקזעמפלאַר, אויסער וואָס ביי דעם מחבר... אָבער ראובן גראַנאָווסקי האָט זיך ניט אָפגעשראָקן פאַר די רדיפות פון די ציוניסטן. אַדרבא, עס האָט אים נאָך צוגעגעבן מער מוט. ער האָט אָנגעשריבן אַ צווייט ביכל „דער ציוניסטישער גלאָק” און איז מיטן איינציקן עקזעמפלאַר פון „אונזערע ציוניסטען” און מיטן מאַנוסקריפט „דער ציוניסטישער גלאָק” געקומען קיין וואַרשע, צו דרוקן עס דאָ, ווייל ביי דעם אָדעסער צענזאָר האָבן די ציוניסטן געפועלט, אַז ער זאָל ניט דורכלאָזן גראַנאָווסקיס פאַמפלעטן קעגן זיי, און דער צענזאָר האָט געפאָלגט...

איז מיר דער גאַנצער ענין שטאַרק געפעלן געוואָרן און ר. גראַנאָווסקי, אַ טעמפעראַמענטפולער, אַ קעמפער, אַ גלויביקער אין דער גערעכטיקייט פון זיין קאַמף — נאָך מער. קעמפן קעגן ציוניסטן איז ביי מיר דעמאָלסט געווען פאַררעכנט פאַר אַ מצווה. דער ציוניזם וואָלט מיר אפשר ניט אַזוי דערווידער געווען, ווי געוויסע ציוניסטן מיט זייער רעאַקציאָנערער טאַקטיק. מילא, יידן ווילן אַ לאַנד און נאָך דערצו ארץ־ישראל — מהיכא־תיתא, גוט! הגם איך אַליין האָב געגלויבט, אַז וואו די סאָציאַלע פראַגע וועט ניט געלייזט ווערן, קען אויך קיין אייגן לאַנד, אפילו מען זאָל עס באַקומען — ניט העלפן... אָבער וואָס איז שולדיק יידיש? אויב אַן אייגן לענד, פאַרוואָס דווקא העברעיש? און פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי פיינדלעך צום סאָציאַליזם?... און פאַרוואָס איז דער ציוניזם אַזוי לעגאַל, אַז מען דערלויבט זיי אפילו אַ קאָנגרעס אין מינסק (די באַרימטע מינסקער אַסיפה)?... און פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי פאַן־בראַט מיט די אַלע רעאַקציאָנערע מיניסטאָרן און פאָליטיקער אין אַלע לענדער?... און פאַרוואָס האָבן זיי אַזוי מורא פאַר אַ ביסעלע קריטיק און פאַרפאָלגן אַזוי זייערע קעגנער, שיר ניט מיט אומעטישע (איידל גערעדט) מיטלען?...

און נאָך און נאָך טענות האָב איך צו זיי געהאַט...

זיינען מיר, איך און לידסקי — און שפעטער אויך דינעזאָן בסתר, ווייל עפנטלעך זיין אַן אַנטי־ציוניסט האָט דער שטילער דינעזאָן ניט געוואַגט — געקומען גראַנאָווסקין צו הילף, מיט וואָס מיר האָבן נאָר געקענט... נאַטירלעך, האָב איך פריער אויסגעפאָרשט, ווער

ער איז, און צי איז ער ניט אַ קעגנער פון דעם זעלבן מין, וואָס געהערן צום „פרומען" לאַגער, וואָס פאַר זיי איז ציוניזם טרייף געווען פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפונקט. ערשט וואו? פאַרקערט, ער, גראַנאָווסקי אַליין, איז אַ סאָציאַליסט, אַן אַרבעטער=פריינד. ער האָט בריוו פון י. י. לינעצקי, ביי וועמען ער איז אין אָדעס געווען אַ בן=בית, און האָט צו דערציילן פון דעם אַלטן סאַטיריקער פיל און פיל.

דערצו האָט ער מיר באַוויזן, אַז מענדעלע מוכר=ספרים אַליין איז אים, גראַנאָווסקין, אמת, ניט עפנטלעך, געקומען צו הילף אויף אַרויסגעבן „אונזערע ציוניסטן" אין וואַרשע...

זיכער פון אַלע זייטן מיט אים, האָב איך אים אַפילו געהאָלפן מיט עטלעכע אויסדרוקן אין זיין פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע. זיין „פאָרוואָרט" האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

> „שוין פינף יאָר זייט די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפרייט צווישן אונזערע יידן; שוין פינף יאָר זייט די אָנפירער זאָגן צו דעם געדריקטן יידן גאָלדענע בערג; זייט די יידישע מאָדערנע גבאים און גבאיטעס ריידן איין דעם אָרעמען יידן צו פאָרן אויף קבר-אָבות קיין ארץ-ישראל; שוין פינף יאָר זייט אונזערע ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן פריי און אָפן צו ריידן אויף די הייליקסטע אידעאַלן, פאַר וועלכע ערלעכע ערהאַבענע מענטשן האָבן אימער מיט לייב און זעל געקעמפט"...

ווייטער דערמאָנט ער באַרימטע נעמען, ווי מנשה מרגליות (וועלכער איז אַ „חובב=ציון" געווען), דעם באַוואוסטן פובליציסט גרשון בן=גרשון און אַנדערע באַרימטע פערזענלעכקייטן אַלס קעגנער פון דער טאַקטיק פון די ציוניסטן...

און נאָך ווייטער:

> „געוויינלעך, ווי אַלע אמת-זאָגער, זיינען מיר אויך אויסגעלאַכט געוואָרן אין דער יידישער שאָוויניסטישער פרעסע, וועלכע האָבן זיך משונה געווערטלט אויף אונזער רעכענונג. דען זייער גאַנצער כוח באַשטייט אויף איבערקערן ווערטער, פאַרדרייען דעם אמת"...

און דאָס פאָרוואָרט ענדיקט זיך אַזוי:

> ...„דערצו דער געדאַנק, אַז יעדעס ביכל איז ווי אַ ליכטל אין אַ שטאָקפינסטערער נאַכט, ווען עס בלאָזן בייזע ווינטן, און רוחות און לצים טרייבן זייער שפיל, — דאָס אַלעם צוזאַמען וועקט אונז צו דרוקן די צווייטע אויפלאַגע און הערן

דעם משפט פון דעם אומפּאַרטייאישן פּובליקום און נישט פון די יעניקע, וואָס צוליב זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן לאַכן זיי אויס יעדעם אמת וואָרט...״

רירנד איז אָבער געווען איינער פון די צוויי בריוו, וואָס ר. גראַנאָווסקי האָט באַקומען פון י. י. לינעצקין און זיי פאַרעפנטלעכט אין זיין צווייטער סאַטירישער פּאָעמע „דער ציוניסטישער גלאָק“.

אַ פּאָר שטעלן, פון זיי, וועגן זיין שווייגן, וויל איך דאָ ברענגען:

„איך קען פּאָרט נים הערן מיין פידעלע אונטער אַזאַ גרילצעריי פון פויקן און טאַצן... חוץ וואָס די שפּילער צום ענל-טאַנץ וועלן דאָך אויסלאַכן מיין פאַרצווייפלטן קרעכץ און וועלן מיך אויסלאַכן ביים פאַרשיכּורטן פאָלק...״ „און זינגען זיי דעם משיח-מאַרש, ווסן מען דאַרף גאָר קלינגען „נאָ גוואַלד״, קען איך פּאָרט נים...״ „באַ אַזאַ נאַריש-באַרבאַריש געזינדל, ווי איצט, איז איין מיטל נאָר שווייגן״. (לינעצקי האָט דאָ געמיינט זיך אַליין, פאַרוואָס ער טרעט נישט אַרויס קעגן די ציוניסטן...). „אַ סימן האָסטו, מיין קינד, איך האָב לאַנג נים געפּרוווט אַרויסטרעטן עפנטלעך אין דרוק מיט מיינעם אַ רעצעפּטל...״ „נאָ, זאָל איך פאַר אַזאַ דור סורר ומורה דרוקן מיינע ראַדיקאַלע רעצעפּטן, דאַן ווען זיינע נביאי השקר רעדן אים גאָר איין, אַז ער איז דער איינציקער אתה-בחרתנו און שרייבן אים צו ראָזשינקעלעך מיט מאַנדלען אפילו אָן אַ ברכה...״

לינעצקיס צוויי בריוו האָבן אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק... עס האָט זיך געפילט גרוים ווייטאָג אין זיי און איך האָב גראַנאָווסקין, זיין יונגן תלמיד — דער סטיל פון גראַנאָווסקיס „אונזערע ציוניסטען“ און דער „ציוניסטישער גלאָק“ איז געווען זייער נאָענט צו לינעצקיס סטיל, הגם אין גראַמען -- איך האָב דאַן גראַנאָווסקין געשטיצט ווי ווייט מיין מעגלעכקייט איז געווען.

אויך יעקב לידסקי האָט, ניט צוליב געשעפט, נאָר אויס מיטגעפיל צום יונגן קעמפער, זיך געפלייסט די דאָזיקע צוויי אַנטיציוניסטישע בראָשורן צו פאַרשפּרייטן וואָס מער און אַדאַנק זיינע גרויסע פאַרבינדונגען מיט די בוכהענדלער אין אַלע גרעסערע שטעט, איז דאָס אים געלונגען, אַזוי אַז דאָסמאָל האָבן שוין די ציוניסטן ניט געקענט פאַרניכטן די שאַרפע קריטיק אויף זיי.

אמת, פון ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט האָבן די צוויי ביכלעך ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט — היינט שרייבט גראַנאָווסקי

פיל בעסער און שענער, — אָבער אין יענער צייט, ווען אין דער לעגאַלער יידישער פרעסע האָט מען זעלטן געקענט זאָגן אַ וואָרט פון קריטיק וועגן ציוניזם, זיינען זיינע צוויי בראָשורן געווען ווירקלעך אַ ליכט אין דער פינסטערניש. און ווייל זיי זיינען געווען געשריבן אין גראַמען און ניט אין טרוקענער פובליציסטיק, האָבן זיי געפונען אַ וועג, אויב ניט צו די אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן שוין דאַן געלייענט די קריטיק איבן ציוניזם אין אומלעגאַלע שריפטן, איז צום באַלעבאַטישן יידן, צום קליינבירגער, צום קרעמער, וואָס האָבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט פון די דעמאָלסטיקע ציוניסטישע מגידים און מטיפים, אין זייער תמימות — געגלויבט.

ווי אַזוי י. ל. פרץ האָט זיך באַצויגן צו ר. גראַנאָווסקין און צו זיינע פאַמפלעטן אין גראַמען קעגן די ציוניסטן — געדענק איך ניט. איך געדענק בלויז, אַז דינעזאָן, צו וועמען גראַנאָווסקי איז אין פאַרלויף פון זיין פאַרברענגען אין וואַרשע אַריינגעקומען כמעט אַלע טאָג, האָט אים אַ פּאָר מאָל — אין די שבתים — מיטגענומען צו פרצן און ער איז געווען אויפגענומען פון פרצן זייער פריינדלעך. איך גלויב אָבער קוים, צי האָט פרץ די צוויי ביכלעך גראַנאָווסקים געלעזן. ער איז שוין געווען צופיל מבונן, אַז אים זאָלן געפעלן ווערן שירים אָן אַ מעטער, אָן אַ וואוילקלאַנג, מעגן זיי זיין אַפילו ווי גוט געמיינט... דאָס האָט אַוודאַי אויך געוואוסט דינעזאָן און אויב ער האָט גראַנאָווסקין מיטגענומען, האָט ער אים פאָרגעשטעלט, וואַרשיינלעך, בכלל אַלס פּראָגרעסיוון קעמפער קעגן די ציוניסטן, וואָס דאָס האָט אפשר פרצן הנאה געטאָן. ער אַליין האָט שוין אין יענער צייט קעגן ציוניזם שריפטלעך ניט געקעמפט. ער האָט יוצא געווען, וואָס ער האָט פאַר אונז זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אַמאָל אין אַ זייער אויפגערעגטן געמיט און אין אַ שאַרפער פאָרם...

* * *

אין יענער צייט — אַרום 1902—1903 — האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט חיים־נחמן ביאַליק. ער איז שוין געווען אַ באַרימטהייט, און באַליבט אַפילו ביי אונז, יידישע שרייבער.

עס איז שוין געווען נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל לידער אין יידיש — אין „יוד“ — און וועלכע האָבן דאַן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, מיט דער אויסנאַם פון זיין ליד „דאָס וואָרט“ (נביאיש), וואָס האָט מיך, מיט דעם צו שטאַרקן פּאַטאָס, ניט שטאַרק גענומען... געטראָפן האָב איך ביאַליקן אין פאַרלאַג „אַחיאָסף“. מ'האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון אָדעס פאַר אַ געוויסער העברעיִשער ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס דער דערמאָנטער העברעיִשער פאַרלאַג האָט דעמאָלסט פאַרגענומען. ער איז געזעסן אין צימער פון רעדאַקציע פון „יוד“... עס איז געווען אַ זומער־פרימאָרגן. ער איז געזעסן פאַרטיפט ביי אַ גרויסן שרייבטיש, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער, צו דער טוואַרדע־גאַס, איבער אַ מאַנוסקריפּט. דערזעענדיק מיך, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט זיינע צוויי מילדע, כמעט קינדערשע אויגן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט:

— אַזוי, איר זייט עס אברהם רייזען... עס פרייט מיך זייער...

זיינע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט, אַ פריינדלעכער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין ברייטן, פּשוטן, אָבער דאָך פּאָעטישן פּנים.

ער האָט מיר באַלד געמאַכט עטלעכע קאָמפּלימענטן פאַר מיינע דערציילונגען. דער עיקר, וואָס איך בין אַ „געזונטער“ שרייבער, ניט קיין דעקאַדענט...

— איך האָב ליב פּשטות אין דער ליטעראַטור — האָט ער מיר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס געפעלן אים אַזוי מיינע זאַכן און וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט אַ „געזונטער“...

איך מוז זיך מודה זיין, עס האָט מיך שטאַרק געפרייט ביאַליקס גוטע מיינונג וועגן מיינע זאַכן, וואָס ער האָט געלייענט. איינציקע דערציילונגען און לידער האָט ער אָנגערופן מיט די נעמען, ווי אַ בקי אין מיין שרייבן... האָט עס מיך אַוודאי געפרייט...

פאַרבראַכט אָבער מיט אים האָב איך ניט לאַנג. ער איז אַ פאַרדונגענער — האָט ער מיר מיט אַ שמייכל דערקלערט — און איך האָב געפילט, אַז עס איז אמת... די „אַחיאָסף“־לייט האָבן ביאַליקן ניט געצאָלט אומזיסט, אַפילו ניט צו פיל... ער האָט גע-

אַרבעט דאַן אין „אַחיאָסף“ גאַנץ שווער, און ניט ווי ביאַליק, דער שוין דעמאָלסט גרויסער דיכטער, נאָר ווי אַן אָנגעשטעלטער אין פאַרלאַג. אַלנפאַלס אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף מיר געמאַכט און עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן...

טרעפנדיק זיך נאָכדעם מיט נאָמבערגן, האָב איך אים פאַרטרויט מיין שמחה:

— איך האָב היינט געזען ביאַליקן... זיך באַקענט מיט אים.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך נאָמבערג האָט זיך מיט אים נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער באַקענט און אויך ער, נאָמבערג, איז גאָר אַנטציקט פון זיין פשטות, פון זיין באַשיידנהייט...

— זעט אויס, ווי אַ געוויינלעכער יונגערמאַן — האָט נאָמבערג מיט צופרידנקייט געזאָגט.

האָב איך שוין ניט געוואָלט נאָכגעבן:

— ניין, די אויגן זיינע... מען זעט גלייך, אַז ס'איז ביאַליק...

פֿיראונדדרייסיקסטער קאַפּיטל

די נייע העבֿרעיִשע צייטונג „הצופֿה". — די ליטעראַרישע מחלוקה צווישן פּרץ און ספּעקטאָר אויף די שפּאַלטן פֿון „הצופֿה" און „יודישער פֿאָלקסצייטונג". — דער פּראָטעסט פֿון פּרצעס אָנהעניגער. — איך ווער אַריינגעצויגן אין „פּראָטעסט". — דער נייער פֿאַרלאַג אין פּעטערבורג. — מיין האָנאָראַר פֿאַר איבערזעצן „ספּאַרטאַק" אין יידיש. — משה טייטש אַלס שותּף. — איך שרייבֿ ווידער אין ספּעקטאָרס „יודישער פֿאָלקסצייטונג". — אַ בריוו פֿון „פֿריינד". — די דערציילונג „פֿאַרשפּעטיקט". — גנעסינס מיינונג וועגן איר.

דער מאַטעריעלער און אויך מאָראַלישער ערפֿאָלג — זיי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט — פֿון דער איינציקער טעגלעכער צייטונג „דער פֿריינד" איז אין פֿאַרלויף פֿון דעם ערשטן יאָר פֿון איר ערשיינען, איבערהויפּט נאָך דעם קעשעניעווער פּאָגראָם — געוואָרן זייער גרויס. די צירקולאַציע פֿון „פֿריינד" האָט מען שוין געשאַצט אין די פֿילע צענדליגער טויזנטער. אויך זיין איינפֿלוס אויף די מאַסן און דער אינטעליגענץ — הגם זיין ריכטונג איז די ערשטע צייט ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע — איז געווען זייער באַדייטנד. און דער פּרעסטיזש, וואָס די יידישע שפּראַך האָט באַקומען דורכן „פֿריינד", כאָטש די צייטונג אַליין האָט פֿאַר יידיש ניט געקעמפּט — איז געווען זייער גרויס. די גרויסע צאָל לעזער פֿון אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק, ביז דער העכסטער אינטעליגענץ — דאָס אַליין האָט געפֿרייט די אָנהענגער פֿון יידיש און געשראָקן די העבֿרעער. געוויס האָט „דער פֿריינד" מיט זיין גרויסער צירקולאַציע געשאַדט מאַטעריעל און אינדירעקט אויך מאָראַליש די צוויי העבֿרעיִשע צייטונגען, די „הצפֿירה" אין וואַרשע און דעם „המליץ" אין פּעטערבורג. האָט מען עס אין העבֿרעיִשן לאַגער דערקלערט דערמיט, וואָס די דערמאָנטע צוויי העבֿרעיִשע צייטונגען האָבן שוין ניט קיין ניי

וואָרט צו זאָגן דעם העברעיִשן לעזער, הגם די „הצפירה“ האָט שוין דאַן אויף אירע שפאַלטן געהאַט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פון די העברעיִשע „מאָדערנע“, ווי מ. י. בערדיטשעווסקי און אַנדערע.

האָט זיך גראָד דעמאָלט געפונען אין וואַרשע אַ מאָסקווער ייד, פרידמאַן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע נאָך דעם באַרימטן גירוש פון מאָסקווע און האָט אַדאַנק „פראָטעקציע“ באַקומען די דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן אַ נייע העברעיִשע צייטונג מיט דעם נאָמען „הצופה“.

אַלס רעדאַקטאָר האָט ער אַראָפגעבראַכט דעם העברעיִשן פובליציסט אברהם לודוויפאָל, וואָס האָט אין יענער צייט געוואוינט אין פאַריז, און אַלס מיטאַרבעטער, צווישן פילע אַנדערע, איז אים געלונגען צו באַקומען ה. ד. נאָמבערגן און י. ל. פרצן אַליין.

דער „הצופה“ האָט געזאָלט זיין — און איז טאַקע אין אַ געוויסן זין געווען — אַ מאָדערנע העברעיִשע צייטונג, און אַפילו מיט אַ ליבעראַלן אונטערשלאַק, הגם אויך די „הצפירה“ און „המליץ“ — אַוועקגעקוקט פון דעם, וואָס זיי האָבן געפרעדיקט ציוניזם און העברעיִזם, — זיינען אויך ניט געווען אין יענער צייט צו שטאַרק קאָנסערוואַטיוו, איבערהויפט אין פאָליטישע און וועלטלעכע פראַגן.

אַזעלכע מיטאַרבעטער, ווי פרץ און נאָמבערג, האָבן געגעבן דעם „הצופה“ אַ שטרענג פראָגרעסיוון און צייטנווייז אַפילו ראַדיקאַלן טאָן. בלויז דער רעדאַקטאָר א. לודוויפאָל איז אין דער באַציִונג צו דער יידישער שפראַך געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, און אויב די ערשטע צייט האָט ער אַ ביסל דרך־ארץ געהאַט פאַר די מיינונגען וועגן יידיש פון פרץ און נאָמבערג און מיט זיין נעגאַטיווער שטעלונג צו יידיש ניט אָפן אַרויסגעקומען, האָט ער אָבער שפעטער־צו שוין אַרויסגעוויזן אין פילע אַרטיקלען אין „הצופה“ זיין אמתע שנאה צו דער יידישער שפראַך און צו דער נייער יידישער ליטעראַטור.

אַוודאי האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס דער „הצופה“ האָט געלונגען צו „פאַרהעברעיִשן“ נאָמבערגן און פרצן. האָב איך זיך אָבער געטרייסט, וואָס אי פרץ, אי נאָמבערג האָבן זיך מיט זייערע בעלעטריסטישע ווערק אין „הצופה“ ניט באַטייליקט. די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“, וואָס פרץ האָט שוין דאַן אָנגעהויבן צו שרייבן ניט צו־

פעליקערהייט, נאָר ווי אַ סעריע, האָט ער געדרוקט אין „פריינד“. אין „הצופה“ האָט ער בלויז געדרוקט פון צייט צו צייט אַ פעליעטאָן. אויך נאָמבערג האָט דאָרט בלויז געדרוקט קליינע פעליעטאָנען און איינמאָל אין וואָך — יעדן פרייטאָג, זיין שנעל־באַרימט געוואָרענע „וועכנטלעכע איבערזיכט“ אונטער אַ פסעוודאָנים „כף המבשלים“ — דער קאָכלעפל...

פילע פעליעטאָנען פון דער סעריע האָבן דאַן געמאַכט גרויס אויפזען צווישן די העברעישע לעזער.

וואָס אָנבאַטרעפט פרצן, האָט ער אין אַ ריי פעליעטאָנען באַרירט די שוואַכע זייטן פון דער העברעישער ליטעראַטור און ניט געשאַנעוועט קיינעם, ווי אַמאָל אין זיין באַרימטן פעליעטאָן אין יידיש, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ ביילאַגע צו זיין באַקאַנטן ליטעראַרישן זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“ (דער ווילנער פאַרלעגער יצחק פונק, וואָס האָט דעם זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“ אַרויסגעגעבן אויף זיינע הוצאות, האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרייננעמען דעם פעליעטאָן, אין וועלכן פרץ האָט מיט דער שאַרפקייט פון זיין פען געמאַכט אַ תל פון דער דעמאָלסט כלומרשט נייער „רעאַליסטישער באַוועגונג“ אין דער העברעישער ליטעראַטור... דער „פעליעטאָן“ איז דעמאָלסט ערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם...).

האָט פרץ אויך אין זיין העברעישער סעריע פעליעטאָנען אין „הצופה“, ווי אַמאָל אין זיין יידישן פעליעטאָן (וואָס האָט איבעריקנס געהאַלטן ביי אַ צוויי דרוקבויגנס), באַקעמפט בן־אַביגדורן. אין יידישן פעליעטאָן האָט ער באַקעמפט בן־אַביגדורן און זיינע „ספורים“ אין די אויסגאַבן „ספרי אגורה“; און אין „הצופה“ — שוין ניט בן־אַביגדורן, דעם פירער פון פאַרלאַג „תושיה“ אַליין, נאָר ער האָט שוין אויך פאַרטשעפעט מיט זיין פען ספעקטאָרן, וואָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „תושיהס“ „יודישער פאָלקסצייטונג“, צי ספעקטאָר האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון בן־אַביגדור און פרץ האָט אים דערויף צוריק געענטפערט, געדענק איך איצט ניט גענוי. — איך געדענק בלויז, אַז מ. ספעקטאָר האָט פרצן געענטפערט אין דער „יודישער פאָלקסצייטונג“ און אויך אין אַ שאַרפער פאָרם. האָט שוין

פּרץ אויך ניט געשווינט ספּעקטאָרן, אמת גוטמוטיק, מיט הומאָר, אָבער ספּעקטאָר האָט זיך באַליידיקט און האָט ווידער געענטפערט, אויך ניט אָן הומאָר. אָבער פּרץ האָט זיך קענטיק געפילט באַליידיקט (איך זאָג קענטיק, ווייל איך בין אין יענער צייט מיט פּרצן, אויב ניט ברוגז געווען, — דאָס האָט צווישן אונז קיינמאָל ניט פּאַסירט — נאָר עפּעס אַ פאַריבל האָב איך אויף אים געהאַט און איך האָב זיך אַ לענגערע צייט, בּיי אַ פּאָר חדשים, מיט אים ניט געטראָפן). זיינען אָבער צו מיר געקומען פּרצעס „תלמידים“, מיינע פריינד, אַש און נאָמבערג, אויך ליפּמאַן לעווין און, דאַכט זיך, פּרצעס גרויסער חסיד ישראל שאַף אויך מיט זיי, און האָבן געטענהט, אַז מען טאָר פּרצעס כבוד, וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן, ניט פאַרשווייגן און מען מוז פּראָטעסטירן, און אַז אַזאַ פּראָטעסט איז שוין פאַרטיק, אלאָ וואָס דען, זיי פעלט נאָר מיין אונטערשריפט...

דעם אמת געזאָגט, בּין איך צו פּראָטעסטירן ניט געוויינט געווען... קעגן וועמען זאָל איך פּראָטעסטירן, אַז איך ווייס ניט, ווער עס איז דאָ גערעכט און ווער אומגערעכט. און צו פּראָטעסטירן קעגן ספּעקטאָרן איז מיר בכלל שווער געווען, ווען ער זאָל זיין אַפילו ניט אינגאַנצן גערעכט. ער האָט, למשל, אין איינעם פון זיינע פּאַמפּלעטן פאָרגעוואָרפן פּרצן, אַז ער איז געקומען אין וואַרשע פון זאַמאָשטש אָן שיך (צי אין גרויסע שטיוול) און ער, ספּעקטאָר, האָט אים מקרב געווען, געמאַכט אים פאַר אַ לייט... האָט אָבער פּרץ פאָרגעוואָרפן ספּעקטאָרן זיין ניט־לומדות, וואָס דאָס, אויב ס'איז אַפילו אמת געווען, איז מיר בכלל ניט אָנגעגאַנגען. פאַר מיר איז ספּעקטאָר געווען איינער פון די עכטסטע יידישע פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט מיך נאָך, ווען איך בין געווען אין דער היים, אין קאָידענאָוו, אַנטציקט און דערקוויקט מיט זיינע ראָמאַנען „דער ייִדישער מוזשיק“, „עניים ואביונים“, „יידישע סטודענטן און יידישע טעכטער“, „ר׳ טרייטל“, „דריי פאַרשווינען“, דער „שטומער גוטער ייד“ און מיט פילע אַנדערע קלענערע דערציילונגען.

אמת, פּרץ, וועלכן איך האָב שוין נאָך ספּעקטאָרן געלייענט,

איז מיר אַוודאי טייער געווען. ניט נאָר האָב איך זיך באַגייסטערט מיט זיינע ווערק, נאָר ער איז אין געוויסן זין מיין רבי געווען, געוויזן מיר מיט זיינע יום-טוב-בלעטלעך און מיט זיינע אַנדערע ראַדיקאַלע אויסגאַבן — נייע וועגן; דורך בריוו מיך, נאָך אַלס יינגל, געלערנט, געשטראָפט און געטרייסט. אָבער ווידער — ספּעקטאָר, אָט דער גוטמוטיקער, שמייכלענדיקער, וואָס האָט צו מיר די ערשטע צייט אין וואַרשע זיך באַצויגן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פריינדשאַפט און מיט וועלכן איך טרעף זיך אַזוי אָפט — אין מיטן דערינען — גיי פּראָטעסטיר קעגן אים!...

בפרט אַז אין זייער קריג איז געווען מער שפּיל ווי האַס... עפּעס קינסטלעריש האָב איך אין דער גאַנצער מחלוקת געזען און ניט מער...

אָבער דאָ שטייט קעגן מיר, אין מיין צימער אויף שווענטאָיערסקע-גאַס — נאָמבערג, אַש און די אַנדערע קאָלעגן און זיי בעטן זיך כמעט. נאָמבערג איז חבריש שטרענג: איך מוז!

אַ ברירה האָב איך געהאַט! איך האָב טאַקע געמוזט אונטערשרייבן דעם פּראָטעסט, און עס איז אין אַ טאָג אַרום געווען פאַרעפנטלעכט אין „הצפירה“...

אונטערגעשריבן זיך, האָט עס געהייסן, אַז מיר אַלע זאָגן זיך אָפּ פון מיטאַרבעטערשאַפט אין „הושיהם“ „יודישער פאָלקסצייטונג“, וואו פרץ איז באַליידיקט געוואָרן...

האָב איך דערפון געליטן אי מאָראַליש, אי מאַטעריעל, ווייל גראָד האָב איך יענעם זומער אין „פריינד“, צוליב אַ נייעם ברוגז, וואָס איך בין ניט אינגאַנצן גערעכט געווען, ניט מיטגעאַרבעט; די איינציקע מיטאַרבעטערשאַפט אין „פאָלקסצייטונג“, וואָס האָט מיך מער אָדער ווייניקער מאַטעריעל געשיצט, איז צונישט געוואָרן.

אַ גליק, וואָס אין יענעם זומער האָב איך געהאַט אַ זייטיקע אַרבעט — אַן איבערזעצונג פאַר אַ פּעטערבורגער יידישן פאַרלאַג. מיט דער הילף פון משה טייטש האָב איך דאַן איבערזעצט פון רוסיש דעם באַרימטן היסטאָרישן ראָמאַן „ספּאַרטאַק“. אייגנטלעך האָט כמעט די גאַנצע איבערזעצונג געמאַכט משה טייטש — און איך האָב בלויז פאַרריכט דעם סטיל. — עס איז געווען אַ מין

עקספּלואַטאַציע פון מיין זייט, הגם משה טייטש האָט זיך עס אַליין אַרויסגערופן צו טאָן פאַר אַ העלפט האָנאָראַר...

צי איז דאָס בוך ווען עס איז דערשינען, און אונטער וועמעס נאָמען, ווייס איך ניט עד־היום...

באַקומען פון פעטערבורגער רייכן פאַרלאַג, אַרום וועלכן עס האָבן זיך, ווי נסתּרים, גרופּירט, די בעסטע יידישע אינטעליגענץ, קענטיק ראַדיקאַל־געשטימטע, וואָס זיינען אויסן געווען צו בילדן דאָס פאָלק, — באַקומען הונדערט רובל, איז געוואָרן אמתער יום־טוב. איך האָב שוין דאַן געוואוינט אין אָטוואָצק מיט נאָמבערגן, און מיין שוועסטער שרה־בתיה (שרה רייזען) איז שוין דאַן געווען געקומען קיין וואַרשע. די קליינע וואוינונג האָט געהאַט אויך אַ צימער פאַר מיין שוועסטער. אַזוי, אַז איך בין דעמאָלסט געווען שיר ניט דער שפּייזער פון אַ פאַמיליע, כאָטש נאָמבערג האָט געגעבן צושטייער, ווי אַ „דזשענטעלמען“. אויך ער האָט וואָס איבערזעצט פאַרן זעלבן פּעטערבורגער פאַרלאַג, און אַזוי ווי ער האָט זיין אַרבעט, ווי מיר דאַכט, אַליין געמאַכט און אפשר האָט אויך אים דער זעלבער האָרעפּאַשנער משה טייטש דאַן די איבערזעצונג געמאַכט און ער האָט בלויז פאַרריכט — האָט ער באַקומען אַ סומע פון הונדערט פופציק רובל מיט אַמאָל... און מיט דער שטעלע, וואָס ער האָט געהאַט אין „הצופה“, איז ער דאַן שיר ניט געוואָרן אַ נגיד...

ניט געדרוקט אַ לאַנגע צייט אין „פאָלקסצייטונג“ און אויך ניט אין „פריינד“, האָט זיך דאַן מיין מאַטעריעלע לאַגע, ניט קוקנדיק אויף די זייטיקע קלענערע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס איך האָב אַמאָל באַקומען אויך ביי לידסקין — פאַרערגערט. דער באָיקאָט פון אונזער יונגער גרופּע שרייבער קעגן „דער יודישער פאָלקסצייטונג“ איז געווען ווי געקינסטלט... דערצו האָט „דער פריינד“, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, צו פיל זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן כלומרשטן באָיקאָט... האָב איך שוין אין ענדע זומער, נאָך אַ דריי־פיר־מאָנאַטלעכן באָיקאָט, זיך מתיר געמאַכט צו געבן עפּעס ספּעקטאָרן פאַר „דער פאָלקסצייטונג“. עס איז געווען די דערציילונג „די חברה קלעזמער“...

די פֿרייד, מיט וועלכער ספּעקטאָר האָט אָנגענומען די דאָזיקע דערציילונג, וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, הגם די דערציילונג אַליין איז געווען ניט פֿון מיינע געראָטנסטע. ספּעקטאָר האָט זי אָבֿער ווי צוגעכאַפּט, גלייך, אַ פֿאַרהאַוועטער פֿון גרויס גליק, זיך אַוועקגעלאָזט פֿון רעדאַקציאָנס־צימער אין דער אַדמיניסטראַציע, צו ראַמבֿערגן, דעם שותּף פֿון פֿאַרלאַג „תּושיה", אַליין:

— פֿאַני ראַמבֿערג, גיט אים גלייך דאָס געלט...

זיין צו־גרויסע פֿרייד און איבֿערגעטריבֿענע גוטסקייט האָט מיך שוין שיר ניט דערשראָקן... איך האָבֿ געמיינט, אַז מען מעג שוין, אָבֿער לויט ספּעקטאָרס פֿרייד און לויט ראַמבֿערגס „מילדקייט" האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מען באַהאַנדלט מיך עפּעס ווי איינעם, וואָס לויפֿט איבֿער צום שונא...

איך האָבֿ זיך געפֿילט זייער אומרויִק, מיין געוויסן האָט מיך שטאַרק געפּלאָגט, אָבֿער די זאַך איז ענדלעך אַראָפּ גלאַט. אַפֿילו פֿרין אַליין האָט עס גענומען לייכט. און וויפֿיל איז טאַקע דער שיעור צו באָיקאָטירן אַ צייטונג, צוליבֿ אַ מחלוקת צווישן צוויי שרייבֿער, מעג איינער זיין גרעסער און אַפֿילו גערעכטער...

אָפּגעגאַנגען גלאַט, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן.

האָבֿ איך שוין באַקומען אַ בריוו פֿון רעדאַקטאָר פֿון „פֿריינד", ש. גינזבורגן אַליין...

דער רעדאַקטאָר אין אַ גאַנץ לאַנגן בריוו האָט אין אַ זייער העפֿלעכן טאָן דערקלערט, אַז ער האָט געמיינט, אַז איך האָבֿ אַזוי לאַנג אין „פֿריינד" גאָרניט געשיקט, ווייל איך האָבֿ אפשר בכלל די גאַנצע צייט גאָרניט געשריבֿן, ווי עס פּאַסירט אַמאָל ביי אַ שרייבֿער — זיין מוזע ווערט אַנטשוויגן. וויבֿאַלד אָבֿער ער האָט דערזען מיין דערציילונג „די חברה קלעזמער" אין „פֿאָלקסצייטונג", הייסט עס דאָך, אַז מיין מוזע שווייגט ניט, איז וואונדערט ער זיך, פֿאַרוואָס איך שיק גאָרניט אין „פֿריינד", וואו מען ווייס, ווי אַזוי צו שעצן מיין מיטאַרבֿעטערשאַפֿט.

פֿונדעסטוועגן האָבֿ איך זיך נאָך ניט געאײַלט עפּעס צו שיקן אין „פֿריינד". די אורזאַך געדענק איך שוין ניט. אפשר האָבֿ איך ניט געקענט אָפּזאָגן ספּעקטאָרן, וועלכער האָט נייטיק געהאַט מיינע

דערציילונגען דאַן פאַר „דער פאָלקסצייטונג“. הגם שלום אַש האָט שוין אויך „געבראָכן“ זיין באַיקאָט און גלייך נאָך מיר אויך זיך אָנגעהויבן צו דרוקן ביי ספּעקטאָרן אין „דער פאָלקסצייטונג“, און ווי מיר דאַכט, איז נאָך שלום=עליכם, וועלכן דער „פריינד“ האָט שטאַרק געוואָלט אַריבערנעמען, נאָך געווען געבונדן דורך דעם קאָנטראַקט מיט דער „פאָלקסצייטונג“, פון וועלכן דער פאַרלאַג „תושיה“ האָט בשום אופן אים ניט געוואָלט באַפרייען, און אומזיסט האָט שלום=עליכמען אַ לאַנגע צייט געצויגן צום „פריינד“, צו זיינע צענדליגער טויזנטער לעזער...

האָב איך די לעצטע עטלעכע וואָכן, נאָך אַליין וואוינענדיק אין אָטוואָצק, געשריבן אַליין פאַר דער „פאָלקסצייטונג“. ספּעקטאָר אַלס רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו געבן פאַסיקע יום=טוב=דערציילונגען אויף יעדן יום=טוב, — איבעריקנס, די שוואַכקייט האָבן געהאַט און האָבן אַלע רעדאַקטאָרן — און אַז עס איז געקומען אַרום ראש=השנה, האָט ער געבעטן ביי מיר אַזאַ דערציילונג.

דירעקט וועגן יום=טוב האָב איך קיינמאָל ניט געוואָלט און ניט געקענט שרייבן. איז מיר גראָד אַיינגעפאַלן עפּעס פון דעם לעבן פון מיין מיליטער=דינסט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיין ראש=השנה אויף מאַנעווערס... האָב איך קומענדיק פון אָטוואָצק אויף אַ טאָג קיין וואַרשע, ערגעץ ביי מיינעם אַ חבר, פעלדשטיין, אַ זון פון רייכע עלטערן, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערן רויקן צימער, אָנגעשריבן בנשימה אַחת די דערציילונג „די צוויי תקיעות“...

האָב איך געמיינט, אַז איך בין שוין פטור פון אַ יום=טוב=דערציילונג ביז פסח. ערשט באַלד, נאָך דעם ערפאָלג, וואָס די „צוויי תקיעות“ האָבן געהאַט, וויל שוין ספּעקטאָר אַ דערציילונג אויף סוכות.

— איך האָב ניט וואָס, באמת, — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט.

— עס איז קיין תירוץ ניט, רייזען, איר מוזט — באַפעלט ער בלומרשט, און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן מיך אָן, אי חבריש, אי מעשה עלטערער, וועמען מען מוז פאָלגן...

— אויב עס וועט עפּעס אַיינפאַלן... — פּרוּוו איך זיך מדחה זיין.

און איך פאָר צוריק קיין אָטוואָצק. ערשט פאַר מיר טראָגט זיך דורך אַ געשטאַלט פון אַ היימישן, אָרעמען פויער, וואָס ברענגט סכך אויף סוכות אין שטעטל...

איז דאָס נאָך ווייניק גליק פאַר מיר, פאַלט מיר נאָך אַיין, אַז דאָס פויערל פאַרשפעטיקט און ברענגט זיין וועגעלע סכך פונקט דעם ערשטן טאָג סוכות...

איך ווער אַזש באַגייסטערט. אי אַ סוכותדיקע זאַך, אי אַ וועלטלעכע... דער העלד, הייסט עס, איז אָ פויער...

דער צוג, מיט וועלכן איך בין געפאָרן צוריק קיין אָטוואָצק, איז דווקא אַ קוריער-צוג און ער לויפט שנעל, אָבער מיר דאַכט, אַז ער קריכט, כאָטש נעם און שטופ אים אונטער, אַזוי ווילט זיך מיר שוין זיין אין מיין שטיבל אין אָטוואָצק און גלייך זעצן זיך שרייבן די דאָזיקע „וואונדערלעכע“ דערציילונג...

געקומען פאַרנאַכט אַהיים, ערשט עס איז אין שטיבעלע פריילעך. נאָמבערג איז שוין אויך דאָ. ער פאָרט כמעט ווי איך אַלע טאָג קיין וואַרשע און קומט אין אָוונט צוריק. דערצו זיינען דאָ געסט. אויך די שיינע קורסיסטקע, די סמאָרגאָנערין, איז דאָ מיט אַ חברטע און נאָך געסט פון די דאַטשניקעס גופא. דאַכט זיך, אַז איינע פון די צוויי שיינע שוועסטער בוכוואַלד, מיט וועלכער איך האָב געטאַנצט אויפן שרייבער-באַל און האָב מיט דעם טאַנץ אַנטציקט בעל-מחשבותן אַליין, ווי עס איז שוין באַשריבן געוואָרן — זי איז אויך דאָ. ס׳איז פריילעך, אָבער מיר שטערט עס... די דערציילונג מוז גלייך אָנגעשריבן ווערן. לאָזן אויף מאָרגן פרי, שרייבן אויף דער „וועראַנדע“ ביחידות, ווי מיין שטייגער איז געווען אין אָטוואָצק — איז אַ געפאַר, אַז דער פלאַם פון „באַגייסטערונג“ זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן און עס וועט אָדער גאָרניט אַרויסקומען, אָדער אַ בלאַסע דערציילונג, וואָס ס׳איז נאָך ערגער פון גאָרנישט.

און דאָס אָרעמע פויערל שוועבט פאַר די אויגן, שפרינגט נכנעדיק און לאָזט מיך ניט אָפ...

אָט זע איך שוין, ווי די יידן פון גאַס טראָגן אים אַרויס חלה און אַ קעלישאָקל בראַנפן...

ניין, עס איז אַ סכנה דאָס אַליין איבערצולאָזן אויף מאָרגן.

היינט:

אָבער ווי אַזוי, אַז פֿאַר מענטשן אין די אויגן שרייבן קען איך ניט...

סיידן איך זאָל זיי אָפּנאַרן און זאָגן, אַז איך שרייב אַ בריוו. וויבאַלד אַז איך שרייב אַ בריוו, וועט זיך קיינער ניט אומקוקן, מאַלע וואָס איינער שרייבט אַ בריוו.

און איך רוף אויס:

— נו, קינדער, פֿאַרברענגט אַיך, איך מוז אָבער שרייבן אַ נייטיקן בריוו.

און איך זעץ זיך אַוועק ביים טישל, אויף וועלכן עס שטייט שוין דער ברענענדיקער לאָמפּ, גרייט צו שאַפֿן...

באַלד פֿאַרגעס איך אין די אַלע אָנוועזנדע. ס'שרייבט זיך מיט אַ ברען... איך בין שוין אינגאַנצן ניטאָ דאָ. פֿריער בין איך אין דאָרף, וואו דער אָרעמער פֿויערל וואוינט, נאָכדעם פֿאָר איך מיט אים אין וואַלד, וואו ער האַקט די צווייגלעך פֿאַר סכך... ווי איך קום אָן אין מיין גאַס מיטן פֿויערל און די יידן גייען שוין פֿון שול, בין איך שוין פֿול אַנטציקונג. אָבער איך מוז שוין אָפּרוען. איך בין ערשעפּט פֿון אייגענער אַנטציקונג...

— שרה־בתיה, — רוף איך מיין שוועסטער און בין איר מגלה סוד — איך שרייב אַ דערציילונג...

פֿאַרשטייט שוין מיינע שוועסטער לויט מיינע בליקן, אַז עס וועט זיין עפּעס רעכטס... זי האָט אָבער מורא מיר צו שטערן... זאָגט זי בלויז מיט איר ליבן הומאָר:

— שרייב, ברודערל, שרייב...

אַוועקגעזעצט זיך צוריק ביים טישל און שרייב ווייטער:

איך האַלט שוין ביים פּסוק, וואו דער פֿויערל, וואָס האָט פֿאַרשפּעטיקט, קלאָגט זיך פֿאַר די יידן, וואָס האָבן אָנפֿאַנגט געלאַכט פֿון אים:

— סאָלי ניעמאַ, מידלאַ ניעמאַ, גאַזי ניעמאַ... קעפּסקי אינטערעס...

ווערן שוין ביי מיר די יידן ווייכער, זיי וועלן אַן אָרעמען גוי ניט אַוועקלאָזן אַזוי. און דאָ דערמאָן איך זיך, אַז אין

קעשעניעוו איז געווען אַ פאָגראָם... זאָלן די יידן נקמה געמען אין דעם אָרעמען גוי?... ניין, ער איז ניט שולדיק, און בכלל אונזערע ווייסרוסישע גויים, זיי זיינען דאָך גוטע, שטילע, אין אונזער גובערניע, אין מינסק, איז נאָך קיינמאָל קיין פאָגראָם ניט געווען, אויסער איינמאָל אין דאָלהינעוו...

אָבער וואָס פאָגראָם, ווען פאָגראָם? די יידן פון גאַס הייסן אַ קרעמער עפענען אום יום-טוב דאָס קלייטל, וואָס ער האָט אין גאַס, און גיבן אים אויף זייער חשבון אַליץ, וואָס דאָס פויערל דאַרף: זאַליץ, זייף און „גאַזע“... און דערצו טראָגט אים יעדע באַלעבאָסטע אַרויס אַ שטיק חלה.

אַוודאי ווערט דער גוי, דאָס אָרעמע פויערל, גערירט און דאַנקט און ווענדיקט: ניקאָלי ניע זאַבודו... דאָס הייסט, ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

רופט זיך אָן אַ ייד צו אַ צווייטן:

— דו ווייסט, גאָרניט קיין שלעכטער ערל...

און דאָ קומט שוין אַ רמז אויפן פאָגראָם:

— וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל דיך *איצטער* שלאָגן...

אַן איבעריקע אומקינסטלערישע פראַזע געווען, אָבער אַפנים, צוליבן קעשעניעווער פאָגראָם, וועלכער איז אַריין דאַן אין מיין בלוט, האָט זיך עס פאָרט אַרויסגעריסן, ניט אין טאָן צו דער גאַנצער דערציילונג...

מאָרגן פרי בין איך גלייך מיט דער דערציילונג געפאָרן אין וואַרשע צו ספעקטאָרן, כדי ניט צו פאַרשפעטיקן מיט איר, ווי דאָס פויערל, להבדיל, מיטן סכך. די דערציילונג האָט טאַקע געהייסן „פאַרשפעטיקט“. האָב איך, קומענדיק אין רעדאַקציע, ספעקטאָרן נאָך ניט געטראָפן.

אָנשטאָט ספעקטאָרן האָב איך געטראָפן נ. א. גניעסינען, דעם שפעטער באַרימטן העברעישן נאָוועליסט. דאַן איז ער נאָך געווען אַן אָנפאַנגער; אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, אַ שיר ניט שעמעוודיקער, האָב איך אים דאָך זייער ליב געהאַט; ניט געקענט פאַרטראָגן זיין נע-ונד זיין אין וואַרשע, אָן אַ ציל, אָן אַן אויסקוק — אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט זעונגען און וואונדערלעך איידעלע גע-

שטאַלטן, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרקערפּערט אין זיינע דערציילונגען, ווי „הצדה“ און אַנדערע — דערין האָב איך אים דעמאָלכט ניט חושד געווען — אין יענער צייט האָט ער גאָר איבערזעצט אַ פּאָר ליחער פון יהודה הלוי אין יידיש און אויך אַליין געשריבן אַמאָל אַ יידיש ליד און אַפילו זיי אָפּגעדרוקט אין די דעמאָלסטיקע יידישע וועכנטלעכע צייטשריפטן.

געטראָפן אים אינדערפרי נאָך, אין רעדאַקציע, האָב איך די דערציילונג אים דורכגעלייענט.

ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער ניט לויט זיין שטייגער אויפגעשטראַלט, האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע בלויע, שטענדיק אומעטיקע און יענעם מאָל פריילעכע אויגן און זיך פּאַטעטיש אָנגערופן:

— רייזען, זאָלן זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן, קיינער וועט ניט אָנשרייבן אַזאַ דערציילונג...

זיין אַנטציקונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אַוש ריידעוודיק געוואָרן...

בין איך דערווייל געוואָר געוואָרן, אַז ס׳זיינען דאָ „זיי“, וואָס זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. איבעריקנס האָב איך עס אַליין געאַנט... און גנייעסינס מיינונג איז מיר טאָפּלט טייער - געוואָרן...

פינפאונדרייסיקסטער קאַפיטל

די חתונה אין אָטוואָצק. — די מחותנים. — די יונגע קאָלעגן. — די פוילישע באַלעבאַטים פון דער ווילע אין אָטוואָצק. — די מעדאָווע-גאָס. — מערעצקי, דער אייגנטימער פון מײן נייער דירה. — קונסט-זשורנאַלן. — די מיטאַרבעטער פון „פריינד“, מרדכי בן הלל הכהן און שמריהו לעווין. — קאַפע „בריסטאָל“ און בעל-מחשבות. — זיינע מיינונגען און שטימונגען. — מיין שטעלונג צו ארץ-ישראל און צום ציוניזם. — די צוריקגעקערטע דערציילונג. — די נויט. — דער נס מיט די יום-טוב-בלעטער. — מערעצקי ווערט אַ פאַרלעגער פון יידישע זאַמלביכלעך; — דאָס ערשטער יום-טוב-בלאַט „חנוכה“. — די אַנאָנסן. — כרמל-ווייַן. — „ביימער“.

אינמיטן זומער פון יאָר 1903 איז אין וואַרשע אָנגעקומען קאַסעל. איך האָב אים גלייך געבראַכט קיין אָטוואָצק, אי אַלס גאַסט, אי אַלס מיין שוועסטערס, שרה-בתיהס, חתן. האָב איך אין אַ פאָר וואָכן נאָך זיין קומען געפראַוועט זייער חתונה טאַקע אין אָטוואָצק. שלום אַש, וואָס איז שוין געוואָרן אַ גדול, הגם „דער פריינד“ האָט זיינע צוגעשיקטע זאַכן נאָך אַלץ ניט גערן געדרוקט, האָט זיך שוין געהאַלטן, ווי אַ שלום אַש... אָבער דעם חוש פאַר הומאָר, וואָס האָט זיך גענומען מערקן אַלץ מער און מער אין זיינע דערציילונגען, האָט ער אויך געהאַט אין פערזענלעכן לעבן. האָט ער זיך איבער מיר גוטמוטיק געוויצלט, אַז איך גיי נעמען אַן איידעם אויף קעסט... דער איידעם האָט עס, הייסט עס, געוואָלט זיין דוד קאַסעל... פונדעסטוועגן איז אַש אויף דער חתונה געווען אַ גרויסער מחותן און האָט זיך געפלייסט משמח זיין די חתן-כלה אויפן קוטנער שטייגער. אַוודאי האָב איך צוגעגרייט אויף דער חתונה גוטע זאַכן און געקויפט אַ גאַנצע פלאַש עכט פראַנצויזישן קאָניאַק, טאַקע מיט די אמתע דריי שטערנדלעך, וואָס פון די שטערנדלעך אַליין איז שוין ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, ווער רעדט נאָך — פון דער

משקה... אַרום־און־אַרום האָט מיר די חתונה געקאָסט אַכצן רובל. און נעמענדיק אין אַכט דעם זול אין יענער צייט און אויך דעם קליינעם עולם, קוים אַ מנין שוין מיט די ווייבער — מיר האָבן זיי אויך מצרף געווען צום מנין, אַזוי האָט ש. צ. זעצער געפּסקנט (ער איז טאַקע אויך געווען דער מסדר־קדושין) — קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז די חתונה איז געווען אַ פריילעכע און פון דער פולער האַנט. די סומע אויף די חתונה־הוצאות האָב איך טאַקע באַקומען ביי יעקב לידסקי, וועלכער האָט עס מיר געגעבן אַלס אַן אַוואַנס און געגעבן מיט פרייד... א. ל. יאַקובאָוויטש, וועלכער איז דעמאָלסט געווען אין זיין פולער בליונג סיי פיזיש, סיי גייסטיק, און האָט ניט געהאַט וואוהין צו טאָן די ענערגיע, וואָס האָט געשלאָגן פון אים, בפרט אַז ער האָט זיך דאָס רוב געפונען אין אַ העברעיִשער סביבה — האָט זיך אויף דער חתונה אַזוי צעהוליעט, אַז די באַלעבאַטים פון דער ווילע, וועלכע האָבן געוואוינט אויף דעם אונטערשטן שטאָק, האָבן אַרויפגעקלאַפּט צו אונז, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, איז איינער פון די צוויי ברידער־באַלעבאַטים בכבודו ובעצמו אַרויף צו אונז און אין אַ זייער העפלעך־פּוילישער שפּראַך — ער איז טאַקע אַ פּאָליאַק געווען און דערצו נאָך אַ מאָלער — זיך געבעטן, ניט אַזוי צו טומלען. האָט מען שוין יאַקובאָוויטשן געמוזט בעטן, ער זאָל ניט אַזוי שרייען און ניט אַזוי קלאַפּן מיט זיינע דעמאָלסטיקע געזונטע פויסטן איבערן טיש, ווי איינער, וואָס האָט עפּעס אַ טענה צו דער וועלט... אַז ער האָט אונז ניט געפאָלגט, האָבן מיר די חתונה איבערגעטראָגן אין דרויסן און מיר האָבן אים אַוועקגעלייגט אויף אַ האַמאַק אונטער אַ בוים, וואו ער איז שוין אָפּגעשלאָפן אַ שטיק נאַכט.

וועלנדיק איינשפּאָרן דירה־געלט, האָבן מיר שוין געוואוינט אין אָטוואָצק ביז נאָך סוכות, אַ שטיק צייט איבערן סעזאָן. לענגער וואוינען האָט שוין אָבער ניט געפּאַסט, דאָס וואָלט שוין געווען צו פיל אויסגענוצט די פּוילישע באַלעבאַטים, הגם איידעלע און קינסטלער דערצו, און אויך זייערע אַלטע פאָטער־און מוטער, וואָס האָבן געוואוינט מיט זיי און זיינען אויך געווען אמת גוטע מענטשן, מיט אַיינזען...

בין איך אַוועקגעפאָרן אין וואַרשע שוין זוכן אַ דירה פאַר אונז דריי — פאַר מיר, פאַר מיין שוועסטער און דוד קאַסעלן.

געזוכט אין אַלע בעסערע גאַסן, ביז איך בין אַרויף צו דער מעדאָווע-גאַס, יידן האָבן זי גערופן די מעד-גאַס. זי האָט זיך געפונען, און געפינט זיך נאַטירלעך אויך איצט — אויף דער צווייטער זייט פון קראַשינסקים גאָרטן... פון דער מעדאָווע האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן די אמתע פוילישע וואַרשע... עס איז געגאַנגען אַ לעגענדע אַזאַ, אַז אויף דער מעדאָווע טאָרן קיין יידן ניט וואוינען, הגם געשעפטן יידישע האָבן זיך דאָרטן אייניקע יאָ געפונען. איך אָבער האָב פון דער לעגענדע ניט געוואוסט. זיך געלאָזט אויף דער מעדאָווע, זע איך ביי אַ טויער פון איינעם פון די שענערע הייזער אַ צעטל אין פויליש: „אַ גרויסער צימער צו פאַרדינגען”. אויב אַ גרויסער איז אַוודאי גוט. איך בין דאָך שוין עפעס אַ פאַמיליע-מענטש... אַרויף אויף די טרעפ, געעפנט די טיר פון אַ וואוינונג אויפן ערשטן שטאָק, איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען אַ שיינע יונגע פרוי, מיט דעם יידישן חן און מיט שוואַרצע קלוגע אויגן...

— אַ צימער צו פאַרדינגען? — פרעג איך דאָך אין פויליש...

קוקט זי מיך אָן דורכדרינגלעך, כאָטש גענוג פריינדלעך, וואַרפט אַ בליק אויף מיין מאַנטל, וואָס איז געווען דווקא אַ נייער און אַ מאָדישער; אויך מיין הוט מסתמא האָט זי שוין באַמערקט און מיין וויסן קראַגן און מיין ניט טייערן, אָבער פיין אויסגעבונדענעם קינסטלער-קראַוואַט, און אפשר אויך מיינע לאַנגע (און אויך שוואַרצע) האָר, וואָס איז דעמאָלסט געווען אַ צייכן, אַז מען איז זיכער אַן אינטעליגענט, אויב ניט נאָך העכער דערפון... האָט זי גלייך געענטפערט:

— „טאַק, פראָשע פאַניע...

און זי האָט מיך אַריינגעפירט אָנקוקן דעם צימער.

דאָס צימער — גרויס ווי אַ פעלד, פיר פענסטער, צוויי צום גאַס און צוויי ביים זייט, אָבער קיין וואַנט פאַרשטעלט ניט, דאָס צווייטע הויז אָפגערוקט, דער דיל — געפאַרבט און געוועקסט... אויך דאָס מעבל, הגם ווייניק, אָבער לייטיש, אַ שיינע בעט, אַ

ווייכע קאַנאַפּע, אַ פֿיין טישל, צוויי „ווינער" שטולן — מיט איין וואָרט, אַ „סאַליע", ניט קיין צימער.

נאָר דער פּרייז — 16 רובל... אָבֿער איך דינג זיך ניט; אַדרבא, איך זאָג גלייך, אַז ס׳געפֿעלט מיר, און האָבֿ געגעבֿן האַנטגעלט.

דערווייל גייט אַרויס דער יונגער באַלעבאָס פֿון אַ צימער, וואָס געפֿינט זיך אין דער מיט פֿון קאָרידאָר און צעטיילט די וואוינונג אין צוויי טייל און דאָס צימער איז אַ געשעפֿט פֿון ביכער און צייטונגען, איבערהויפּט קונסט־מאַגאַזינען, אין אַלערליי שפּראַכן... דער יונגערמאַן איז שוין זיכער אַ יידישער, טראָגט אַפֿילו אַ בערדל, כּלומרשט צוגעשאָרן, די אויגן מילדע, דער אויסדרוק — אַ לומדישער, הגם געקליידט איז ער ווי אַ „דייטש" — קורץ... באַקאָן איך זיך מיט אים, און מיר ריידן שוין יידיש... זיין נאָמען איז מערעצקי, און ער איז אַ פֿאָרשטייער פֿון אַלע קונסט־זשורנאַלן, וואָס ערשיינען אין רוסלאַנד, פּוילן און אויסלאַנד... דערצו, ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, איז ער אויך אַ פֿאַרלעגער פֿון גרויסע סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען סיי אין רוסיש, סיי אין פּויליש...

הייסט עס דאָך שוין אַן אייגענער מענטש, ווערט מיר שוין גאָר פֿריילעך. אי מעדאָווע גאַס, אי אַ קונסט־און בוכהאַנדלונג, אי אַ פֿאַרלעגער פֿון ראָמאַנען. עס בלייבט בלויז איין זאָרג: עס זאָל זיין מעגלעך פּינקטלעך צו צאָלן.

אַריינגעצויגן זיך צו מערעצקין מיט מיין שוועסטער און דוד קאַסעל, איז מיר די ערשטע צייט געקומען, ווי מען זאָגט, צום לעבֿן. דער צימער און די גאַס טאַקע — ווער עס קען מעדאָווע גאַס — האָט מיר געגעבֿן הרחבת הדעת און הערצו איז מיין שוועסטער און מיין שוואָגער, ווי אַ יונג פּאָר־פֿאָלק, ניט געזעסן שטענדיק אין „הויז", פֿלעג איך דאָ בלייבֿן אַליין און קאָנען שרייבֿן, ווי אַזוי און ווען נאָר איך האָבֿ געוואָלט.

דערצו האָבֿ איך שוין דעמאָלכט אָנגעהויבן אַריינצוקומען מיט מיינע חברים שלום אַש און נאָמבערגן — אָנשטאָט צו קאָטיקן אין דעם קליינעם קאַפֿע אויף נאַלעווקעס — אין קאַפֿע „בריסטאָל", אויף דער קראָקעווער פֿאָרשטאָט... דאָס קאַפֿע „בריסטאָל" האָט זיך דעמאָלסט נאָר־וואָס אויסגעבויט און עס איז ווירקלעך געווען

אַן ערשט=קלאַסיקע קאַפֿע, אַפֿילו לויט ווינער און פּאַריזער מאָס. אויך פֿלעגט אין קאַפֿע „בריסטאָל“ קומען אין די אָוונטן בעל=מחשבות, און אַמאָל אויך פּרץ, הגם ער פֿלעגט דאָס=רוב אין קאַפֿע „בריסטאָל“ קומען מיט זיין פֿרוי, זון און שנור — אין די נאָכמיטאָג=שטונדן, טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע... מען קען ניט זאָגן, אַז יידישע שרייבער אין וואַרשע האָט מען פֿאַרזען; אַדרבא, מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז געוואַקסן דער פּרעסטיזש פֿון די יידישע שרייבער און פֿון פּרצן איבערהויפּט. אין אַ קאַפֿע, וואו יידישע שרייבער קומען, האָט שוין געצויגן די בעסערע לעזער און די מקורבים פֿון די שרייבער אויך אַריינצוקומען, אַזוי אַז „בריסטאָל“ איז געוואָרן שיר ניט אַ יידישע קאַפֿע. און טאָמער איז ד״ר סלאָנימסקי, וואָס איז געווען אַן אָפֿטער באַזוכער פֿון קאַפֿע „בריסטאָל“ — טאָמער איז ער געווען אַפֿילו אַ געטויפֿטער, אָבער ניט נאָר אַ האַרץ, נאָר אַפֿילו אַ באָרד האָט ער אויך געהאַט אַ יידישע און פֿאַרברענגען פֿלעגט ער זייער אָפֿט מיט אונז און איבערהויפּט מיט נאָמבערגן און דווקא וועגן יידישע פֿראַגן (שפּעטער איז ער טאַקע צוריק געוואָרן אַ ייד). האָבן שוין מיט דער צייט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין „בריסטאָל“ ניט נאָר לעזער און מקורבים, נאָר סתם יונגעלייט מיט כלות, ווייבער און באַקאַנטע... האָט עס שוין אַ ביסל אָנגעהויבן באַקומען אַ קאָמישן כאַראַקטער... האָב איך טאַקע אָנגעשריבן אַ הומאָריסטישן מאָנאָלאָג „אין בריסטאָל“, ווי אַזוי אַן אָרעמער פּריקאַזשטשיק מיט זיין יונגער פֿרוי האָט זיך געפֿילט דאָס ערשטע מאָל אין קאַפֿע „בריסטאָל“... דער דאָזיקער מאָנאָלאָג האָט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „פֿריינד“, געמאַכט צווישן וואַרשעווער לעזער אַ גרויסן רושם, הגם, איך בין זיך מודה, אַז פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז עס ניט געווען קיין שעדעווער. בעל=מחשבות האָט טאַקע מיר באַמערקט: וויבאַלד אַז „בריסטאָל“, פֿאַרוואָס זאָלט איר ניט געבן פֿון קינסטלערישן מענטשן, ניט פֿון עפּעס אַ יידל אַ פּריקאַזשטשיק... און ער איז טאַקע געווען דאָס מאָל לגבי מיר גערעכט...

בכלל אָבער איז בעל=מחשבות אין יענער צייט געווען אַ ביסל קאַפּריזנע, איבערהויפּט אין זיינע באַציִונגען צו מיר. געזוכט עפּעס,

געפּאָדערט און געמאָנט און ניט געוואוסט וואָס. געשטימט איז ער געווען דאַן ראָמאַנטיש, געזוכט אין דער יידישער ליטעראַטור און אויך אין אַרומיקן לעבן דאָס דערהויבענע, דאָס ריטערלעכע, דאָס העראָאישע, ניט קוקנדיק וואָס ער אַליין איז געווען דאַן מערסטנס איראָניש, סיי אין זיינע מיינונגען וועגן זיך און סיי וועגן דעם אַרומיקן לעבן בכלל... און אפשר טאַקע דערפאַר האָט ער געפּאָ־ערט פון דער ליטעראַטור עפּעס אַנדערש....

אָבער ווען ער איז נאָר געווען גוט געשטימט — און דאָס האָט אויך אָפט פּאַסירט מיט אים — איז געווען אַ פּאַרטעגיגן צו זיצן מיט אים ביי איין טישל און הערן זיינע גייסטרייכע, צייטנווייז פּאָזיטיווע, צייטנווייז נעגאַטיווע, מיינונגען וועגן ליטעראַטור און אויך וועגן ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן, וועגן זייערע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. אָפּטמאָל האָט ער אין זיינע מינדלעכע מיינונגען אויך ניט געשוינט פּרצן און הגם גוטמוטיק, אָבער זייער געלונגען און וויציק נאָכגעמאַכט, אין געשפּרעך, פּרצעס פּובליציסטישן סטיל, פּרצעס לאַקאָניזם...

אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן פּאָדערן פון אונז, דאַן יונגע שרייבער, דעם ראָמאַן...

— נו, יע, — האָט ער גייענדיק מיט אונז אויף אַ שפּאַציר, נאָכדעם ווי מיר זיינען אַלע צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון קאַפע „בריסטאָל“, שוין שפּעט אין דער נאַכט, און זיך געלאָזט איבער קראָקעווער פּאָרשטאָט — נו, גוט, — האָט ער מילד גערעדט, — נאָך אַ שיינע דערציילונג, נאָך אַ נאָוועלע, נאָך אַ ליד, מיר מוזן אָבער האָבן אַ ראָמאַן. מיט אַ קורצער דערציילונג אַליין און מיט לידער קען מען די וועלט ניט איינעמען...

איך האָב זיך שטאַרק וועגן דעם פאַרטראַכט, און געשוויגן. אַש אָבער, געדענק איך, האָט זיך אָנגערופן:

— איך שרייב אַ ראָמאַן...

און אַש האָט זיין צוזאָג דערפילט... אמת, ערשט אין אַ יאָר פינף אַרום. ער האָט אָנגעשריבן „מערי“... געוויס האָט דער ראָמאַן „מערי“ פאַרמאָגט איינציקע זייער שיינע קאַפּיטלען, אָבער דאָ האָבן שלום אַשס קליינע און גרעסערע דערציילונגען פיל מער באַ=

רייכערט די יידישע ליטעראַטור, ווי דער ראָמאַן „מערי“ און אַפּילו ווי דער ראָמאַן „מאָטקע גנב“, וואָס זיין ערשטער טייל איז זיכער מייסטערהאַפט...

צוגעהערט זיך מיט ערנסט צו בעל-מחשבותס מיינונגען, בין איך דאָך געבליבן ביי מיין בליק אויף ליטעראַטור בכלל און אויף מיין שאַפן בפרט. געוואוסט, אַז מען קען געבן אַפּילו אַן עפּאָכע אין אַכט זייטלעך, הגם איך האָב אַליין געבענקט נאָך אַ קינסטלערישן ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור, כדי מיר זאָלן זיין לייטן-גלייך...

פונדעסטוועגן האָט בעל-מחשבות שטאַרק געריימט מיין דאַן נאָר-וואָס אָפּגעדרוקט מיניאַטור-בילד „עס שאָקלט זיך“, שיר ניט מיט התפעלות, טאַקע אין קאַפע „בריסטאָל“.

— אַ קלייניקייט — האָב איך אַ זאָג געטאָן און באמת עס געמיינט.

— יאָ, אָבער עס איז אַ סימבאָל פון אונזער גאַנצן לעבן...

דאָס האָט שוין גערעדט אין אים דער ציוניסט... איז דאָס מיר שוין ניט געפעלן געוואָרן. געווים בין איך אויך ניט צופרידן געוועזן מיט דער באָרנלאָזיקייט פון יידישן לעבן, אָבער מיין „לייזונג“ איז געוועזן אַן אַנדערע... דערצו האָב איך אין יידישן לעבן אויך געזען שיינקייט, פעסטקייט און אַפּילו איינגעוואָרצלטקייט, און דער ציוניזם האָט געוואָלט און געזוכט אונזער לעבן צו דערנידעריקן, ניט צוליב סאָציאַלע גרונדן, נאָר צוליב נאַציאָנאַלע; געזוכט צו פאַרמיאוסן די פאָרמען פון דער יידישער געגנוואַרט, כדי זיך אומצוקערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. און אויב דער ציוניזם האָט אַפּילו גערעדט וועגן דער צוקונפט, איז דאָס געוועזן אַ צוקונפט מיט די אידעאַלן פון דעם אַלטן עבר, מיט ארץ-ישראל, מיט לשון-קודש און מיט דער גאַנצער גלאָריע פון אַלטן אַמאָל...

איך וויל ניט לייקענען — ארץ-ישראל אַלס פאָלקסטימלעכער באַגריף איז מיר געוועזן נאָענט און טייער, ווי יעדן יידן, איבערהויפט די, וואָס האָבן געלערנט אין אַ חדר און געהערט צי געלייענט נאָכדעם אַליין די אַלע מעשהלעך און לעגענדעס, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט זיין פאַנטאַזיע אויסגעוועבט אַרום דעם דאָזיקן יידישן לאַנד. איך געדענק נאָך פון מיין קינדהייט, אַז ס'איז אַמאָל גע-

קומען אין אונזער שטעטל אַן ארץ־ישראל־ייד — אויב ער האָט נאָר ניט אָפּגענאַרט און איז טאַקע געווען פון ארץ־ישראל... — האָב איך אויף אים געקוקט מיט גרויס יראת־הכבוד און געהיט און נאָכגעקוקט זיין יעדע באַוועגונג. אַ קלייניקייט — אַ ייד פון ארץ־ישראל... אויך „לשון־קודש“ אַלס שפּראַך פון דער פאַרגאַנגענהייט איז מיר נאָענט געווען. דאָס ראָמאַנטישע, סיי פון דעם לאַנד, סיי פון דער שפּראַך, האָט מיך געלאָקט, אָבער ניט צו פאַרוואַנדלען עס אין אַ ווירקלעכקייט, ניט דאָס ארץ־ישראל פון די ציוניסטן און ניט דאָס העברעיִש פון די העברעיִסטן, פון די דוברי־עברית, פון עברית־בעברית און פון די חדרים־מתוקנים, וואָס דאָס אַלץ איז ניט געווען עכט, ניט פון לעבן אַרויסגערופן, נאָר געמאַכט און געקינסטלט דורך פּלאַכער און קליינקעפּלדיקער פּראָפּאַגאַנדע און דורך צייטנווייז ניט געהויבענער פּאָליטיק־טרייבעריי... געוויס האָט סיי דער ציוניזם, סיי דער העברעיִזם פאַרמעגט אויך העכערע טיפערע פּערזענלעכקייטן אַלס אָנהענגער, ווי טאַקע בעל־מחשבות אַליין איז געווען. האָבן טאַקע די ציוניסטן — איבערהויפּט די פּאָליטיקער, די אוסישקינס, די ד״ר קלויזנערס (ד״ר קלויזנער, ווען ער האָט אין יענער צייט, געוואוינט אין וואַרשע און געפונען זיך אין פּרצעס קרייז, איז אַגב ניט געווען נאָך אַזאַ שונא פון יידיש און האָט פאַר פּרצעס באַנייטער „יודישער ביבליאָטעק“ אָנגעשריבן אין יידיש אַ וואונדערלעך־שיינע עסיי איבער די נביאים) — בעל־מחשבותן באַטראַכט ניט ווי אַן אייגענעם, און ער איז אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן שטענדיק געווען אין דער אָפּאָזיציע צוזאַמען מיט די אַנדערע יינגערע און פאָלקסטימלעכערע עלעמענטן, ווי מאָצקין, גרינבוים אד״ג, ביז וואַנען ער איז אינגאַנצן אָפיציעל אַוועק פון ציוניזם און ניט זעלטן שוין די שוואַכע זייטן פון ציוניזם שאַרף אויסגעלאַכט און קריטיקירט...

⁂

מיט „דעם פריינד“ בין איך אַלץ ניט געווען שווה בשווה. ערשטנס צוליב זיין שטעלונג צו יידיש... כלומרשט אַליין ניט קיין קענ־

נער, אָבֿער מיטאַרבעטער האָט „דער פֿריינד" געהאַט גענוג ציוניסטן און העבֿרעיִסטן, וואָס האָבן די דעמאָלסט איינציקע טעגלעכע יידישע צייטונג אויסגענוצט, גאַנץ מפֿיק, הגם אויפֿן באַלעבאַטישן נוסח־שרייבן — פֿאַר זייערע אידעאַלן און צילן. אַזוי פֿלעגט, למשל, מרדכי בן־הלל הכּהן כּלומרשט מתּיר מאַכן דאָס שרייבן יידיש פֿאַרן פֿאָלק, נאָר אין דעם מתּיר מאַכן האָט געשטעקט פֿיל יעזויִטיזם, פֿאַראַכטונג צו דער נייער שפּראַך פֿון יידישן פֿאָלק, אויף וועלכער איך האָבֿ שוין געקוקט ווי אויף אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און האָבֿ זי טאַקע אַלס אַזאַ פּראָקלאַמירט אין מיין וואָכנשריפֿט „דאָס יודישע וואָרט", וואָס איז ערשינען אין קראָקע אין יאָר 1905, דריי יאָר פֿאַר טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ... אויך ד״ר שמריהו לעווין האָט זיך ברייטלעך צעלאָזט אין „פֿריינד" און האָט זיך מיטן יידיש־לעזער ניט שטאַרק געצערעמאָניעט, געהאַלטן שריפֿטלעכע דרשות פֿאַר ציוניזם און העבֿרעיִש...

אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידיש האָט „דער פֿריינד" ערשט גענומען אין יאָר 1905, ווען איך האָבֿ שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט די וואָכנשריפֿט „דאָס יודישע וואָרט" אַרויסצוגעבן, און זעענדיק, ווי „דער פֿריינד" אַליין איז שוין אין דעם שפּראַכן־קריג אַריבער אויף מיין זייט (עס איז געווען אַן אמתע מלחמה!), האָבֿ איך געטראַכט: צו וואָס אַזוי פֿיל אָנשטרענגונג. אָבֿער צו דער וואָכנשריפֿט „דאָס יודישע וואָרט" וועל איך זיך אומקערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען...

אויך די באַציִונג צו אונז יונגע פֿון „פֿריינד" איז צייטנווייז געווען ניט קיין זייער פֿריינדלעכע... פֿון צייט צו צייט האָבן זיי מיינע פֿאָדערונגען — איך בין זיך מודה — ריין מאַטעריעלע, טאַקע נאָכגעגעבן... אָבֿער דווקא ווען איך האָבֿ זיך אַריינגעצויגן אויף דער רייכער מעדאָווע־גאַס און בין געוואָרן אַ גרעסערער בעל־הוצאה, גראָד דאַן האָט „דער פֿריינד" גענומען „קאַרגן". אָט געדענק איך עס ווי איצט, ווי איך האָבֿ אָנגעשריבן מיין קליינע דערציילונג מיטן טיטל „מיין מאַמע" — וועלכע איז מיר אַליין שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. איך האָבֿ זי געשריבן מיט גרויס באַגייסטערונג און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אַ סימן פֿאַר מיר, אַז זי איז שיין

און געלונגען... די דערציילונג האָט איינגעטלעך זיך געפּאַסט, לויט איר מאָטיוו און אינהאַלט, פֿאַר אַן אַרבעטער־צייטונג, נאָר אַזעלכע זיינען נאָך אין יאָר 1903—1904 ניט געווען בנמצא... האָבֿ איך זי אַוועקגעשיקט אין „פֿריינד“ מיט אַ צושריפֿט, אַז איך פֿאַרלאַנג פֿאַר איר 25 רובל...

אין אַ וואָך אַרום איז מיר די דערציילונג אָנגעקומען צוריק (אַגבֿ די איינציקע דערציילונג, וואָס „דער פֿריינד“ האָט מיר אָפּגעשיקט צוריק) — מיט אַ צושריפֿט, אַז אַזוינע האָנאָראַרן קענען זיי ניט צאָלן...

אויפֿן האַרצן איז געוואָרן זייער ביטער. אויסער דער באַליידיקונג האָבֿ איך יענעם טאָג געדאַרפֿט באַצאָלן דאָס דירה־געלט. הגם די מערעצקיס, סיי ער סיי זי, האָבֿן נאָך ניט געמאָנט... איך בין אָבֿער געווען שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט. עס איז געוואָרן אָוונט. איך און מיין שוועסטער און, ווי שלום אַש האָט אים גערופֿן — מיין יונגער איידעם, דוד קאַסעל, האָבֿן זיך שוין געקליבֿן צו גיין עסן „וועטשערע“, אָדער עפּעס קויפֿן אין אַ שפּייז־געוועלבֿל און פֿראַווען די סעודה אין דעה הים; אָבֿער קיין געלט איז ניט געווען... און קיין אויסזיכט צו קריגן ערגעץ איז אויך ניט געווען. ביי לידסקין האָבֿ איך שוין גענומען פֿאָראויס, וויפֿיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז געווען כּלו כּל הקיצין... דוד קאַסעל איז אַ שווייגנדיקער אַרומגעגאַנגען איבֿערן גרויסן צימער און צוגעברומט אַ לידל פֿון „בר־כּוכבֿא“, וואָס ער פֿלעגט אין פֿאַרשיידענע געהויבֿענע, סיי אומעטיקע, סיי פֿריילעכע — מאָמענטן עס זינגען...

ציונס ליכט צאַנקט אַצינדער...
שיינען וועט זי קיינמאָל מער...

אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט... וואָס הייסט עפּעס קיינמאָל מער... עס וועט לויכטן און שיינען און נאָך ווי!... אַ אידעע איז מיר דורכגעלאָפֿן שנעל ווי אַ בליץ...

איך בין אַריין אין מערעצקיס בוכהאַנדלונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אין וואוינונג גופֿא...

אַ בלעטער געטאָן אַ קונסט־זשורנאַל, דאַכט זיך, פֿון די מינכענער קונסט־זשורנאַלן, האָבֿ איך ווי שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— און איר, פּאַני מערעצקי, פאַרשפּרייט אַלץ די גרויסע קונסט, פאַר יידישער קונסט אַרט אַייך גאָרניט...

— איך בין ווייט דערפון... — האָט ער ווי פאַרשולדיקט אַ שמייכל געטאָן....

— איר, זאָג איך, מיט אַייערע מיטלען פון פאַרשפּרייטן צייטשריפטן, האָט געדאַרפט אַרויסגעבן יידישע זאַמלונגען, אָט אויף אַזאַ שטייגער, ווי דעם זשורנאַל מיט אילוסטראַציעס, אויף שיין פּאַפּיר...

— גלויבט איר אַזוי?... — האָט ער מיך שוין אָנגעקוקט ערנסט.

איך האָב גענומען שמידן דאָס אַייזן. איך האָב אויסגעלייגט אַ פּלאַן, אַרויסצוגעבן אילוסטרירטע יום-טוב-בלעטער, ווײַבאַלד אַז קיין דערלויבעניש אויף אַ פּעריאָדישער צייטשריפט אין יידיש איז דערווייל ניט מעגלעך צו באַקומען...

— אָט — זאָג איך צו אים באַגייסטערט — איז באַלד חנוכּה... אָבער עס איז נאָך גענוג צייט, ביי דריי וואָכן... איך וועל אַייך צוזאַמענשטעלן אַ חנוכּה-בלאַט, אַז עס וועט זיך צעגיין אין די טויזנטער...

— און פּאַפּיר וועט מיר קאָסטן ביליגער — האָט ער זיך שוין אַליין דערוואַרעמט, — מיין שווער האָט אַ גרויס פּאַפּיר-געשעפט.

— איז דאָך אַוודאי ניטאָ וואָס צו ריידן, — זאָג איך שוין ניט ווי אַ רעדאַקטאָר, נאָר ווי אַ סוחר...

קורץ, עס איז געשלאָסן געוואָרן דאָס געשעפט: איך טרעט צו גלייך מאָרגן פרי צו זאַמלען דעם מאַטעריאַל. מיין האָנאָראַר איז אַכציק רובל, און פאַר דעם מאַטעריאַל דאַרף איך שוין צאָלן פון די אַכציק רובל... און הגם איך געטרוי אים, אָבער אום איך זאָל קענען מאָרגן אָנהייבן זאַמלען דעם מאַטעריאַל, איז דאַרף איך שוין האָבן אַן אַדרויף...

דאָס האָב איך שוין געפאָדערט ניט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליב מיין שוועסטער און דוד קאַסעל, וואָס האָבן דאָרט אין זייער צימער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר און אויף אַ נס...

מערעצקי גיט צו, אַז איך בין גערעכט, ער נעמט אַרויס פון שופלאָדל צוויי גאָלדענע צענרובלשטיק און דערלאַנגט עס מיר...

איך האָב געוואָלט גלייך אַריינלויפן אין אונזער צימער אָנזאָגן די שמחה מיין שוועסטער און „דאַווידן”, אָבער עס פּאַסט ניט צו איילן זיך און ס'איז טאַקע אַ סכנה אויך געווען...

בין איך נאָך געזעסן אין מערעצקיס בוכנעשעפט בּיי אַ צוואַנציק מינוט, פאַרזיכערט אים, אַז ניט נאָר ער וועט ניט צולייגן, נאָר אַדרבא־ואַדרבא — ער וועט פאַרדינען געלט...

אמת, מערעצקי פאַרזיכערט, אַז ער איז ניט אויסן דעם פּראָפיט, אַבי ניט צולייגן... ער וויל טאַקע עפּעס אויפטאָן פאַר יידן אויך... אויך מאַדאַם מערעצקי, וועלכע איז אַריינגעקומען, איז מאָראַליש צופרידן מיט דער נייער אונטערנעמונג, און ענדלעך געלינגט מיר שוין אַ זיכערער אַריינצוגיין צו מיר אין צימער און אָנזאָגן די גרויסע פרייד מיינע נאָענטע:

— מיר זיינען געראַטעוועט... דאָב איך שטיל, ווי אַ סוד, אַריינגעסודעט דאַווידן...

— געקראָגן געלט! — האָט ער, ווי פאַרוואונדערט פון אַ נס, אויף מיר אויסגעשטעלט זיינע אויגן.

— יע...

— ווי אַזוי?

איך האָב דערציילט.

ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט און מיך אַזש אָנגערופן „גאון”. אויך מיין שוועסטער איז געוואָרן נתפּעל פון מיינע גרויסע פעיקייטן...

זיינען מיר באַלד אַלע דריי אַוועק אין אַ רייכערן רעסטאָראַן, זיך אונטערצולענען דאָס האַרץ. עס איז שוין געווען אַ זייגער עלף אין אָוונט און קיין אַפּעטיט האָט ניט געפעלט...

אויף מאָרגן האָב איך אָנגעהויבן זוכן מאַטעריאַל... האָב זיך באמת באַאומרויקט, צי וועט די אונטערנעמונג האָבן אַן ערפאָלג, און שוין געשראָקן זיך, אַז מערעצקי, וואָס האָט מיר געשענקט אַזויפיל צוטרוי, זאָל חלילה ניט פאַרלירן קיין געלט. איך האָב געקלאַפּט טרעוואָגע צווישן מיינע חברים: ל. שאַפּירא משה טײַטש.

ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש און אַוודאי צו פרצן אויך געגאַנגען. דערהערט פון אַזאַ מין פאַרלעגער, ווילן זיי כמעט אַלע האָנאָראַר... מיט אַנדערע בין איך דורכגעקומען, אַשן אָבער האָב איך געמוזט צאָלן — ניט חלילה, ווייל ער איז שלעכט, נאָר ער טענהט, אַז ער דאַרף שפייזן אַ פאַמיליע... ער איז גערעכט געווען אויך. אָבער אַזוי צי אַנדערש, איך האָב אויפגעקליבן דעם מאַטעריאַל. אַלס ערשטע זאַך געגעבן מיין דערציילונג „מיין מאַמע" און זאָל „דער פריינד" זען, אַז איך קאָן זיך באַגיין אָן אים... געקראָגן צוויי צי דריי קונסט-בילדער, טאַקע פון די קונסט-זשורנאַלן, וואָס מערעצקי האָט פאַרקויפט — איינס האָב איך צוליב חנוכה געמוזט געבן אַ נאַציאָנאַלע זאַך — און דאָס איז געווען דאָס בילד פון דניאל בגוב האריות... איך האָב פון דעם בילד ניט געהאַט קיין גרויס נחת, נאָר מערעצקי האָט דווקא געוואָלט דאָס בילד זאָל אַריינגיין. ער האָט אַפילו פאַרלאַנגט עפעס אַ „שטיקעלע" וועגן ציוניזם אויך, אָבער דאָס האָט ער שוין ביי מיר ניט אויסגעפירט. איז ער שוין געווען גליקלעך, וואָס עס איז נאָרנישט אַריין קעגן ציוניזם. און אפשר אין די נאָטיצן, וואָס איך האָב אַליין געשריבן אונטערן נאָמען בן-קלמן, האָב איך יאָ עפעס געגעבן פון דעם דאָזיקן אַנטי-מין. איך געדענק עס ניט און די נומערן פון די „יום-טוב-בלעטער" זיינען איצט ניט בנמצא...

דער ערשטער נומער „חנוכה" איז אַרויס געראָטן און רייך, געדרוקט אויף שיין פאַפיר, אילוסטרירט, מיט אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען פון שלום אַש, נאָמבערג, ל. שאַפיראָ, א. ל. יאַקובאָוויטש און אַ ליד „יהודה המכבי" פון מאָריס ראָזענפעלד (וואָס איך האָב שוין באַקומען ביי לידסקין פון די אַמעריקאַנער אויסגאַבן) — אפשר איז עפעס אויך פון פרצן געווען — אַלנפאַלס די זאַמלונג איז געווען, ווי געזאָגט, זייער געלונגען. מערעצקי אַליין, פון דער יידישער ליטעראַטור ווייטלעך — ער איז געווען צו פיל פאַרנומען מיט דעם אַרויסגעבן די סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען אין רוסיש, פויליש און דייטש, און מיט די קונסט-זשורנאַלן, וואָס ער האָט פאַרשפרייט איבער וואַרשע אין אַלע גרעסערע קיאָסקן און דורך ספעציעלע צייטונגס-טרעגער — אַליין ווייטלעך פון דער יידישער

אַראַטור, האָט ער אָבער מיין אַרבעט אָפּגעשאַצט; דערצו האָב איך זיך געסטאַרעט צו באַקומען אויך אַנאָנסן, כּדי ער זאָל האָבן ווייניקער היזק... אין אייניקע געשעפטן האָב איך געשיקט מיינע „פאַרערער", אַלס אַגענטן. אין וויין=האַנדלונג „כּרמל" בין איך אַליין אַריין און דער איידעלער גלוסקין האָט מיר געגעבן אַן אַנאָנס אויף אַ גאַנצן פערטל זייט פון דער גרויסער הילע און באַצאָלט דערנאָכדעם גאַנצע פינף רובל... האָט די אַנאָנס גערעדט מיט גרויסע אותיות: „טרינקט, יידן, כּרמל=וויין פון אונזערע אייגענע וויינגערטנער"... איך אַליין האָב נאָך קיין כּרמל=וויין ביז דעמאָלסט ניט טועם געווען, און בכלל קיין וויין ניט געטרונקען, אויסער אַ פּסח, ווען איך בין ניט געפאָרן אין מינסק, נאָר געבליבן אין וואַרשע, האָב איך צום ערשטן סדר געקויפט אַ פלאַש וויין און געקומען מיט איר צו ליפּמאַן לעווין און צוזאַמען מיט אים און זיין ליבער גיטעלען זיך משמח געווען. צי איז יענער וויין געווען כּרמל=וויין, געדענק איך ניט... אָבער סיי=ווי=סיי קיין קעגנער פון כּרמל=וויין בין איך ניט געווען, דאָס איז דאָס איינציקע פּאָזיטיווע, וואָס איך האָב געזען פון ארץ=ישראל, אָבער ניט אַדאַנק די ציוניסטן, נאָר אַדאַנק ראָטשילדן, וואָס ער האָט געבויט און געשטיצט מיט זיינע מיליאַסן די קאָלאָניעס...

איבעריקנס האָט עס ניט צו דעם דאָזיקן קאַפּיטל.

ערשינען דאָס חנוכּה=בלאַט, האָט מערעצקי דערזען דעם חילוק פון יידישער ליטעראַטור ביז ניט=יידישער און די צרות, וואָס מ'האָט ביים פאַרשפּרייטן עס... אַ גליק, וואָס אַ לאָנדאָנער גרויסע יידישע בוכהאַנדלונג האָט באַשטעלט גאַנצע פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן, אמת, פּער נאַכנאַמע. אָבער אַז ס'איז געקומען צו אויסלייזן, האָט די פירמע פלוצים חרטה געקראָגן... האָב איך זיך שוין געשעמט פאַר מערעצקין און האָב אָנגעשריבן אַ האַרבן בריוו צום גרויסן בוכהענדלער אין לאָנדאָן און אים געוואָרנט. און ווי אַ נס וואָלט געשען — פאָרט חנוכּה, — אַ נס האָט געמוזט געשען — דער גרויסער לאָנדאָנער בוכהענדלער האָט אויסגעלייזט דאָס פּעקל מיט די פינף הונדערט עקזעמפּלאַרן און מערעצקי האָט דערזען אַ הונדערטער מזומנים...

איז אים שוין געוואָרן פֿריילעכער אויפֿן האַרצן און ער האָט מיר שוין צוגעטריבן צוצוטרעטן צו דער צווייטער זאַמלונג, וואָס דאַרף ערשיינען אויף חמשה עשר בשבט (אויך אַ יום־טוב!) — און די זאַמלונג האָב איך אַ נאָמען געגעבן: „ביימער"...

זעקסאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

די נייע טעגלעכע צייטונג „דער טאָג“. — דער רעדאַקטאָר לעאָן ראַבינאָוויטש פון „המליץ“. — גוטע צייטן. — „יאָהרבוך פראָגרעס“. — די באַדינגונגען. — אַלטע און נייע מיטאַרבעטער. — פרץ פאַרלאַנגט האָנאָראַר. — איך געפין אין מיין זכרון פרצעס אַ ליד, וואָס ער ווייס ניט. — זיין צופרידנקייט. — פרצעס „פיר אבנים טובות“. — פרצעס גרויסמוטיקייט און מילדקייט. — מענדעלעס „בימים ההם“. — אַשם „דער זעלנער“. — יהואָש און ווינטשעווסקי.

אין דער זעלבער צייט — צווישן 1903 און 1904, — ווען איך האָב שוין געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר די ווייטערדיקע נומערן „יום=טוב=בלעטער“ און האָב שוין שיר ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו מיטאַרבעטן אין „פריינד“, נאָכדעם ווי די רעדאַקציע האָט מיר אָפּגעשיקט די דערציילונג „מיין מאַמע“, — איז אָנגעקומען די גליקלעכע ידיעה, אַז לעאָן ראַבינאָוויטש, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ“, הייבט אָן אינגיכן אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג אַ טעגלעכע צייטונג אין יידיש מיטן נאָמען „דער טאָג“, און באַלד טאַקע איז די ידיעה באַשטעטיקט געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס אין אַן אויספירלעכן אַנאָנס אין „המליץ“ גופא...

מיר, די יידישע שרייבער, האָבן געטריומפירט, געיובלט... אַזאַ נצחון! דער „המליץ“, וואָס איז געווען די פעסטונג פון די העברעיִסטן יאָרנלאַנג — הגם אויף אירע שפאַלטן זיינען צייטנווייז, נאָך אַפילו אונטער אַלעקסאַנדער צעדערבוימס רעדאַקציע, אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען לטובת דער יידישער שפּראַך, אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַמען, וואָס האָבן נאָך מער בולט געמאַכט די העברעיִסטישע ריכטונג פון „המליץ“, — אָט דער „המליץ“, וואו נאָך גאָר נישט לאַנג, אום מתיר צו זיין צו לויבן אַ ביכעלע יידישע לידער, האָט מען געמוזט די קריטיק אָנרופן מיט אַ באַליידיקנדיקן טיטל „פנינים

בֿרפש”, צו געבֿן דערמיט אָנצוהערעניש, אַז יידיש איז אַן אומווערדיקער לשון, מעגן אויף אים אַפילו געשריבֿן ווערן, לויט דער מיינונג פון דעם קריטיקער, די שענסטע לידער, — זאָל גאָר דער זעלבֿיקער „המליץ” פלוצים ווערן אַן אַרויסגעבֿער פון אַ צייטונג אויף יידיש און אין דעם אַנאָנס פאַרשפרעכן צו געבֿן דאָס שענסטע און דאָס נייסטע פון דעם יידישן גייסט...

עס איז געווען איינע פון די גרעסטע איבֿערראַשונגען פון יענער צייט. די העבֿרעער האָט עס אַזש צעטומלט. מאַנכע האָבֿן עפנטלעך, שוין אויף די שפאַלטן פון „הצפירה” און „הצופה”, אַרויסגעשריען זייער פראָטעסט און באַדויערן... עס איז באמת געווען אַ צער אויף די אויפריכטיקע ליבהאָבֿער פון העבֿרעיש, וואָס האָבֿן געמיינט, אַז אָט־אָט און העבֿרעיש גייט שוין אינגאַנצן אונטער, אַפילו אַלס היסטאָרישע שפראַך, וואָס אַזוינס האָט אַפילו דער הייסטער אָנהענגער פון יידיש ניט געוואָלט...

אין אַ פאָר וואָכן אַרום נאָך דעם אַנאָנס אין „המליץ” וועגן דער ערשיינונג פון דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג”, איז אָנגעקומען קיין וואַרשע לעאָן ראַבֿינאָוויטש אַליין אין דער באַגלייטונג פון זיין שווינער־פאָטער, און נאָך איינעם אַ יונגנמאַן מיטן נאָמען פיגין, דעם סעקרעטאַר פון „המליץ”...

דער איינדרוק, וואָס די דריי פעטערבֿורגער געסט האָבֿן געמאַכט דאַן אויף מיר, נאָכדעם ווי איך בין אויף זייער אײַנלאַדונג געקומען זען זיך מיט זיי, איז געווען ניט קיין גענוג באַפרידיקנדיקער...

לעאָן ראַבֿינאָוויטש אַליין, דאַן אַ מאַן אין די פערציקער, אַ דיקלעכער, פון מיטעלן וואוקס, אַ בנעימותדיקער, מיט אַ פילאָסאָפישער רויִקייט אין האַלטן זיך און אין ריידן — האָט ניט געשטימט מיט מיין פאָרשטעלונג, וואָס איך האָבֿ געהאַט וועגן אים יאָרנלאַנג. ער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר איינעם פון די גרויסע געלערנטע, וואָס האָט שטודירט אַזש אין פאַריז, און האָט, ווי די לעגענדע איז געגאַנגען, מיט זיין וויסן געמאַכט אַפילו אַ רושם צווישן די געלערנטע ביי די אומות העולם... ער האָט טאַקע אין „המליץ” גופא פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען פון ריין־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט, אויסער די אַרטיקלען איבֿער ריין־יידישע פראַגן,

אונטער וועלכע ער האָט זיך אונטערגעשריבן „איש יהודי"... געהאַלטן האָט ער זיך זייער פשוט, וואָס דאָס איז מיר דווקא געפעלן, נאָכאַנאַנד געשמייכלט און נאָך יעדער פאָר פראַזן האָט ער דערציילט אַן אַנעקדאָט, צי סתם אַ וויץ. אַ געלערנטער זאָל זיין גאָר אַ וויצלינג איז מיר אין יענער צייט ניט געפעלן געווען. הגם זיין „יידיש" איז געווען אַ רייכער, אַ זאַפטיקער און אַ פאָלקסטימלעכער... ער האָט זיך פאַר מיר באַרימט, אַז ער קען גוט יידיש שרייבן. אין די „טאַגעבלעטער פון איש יהודי", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן נאָך מיט אַ פאָר יאָר פריער, ווי אַ צייטונג, אָבער אָן דעם רעכט צו האָבן מיטאַרבעטער, כדי די רעגירונג זאָל זיך ניט כאַפן, אַז ער גיט אַרויס אַ צייטונג אויף יידיש — האָט ער טאַקע פיל געשריבן אין יידיש און כמעט די גאַנצע „צייטונג" אַליין אויסגעפילט... האָט ער שוין פאַר איינוועגס זיך באַרימט, אַז יידיש האָט ער זייער ליב און שוין לאַנג, אַז זיין אידעאַל איז געווען אַרויסצוגעבן אַ ריכטיקע טעגלעכע יידישע צייטונג... ער האָט לאַנג געוואוסט, ווי נייטיק אַזאַ צייטונג איז פאַרן פאָלק, ביז עס איז געקומען שאול גינזבורג און ש. ראַפאָפאָרט און האָבן אים פאַרכאַפט דעם וועג.

און דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט דער שווער זיינער, אַן אומגעהייער הויכער ייד, אַ געוועזענער „ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט", וואָס האָט דערפאַר געמעגט וואוינען אין פעטערבורג. ער האָט אָבער אויך גערעדט זייער גוט יידיש און גערעדט האָט ער הויך און באַטעמט... ער האָט שוין דייטלעך דערקלערט, אַז „דער טאָג" וועט זיין אַ סך בעסער ווי „דער פריינד", און וואָס איז שייך געלט, טרייסלט ער אויס ש. ראַפאָפאָרטן און גינזבורגן פון אַרבל...

ריידנדיק וועגן געלט, האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער איז געקומען קיין וואַרשע ניט צו באַשטעלן מיטאַרבעטער, נאָר אײַנצוהאַנדלען סחורה, ווי אַ גרויסער סוחר פאָרט, למשל, אַראָפ אויף אַ יריד אין ניזשני... וועגן ליטעראַטור האָט ער גערעדט ווי וועגן אַ סחורה...

— אַז איר וועט געבן סחורה, יונגערמאַן, וועט איר קריגן געלט... אין געלט וועט קיין מניעה ניט זיין, נאָר ריכטיקע סחורה...

האָט זיך לעאָן ראַבינאָוויטש אַ ביסל פאַרשעמט פון זיין שווערס דיבורים, איך אַוודאי — אַלס פאָלקסטיפּ איז מיר דער דאָזיקער ייִד דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז געווען אַ פריילעכער, אַ לוסטיקער, און האָט אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן, פאַרוואָס בין איך מאָגער, און מיר פאָרגעשלאָגן עפּעס עסן און טרינקען. און באַלד טאַקע האָט ער אָנגעקלונגען און אין זיין צימער, אין האָטעל „פאָלסקי“, אויף דלוגע-גאַס, איז אַריין אַ קעלנער און ער האָט אים געהייסן אַרויפברענגען פון רעסטאָראַן פון דאָס בעסטע און אַ שנאַפּס אויך...

פונדעסטוועגן האָט ער זיך מיט געלט ניט אַזוי געוואָרפן. און איך, דעם אמת געזאָגט, ווי נייטיק געלט איז מיר דעמאָלסט ניט געווען, האָב ניט געוואָלט זיך שטאַרק פאַרבינדן מיטן „טאָג“. נאָך איידער „דער טאָג“ איז ערשינען, האָב איך זיך שוין פאַרבענקט נאָכן „פריינד“...

דאָך האָב איך לעאָן ראַבינאָוויטשן איבערגעגעבן צוויי דערציילונגען, פאַר וועלכע איך האָב געקראָגן פופציק רובל און, אָפּזעגענענדיק זיך מיט זיי, האָב איך צוגעזאָגט שיקן זיי רעגלמעסיק מאַטעריאַל...

אָבער אַז אין אַ פאָר וואָכן אַרום, נאָך זייער אַוועקפאָרן, איז אָנגעקומען דער ערשטער נומער „טאָג“, האָב איך גלייך חרטה געהאַט אויפן „מסחר“... אין פאַרגלייך מיטן „טאָג“ איז „דער פריינד“ שוין געווען אַן אויסגעהאַלטענע, פיינע יידישע צייטונג, מיט אַ ריכטונג, מיט אַ שטרעבונג צו עפּעס שענערס און העכערס...

האָב איך זיך געטרייסט, אַז איצט איז שוין „דער פריינד“ אויך בן-יחיד און ער וועט שוין ניט זיין אַזאַ יחסן... צוריק אַ דערציילונג וועט ער שוין ניט אָפּשיקן... און דאָס אַליין האָט שוין באַרעכטיקט די עקסיסטענץ פון לעאָן ראַבינאָוויטשעס „טאָג“...

האָב איך שוין דער ערשטער זיך געווענדט צום „פריינד“ מיט אַ בריוו, אַז הגם איך האָב פאַרשפּראָכן זיין אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג“, נאָר אַזוי ווי די ערשטע נומערן האָבן אויף מיר געמאַכט ניט דעם געווינטשן איינדרוק, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן מיטגעאַרבעט צוריק אין „פריינד“.

איז מיר אָנגעקומען זייער שנעל אַן ענטפער, אַז אַדרבא־ואַדרבא... „דער פריינד“ האָט אַלעמאָל געוואוסט, ווי טייער צו האַלטן מיין מיטאַרבעטערשאַפט און עס וועט בײַ זיי זיין אַ גרויס פרייד מיך צוריק צו געווינען. און אום צו זיין זיכער מיט מיין מיטאַרבעטערשאַפט, באַשטימט מען מיר אַ געהאַלט פון פופציק רובל אַ חודש פאַר פיר דערציילונגען.

און איך בין צוריק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פריינד“ און פינקטלעך זיי צוגעשיקט יעדע וואָך אַ דערציילונג.

אָבער זעענדיק, אַז „דער טאָג“ איז ניט קיין גרויסער קאָנקורענט פאַר „דעם פריינד“ — „דער פריינד“, אויסער וואָס ער איז געווען טאַקע פיל בעסער רעדאַגירט און האָט געהאַט מער באַרימטע שרייבער אַלס מיטאַרבעטער — האָט ער אויך פאַרמעגט מער נשמה, מער צילבאַוואוסטקייט, — האָט שוין „דער פריינד“ ווידער אָנגעהויבן פראַווען גדלות אין זיין באַציִונג צו די מיטאַרבעטער און צו מיר אויך...

און דאָ זיינען, אין אַ קורצער צייט אַרום, ווידער געקומען קיין וואַרשע לעאָן ראַבינאָוויטש מיט זיין שווער...

דעם שווערס אָפּטימיזם איז שוין אַ ביסעלע געפאַלן. זיי זיינען שוין געקומען אין וואַרשע, ווי מען קומט מיט אַ שווערן חולה צו גרויסע דאָקטוירים...

— איך פרעג אײַך, פּאַני רייזען, — האָט מיר דער שווער גוטברודעריש אָנגענומען פאַר אַ לאַץ — איר זייט דאָך עפּעס אַ קלוגער און געלערנטער יונגערמאַן, ווי אַזוי מאַכט מען אַז „דער טאָג“ זאָל גיין אַזוי גוט ווי „דער פריינד“...

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיטן „טאָג“ האַלט עס טאַקע שמאָל.

— מען דאַרף קריגן די ריכטיקע מיטאַרבעטער... האָב איך אַ זאָג געטאָן מער צו טרייסטן די קרובים, ווי צו העלפן דעם חולה....

— מיר האָבן זיי גענוג... — האָט ער אויסגעזיפצט און אָנגערופן מיט אַ טרויעריקן קול אייניקע שוין דאַן באַרימטע נעמען. עס איז אָבער ניט דאָס... — האָט ער זיך נאָך מער צעזיפצט — מען דאַרף, קענטיק, האָבן מזל... „דער פריינד“ האָט מזל...

— וואָס איז שייך מזל — האָב איך זיך קוים אַיינגעהאַלטן ניט צו לאַכן — מען דאַרף געבן אַ גוטע צייטונג.

— נו, אַדרבא, גיט אונז עפעס איצטער...

אַוודאי האָב איך זיי פאַרשפראָכן עפעס צו געבן, און אויף מאָרגן האָב איך זיי טאַקע געבראַכט אין האָטעל „פאָלסקי", וואוהין זיי זיינען אויך דאָס צווייטע מאָל פאַרפאָרן — אַ דערציילונג און צוויי לידער...

דער האָנאָראַר איז שוין געווען ווייניקער און ניט מיט אַזאַ ברייטקייט דערלאַנגט, ווי דאָס ערשטע מאָל...

לעאָן ראַבינאָוויטש האָט די דערציילונג מיטן נאָמען „אַ גאַנצע נאַכט" זייער גערימט פאַרן שווער, איבערגעבנדיק אים בנעימות דעם אינהאַלט.

די לידער האָב איך שוין דורכגעלייענט אַליין פאַר זיי. זיינען אויך די לידער דעם שווער געפעלן געוואָרן...

— גיט נאָך איינס... האָט ער זיך געבעטן... נאָך איינס... עס קאָסט אַייך דען טייער?...

עס איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן זיין תמימות, אַז איך האָב אים ניט געקאָנט אָפזאָגן. גראָד האָב איך ביי זיך געהאַט נאָך אַ ליד.

— איך האָב נאָך איינס, אָבער איך דאַרף עס נאָך איבערשרייבן...

— טאָ שרייבט עס טאַקע דאָ איבער, — האָט ער מיך געבעטן. — אָט האָט איר פאַפיר, טינט און פעדער...

אַ ברירה האָב איך געהאַט! איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און איבערגעשריבן דאָס ליד, איבעריקנס אַ קליינס... איבערשרייבן האָב איך שוין געקענט פאַר אַ צווייטן אין די אויגן אויך, הגם שטאַרק אַיינגענעם איז דאָס מיר ניט געווען.

ער האָט געקוקט ווי איך האָב געשריבן און באַוואונדערט מיין האַנטשריפט...

— אַ האַנטשריפט! אותיות ווי פערל... — האָט ער מיך געמוטיקט מיט קאָפלימענטן...

דאָס ליד אַליין, וועלכעס איך האָב פאָרגעלייענט שוין פאַר לעאָן ראַבינאָוויטשן, איז, קענטיק, אים אַליין, דעם שוועה, ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן, עס איז געווען צו טיף פאַר אים. אָבער אַז לעאָן ראַבינאָוויטש האָט עס גערימט, האָט ער מסכים געווען און צוגעגעבן, אַז איך בין אַ געראָטענער יונגערמאַן...

* * *

בלייבנדיק גייסטיק ניט באַפרידיקט מיט דער ריכטונג סיי פון „פריינד“, סיי פון „טאָג“, האָב איך ענדלעך פאָרגעשלאָגן יעקב לידסקין, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אונטער מיין רעדאַקציע אַ גרעסער זאַמלבוך, וואו מען זאָל זיך קענען אויסטענהן מיט די קענער פון יידיש, וואָס זיינען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער פּרעסע נאָך בייזער און טעטיקער געוואָרן, און מיט די ציוניסטן, וואָס האָבן געזוכט אַלץ מער צו באַהערשן דאָס יידישע לעבן, און מיט די אַלע, וואָס רופן צוריק... איך האָב אויך געהאַט בדעה צו געבן אין דעם געפּלאַנטן זאַמלבוך מער קריטיק וועגן די נייע ביכער, וואָס זיינען אין דער פּרעסע כמעט אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן.

יעקב לידסקי איז געווען גרייט צו דרוקן אַזאַ זאַמלבוך, אָבער האָנאָראַר פאַר מיין רעדאַקטירן און פאַר שרייבער קען ער ניט צאָלן... ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז אַזאַ זאַמלבוך וועט העכסטנס זיך פאַרקויפן צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן, וועט ער פּונקט אַרויסנעמען דעם קרן, וואָס ער וועט אַריינלייגן פאַר הוצאות פון דרוק... האָנאָראַר פאַר שרייבער און פאַר דעם רעדאַקטאָר איז שוין ניט מעגלעך... פונדעסטוועגן האָט ער מיר ענדלעך געגעבן פופציק רובל צו צאָלן אָרעמערע שרייבער...

אַוודאי האָב איך געצאָלט... אַשן האָב איך גלייך געגעבן צען רובל, אַז ער זאָל מיר געבן אַ דערציילונג. מיט זיין דערציילונג האָב איך טאַקע אָנגעהויבן דאָס זאַמלבוך „יאָהרבוך פּראָגרעס“... די דערציילונג האָט געהייסן „דער זעלנער“ און זי האָט פאַרמאָגט דעם חן פון אַשס דערציילונגען פון זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד...

די דערציילונג האָט מיך נאָך אין מאַנוסקריפּט אַנטציקט.

אין מײנעם אַ זאַמלבוך און נאָך אין אַזאַ זאַמלבוך מיטן נאָמען „יאָהרבוך פראָגרעס“ האָט אויך פרץ ניט געטאָרט פעלן... פרץ איז אָבער דאָסמאָל געװען אײַנגעשפאַרט... ערשטנס, האָט ער ניט קײן פאַרטיקס, און צװײטנס — אָן געלט גיט ער ניט... זאָג איך אים, אַז עס װעט אים ניט העלפן — ער װעט אַרײַן אין זאַמלבוך...

און איך בין מגלה סוד, אַז איך האָב „אין קאָפּ“ זײַנס אַ ליד...

— װעלכעס? — קוקט ער מיך אָן פאַרװאונדערט און שמײכלט שױן...

— „דער פראָפעט“...

ער האָט שױן אַלײן אינגאַנצן פאַרגעסן פון דעם...

— אַדרבא לאָמיר הערן — איז ער נײַגעריק...

און איך הײב אָן דעקלאַמירן:

„איך בין פראָפעט — איך קען און זע
דעם מאָרגן ליכטיקער װי הײַנט, —
איך טראָג די פאָן פאַר גאָטס אַרמײ —
עס ציטערט אשמדאי דער פײַנד!

און גאָטס אַרמײ װאַקסט איבעראַל —
עס רױשט די פאָן, ס'געװער איז נײ;
איך גײ פאָרױס, בין פעלדמאַרשאַל
און פיר דעם קריג מיט אשמדאי.

און אַזױ װײַטער...

פרץ איז גאָר נשתומם... ער פילט זיך אויך געשמײכלט, װאָס איך קען אױסװײניק זײַנס אַ ליד, װאָס איז ניט געװען געדרוקט. ער האָט שױן פאַרגעסן, אַז ער האָט עס מיר געגעבן נאָך פאַרן זאַמלבוך „צװאַנציגסטען יאָהרהונדערט“ און דער צענזאָר, זאַקס, האָט עס ניט געװאָלט דורכלאָזן... „צו שטאַרק“...

— אױב אַזױ קומט עס אײַך... — שמײכלט פרץ — עס האָט דעם דין פון שכחה...

אָבער עפּעס פראָזע פאַרן זאַמלבוך װיל ער ניט געבן. ער האָט ניט, זאָגט ער.

— וועל איך אַליין נעמען — דראָ איך אים, ווי אַ בן־יחידל...

— וואו וועט איר נעמען? — פרעגט ער שוין פאָטערלעך.

— איך וועל איבערזעצן איינס פון אַייערע מעשהלעך, וואָס איר האָט געדרוקט אין פרישמאַנס „הדור" — „די פיר אַבנים טובות"...

— המ... מורמלט ער, צעשמייכלט זיך און ענדלעך דערלויבט ער עס מיר צו טאָן, נאָר מיט דעם תנאי, אַז איך זאָל אים ברענגען די איבערזעצונג און ער וועט עס פאַרריכטן אויף זיין שטייגער, וועט עס הייסן ווי געשריבן אין אָריגינאַל אין יידיש, מיט זיין סטיל, וועל איך שוין טאַקע מעגן עס דרוקן אַלס אַן אָריגינעלע זאַך...

איבערגעזעצט און געבראַכט צו אים, האָט ער די ערשטע עטלעכע ציילן געענדערט, באַלד אָבער איז אים איבערדריסיק געוואָרן...

— מנאַ, איך פאַרלאָז מיך שוין אויף אַייך... און האָט מיר שוין דערלויבט צו דרוקן עס אַלס אַן אָריגינעלע זאַך און ניט אַלס איבערזעצטע זאַך פון העברעיש, וואָס דאָס וואָלט אַוודאי ניט געפאַסט פאַרן „יאָהרבוך פראָגרעס", וואָס איז געגאַנגען אויף מלחמה מיט די העברעער...

איך האָב אָבער אויך געוואָלט האָבן מענדעלעס אַ זאַך. מענדעלע אָבער, האָב איך געוואוסט, איז אַ גרויסער יקרן — פאַר זיינס אַ זאַך, ווי מען האָט דערציילט, איז זיך ניט אויסצוצאָלן, און די פופציק רובל, וואָס לידסקי האָט מיר געגעבן צו צאָלן האָנאָראַר, האָב איך שוין צעטיילט די אייניקע יונגע און באַדערפטיקע שרייבער. פאַלט מיר איין צו טאָן מיט מענדעלען דאָס זעלבע, וואָס מיט פרצן, איבערזעצן זיין „בימים ההם", וואָס עס האָט מיך אַנטציקט, ווי אַלץ, וואָס מענדעלע האָט געשריבן — איבערזעצן עס פון העברעיש פון אַן אָדעסער העברעישן זאַמלבוך (און אפשר שוין פון זיין העברעישן בוך „כתבים", וואָס אין דאַן ערשינען אין אָדעס...). אָבער די זאַך איז צו גרויס, איך אַליין האָב ניט קיין צייט און קיין געדולד. יעקב שטיינבערג וועט עס פאַר מיר טאָן.

און נאָך ווי געטאָן, אמת פאַר אַ האָנאָראַר, הגם דער האָנאָראַר איז געווען זייער אַ קליינער, עס איז אַ חרפה צו דערציילן וויפיל. אויך דאָס ביסעלע האָב איך שוין אַליין געצאָלט פון מיין טאַש. לידסקי האָט שוין ניט געגעבן מער. אָבער איך בין געווען צופרידן ניט נאָר רעדאַגירן אומזיסט, נאָר אַפילו צאָלן שרייבער, אויב איך האָב נאָר געהאַט מיט וואָס, און יעקב שטיינבערג, נאָך דעמאָלסט אַ יונגער בחורל, הגם, ווי איך האָב שוין געשריבן, גייסטיק אַ רייפער, און האָט שוין געשריבן זייער שיינע שירים -- ער האָט טאַקע די עטלעכע רובל נייטיק געדאַרפט... דער כלומרשט בייזולעכער, אָבער אין דער אמתן גוטער יעקב שטיינבערג, האָט זיך גענוג אָנגעליטן נויט אין יענע פאָר יאָר אין וואַרשע. פאַר אַזעלכע שטילע און שטאָלצע גייסטער זיינען קיין מעצענאַטן אַפילו ביי די העברעער ניט געווען...

האָב איך שוין, הייסט עס, פאַרן זאַמלבוך געהאַט אַזוינע גדולים ווי פרץ און מענדעלע (אמת, איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז מענדעלע זאָל זיך ניט בייזערן פאַר אַזאַ הפקרות — מעג די כוונה זיין ווי גוט — עס איז אָבער אָפּגעגאַנגען גלאַט, כאָטש געהאַט האָב איך יאָ אַ גרוס, אַז מענדעלע איז ברוגז געווען, די איבערזעצונג איז ניט געווען, ווי ער וואָלט געוואָלט...) און פון די יינגערע „גדולים” האָב איך געהאַט אַש און נאָמבערג...

האָב איך אָבער געוואָלט אויך די גדולים פון אַמעריקע און דאָ איז שוין מיר לידסקי אַליין באַהילפיק געווען... ער, וואָס פלעגט באַקומען פון צייט צו צייט אַמעריקאַנער זשורנאַלן, האָט מיר געגעבן אַן אויסשניט פון אַ זשורנאַל, יהואָשעס אַ ליד „פאַגאַניני” און פון אַ יאָרגאַנג „דער אמת” — ווינטשעווסקיס אַ טייל פון דעם „משוגענעם פילאָזאָפס ווערטערבוך”, וואו ער האָט פאַרטייטשט ווערטער דווקא זייער קלוג און גייסטרייך, ווי למשל:

אָנזעצן: רויבן על פי־דין.
גוט: נאַריש.
דאַמע: אַ לײדיקגייערקע...
דין: פון וואָס מען ווערט דיק, ווען מען קריגט גוטן פסק־געלט.
באַל: אַן אָרט וואו לײדיקגייער פאַרזוכן דעם טעם פון שוויצן.

איך האָבֿ זיך דאָך געקווענקלט צו געבֿן עס אין אַ מאָדערנעם זאַמלבוך „יאָהרבוך פראָגרעס“, וואָס האָט געטראָגן דאָס אונטערקעפל: אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קריטיק... לידסקי אָבֿער, אַ גוואַלדיקער חסיד פון ווינטשעווסקין, ווי אייגנטלעך איך בין אויך געווען — האָט עס מתיר געמאַכט:

— מען מוז דעם לעזער געבֿן עפעס אַזוינס, וואָס זאָל אים עפענען די אויגן...

און איך האָבֿ נאָכגעגעבֿן און ניט נאָר דער „עולם“, אַפילו מיינע קאָלעגן האָבֿן פון פיל „טייטשווערטער“ פון משוגענעם פילאָזאָף אָנגעקוואָלן...

זיבנאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

ידידיה מרגליות אַלס קריטיקער. — מיין פאַרדראָס, וואָס ער האָט באַליידיקט ספּעקטאָרן. — ל. שאַפּיראָס אַרטיקלען. — דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג. — די שטימונג אין וואַרשע. — מיינע איבערלעבונגען אַלס רעזערוויסט. — חברטעס. — י. בערשאַדסקי. — יצחק קאַצענעלסאָן און י. ד. בערקאָוויטש. — מיין שוועסטער שרה-בתיה אַלס יונגע מוטער. — אירע גוטע חברטעס. — אַ וואוינונג אויף דערוויל. — פּסחדיקע דערציילונגען. — די נייע וואוינונג. — יעקב דינעזאָנס באַזוך. — די מתנה פאַרן קינד. — די פּוילישע אַלטע ניאַניע.

מיט דעם זאַמלבוך „יאָהרבוך פּראָגרעס", וועלכער איז ערשינען אָנהייב פּרילינג 1904, בין איך שוין ניט געווען אַזוי צופרידן, ווי מיט דעם פון מיר רעדאַגירטן ערשטן זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט". אַוועקגעקוקט פון דעם, וואָס דאָס „יאָהרבוך פּראָגרעס" האָט פאַרמעגט איי‍ניקע קאַמפּס-אַרטיקלען און אַפילו אַ פּאָר גוטע דערציילונגען און לידער, איז אָבער אין אַלגעמיין זיין טאָן ניט געווען גענוג איינגעהאַלטן. עס האָט געפעלט אין אים דער איינהייטלעכער כאַראַקטער. דערצו איז, צוליב מיין „ליבע" צו אָנפאַנגער, אַריינגעפאַלן אין אים אַ פּאָר זאַכן, שיר נאָך ניט „דרוקפעיקע". אַזוי האָב איך אין „יאָהרבוך פּראָגרעס" אַריינגעגעבן אַ גאַנצן דרוקבויגן קריטיק פון דעם דאַן נאָך זייער יונגן — אַכצניעריקן — ידידיה מרגליות, הגם עס האָט זיך שוין דאַן געמערקט אין זיין שרייבן ליטעראַרישע באַגאַבונג, באַזונדערס פאַר ליטעראַרישער קריטיק. איבערהויפּט האָט מיר ווי געטאָן, וואָס אין איינער פון זיינע קריטיקן האָט ער ניט גענוג קאָרעקט באַהאַנדלט מ. ספּעקטאָרס נאָוועלע „קאַליקעס". מ. ספּעקטאָר האָט טאַקע אויף מיר שטאַרק פאַריבל געהאַט, הגם ברוגז איז ער מיט מיר ניט געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער עס אַפילו אינ-

גאַנצן פאַרגעסן. מיך האָט עס אָבער אַ לאַנגע צייט געקרענקט און נאָך עד־היום פאַרדריסט עס מיך. איך וועל ניט זאָגן, אַז ידידיה מרגליות איז געווען אין עצם ניט גערעכט; די נאָוועלע „קאַליקעס“ — אַלס גאַנצע — איז ספּעקטאָרן ווירקלעך ניט געראָטן. אָבער אַרונטערצורייסן אַזאַ באַרימטן שרייבער, ווי ספּעקטאָרן, האָט ניט געטאָרט אַן אָנפאַנגער און נאָך דערצו אין מיינעם אַ זאַמלבוך אין יענער צייט, ווען מיין כוונה איז בלויז געווען די יידישע ליטעראַטור און אירע שעפער צו דערהויבן. אמת, ידידיה מרגליותעס צווייטע קריטיק וועגן אַשס ערשטער זאַמלונג דערציילונגען „אין אַ שלעכטער צייט“ איז שוין געווען פון אַ פּאָזיטיוון כאַראַקטער, ער האָט שלום אַשן זייער שטאַרק גערימט און האָט אַפילו אַרויסגעוויזן מבינות אויף אַשס טאַלענט בכלל, אָבער די קריטיק אַליין איז געווען צו לאַנג, צעצויגן, און קיין גרויס נחת האָב איך אויך פון איר ניט געהאַט. אַש איז יאָ געווען צופרידן. שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט געגעבן אַזאַ אויספירלעכע קריטיק וועגן אים, איז שוין געווען פאַרן יונגן אַוטאָר אַ נחת־רוח און אַן אָנערקענונג צוזאַמען.

דערפאַר האָב איך זיך געטרייסט מיט ל. שאַפּיראָ, דאַן אויך נאָך אַן אָנפאַנגער. זיין גרעסערער אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגן העברעיש און יידיש“ איז ניט נאָר געווען געשריבן שאַרף, שניידנדיק און גייסטרייך, נאָר אויך אין אַ זייער שיינעם סטיל. אויך זיין דערציילונג „איציקל מזיק“ — די ערשטע דערציילונג זיינע, וואָס איך האָב געדרוקט — האָט מיך שטאַרק צופרידנגעשטעלט, כאָטש, ווי איך האָב שוין באַמערקט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, שאַפּיראָ איז שפּעטער אַוועק פון דער עכט רעאַליסטישער פאָרם צו דער אימפּרעסיאָניסטישער, וועלכע האָט זיך מער צוגעפּאַסט פאַר זיין אייגנאַרטיקן טאַלענט. איך האָב זיך אויך געטרייסט מיט אַן אַרטיקל פון פאַביוס שאַך איבער דינעזאָנס נאָוועלע „יאָסעלע“. אמת, די דאָזיקע באַרימטע געוואָרענע דערציילונג איז שוין געווען רעצענזירט פון מיר אַליין אין מיין ערשטן זאַמלבוך „דאָס צוואַנציגסטע יאָרהונדערט“; אָבער פאַביוס שאַך, אַ בערלינער אײַנוואוינער, וואָס האָט אויך אין דייטשע צייטשריפטן אָנטייל גענומען, האָט אין זיין זייער שיינעם אַרטיקל שוין דרך־אַגב גערעדט מיט גרויס אָנערקענונג

וועגן דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור, און אין יענער צייט איז דאָס געווען, ווי מען זאָגט היינט, אַ דערגרייכונג...

ניט זייער שטאַרק אָבער האָט מיך צופרידנגעשטעלט די סאַטירע „אַ קאָנגרעס פון פאַרליבטע פּאָרלעך" פון בעל־מחשבות. עס איז געווען געשריבן האַלב פעליעטאָניסטיש און האַלב בעלעטריסטיש און האָט זיך, מיט דעם אָפּלאַכנדיקן פעליעטאָניסטישן טאָן, ניט צוגעפּאַסט צו דער ריכטונג, וואָס דאָס זאַמלבוך האָט, ווייניקסטנס, אויסן געווען...

אויך מיינע אייגענע „זאַכן", וואָס איך האָב אין דעם זאַמלבוך געגעבן און — אַליין דער רעדאַקטאָר! — פון דער פולער האַנט, האָבן מיך — ביים איבערלעזן זיי שוין געדרוקטערהייט — ניט שטאַרק צופרידנגעשטעלט, מיט דער אויסנאַם פון אַ צוויי לירישע לידער און דער דערציילונג „אין קריג", וואָס אויך דער איינציקער קריטיקער, איינער אַ פערלמאַן, וועלכער האָט דעם זשורנאַל באַשפּראָכן אין דוד פרישמאַנס אַ ליטעראַריש העפט, האָט זי אויך צום גוטן דערמאָנט, אין דער צייט, וואָס דאָס זאַמלבוך אין אַלגעמיין האָט ער שטאַרק אַרונטערגעריסן, .הגם מער צוליב דעם, וואָס ער איז ניט געווען צופרידן מיט ל. שאַפּיראָס דערמאָנטן אַרטיקל וועגן העברעיש און יידיש, און אויך פאַר א. יצחקים (א. ברעסלער) שאַרפן אַרטיקל קעגן ציוניזם. דווקא האָט דער רעצענזענט, אַ ציוניסט און אַ העברעיסט, אויסגעקליבן אַרונטערצורייסן אָט די צוויי אַרטיקלען, וואָס צוליב זיי האָב איך אפשר דעם גאַנצן זאַמלבוך אַרויסגעגעבן. דערפאַר האָט מיך זיין פאַראַכטנדיקער טאָן ניט נאָר ניט געאַרט, נאָר אַפילו געפרייט. אויב דו ביסט אַזוי בייז — האָב איך זיך געטרייסט, — איז אַ סימן, אַז עס האָט געטראָפן אין ריכטיקן פינטל.

אין דער זעלבער צייט האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. די שטימונג אין וואַרשע איז געוואָרן אַ געדריקטע... הגם די מלחמה איז פאָרגעקומען ערגעץ ווייט, איז שוין אין לופט געהאַנגען די שרעק, וואָס דאָס וואָרט „מלחמה" אַליין — רופט אַרויס... יעדן טאָג האָט מען זיך געריכט, אַז אָט־אָט מאָביליזירט מען די „רעזערוויסטן", צווישן וועלכע איך האָב אויך, אַלס אויסגעדינטער סאָלדאַט, געהאַט דעם „כבוד" צו ציילן זיך. געוויס האָט מיך ניט

געלאָקט צו גיין שלאָגן זיך פאַר דער דעמאָלסטיקער צאַריסטישער רוסלאַנד — פאַר פּאָרט-אַרטור, קעגן אַ ווייט פאָלק, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזען... שוין אָפּגעזען דערפון, וואָס איך בין בכלל געווען קעגן מלחמה, מיט וועלכן פאָלק עס זאָל ניט זיין...

ווי אַלע, וואָס האָבן געהאַסט די רוסישע זעלבסטהערשאַפט און האָבן געוואַרט אויף איר פאַלן, האָב איך אויך ניט געוואָלט, אַז רוסלאַנד זאָל זיגן. פונדעסטוועגן, אַז עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות פון די רוסישע גרויסע מפּלות (די צייטונגען האָבן עס געדאַרפט מעלדן זייער פאָרזיכטיק און שטאַרק צענזורירט), האָט עס מיך שטאַרק ווי געטאָן. ניט די מפּלות, וואָס רוסלאַנד אין אַבסטראַקט באַקומט, נאָר די אומגעקומענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון פאָלק און וועלכע איך האָב געזען לעבעדיק פאַר מיינע אויגן. די צעפוילטע רוסישע זעלבסטהערשאַפט באַקומט קלעפּ, דאָס איז טאַקע גוט. דאָס לאַנד וועט באַפרייט ווערן, אָבער די אומשולדיקע קרבנות... די איוואַנאָווס און די קאָזלאָווס, און די ראָשטשינס און די ביעלאָאוסאָווס, און אויך די יידישע סאָלדאַטן — די אַלע, מיט וועלכע איך האָב געדינט אין דער אַרמיי, ניט גלויבנדיק דאָן, ווען איך האָב געדינט, אַז דאָס לערנט מען אונז טאַקע, ווי אַזוי צו הרגענען און צו געהרגעט ווערן, און מיינענדיק, אַז עס איז גלאַט אַ קאַפּריז פון דער רוסישער רעגירונג צו מוטשען און צו פּייניקן מיט אַלערליי „סמאָטרעס"... — די דאָזיקע אַלע סאָלדאַטן האָב איך געזען אין דער ווייט, ווי זיי פאַלן אונטער האָגלס פון קוילן...

די פּערספּעקטיווע איז געווען ניט קיין פריילעכע... און דווקא איז מיר, אין יענער צייט, ווי מען זאָגט, געקומען צום לעבן... דער ערפאָלג פון דער צייטונג „פריינד" איז געוואַקסן און איר אַדמיניסטראַציע האָט מיך אָנגעהויבן בעסער צו באַהאַנדלען. אין וואַרשע האָב איך זיך אַיינגעבירגערט, באַקומען פריינד און פריינדינס. איינע פון די פריינדינס — אַ ווילנער מיידל, אַ בונדיסטקע, מיט פיל חן אין אויסזען און האַלטונג, אין אירע געמאָסטענע רייד, אין איר קלוגן שמייכל, האָט שיר מיין האַרץ ניט געפאַנגען. זי איז געווען שטאָלץ, אַריסטאָקראַטיש און אָרעם. האָב איך איר, מיט דעם וויסן פון מיין שוועסטער שרה-בתיה, אויסגעבאָרגט געלט צו קויפן אַן אָנ-

צוג — אַ זשאַקעט מיט אַ קלייד, און ווייל עס איז געווען מלחמה-צייט, איז די מאָדע געווען, אַז דער זשאַקעט האָט געהאַט אַ סך גאָלדענע קנעפּלעך, וואָס האָבן געפינקלט ווי קליינע אייגעלעך... עס האָט מיך געוואונדערט, וואָס זי, אַזאַ ערנסטע און אַ אַנטי-מיליטאַריסטין, זאָל דווקא קויפן אַן אַנצוג לויט דער מאָדע, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן... אָבער דער אַנצוג האָט איר זייער געפּאַסט און זי האָט אין אים אויסגעזען נאָך פרידלעכער, ווי פריער...

און נאָך אַ חברטע איז געווען, שוין דווקא אַן אוקראַאינערין, פון ראָמנע, דאַכט זיך, אַ קורסיסטקע. זי איז געווען אַ פריילעכע, אַ קלינגענדיק-לאַכנדיקע, ווייסע ציין ווי מילך און האָר ליכטיקע, לאַנגע. זי האָט זיי אַמאָל אין אַ שפּאַס, שטייענדיק ביים שפּיגל, פונאַנדערגעלאָזט, האָבן זיי אַראָפּגעשטראָמט, ווי קילע כוואַליעס, ביז די קני. זי איז געווען פול מיט לעבן. מיט איר פלעג איך אַמאָל גיין אין קאַפע „בריסטאָל“ און בעל-מחשבות איז פון איר געווען גאָר אַנטציקט...

— זעט איר, אָט דאָס מיידל אַייערס געפעלט מיר... און מיר זיינען שוין אַרויס פון קאַפע צוזאַמען, שוין מיט שלום אַש, נאָמבערג, א. ל. יאַקובאָוויטשן און אַנדערע פון אונזער פריילעך-ליטעראַרישן געזינדל...

און עס איז געווען פון זעלבן ראַדיקאַלן קרייז נאָך אַ חברטע—אמת, שוין אַ ווייטע — איינע טאַניע. פון איר האָבן מיר שוין געהאַט צרות אויך. אינמיטן דערינען איז זי זיך מיישב, אַז דאָס לעבן האָט ניט קיין זין. געקומען איז עס פון גרויס מאַנגל, אין וועלכן זי האָט אַ לאַנגע צייט, אַלס קורסיסטקע און רעוואָלוציאָנערקע, געלעבט. קוים מיט צרות איר איינגערעדט, אַז דאָס לעבן איז נאָך אַלעמען יאָ שיין. האָבן שוין דעמאָלסט אָנגעהויבן אירע חברטעס צו היטן זי, צו אַמוזירן זי, און זי איז שוין געוואָרן פריילעכער. זי איז ניט געווען קיין שיינהייט, אָבער אַ סימפּאַטישע, אַ קורץ-געשוירענע, מיט גרויסע, קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן, עפּעס מיסטישעס איז אין איר געווען. צום באַדויערן האָב איך אין יאָרן אַרום אין אַ פּאַרעפנטלעכטן צעטל פון פּראָוואָקאַטאָרן דערזען איר נאָמען.

זי — טאַניע! איך האָב זיך געטרייסט, אַז עס איז אַן אַנדערע, הגם לויט אַלע סימנים, איז דאָס געווען זי.

אויך איז געווען אַ שאָד צו פֿאַרלאָזן וואַרשע צוליב די חברים, ווי ל. שאַפּירא, משה טייטש און פֿילע אַנדערע, ניי־אָנגעקומענע. איינער פֿון זיי י. בערשאַדסקי, וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן אויך יידיש צו שרייבן און צו דרוקן זיך אין „פֿריינד“ — האָט מיך מיט זיין פֿיינער אינטעליגענץ, מיט זיין געצוימטער האַרציקייט — ווי באַצויבערט. בערשאַדסקי האָט זיך אין וואַרשע געפֿילט עטוואָס פֿאַראיינזאַמט, הגם בן־אַביגדור איז ניט נאָר זיין פֿאַרלעגער און פֿאַרערער געווען, נאָר אויך אַ קוזין. ער האָט זיך אָבער געפֿילט ווי פֿאַרלאָרן אין דער גרויסער וואַרשע, וואוהין ער איז געקומען פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו. איז אפֿשר האָט ער אין דער שטיל געליטן דערפֿון, וואָס זיין רום, אַלס אַווטאָר פֿון די דאַן באַרימטע ראָמאַנען „נגד הזרם“ און „באין מטרה“, האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען, הגם ער איז נאָך געווען גענוג פּאָפּולער ביי די העברעישע לעזער. אין די צוויי ראָמאַנען האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער באַאָבאַכטער און פּסיכאָלאָג און אַלס פֿיינער צייכענער פֿון טיפּן בכלל. עס איז שוין דאַן אָבער אויפֿגעשטאַנען שאָפּמאַן מיט זיין ראַפֿינירטן, נייעם סטיל, מיט זיין איבערגעבן די דינסטע עמפּינדונגען, אויך ברענער מיט זיינע סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס זיינען געווען ניי און איינציק אין דער העברעישער ליטעראַטור (ער איז עד־היום דער איינציקער געבליבן פֿון דעם מין אין דער העברעישער ליטעראַטור). אויך מ. י. בערדיטשעווסקי מיט זיין „מעבר לנהר“ און „מחנים“, וואָס האָבן געגעבן דער העברעישער ליטעראַטור אַ מער מאָדערניסטישן און איבערהויפּט אימפּרעסיאָניסטישן גלאַנץ. י. בערשאַדסקי, צו פֿיל רעאַליסטיש, שיר ניט נאַטוראַליסט, פֿון זאָלאַס שולע, האָט ניט געקענט, צי ניט געוואָלט מיטשווימען מיטן שטראָם. ניט אומזיסט איז ער געווען דער מחבר פֿון „נגד הזרם“... אָבער געפֿילט האָט ער שוין, קענטיק, אַז דער באָדן וואַקלט זיך. אַן עמפּינדלעכער, אַ שטאָלצער, האָט ער אין דער שטיל אַוודאי געליטן דערפֿון און אָט די שטילע באַהאַלטענע ליידן האָבן זיין שיין, איידעלן פּנים נאָך

אײדעלער און אינטערעסאַנטער געמאַכט און זײַן אײדעלן גײַסט נאָך פֿאַרשענערט און פֿאַרטיפֿט.

צו מיר איז ער געווען זייער צוגעלאָזט. גערעדט מיט מיר וועגן מיינע דערציילונגען, פֿון וועלכע ער האָט בדרך כּלל שטאַרק געהאַלטן, אָבער אָנגעוויזן אויף געוויסע פֿעלערן. דווקא האָט ער בײַ מיר געפֿאָדערט דאָס ניט דערזאָגן, פֿון וואָס אייגנטלעך ער אַליין איז געווען זייער ווייט... אין אַלגעמיין איז ער אָבער געווען אַ פֿיינער מבֿין אויף ליטעראַטור בכּלל און אויף דער יידישער בפֿרט. איך האָב אים אַײַנגעלאַדן איינמאָל צו מיר אין וואוינונג. ער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט. האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך פֿילן זייער איינזאַם. מיין שוועסטער שרה־בתיה האָט אים זייער פֿריינדלעך אויפֿגענומען. זי האָט אים שוין געלעזן אין יידיש, אין „פֿריינד“, און האָט געפֿונען גוטע ווערטער צו זאָגן אים פֿאַר זיינע קורצע יידישע דערציילונגען. ער איז געווען זייער גליקלעך פֿון מיין שוועסטערס גוטער מיינונג און ער איז שוין אַ פּאָר מאָל געקומען צו אונז אַפֿילו ניט געלאַדענערהייט, ווי מיר געדענקט זיך איצט.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען מיך באַזוכן אויף מעדאָווע י. ד. בערקאָוויטש. געבראַכט האָט אים דער שטענדיק לוסטיקער, לעבעדיקער, זשוואַווער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט שוין דעמאָלסט געשריבן אין ביידע שפּראַכן, אין יידיש און העברעיש, און האָט ביידע גלייך ליב געהאַט. געוואוינט האָט ער אייגנטלעך אין לאָדז, נאָר ער פֿלעגט זיך אָפֿט אַראָפּכאַפּן קיין וואַרשע, צו זען זיך מיט פּרצן און מיט אונז „יונגע“, הגם שוין עלטערע פֿון אים. מיר האָבן אים ליב געהאַט ווי אַ קליין געראָטן ברודערל... פּרץ האָט פֿון אים גאָר אָנגעקוואָלן. ער האָט געקענט מאַכן „שטיק“. ער פֿלעגט פֿאָרשטעלן בײַ פּרצן אין הויז, ווי אַזוי אַ רייכער חסיד, וואָס האָט אַ טעלעפֿאָן אין הויז — ס'איז דאַן געווען אַ זעלטנהייט — רעדט מיט אַ צווייטן חסיד. און ער זאָגט אים אָן, אַז זיין ווייב האָט געבוירן אַ יינגל... עס איז געווען אַ וואונדערלעכע, קאָמישע סצענע... פּרץ פֿלעגט האַרציק לאַכן, און יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס עס האָט זיך דאַן געפּאַסט, אַז מען זאָל אים רופֿן איציקל, אַזוי ליב און קינדיש־חנעוודיק איז ער געווען — האָט פֿאַר־

געשטעלט נאָך אַ קאָמישע סצענע. ער איז געווען אי שעמעוודיק, אי העזהדיק, ווי דער שטייגער פון אַן עילוי...

געקומען צו מיר מיט י. ד. בערקאָוויטשן, זיינען זיי ביי מיר ביידע געווען אַוודאי אָנגעלייגטע געסט. בערקאָוויטש האָט דאַן נאָר=וואָס געוואונען דעם פּרייז אין אַ קאָנקורס אין „הצופה“ פאַר זיין דערציילונג „מאָשקעלע חזיר“... דער פּרייז איז געווען אַ גאַנצער הונדערטער. דאָס איז געווען, דאַכט מיר, דאַן דער ערשטער פּרייז, וואָס אַ יידישער, צי העברעישער שרייבער האָט בכלל געוואונען. איז אַוודאי בערקאָוויטש ביי מיר געווען אַ גרויסער און חשובער גאַסט. אַ גליק, וואָס איך האָב אים געקענט אויך פון אייניקע אַנדערע דערציילונגען, וואָס ער האָט שוין דאַן פאַרעפנטלעכט, ווייל „מאָשקעלע חזיר“ — צוליבן טיטל אַליין — האָב איך, דאַכט זיך, דווקא ניט געלייענט... איך האָב קיינמאָל ניט ליב געהאַט קיין צו=מגושמדיקע טיפּן... אָבער בערקאָוויטש, סיי אַלס „טאַלאַנט“, סיי פּערזענלעך, איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז דאַן געווען נאָך זייער יונג, קוים צוואַנציק יאָר; געהאַלטן האָט ער זיך איינפאַך, ניט ווי אַ געווינער פון אַ פּרייז, נאָר ווי איינער, וואָס הייבט ערשט אָן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן, געלייענט און האָט דאַן, דאַכט זיך, צוגעגעבן, אַז ער איז טיילוויז פון מיר באַאיינפלוסט געוואָרן. איך האָב עס, נאַטירלעך, צוליב איידלקייט, אָפּגעלייקנט, הגם אין זיינע גאָר ערשטע דערציילונגען, וואָס ער האָט געדרוקט אין „הצפה“, האָט זיך וואו=ניט=וואו יאָ געהערט מיינער אַ טאָן, און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט געשטאַמט פון דער זעלבער געגנט ווי איך (ער אַ נעסוויזשער, אַ זיבן רוסישע מייל פון מיין געבורטשטאָט), אָבער מיט זיינע דערציילונגען „פּיוועקעס יום=הדין“ און שפּעטערדיקע פילע אַנדערע, וואָס ער האָט שוין געשריבן אין יידיש, איז ער שוין געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. אין זיינע שפּעטערע דערציילונגען, אויב ער איז שוין געווען פון עמעצן באַאיינפלוסט, איז דאָס שוין געווען פון שלום=עליכמען.

* * *

ביסלעכווייז האָט זיך וואַרשע באַרויִקט. די מלחמה איז דאָך פאָרגעקומען ווייט, אויך דער שרעק פאַר אַ מאָביליזאַציע אין פוילן איז באַדייטנד קלענער געוואָרן. מ׳האָט אויסגערעכנט — און ניט פאַלש אויסגערעכנט — אַז רוסלאַנד וועט מורא האָבן צו רופן די אונטערדריקטע פוילנס זין צו גיין העלפן איר באַזיגן דעם אויסגעטראַכטן שונא — יאַפּאַן. דער שאָטן פון אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד בכלל און פון אַ בונט אין פוילן בפרט, האָט זיך שוין געטראָגן. די אונטערערדישע טעטיקייט פון פפ״ס, „בונד“ און „פראָלעטאַריאַט“ איז אָנגעגאַנגען אינטענסיוו און העפטיק... די שטימונג אין וואַרשע איז אין געוויסע קרייזן געוואָרן דווקא געהויבענער... דאָס לעבן אין וואַרשע האָט באַקומען אַ שנעלערן טעמפּ. דערצו האָבן די גרויסע מפּלות, וואָס די דעמאָלסטיקע רוסישע אַרמיי האָט באַקומען אויפן ים און אויף דער יבשה, אַפילו דעם בירגער, וואָס איז אויך געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט קעגן דער אַלטער רוסלאַנד, באַרויִקט. הייסט עס, ביסטו דאָך גאָרניט אַזוי שטאַרק, ווי מיר האָבן געמיינט, איז דאָך פאַר דיר ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

איך פערזענלעך האָב זיך געפילט אין אַ טאָפּלטער שטימונג. אַוודאי בין איך מיטן שכל געווען פאַר אַ רוסישער מפּלה, אָבער דאָס האַרץ האָט דאָך וויי געטאָן אויף די אומגעקומענע. און ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עס איז געזונקען געוואָרן פון די יאַפּאַנער די גרויסע רוסישע קריגס־שיף „פּעטראָפּאַוולאָווסק“, דאַכט זיך מיטן גענעראַל מאַקאַראָוו און מיטן קינסטלער ווערעשטשאַגין צוזאַמען, — בין איך געווען דערשיטערט, הגם עס איז אויסגעקומען פונקט דער ערשטער יאָרצייט נאָך קעשעניעווער פּאָגראָם־קרבנות און פרומע יידן האָבן דערין געזען אַן „אצבע אלקים“... אַנדערע אָבער, און אפשר איך אויך, האָבן דערביי זיך דערמאָנט אין דעם מדרש: מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה...

מיין שוועסטער שרה־בתיה איז געווען וועגן מיין גורל זייער באַזאָרגט, מורא האָבנדיק, אַז אַלס רעזערוויסט וועט מען מיך ענדלעך דאָך רופן גיין אין מלחמה. זי האָט מיך שטאַרק צוגערעדט אַוועקצופאָרן אין אויסלאַנד און טאַקע וואָס גיכער:

— ראַטעווע זיך, ברודערל, — האָט זי מיט איר ליבן הומאָר מיך געטריבן, ניט קוקנדיק, וואָס דוד קאַסעל איז נאָך אַליין ניט געווען מאַטעריעל איינגעאָרדנט און דער פּאַרזאָרגער זייערער — און עס איז שוין אַ קינה געווען ביי זיי — בין אַליין געווען איך. איך האָב עס געטאָן מיט גרויס פרייד, ניט פילנדיק קיין שום לאַסט.

אמת, איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו שרייבן וואָס מער. אַרום פּסח האָב איך געמוזט פאַרלאָזן די וואוינונג פון איין צימער אויף מיאָדאָווע-גאַס. אַ חברטע, ראָזע קאָטאָן, אַ גוטהאַרציק מיידל, אַ קורסיסטקע און אַ רעוואָלוציאָנערקע, — האָט מיין שוועסטער, ביז איך האָב געפונען אַ וואוינונג, איבערגעגעבן איר צימער... געלט איז זייער נייטיק געווען, געדענק איך, האָב איך זיך טאַקע דאָרט אין צימער, דערזעענדיק די לאַגע, גלייך אַוועקגעזעצט ביים קליינעם טישעלע און אָנגעשריבן אַ פּסחדיקע דערציילונג פאַרן „פריינד", „די קנעטערינס", ניט קוקנדיק, וואָס מיט צוויי טעג צוריק האָב איך זיי שוין געשיקט אַ פּסחדיקע דערציילונג „דער אורח", ווייסנדיק אָבער, אַז „דער פריינד" וועט זיי ביידע דרוקן לכבוד יום-טוב און וועט שיקן געלט. וואָס איך האָב שוין געדאַרפט האָבן צוליב מיין שוועסטער, וועלכע איז מיר אַלס יונגע מוטער נאָך טייערער געוואָרן... אירע חברטעס, די אַקושערקעס, ווי די דערמאָנטע ראָזע קאָטאָן און די סמאָרגאָנער מיידל אַניוטע קריוויצקע, וואָס איז געווען די גאַנצע צען טעג, ווען מיין שוועסטער, אַלס „געווינערין", האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל, די אומבאַצאָלטע באַרעמהאַרציקע שוועסטער — און די באַדינערינס פון שטאָטישן שפּיטאָל אַליין זיינען געווען זייער אויפמערקזאַם און בכלל זייער הומאַניש באַהאַנדלט — דאָך האָט מיין האַרץ אין מיר געוויינט אויף מיין שוועסטערס הילפלאָזיקייט און מיין געפיל צו איר איז געווען דאַן אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט דעמאָלט צוליב איר אַפילו אַ דראַמע — און אַ גוטע — געקענט אָנשרייבן, אַבי ס'זאָל איר גאָרניט פעלן... איבערהויפּט צו געפינען אַ דירה...

צום גליק איז „דער פריינד" טאַקע געווען פּינקטלעך. דערצו זיינען דאָס געווען פּסחדיקע דערציילונגען. קיין דירעקטע שייכות האָבן זיי צום פּסח ניט געהאַט: אין איינער איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ

מוליער, וואָס ווערט אין די ערב־פסחדיקע וואָכן אַ קאַלכער. אַ גאַנץ יאָר אַ פאַרשמירטער אין ליים און אין קאַלך, איז אַז ער קומט ערב־פסח פאַרנאַכט אין שול, אַן אַרומגעוואַשענער, אַן איבערגעטאָגענער, און זעצט זיך אַוועק הינטער דער בימה, גיבן אים אָפּ די יידן שלום־עליכם, ווי אַן אורח. אויך די דערציילונג „די קנעטערין" האָט פאַרמאָגט אַ סאָציאַלן מאָטיוו און האָט מיט פסח דירעקט ניט געהאַט צו טאָן, ווי דאָס רוב אַלע מיינע געציילטע יום־טובדיקע דערציילונגען.

אָבער „דער פריינד" האָט פאַר זיי געצאָלט, ווי פאַר אמתע פסחדיקע סחורה, אויב ניט טייערער — איז פינקטלעכער און מיט גרויס צופרידנהייט...

און איך האָב ענדלעך געדונגען אַ וואוינונג פון דריי צימערן.

דער ליבער יעקב דינעזאָן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין טבע צו מאַכן וויזיטן בכלל, האָט דאָך, ווי ער האָט דערהערט, אַז מיין שוועסטער איז אַ מוטער געוואָרן און מיר וואוינען אַלע אויף אַגראָדאָווע גאַס, געקומען צו גיין צו אונז אַ שמייכלענדיקער און אַ גליקלעכער, האָט פאַרבראַכט אַ פאָר שעה אין ריידן און דערציילן... און דער רעזולטאַט פון זיין וויזיט איז געווען, אַז אין אַ פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען פון אַ מעבל־געשעפט אַ שיין געפלאָכטן וועגעלע. דאָס האָט דער גוטער דינעזאָן געשיקט אַ מתנה פאַר דעם קינד.

דאָס וועגעלע איז געווען דער רייכסטער אין דעם ניט באַזונדערס רייכן הויף פון אַגראָדאָווע נומער דריי, וואו אונזער נייע דירה האָט זיך געפונען, הגם דער הויף איז געווען אַ גרויסער, אַ ברייטער און אַ ריינער.

ווי עס איז ניט געווען שווער, האָבן מיר דאָך גענומען אַ ניאַניע פאַר דעם קינד. זי איז געווען אַן אַלטע, קליינגעוויקסיקע, צעקנייטשטע פוילישע פויערטע, וואָס איז מגולגל געוואָרן — פרעג ווי אַזוי — אין דער גרויסער שטאָט. זי איז געווען אַ דערשלאָגענע, אַ נכנעדיקע אַזאַ, הגם צו פיל שאַפן זיך מיט איר האָבן מיר זיך ניט, ניט איך, ניט מיין שוועסטער, ניט אַפילו דוד קאַסעל, דער

יונגער פּאָטער. פּאַרקערט. ביי אונז האָט זי געפֿונען איר היים. איז אַ וואָך מאַטעריעל שלעכטס געגאַנגען, האָבן מיר אָבער פֿאַר איר דער ערשטער אָנגעגרייט די זעמל מיט דער קאַווע אויף פֿרישטיק...

דאָס קינד פֿלעגט זי פֿאַרשלעפֿערן מיט אַ פּויליש וויגלידעלע, מיט אַ מאָדנעם ניגונדל, אין דער שטיל, אַזוי ווי מיט אַ שפּרוך... עפּעס האָט זי דערמאָנט אין די אַלטע ניאַניעס, וואָס ווערן באַזונגען פֿון די רוסישע פּאָעטן, איבערהויפּט פֿון פּושקינען...

אַכטאונדרייסיקסטער קאַפיטל

דאָס מלחמה־בלעטל אין וואַרשע. — דוד קאַסעל און משה טייטש אַלס מיטאַרבעטער. — מיין ליד „שלום". — אַלע ווערק פאַר זעכציק רובל. — אברהם קאָטיק אין וואַרשע. — אַדוואָקאַט היגער. — פרצעס באַנייטע „יודישע ביבליאָטעק". — י. מ. ווייסענבערגס ערשטע דערציילונג. — איך גרייט זיך פאָרן אין אויסלאַנד. — די לעצטע טעג אין וואַרשע. — בענדין. — ווידער ליפע נאָוואָגרודסקי. — די גרענעץ־אַגענטן. — דער הויכער פאָליאַק מיין פירער. — דאָס ערשטע דייטשע שטעטל.

ניט קוקנדיק, וואָס די טעגלעכע צייטונג „דער פריינד" און טיילווייז אויך „דער טאָג" האָבן געגעבן גענוג נייס וועגן דער מלחמה מיט יאַפאַן, און די וואַרשעווער יידן האָבן די דאָזיקע נייס ממש געשלונגען, איז אָבער געווען אַ חסרון, וואָס די צוויי דערמאָנטע יידישע צייטונגען זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פעטערבורג (איצט לענינגראַד), און פלעגן אין וואַרשע ערשט אָנקומען אויפן דריטן טאָג. אמת, אַז אַ קריגס־שיף איז געזונקען געוואָרן, האָט מען שוין געהערט גלייך אויפן ערשטן טאָג, דערוויסנדיק זיך עס פון די וואַרשעווער פוילישע צייטונגען און אויך פון דער „הצפירה", וואָס איז ערשינען אין וואַרשע, און אַפילו די, וואָס האָבן קיין צייטונגען ניט געלייענט, האָבן דאָס נייס גלייך געהערט פון אַנדערע... אָבער די־יעניקע, וואָס האָבן ניט געקענט לייענען ניט קיין פויליש און ניט קיין לשון־קודש — און אַזעלכע האָט די וואַרשעווער יידישע באַפעלקערונג פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל — די־יעניקע האָבן געשמאַכט נאָך אַ יידישער צייטונג אין וואַרשע גופא, צו לייענען די מלחמה־נייס נאָך הייסערהייט, ניט אין דריי טעג אַרום — שוין אָפגעקילטע...

האָט זיך געפונען אַ יידישער דרוקער מיטן נאָמען גאָלדשטיין, וואָס האָט געהאַט זיין דרוקעריי אין איין הויף מיט יעקב לידסקי אויף די נאַלעווקעס. און אָט דער דאָזיקער דרוקער — אַ

זשוואַווער יונגערמאַן, און ניט קיין עם־הארץ אין די שוואַרצע פינטעלעך בכלל, דערצו אַ גרויסער נצרך, ווייל פון דער דרוקעריי אַליין האָט ער קיין גרויסע גליקן ניט געמאַכט — האָט זיך געקליגט און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ מין מלחמה־צייטונגל, וואָס זאָל לעשן דעם דאָרשט פון די צענדליגער טויזנטער נייגעריקע יידן.

די צייטונגל איז געווען פון אַ קליינעם, שיר ניט בוך־פאָרמאַט, און האָט פאַרמאָגט בלויז פיר זייטלעך. קיין שטענדיקן טיטל האָט זי ניט געטראָגן, דאָס וואָלט דאָך שוין געהייסן אַן אמתע צייטונג און אויף אַזאַ צייטונג האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש אַזש פון פעטערבורג, און אַזאַ דערלויבעניש וואָלט מען דאַן זיכער ניט באַקומען. פאַר אַ יידישער צייטונג אין פוילן האָט די צאַרישע רעגירונג דעמאָלסט שטאַרק מורא געהאַט.

גאָלדשטיינס קליינע צייטונגל האָט ביי יעדן נומער געביטן איר נאָמען, אַזוי אַז ס׳האָט געהאַט דעם דין פון אַ העפט, וואָס ערשיינט יעדן טאָג... אויך אויף דעם האָט דער דרוקער גאָלדשטיין געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש אַזש פון גראַדאָנאַטשאַלניק, וואָס ער האָט עס מיט גרויסער פראָטעקציע באַקומען...

די צייטונגל האָט פאַרמאָגט בלויז 2 מיטאַרבעטער און דאָס זיינען געווען דוד קאַסעל און משה טייטש... איבעריקנס האָבן זיי די דאָזיקע גליקלעכע שטעלעס באַקומען דורך מיין פראָטעקציע... עס איז אַ סברא, אַז ביי דער דאָזיקער צייטונגל האָבן זיי פאַרדינט ביי אַ פינף רובל אַ וואָך... ס׳איז נאָר אַ שאָד געווען, וואָס זי איז ערשינען אינגאַנצן ביי אַ זעקס וואָכן...

ניט נאָר משה טייטש, וואָס איז, אויסער דיכטער און בעלעטריסט, אויך געווען זייער פעיִק פאַר אַלערליי צייטונגס־אַרבעט, צוליב זיין באַזיצן די רוסישע, העברעיִשע און טיילווייז אויך די פוילישע און דייטשע שפּראַכן, אַזוי אַז ער האָט געקענט איבערזעצן די אַלע ניים פון פאַרשיידענע צייטונגען, — ניט נאָר משה טייטש, אַן אָנפאַנגער, נאָר אַפילו דוד קאַסעל, משה טייטשס נאָענטסטער חבר דאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן „ערפאָלג“, אַלס צייטונגס־מאַן... ער האָט אויך, ווי משה טייטש, געכאַפּט גלייך דעם

שניט, ווי אַזוי צו באַפּוצן און צו פֿאַרבעלעטריסטעווען געוויסע מלחמה=נייס, ערשטנס, עס זאָל ניט קלינגען ווי נייס אַליין, וואָס דאָס וואָלט שוין געגעבן אַ חשד, אַז עס איז אַן אמתע צײַטונג און מען וואָלט עס פֿאַרמאַכט, און צווייטנס, אויס ליבע צו דער קונסט אַליין... ער האָט אַפֿילו געשריבן קליינע פֿעליעטאָנען אויף מלחמה=מאָטיוון. איך אַליין פֿלעג אים אַמאָל אַרויסהעלפֿן, ווי אַ נייעם, אַ ניט=געניטן, הגם אין צײַטונגס=אַרבעט בין איך געווען אַליין ניט געניט. דער דרוקער און פֿאַרלעגער פֿון דער דאָזיקער העכסט משונהדיקער צײַטונג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שפּילצײַג, וואָס קינדער מאַכן אַמאָל, נאָכמאַכנדיק די דערוואַקסענע מענטשן — דער דרוקער און פֿאַרלעגער האָט אויך פֿאַרלאַנגט מײַן מיטווירקונג און אַפֿילו אָנגעבאָטן האָנאָראַר. נאַטירלעך, האָב איך זיך אַנטזאָגט. אָבער אום צו באַדאַנקען דעם פֿאַרלעגער, וואָס ער האָט געגעבן אַ שטעלע דוד קאַסעלן און אויך משה טייטשן, וואָס איז מיר, ווי אַ יונגער חבר, נאָענט געווען, האָב איך פֿאַר דער צײַטונג געגעבן אַ מתנה אַ ליד... דאָס ליד האָט געטראָגן דעם טיטל „שלום!“...

דער דרוקער און אַרויסגעבער פֿון דער צײַטונגל, גאָלדשטיין, איז פֿון דעם ליד גאָר געווען נתפּעל. ערשטנס — אַ מתנה און צווייטנס, איז טאַקע דאָס ליד אים געפֿעלן געוואָרן. דאָס ליד איז געגאַנגען אויפֿן ערשטן אָרט אין נומער... ווי עס וואָלט געווען וויכטיקער ווי די נייס אַליין...

דער דאָזיקער נומער איז ערשינען אַ פֿרײַטאָג נאָכמיטאָג... גיי איך אַזוי אויף די נאַלעווקעס, באַמערק איך, ווי בײַם ראָג גענשע און נאַלעווקעס איז אַ גרויסער געדראַנג, ייִדן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און אין היטעלעך שטופּן זיך, אַרבעטן מיט איילנבויגנס און ווילן צו עמעצן צוקומען... און איבער דעם טומל טראָגט זיך הויך אַ וואָרט:

שלום! שלום! שלום!

דערהערט די אויסרופֿן: שלום! — מיין איך אויך, אַז עס איז שוין געשלאָסן געוואָרן אַ שלום צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן — הגם עס איז ערשט געווען בײַ אַ זעקס וואָכן ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַזוי שנעל זאָל זי זיך ענדיקן — איך שטופּ זיך דורך... ערשט עטלעכע אָרעמע ייִדן,

וואָס גאָלדשטיין האָט זיי געגעבן צו פאַרשפּרייטן זיין צייטונגל און וואָס האָבן געוואָלט פאַרדינען אויף שבת, האָבן אויסגענוצט דעם טיטל פון מיין ליד און האָבן אים הויך אויסגערופן: שלום! שלום! שלום!

איך בין נשתומם געוואָרן... איך זאָל מיט אַ ליד מאַכן אַזאַ סענסאַציע און נאָך אין יענער צייט — האָב איך ניט דערוואַרט. איך האָב, נאַטירלעך, אַליין געקויפט אַ נומער פאַר פינף קאָפּיקעס און האָב זיך שטיל אָוועקגערוקט פון דעם עולם, ווי מורא האָבנדיק, אַז מען זאָל ניט דערגיין, אַז איך בין עס דער שולדיקער פון דער פאַלשער ידיעה... אַז איך האָב אָבער פון דער ווייטן באַאָבאַכט די מינעס פון די יידן, וואָס האָבן געקויפט די צייטונגל און גייענדיקערהייט געלייענט מיין ליד וועגן „שלום“, האָב איך קיין פראָטעסט אין זייער אויסדרוק פון פנים ניט באַמערקט... אַדרבא, זיי האָבן דאָס ליד געלייענט זייער פאַרטיפט, מיט גרויס ערנסט, און אָפּלייענענדיק, האָט אַ מאַנכער דאָס בלעטל באַהאַלטן אין קעשענע, ווי אַ „זאַך“, וואָס מען דאַרף שטאַרק אָפּהיטן און ערשט נעמען זיך צו דעם אויף דאָס ניי אין דער היים...

אַוודאי האָט אויך מיין ליד „שלום“ ניט געהאָלפן. ניט קוקנדיק, וואָס עס האָט אין אויפריכטיקע טענער דעם שלום באַזונגען, האָט דער קריג זיך נאָך מער צעפלאַקערט...

מען האָט שוין אָנגעהויבן מורא האָבן אויך פאַר מאָביליזאַציע אין פוילן, ווער רעדט שוין וועגן די רעזערוויסטן, וואָס זיינען ניט געווען געבאָרן אין פוילן, זיי האָבן אַוודאי זיך געשראָקן. איך האָב ענדלעך אָנגעהויבן מאַכן פלענער, ווי אַזוי אַוועקצופאָרן אין אויסלאַנד. די ערשטע מניעה איז געווען — געלט... עס האָט זיך צו דער רייזע געפאָדערט אַ גרעסערע סומע און קיין קליינע איז אויך ניט געווען...

עס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג. איך בין אַריין אין קאָמיקס קאַפע... די אַלע באַזוכער, דאָס רוב שטענדיקע געסט, וואָס האָבן קיין מורא ניט געהאַט צו ריידן פריי — האָבן אַרומגערעדט די מלחמה... — מען וועט אַפילו אַלטע לייט נעמען — האָט ענדלעך איינער אַ סטראַשע געטאָן.

אַן אַנדערער האָט אַפילו באַוויזן, אַז ניט... רוסלאַנד וועט זיך ניט דערוועגן רופן דעם „זאַפּאַס” פון פוילן...

— זי וועט זיך שעמען פאַר אַייך! — האָט דער מחמיר געהוזקט...

דער מחמיר איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש און אַ חלוש דערצו. איז ער געווען זיכער, אַז אים וועט מען סיי ווי ניט רופן... האָט ער קענטיק הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער האָט געשראָקן דעם יינגערן עולם... קיין שלעכטס איז ער ניט אויסן געווען, נאָר אַז מען רעדט, רעדט מען... זאָגט ער זיך כּתּם זיין מיינונג...

דערווייל האָב איך צווישן די אַמפּערנדיקע געסט באַמערקט אברהם קאָטיקן, דעם זון פון דעם אייגנטימער פון דעם קאַפע — יחזקאל קאָטיק. צי האָט ער זיך שוין דאַן באַזעצט אין וואַרשע, צי איז ער בלויז געקומען פון ביאַליסטאָק צוליב פאַרלעגערישע פּלענער — געדענק איך ניט. אויסריידנדיק מיט אים אייניקע ווערטער, איז מיר גלייך עפּעס איינגעפאַלן.

איך האָב אין קאַפע ביי אַ טישל פון יונגע קאָלעגן און אַ פּאָר אַנדערע געסט אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט איצט פאַרקויפט אַלע מיינע ווערק — אַרום זעכציק דרוקבויגן — פאַר זעכציק רובל...

— גייט שוין, גייט... — האָבן זיך ביי אברהם קאָטיקן אָנגעצונדן די אויגן.

— איך פאַרזיכער אַייך...

— איך טאָר עס ניט טאָן.

— איך טו עס מיט פאַרגעניגן... אָן חרטה! — האָב איך פעסט פאַרזיכערט.

— איך קויף ביי אַייך! — האָט ער אויסגערופן.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין וואַרשע פאַראינטערעסירט אַ פּאָר רייכע מענטשן פון דער העכערער יידישער אינטעליגענץ, צווישן זיי אַדוואָקאַט היגער.

נאַטירלעך, איז אברהם קאָטיק ניט אויסן געווען מיך צו עקספלואַטירן. דער פאַרלאַג „בילדונג“ איז איבערהויפט ניט געווען זיין פריוואַט־אייגנטום און ער איז ניט נאָר קיין פראָפיטן ניט אויסן געווען, נאָר עס האָט נאָך אים אַליין געקאָסט גענוג מי און געלט, הגם ער איז אַליין ניט געווען קיין פאַרמעגלעכער, און געלעבט פון זיינע שטונדן, וואָס ער האָט געגעבן אין ביאַליסטאָק די קינדער און טיילמאָל דערוואַקסענע פון די רייכע... אברהם קאָטיק איז פשוט אויסן געווען צו פאַרשפרייטן ביכער צווישן פאָלק און איבערהויפט בילדונג אין יידיש. אין דעם פרט איז ער ווירקלעך געווען איינער פון די פיאָנירן אין שענסטן און אידעאַליסטישסטן זין.

און דעריבער, אַז עס איז געקומען צו שרייבן דעם קאָנטראַקט ביי היגערן אין קאַנטאָר, איז קאָטיק אַוודאי קיין גזלן ניט געווען... אויך היגער אַליין — איך געדענק שוין ניט, צי איז ער געווען אַן אַדוואָקאַט, צי אַ דאָקטאָר, — אַ הויכער, פעסטגעבויטער מאַן אין די דרייסיקער, מיט שיינע שוואַרצע אויגן, מיט אַן ענערגישן בליק — האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט גרויס אַכטונג און אַפילו מיט מיטגעפיל... און ער האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן הונדערטער פאַר דעם רעכט אויף די זעכציק דרוקבויגן — דערציילונגען און לידער — וואָס איך האָב ביז יענער צייט — מאַי 1904 — אָנגעשריבן...

נאָכן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט — גענוי, וואָס אין קאָנטראַקט איז געשטאַנען — געדענק איך ניט — סיי־ווי־סיי האָט זיך פון דער גאַנצער אונטערנעמונג לסוף גאָרנישט אויסגעלאָזט — האָט מיך באַהערשט אַ געפיל פון חרטה... ווער ווייס וועמען איך האָב דאָ פאַרנאַרט... פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט מיך געפרייט, וואָס אויף אַרויסצוגעבן מיינע ווערק — אין זעכציק דרוקבויגן — פיר בענדער — געפינען זיך דאָך שוין בעלנים און נאָך וועלכע — קאָטיק און היגער! דערפון האָב איך געדרונגען, אַז נאָך אַלעמען מוזן דאָך עפעס מיינע ווערק יאָ ווערט זיין...

אמת, מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס יעקב לידסקי, וועלכער איז געווען דער פאַרלעגער פון מיינע פריערדיקע קליינע זאַמלונגען, לי־

דער און דערציילונגען, האָט ניט געריזיקירט אַרויסצוגעבן אַלע מיינע ווערק. אין יענער צייט, ווען פרצעס באַנד שריפטן, נאָכדעם ווי די ערשטע יובילײ-אויסגאַבע, וואָס מעצענאַטן האָבן אַרויסגעגעבן אין 1901, איז שוין אויספאַרקויפט געוואָרן, האָבן זיך ניט געפונען קיין בעלנים אַרויסצוגעבן פון די מאַטריצן אַפילו קיין נייע אויסגאַבע,— האָט אַפילו יעקב לידסקי, מיט אַ גרויס פאַרשטענדעניש פאַרן ביכערמאַרק, דאָך ניט ריכטיק אָפגעשאַצט די גרויסע צאָל לעזער, וואָס יידישע ביכער וואָלט געקענט האָבן, און ער איז ביז 1906 אָנגעגאַנגען מיט זיין פאַרלעגערישער טעטיקייט זייער פאָרזיכטיק... גרויסע קאַפיטאַלן אַריינלייגן אין אַן אויסגאַבע האָט ער ניט געוואַגט, און אפשר מאַטעריעל נאָך ניט אימשטאַנד געווען.

אַ.ב-אורחא, אָנשטאָט אַרויסצוגעבן פרצעס געזאַמלטע ווערק האָט אַ געוויסער האַלב-אַסימילירטער קרייז געהאָלפן פרצן אַרויסצוגעבן „די יודישע ביבליאָטעק“, אַלס מאָנאַטשריפט, וועלכע האָט זיך געדרוקט אין קראָקע צוליב דעם, וואָס אויך אויף אַ מאָנאַטשריפט האָט מען ביי דער רוסישער רעגירונג קיין דערלויבעניש ניט געקענט באַקומען... אָבער „די יודישע ביבליאָטעק“ אַלס מאָנאַטשריפט האָט שוין ניט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון די ערשטע „ביבליאָטעקן“, וואָס פרץ האָט אַרויסגעגעבן אַלס פעריאָדישע זאַמלביכער. אין דער באַנייטער „יודישער ביבליאָטעק“ האָט שוין געפעלט דאָס פרציםטישע... דאָס מאָטאָ פון דעם זשורנאַל איז געווען „בילדונג“. די צייט האָט שוין אָבער געפאָדערט מער ווי בילדונג... און צייטפראַגן באַלויכטן אין דער באַנייטער „ביבליאָטעק“, האָט שוין פרץ, קענטיק, ניט געהאַט די מאַכט... דער קאָמיטעט פון אַסימילירטע, צי האַלב-אַסימילירטע יידן, וואָס האָט מאַטעריעל געשטיצט דעם זשורנאַל, האָבן ניט געטיילט פרצעס מיינונגען. זיי זיינען נאָר אויסן געווען צו מאַכן די יידישע מאַכן פאַר מענטשן, לויט זייער שניט. אויך דער ליטעראַרישער טייל פון פרצעס באַנייטער „ביבליאָטעק“ האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיטן גייסט פון דער נייער צייט... קיין אָפקלאַנג פון דעם קאַמף, וואָס עס איז שוין פאָרגעקומען אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס. לידעלעך האַלב-פילאָסאָפישע, מיסטישע, דערציילונגען אָן אַ סאָציאַלן הינטערגרונד — זיי האָבן אויסגעפילט

דעם ליטעראַרישן טייל פונעם באַגייטן זשורנאַל... זיין ערפאָלג איז טאַקע געווען זייער קליין און דער לעצטער — פערטער נומער — איז אַפילו ניט פאַרשפּרייט געוואָרן, און ווען איך בין שוין געווען אין 1905 אין קראָקע, האָב איך געפונען די העפטן זיך וואַלגערן אין יוסף פישערס דרוקעריי. דאָס לעצטע העפט איז אַפילו ניט אויסגעלייזט געוואָרן פון דרוקעריי... עס איז געווען אַזש אַ באַליידיקונג...

דענקווערדיק איז די באַגייטע „יודישע בבליאָטעק" אַלס מאָנאַטשריפט בלויז מיט דעם, וואָס אין דעם ערשטן העפט איז געווען געדרוקט י. מ. ווייסענבערגס ערשטע דערציילונג מיטן נאָמען „דור הולך ודור בא"... די דאָזיקע דערציילונג, ניט קוקנדיק, וואָס פון אַרבעטער־לעבן, איז מיט איר ליריש־עלעגישן, שיר ניט פעסימיסטישן טאָן, — אין אַלגעמיין ניט ענלעך צו די ווייטערדיקע ווערק פון ווייסענבערג — דעם דיכטער פון אַ „טאַטע מיט בנים", „די משוגענע אין דאָרף", „די שלעכטע פרוי", דאָס וואַלד־מיידל" אאַז"וו, דאָך האָט זי שוין פאַרמאָגט יענע קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון י. מ. ווייסענבערג, וואָס האָבן אים געמאַכט באַרימט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור.

י. מ. ווייסענבערג איז שוין אין יענער צייט געווען אין וואַרשע. באַקענט האָב איך זיך מיט אים שוין ניט ביי פרצן אין הויז, וואוהין איך בין אין יענעם זומער — 1904 — ניט אַזוי אָפט אַריינגעגאַנגען, נאָר אין זאַקסישן גאָרטן, וואו ער איז געזעסן מיט זיין שוין דעמאָלסטיקן „פאַרערער" — נאָמבערגן. נאָמבערג האָט מיר אים פאָרגעשטעלט. ער איז געווען געקליידט ווי אַן אַרבעטער, זיך געהאַלטן פשוט, אַ ביסל מגושמדיק, אָבער ביי דעם ערשטן געשפּרעך מיט אים, אויסהערנדיק פון אים אייניקע, דאַן אייגנאַרטיקע מיינונגען, וואָס האָבן שוין פאַרמאָגט זייע אַיזערנע לאָגיק — האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז אָט פון דעם פראָסטן אַרבעטער, י. מ. ווייסענבערג, וועט די יידישע ליטעראַטור ניט נאָר באַרייכערט ווערן מיט נייע ווערק, נאָר וועט אויך באַקומען אַ נייעם טאָן, אַ העלערע פאַרב, און דער פאָלקס־מענטש וועט דורך אים אַנטדעקט ווערן מיט זיין פולער פרימיטיווער און שאַפנדיקער קראַפט...

וועגן מיין פאָרן קיין אויסלאַנד האָב איך קיין סך ניט גערעדט. בלויז געציילטע האָבן געוואוסט, אַז איך גרייט זיך אַוועקצופאָרן. צווישן זיי איז געווען ליפּע נאָוואָגרודסקי. ער האָט דאָס מיר געדאַרפט העלפן אַריבערגיין די גרעניץ.

צו גיין אין די קאַנצעלאַריעס זיך עוסקן וועגן אַ גובערנאַטאָרפּאַס איז שוין געווען אַ ריזיקע. דערצו האָב איך די מיליטערישע קאַנצעלאַריעס, וואו איך האָב געדאַרפט אָנקומען נאָך אַ דערלויבעניש צו פאָרן — פיינט געהאַט תכלית שנאה... אַלס רעזערוויסט איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן זיי, ווען איך פלעג דאַרפן פאָרן אַמאָל צו גאַסט קיין מינסק — זיך אויסמעלדן, און בעתן צוריקקומען זיך ווידער מעלדן. שוין דאָס אַליין איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך טאַקע ביים אָפּפאָרן ניט אויסגעמאָלדן אָדער ביים קומען צוריק — ניט איינגעמאָלדן. פלעג איך שוין באַקומען אַ „פּאָוויעסטקע", אין וועלכער מען פלעגט מיך רופן צום געריכט. פלעג איך באַצאָלן שטראָף דריי רובל, און אַ פּאָר מאָל בין איך טאַקע פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי טעג אַרעסט... עס איז כלומרשט געווען אַ לייכטער אַרעסט, ביי דער פּאָליציי, אָבער יענע צוויי טעג וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ניט אַזוי דאָס „זיצן", ווי די מיטזיצער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פאַרברעכער פון דעם נידעריקסטן עלעמענט פון דער וואַרשעווער אונטערוועלט... דאָרטן גופא, אין אַרעסט־הויז, האָבן די דאָזיקע פאַרמשפּטע ערשט אָפּגעטאָן מעשים, פאַר וועלכע זיי האָבן ערשט געדאַרפט ווידער געמשפּט ווערן... נאָר די וועכטער אַליין האָבן פאַר זיי מורא געהאַט... די דאָזיקע אַרעסטאַנטן, וואָס פלעגן דאָס רוב זיצן צו עטלעכע טעג אָדער העכסטנס צו פּאָר וואָכן, האָבן זייערע פאַרברעכערישע נייגונגען ערשט אַרויסגעוויזן אין אַרעסט־הויז גופא אויף אַזעלכע אַרעסטירטע ווי איך און מיין גלייכן. קודם האָט איינער פון זיי, לויט דעם באַפעל פון זייער רבין, וואָס איז אויך „געזעסן", אָבער אין תפיסה געפירט זיין מלוכה — אַרומגעזוכט אין מיינע אַלע קעשענעס, צי האָב איך געלט... ניט געפונען קיין געלט, וואָס איך האָב, לויטן געזעץ, געמוזט איבערלאָזן גלייך ביים אַריין אין דער

קאַנצעלאַריע, האָבן זיי נאָכגעפרעגט, וויפיל האָב איך דאָרט איבערגעלאָזן:

— דריי רובל! — האָב איך זיך מודה געווען.

האָט איינער פון זייערע, אַ „גראַמאָטנער", שווייגנדיק גענומען אַ בלייפעדער, וואָס ער האָט ביי מיר טאַקע פריער צוגענומען, און געווענדט זיך באַפעלעריש:

— שרייב:

און ער האָט דיקטירט:

— טרי פונטאַ סאַכאַרו...

איך האָב געשריבן.

— פונט סיראַ.

איך האָב געשריבן...

טרי בולקי, טשעטווערט טשאַיו...

מיט איין וואָרט אַ רשימה פון שפּייז, וואָס כלומרשט איך, דער אַרעסטירטער, בעט ברענגען פון שפּייז־געוועלב, פאַר דעם געלט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין קאַנצעלאַריע... פאַר מיין אייגענעם געברויך, הייסט עס...

נאָכדעם, אַז דער וועכטער, וועמען זיי האָבן איבערגעגעבן דאָס צעטעלע, האָט אין אַ האַלב שעה אַרום אַרויפגעטראָגן די אַלע אויסגערעכנטע „זאַכן", האָבן זיי זיך געזעצט פראַווען די „סעודה", וואָס איך וואָלט זיי אייגנטלעך פאַרגונען פון גאַנצן האַרצן, — אַדרבא, עסט געזונטערהייט, זאָל אייך וואויל באַקומען... נאָר די דויבערישע אינסטינקטן, וואָס זיי האָבן בכלל באַוועזן, האָבן מיך דערצאָרנט, געלאָשן מיין ליבע און גלויבן אין מענטש, דאָך האָב איך זיי פאַרטיידיקט, אַז ניט זיי זיינען שולדיק, נאָר די אָרדענונג, די דערציִונג... ווער ווייס, וואָס זיי זיינען אין דער היים אין דער קינדהייט אויסגעשטאַנען? ווער ווייס, ווער זיינען זייערע עלטערן, אויב זיי האָבן אַזעלכע. דערצויגן, אויף דער גאַס, אומוויסנדע, אפשר באַליידיקטע אין דער פריסטער קינדהייט און יוגנט, איז זיי פרעמד יעדע מענטשלעכע באַציִונג און יעדער באַגריף פון מאָראַל בכלל...

וואָלט איך שוין זיי דאַן אינגאַנצן מוחל געווען, אָבער ערשט אין אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין — און שלאָפן איז מען געשלאָפן

אַלע אין איין גרויסן צימער — אויף נאַרעס, — האָבן זיי ערשט גענומען וואַרפן די האַרטע שטרויענע קישעלעך אויף אונז, די „יאָלדן“, ווי זיי האָבן די ניט פון זייער „חדר“ גערופן... זיי האָבן זיך געקליגט צו וואַרפן אַזוי, אַז עס זאָל טרעפן דווקא אין קאָפ און איינס נאָך דאָס אַנדערע... אַ גליק, וואָס מיין סטראַטעגיק איז געווען ניט צו וואַרפן, חלילה, צוריק, ניט צו פראָטעסטירן, ווייל די, וואָס האָבן פראָטעסטירט און זיך געבייזערט, האָבן גאָר שלעכט אָפגעשניטן. נאָכדעם, ווי איך האָב מקבל באַהבה געווען עטלעכע האַרטע קישעלעך אין פנים און אין קאָפ און האָב געשוויגן, האָבן זיי ענדלעך, ווי אַ העלד, אָפגעלאָזט און האָבן זיך גענומען צו אַנדערע קרבנות... סיידן אַז איך האָב זיך אָנגענומען פאַר אַן אַנדערן, האָבן זיי ווידער גענומען וואַרפן די קישעלעך אויף מיר, שוין אַלס שטראָף...

ניט קוקנדיק אויף אַזאַ שטראָף פאַר ניט אויסמעלדן זיך אָדער ניט אַיינמעלדן זיך — בין איך דאָך אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע, ווידער ניט כשרעדהייט, און מיט דער האָפענונג, אַז ביז איך וועל צוריקקומען פון אויסלאַנד אין וואַרשע וועלן שוין די אַלע שוועריקייטן און חומרדס אָפגעשאַפט ווערן, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אין אויסלאַנד אָן אַ גובערנאַטאָר־פאַס.

געזען זיך אַ פאָר טעג פאַרן אָפפאָרן מיט ליפע נאָוואָגרודסקי, האָט ער מיר געגעבן אויסקונפט וועגן דער גרענעץ. צוליב זיין האַנדל מיט „פראַכט“, פלעגט ער אָפט זיך געפינען אין בענדין, אַ שטעטל לעבן דער דייטשער גרענעץ. אַדאַנק דעם, האָט ער דאָרט געקענט אייניקע „ערלעכערע“ אַגענטן, און מיט די באַקאַנטע אַגענטן פלעגט ער אַמאָל העלפן איבערפעקלען איבער דער גרענעץ אַ דורכגעפאַלענעם בונדיסט, צי אַזוי אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט לענגער אין וואַרשע ניט געקענט בלייבן. צוליב דעם טאַקע האָט ער געקענט די גרענעץ־אַגענטן. גראָד האָט ער דעמאָלסט געדאַרפט זיין אין בענדין, בין איך שוין געווען זיכער, ווי איך וואָלט געהאַט אַ גובערנאַטאָר־פאַס....

אָנגעקומען קיין בענדין, האָט מיך שוין, לויט דער באַמיִונג פון גוטן ליפען, אין אַ פאָר שעה אַרום צו דער גרענעץ געפירט

אַ הויכער יונגער פאָליאַק, מיט אַן ענערגישן אויסדרוק אין זיינע קליינע גרויע אויגן. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ זוניקער; פעלדער מיט הויכע זאַנגען האָבן זיך געשפרייט פון אַלע זייטן. אַ ריינער, בלויער הימל, געשפרינקלט וואו-ניט-וואו מיט קליינע שפילעוודיקע וואָלקנדלעך, האָט אויף מיר אַראָפגעקוקט. אַרום און אַרום האָט געהערשט גרויסע רו. אַפילו דער פירער מיינער, ניט קוקנדיק אויף זיין גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויף דער סכנה, וואָס עס שטייט אונז פאָר באַמערקט צו ווערן פון דער וואַך, האָט אויסערלעך אויסגעזען רויִק און זיכער... מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען, שטומערהייט. האָב איך געמיינט, אַז מען טאָר ניט רייִדן... אָבער ענדלעך האָב איך זי ניט געקענט באַהערשן:

— יעשטשע דאַליעקאָ?...

— זאַראַז... — האָט ער באַרויִקט...

נאָר אָט באַמערק איך, ווי דער פירער אַליין הייבט זיך אָן שרעקן. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. איך פיל, אַז דאָ ערגעץ אַרום איז גרענעץ, הגם קיין אונטערשייד אין דער לופט און אין דער אומגעבונג איז ניט געווען צו מערקן...

— אפשר לויפן?? — גיב איך פרעגנדיק אַן עצה...

— דו ווילסט — גוט... — איז ער גלייך מסכים.

און דאָס, וואָס ער איז גלייך מסכים מיט מיר — ער, אַ געניטער פירער, וועמען איך טרוי אָן מיין לעבן און מיין פרייהייט, — מאַכט נאָך שווערער מיר אויף דער נשמה... אָבער איך זע, ווי ער לויפט שוין. לויף איך אים נאָך... אַזוי ביי אַ פערטל שעה...

ענדלעך קומען מיר אַרויף אויף אַ נאַקעט פעלד. פון וויטן מערקן זיך שפיצן פון אַ טורעם...

איך קוק זיך אום... וויל געפינען אַ צייכן, אַז שוין... אָבער דער פירער זאָגט מיר אַליין אָן די שמחה...

— יוזש... שוין, הייסט עס, איבערגעגאַנגען...

פרייד... באַפרייונג... באַנייונג... מיר דאַכט, איך באַקום פליגל...

און די זון — וואו פאַרגאַנגען?... ווען פאַרגאַנגען? — זי ווייזט זיך ווידער אויפן מיטן הימל און באַגריסט אונזער אָנקום...

איך פרעג איבער, ניט גלויבנדיק אין דעם גליק:

— דאָס איז שוין טאַקע דײַטשלאַנד?...

— טאַק, פראָשע פאַ:אַ... ענטפערט דער פירער מיט שטאָלץ...

און ער רופט פאַר מיר אָן דעם נאָמען פון דעם דײַטשן גרענעץ=שטעטל.

ניינאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

דער אָנקום קיין ווין. — טירקענשטראַסע נומער 9. — די רעדאַקציע פון „דער וועלט״. — דער „אוצר״ אין טישקעסטל. — א. קאַראַלניק אַלס יונגער סטודענט און שריפטשטעלער. — דער קבלת־פנים. — די התקרבות. — דער סטודענטן־רעסטאָראַן. — די יונגע פוילישע גרעפין. — פריילין מיצצי. — מיין וואונונג מיט א. קאַראַלניק.

קיין באַשטימטן פלאַן האָט מיין רייזע קיין אויסלאַנד ניט געהאַט. איך האָב, לויט דער עצה פון מיין שוועסטער שרה־בתיה, געזאָלט פאָרן אין דער שווייץ. אין וועלכער שטאָט — איז ניט געווען קיין אונטערשייד. ס׳איז רעכט געווען בערן, אויך ציריך און אַפילו זשענעווע. אין יעדער פון די דאָזיקע שטעט האָב איך געהאַט באַקאַנטע צווישן דער דאָרטיקער יידישער שטודירנדיקער יוגנט... אָבער אַז איך בין אינדערפרי אָנגעקומען אין ווין און אויף ווינער וואָקזאַל געדאַרפט וואַרטן אַ דריי שעה ביז אַ צוג קיין שווייץ, האָט מיך אַ צי געטאָן צו גיין דערווייל אָנקוקן די שטאָט, וועגן וועלכער איך האָב אַזוי פיל וואונדערלעכעס געהערט. אַז איך בין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר גאַסן און האָב דערזען די שיינקייט פון שטאָט, האָב איך שוין אַ טראַכט געטאָן צו בלייבן דאָרט אַ פּאָר טעג און טאַקע אָנזען ווין, ווי געהעריק. איך האָב אָבער אין ווין ניט געהאַט קיין שום באַקאַנטע, און אויב יאָ, האָב איך ניט געוואוסט זייערע אַדרעסן. אָבער דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער פריינדלעכער רעצענזיע, וואָס איז געווען געדרוקט נאָך מיט אַ יאָר צוריק אין דער דייטשער „וועלט״ וועגן מיין קליינער זאַמלונג „ערצעהלונגען און בילדער״, פון א. קאַראַלניק. האָב איך זיך שוין דערמאָנט, אַז דער דאָזיקער א. קאַראַלניק האָט געשריבן אויך פיל אַנדערע אַרטיקלען אין דער דייטשער ציוניסטישער „וועלט״ און איך

האָב זיך שוין משער געווען, אַז א. קאָראַלניק וואוינט אַוודאי אין ווין. און ווײַבאַלד ער האָט געשריבן וועגן אַ ביכעלע ייִדישע דערציילונגען, איז אַ סימן, אַז ער קען ייִדיש, איז ער דאָך אַן אייגענער מענטש, וועל איך אים אויסזוכן און ער וועט מיר אפשר זײַן אַ וועגווײַזער אין דער גרויסער וואונדערלעכער שטאָט, וואו איך האָב שוין באַשלאָסן צו בלײַבן עטלעכע טעג...

דעם אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע „די וועלט“ האָב איך געוואוסט: טירקענשטראַסע נומער 9. און איך האָב אָנגעהויבן נאָכצופֿרעגן זיך אויף טירקענשטראַסע נומער 9...

אָבער לויט די ענטפֿערס, וואָס איך האָב באַקומען פֿון די פֿרײַנדלעכע און געמיטלעכע פֿאַרבײַגייער, דאָס רוב אַרבעטער — עס איז געווען אין פֿרימאָרגן — לויט די ענטפֿערס האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער ציוניזם איז בײַ די ווינער אַרבעטער, קענטיק, ניט פּאָפּולער. זעלטן ווער עס האָט פֿון אַזאַ צײַטונג און אַזאַ מין שטראַסע געהערט, און אויב יאָ געהערט — האָט ער ניט געוואוסט, וואו זי געפֿינט זיך. ביז איינער גאָר אַ פֿרײַנדלעכער האָט מיר געזאָגט, אַז די „גאָסע“ געפֿינט זיך ערגעץ אין נײַנטן באַצירק און מען מוז אַהין פֿאָרן מיטן טראַמוויי... ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף וועלכן טראַמוויי אַרויפֿצושטײַגן און דער קאָנדוקטאָר, אויסהערנדיק מיך, האָט שוין שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ... ער האָט, הייסט עס, צוגעגעבן, אַז אין ווין געפֿינט זיך יאָ אַזאַ מין „שטראַסע“... און אין פֿאַרלויף פֿון צען מינוט רייזע בין איך שוין געשטאַנען לעבן הויז נומער 9 און אַרײַנגעקוקט אין טיפֿן הויף, וואו אינעווייניק האָט זיך געדאַרפֿט געפֿינען די רעדאַקציע פֿון „די וועלט“ און אין דער רעדאַקציע מײַן אומבאַקאַנטער פֿרײַנד א. קאָדאַלניק...

עס איז נאָך אָבער געווען צו פֿרי אַרײַנצוגיין. דער זייגער אין דעם דערבײַיקן קאַפֿע־הויז, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון דעם גרויסן שוי־פֿענסטער, וועלכן אַ ייִנגל האָט איבערגעווישט, דער זייגער האָט ערשט געהאַלטן בײַ האַלב נאָך אַכט... בין איך טאַקע אַרײַן אין קאַפֿע צו טרינקען אַ קאַפֿע...

אָנשטאָט אַ קאַפּע האָט מיר דער הויכער אויסגעפּוצטער קעלנער צוגעטראָגן אַ פּאָר צייטונגען: די „נייע פֿרייע פּרעסע“, „די צייט“ און די „פֿראַנקפֿורטער צייטונג“ — אַלץ געהויבענע צייטונגען. ער האָט מיך, קענטיק, אָנגענומען פֿאַר איינעם פֿון די מיטאַרבעטער אין „דער וועלט“. נאַטירלעך, האָט מיר שוין ניט געפּאַסט צו באַשטעלן עפּעס עסן אָדער טרינקען, און איך האָב זיך פֿאַרטיפֿט אין דער „נייער פֿרייער פּרעסע“... אַ גליק, וואָס ענדלעך האָט ער מיך שוין געפֿרעגט, וואָס איך ווינטש אויף פֿרישטיק. דאָס לייכטסטע איז געווען צו ענטפֿערן קאַפּע אונד בוטטער=בראָד... אָבער אויך לויט די דריי אומשולדיקע ווערטער האָט ער דערקענט, אַז איך בין אין ווין ניט געבוירן און אַפֿילו אין לעמבערג אויך ניט... האָט ער בלויז אַ פֿריינדלעכן שמייכל געטאָן און גלייך צוגעטראָגן אויף אַ שיין טעצל דאָס באַשטעלטע. איך בין געווען דער איינציקער גאַסט אין קאַפּע.

ניט קוקנדיק, וואָס דאָס קאַפּע=הויז איז ניט געווען קיין ערשטקלאַסיקע, אָבער די קאַווע, אויבן מיט דער שוימענדיקער „זאַנע“ איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן. עס האָט מיך, נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט אין צוג — דערמונטערט און איך האָב זיך צערעדט מיטן קעלנער, וועלכער איז טאַקע געווען זייער נייגעריק צו וויסן, ווער איך בין.

אָבער צו=לאַנג פֿאַרברענגען מיט אים האָב איך ניט געהאַט קיין געדולד. דערצו זיינען אַריין נאָך אַ פּאָר געסט. ניט נאָר ער, נאָר אַפֿילו איך האָב זיך מיט זיי דערפֿרייט. צו=אומהיימלעך איז מיר געווען אין דעם לערן גרויסן קאַפּע=הויז.

באַצאָלט האָב איך אים נאָך מיט דייטשיש געלט, וואָס איך האָב באַקומען, אויסבייטנדיק מיט דער הילף פֿון דעם גרענעץ=פֿירער, דעם פּאָליאַק, אַ טייל פֿון מיין רוסיש געלט. וויל איך שוין באַמערקן, אַז דער פּאָליאַק, וואָס האָט מיך דורכגעפֿירט די גרענעץ, האָט מיך, ביים שיידן זיך ביי דעם דייטשן גרענעץ=שטעטל — צי האָט עס ניט מיסלאָווע געהייסן? — זייער פֿריינדלעך באַהאַנדלט, גאָר ניט ווי אַ גרענעץ=פֿירער, נאָר ווי אַן אייגענער מענטש. ער האָט טאַקע פֿאַר מיר געקויפֿט דעם בילעט ביז אָסוועטשין און

געוואָרט, ביז דער צוג איז אַוועק, און ווען איך בין שוין געזעסן אין דייטשן וואַגאָן, האָט ער מיר נאָך צוגעשמייכלט, ווי צו מוטיקן מיך... דערפאַר געדענק איך אים נאָך ביז היינט און לאָמיך האָפן, אַז אין דעם באַפרייטן פוילן האָט ער געפונען אַ בעסערע פרנסה, ווי פירן איבערן גרעניץ מענטשן, אָדער שמוגלען סחורה... הגם מיר האָט ער אין יענער צייט געטאָן אַ גרויסע טובה, מיט זיין פריערדיקער פרנסה...

מיט מיינע דייטשע מטבעות האָט דער ווינער קעלנער ניט געבראַקירט, און רעשט האָט ער מיר שוין געגעבן עסטרייכיש געלט. ניט זייענדיק נאָך באַהאַוונט אין זיי, האָב איך דעם קעלנער געגעבן אַ טרינקגעלט ביי אַ האַלבער קראָנע. ער האָט מיך דריי מאָל באַדאַנקט: „דאַנקע שיין, דאַנקע זייער, דאַנקע פילמאַלס...“ האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז איך האָב איבערגעטריבן מיטן טרינקגעלט, אָבער קיין חרטה האָב איך ניט געהאַט...

די ווייזער אויפן זייגער פון קאַמפּע-הויז האָבן שוין געוויזן ניין. האָב איך זיך געלאָזט אויף גאָטס באַראַט אין הויף פון הויז נומער ניין...

די רעדאַקציע פון „דער וועלט“ האָט זיך געפונען טיף אין הויף, די לעצטע געביידע. אינמיטן פון הויף האָט זיך געפונען די ציוניסטישע ביוראָ, וועלכע איך האָב פאַרבייגייענדיק באַטראַכט מיט גרויס אינטערעס. און האָב זיך געחידושט אויף איר אויסערלעכן אָרעמען אויסזען... אַרויף אויף די טרעפ, וואָס האָבן געפירט צו דער רעדאַקציע פון „דער וועלט“, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דאַרפן קלינגען. אָבער די טיר צו דער רעדאַקציע איז געווען אָפן. דער אַריינגאַנג פריי. איך בין אַריין. פאַר מיר האָט זיך געשפרייט אַן אומגעהייער גרויסער צימער, אין וועלכן עס זיינען געשטאַנען אינגאַנצן צוויי אַלטע שרייבטישן, איינער פון אַנדערן ווייט— אַ מהלך... ביי איין טישל, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פון גרויסן ליידיקן צימער, איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ יידישלעכן אויסזען.

איך האָב זיך צו אים געווענדט און דווקא אין דייטש:

וואו און ווען קען מען זען א. קאָראַלניקן... און דערביי האָב איך זיך שוין אַליין פאָרגעשטעלט.

פאַר דעם יונגנמאַן איז מיין נאָמען, דאַכט זיך, געווען פרעמד. הייסט עס, זיכער — אַ דייטש־יידישער יונגערמאַן. אָבער א. קאָראַלניק — יאָ, ער אַרבעט דאָ אין דער רעדאַקציע און צען אַ זייגער וועט ער קומען — און אויב איך וויל, קען איך וואַרטן.

און ער האָט מיר, פריינדלעך צושמייכלענדיק, אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביים טיש, וואָס האָט זיך געפונען נית וויית פון טיר.

אַז איך האָב זיך שוין אַוועקגעזעצט ביים טיש — עס איז געווען אַ גרויסער אַלטער טיש, האָב איך געזוכט מיט עפּעס צו פאַרנעמען די צייט, האָב איך ניט ווילנדיק אַן עפן געטאָן דעם גרויסן טישקעסטל.

פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אוצר: יידישע צייטונגען פון גאָר דער וועלט, איבערהויפּט פון אַמעריקע. צייטונגען, וואָס ניט נאָר איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען, נאָר זייערע טיטלען ניט געהערט. עס איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן... — אַן אמתער אוצר...

איך האָב שוין געוואָלט, אַז א. קאָראַלניק זאָל קומען וואָס שפּעטער, איך זאָל האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אָט די אַלע צייטונגען.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין דער רעדאַקציע פון „דער וועלט“ ווערן די דאָזיקע יידישע צייטונגען ניט איבערגעלייענט... ניטאָ, קענטיק, קיין בעלנים אויף זיי און קיין גרויסע קענער פון יידיש איז דאָ מסתמא אויך ניטאָ. פיל פון די בלעטער זיינען אַפילו ניט געווען פונאַנדערגענומען, און ווי זיי זיינען אָנגעקומען פון דער פּאָסט, צי פון דער שיף, מיט וועלכער זיי האָבן דורכגעמאַכט זייער פאַר־וואָכיקע רייזע, אַזוי זיינען זיי נאָך געלעגן איינגעוויקלט אין די באַנדעראָלן...

האָב איך געוואַגט זיי פונאַנדערצוּוויקלען. גרויסע צייטונגען! מאַנכע האָבן פאַרמאָגט צו אַכט, מאַנכע צו מער זייטן און איינגעטונקט מיט כל־טוב... זייער אינהאַלט און זייער ריכטונג האָב איך נאָך

ניט געקענט באַנעמען... אויף זייערע ערשטע זייטן האָבן געפינקלט די גרויסע קעפּ וועגן אַלערליי אומגליקן און גליקן, וואָס עס האָט פּאַסירט אויף דער וועלט מיט מענטשן בכלל און מיט ייִדן בפרט... און איבערהויפּט אין ניו־יאָרק....

אָבער דער עיקר האָבן מיך אינטערעסירט די אינעווייניקסטע זייטן, די אַרטיקלען, די דערציילונגען און לידער... אָט האָב איך אין איין נומער געפונען אַ ליד פון מאָריס ראָזענפעלד... אָט — אַ דערציילונג פון תשרק און אָט איז גאָר אַן אַרטיקל פון אַ פּראָפעסאָר, פּראָפעסאָר געצל זעליקאָוויץ... עס האָט געקלונגען אַזוי אויסטערליש — אַ פּראָפעסאָר אַ ייִדישער שרייבער און דערצו מיטן נאָמען געצל... אַזוינס קען טאַקע פּאַסירן נאָר אין דער פרייער אַמעריקע...

איך האָב זיך אײַנגעטרונקען אין די אַלערליי צייטונגען, אין זייערע בונטע אָפּטיילונגען און הגם קיין באַגריף פון זייער ווערט האָב איך נאָך ניט באַקומען, צו רעשיק, צו שרייעריש זיינען זיי געווען, אַז איך זאָל קענען באַגרייפן גלייך זייער מהות, אָבער דער פאַקט אַליין, אַז אין אַמעריקע ערשיינען אַזוי פיל ייִדישע צייטונגען און אין אַזאַ גרויסן פאָרמאַט, ניט ווי „דער פריינד“ און „דער טאָג“ אין פיר פאַרהעלטניסמעסיק קליינע זייטן — דאָס אַליין האָט מיך געפרייט און געגעבן האָפענונג... אמת, וואו־ניט־וואו האָב איך שוין געמערקט, אַז קיין פּראָגרעסיוון כאַראַקטער טראָגן זיי ניט... די טיטלען פון די ראָמאַנען און די אונטערטיטלען זיינען געווען ניט לויט מיין געשמאַק, און אין איין צייטונג האָב איך באַמערקט זיך דרוקן אַ ראָמאַן פון אַ באַרימטן ראָמאַניסט, וואָס האָט זיך נאָך קונה־שם געווען אין רוסלאַנד...

איך האָב אָבער אויך געפונען טאַלאַנטפולעס אין אַ פּאָר פעליעטאָנען, וואָס איך האָב אייבערפלעכלעך איבערגעקוקט... צי איז דאָס געווען פון תשרק, צי פון זעליקאָוויץ — אָבער פאַר יענער צייט זיינען זיי שוין געווען געשריבן אין אַ שיינעם ייִדיש און האָבן פאַרמאָגט גייסטרייכן וויץ און אַפילו הומאָר...

הגם קיין ייִדישע אַרבעטער־צייטונגען זיינען אין דעם פּאַק צייטונגען ניט געווען, האָב איך זיך שוין אין דער רעדאַקציע פון דער

דייטשער „וועלט“ דערפילט היימישער... אַרומגערינגלט מיט אַלערליי יידישע צייטונגען פון אַמעריקע, האָב איך זיך שיר ניט פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין ווין, געמיינט, אַז איך זיץ ביי זיך אין דער היים און לייען יידיש און אָט באַלד עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין איינער פון מיינע נאָענטסטע...

די טיר האָט זיך טאַקע געעפנט און עס איז אַריין אַ יונגער בלאָנדער בחור פון אַ יאָר 19—20, אַ וואָרף געטאָן אַ האַלב מילדן, האַלב איראָנישן בליק אויף מיר, נאָכדעם צוגעגאַנגען צום צווייטן טישל, וואו עס איז געזעסן דער שוין דערמאָנטער יונגערמאַן און פאַרטיפט עפעס געשריבן...

יענער יונגערמאַן האָט דעם אַריינקומענדיקן אָנגעוויזן אויף מיר. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער, א. קאָראַלניק... איך האָב זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן...

איז דאָס טאַקע א. קאָראַלניק? אַוודאי יאָ... אַזאַ יונגער! אַ וואונדער... אָבער איך האָב עס בלויז געטראַכט, און פאַרקערט, אים האָב איך געגעבן צו מערקן, אַז טאַקע אַזוי דאַרף אויסזען א. קאָראַלניק...

וואָס זאָל איך לייקענען — א. קאָראַלניק איז מיר געפעלן געוואָרן. מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ, אָבער ער האָט זיך צו מיר גלייך דערנענטערט, מיך אויסגעפרעגט וועגן מיינע צילן, נאָכדעם מיר געבעטן וואַרטן אַ ביסל, אָט טאַקע ביי דעם פאַק צייטונגען, וואָס פריער האָב איך שוין באַוויזן פונאַנדערצונעמען און אָנוואַרפן אויפן טיש אין דער שענסטער אומאָרדענונג...

— פאַר אייך וועלן זיי אפשר זיין אינטערעסאַנט... — האָט ער גערעדט צו מיר אין רוסיש (מיט דייטש האָט ער זיך ניט נאַריש געמאַכט מיט מיר), — און ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן...

איבעריקנס האָט ער זיך אָפגעפאַרטיקט נאָך שנעלער, ווי איך האָב ערוואַרט. ער איז אַרויס פון אַ ווייטן צימער, וואו עס איז קענטיק געווען די קדשי-קדשים פון דער ציוניסטישער רעדאַקציע — און מיך גערופן צו גיין מיט אים...

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער געהאַט גענוג צייט, הגם ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער, ניט נאָר פון „דער וועלט“, נאָר אויך פון דער ווינער טעגלעכער ראַדיקאַלער צייטונג „די צייט“ און אין דער זעלבער צייט אויך געשריבן פאַר רוסישע זשורנאַלן, שוין ניט ריידנדיק, וואָס ער איז נאָך געווען אַ סטודענט דערצו. דאָס האָב איך אַלץ דערפאַרן, גייענדיק מיט אים דורך די רוישיקע ווינער גאַסן פון ניינטן באַצירק... ער האָט זיך ניט באַרימט, פאַרקערט, מיט ביטול צו אַלע די דאָזיקע אַרבעטן, האָט ער אַ פאַרבענקטער נאָך עפעס גרעסערס, העכערס, געקוקט ערגעץ אין דער ווייט. גערעדט האָט ער לאַגאָדנע און שטיל. און אומעטיקלעך און קלוג צוגעשמייכלט... עפעס אַ פיינער אומעט האָט געווייעט פון זיינע רייד און פון זיין גאַנצן באַנעמען זיך. יוגנטלעכע רייד, אומצופרידנקייט און אין דער זעלבער צייט — פאַרבאָרגענער שטאָלץ...

איך ווייס ניט — ער מיר, צי איך אים בין נאָענט געוואָרן. — מיר האָבן זיך שוין ניט צעשיידט דעם גאַנצן ערשטן טאָג, ביז שפעט אין אָוונט, ווען איך בין געגאַנגען שוין שלאָפן אין האָטעל „ראָסיאַ“, וואו אויך ער האָט פאַר מיר באַשטעלט אַ צימער... אויף מאָרגן זיינען מיר געגאַנגען עסן אין דעם רעסטאָראַן, וועלכן עס האָט געהאַלטן אַ יידיש-דייטשע פרוי, אַן אַלמנה, וואו עס האָט געקאָסט אַ קראָן אַ גאַנץ גוטער מיטאָג. אין דעם דאָזיקן האַלבפריוואַטן רעסטאָראַן האָבן געגעסן בלויז יידישע סטודענטן, ניט רעכענענדיק די סטודענטקע, די יונגע פוילישע גרעפין, מיט דעם געשוירענעם שיינעם קאָפ און מיט דעם אומעט אין די בלויע אויגן. און פאַרוואָס איז זי אומעטיק געווען? — זי, די פוילישע יונגע גרעפין, איז געווען פאַרליבט אין אַ יידישן סטודענט און דער סטודענט האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט גאָר אַן אַנדערע... איך האָב שטאַרק מיטגעפילט דער דאָזיקער פוילישער גרעפין און באַוואונדערט איר גוטסקייט און איר צוגעלאָזטקייט צום יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איר קומען אַלע טאָג עסן אַ מיטאָג, אַ האַלביידישלעכן און אינגאַנצן אַ כשרן — און פריינדלעך פאַרבראַכט מיט די יידישע סטודענטן און אַ פאָר יידישע סטודענטקעס.

אָבער אינטערעסאַנטער פון אַלע איז אין רעסטאָראַן געווען די יונגע קעלנערין מיצי... זי האָט באמת פאָרגעשטעלט מיט איר יוגנט, נאַיִוויטעט, לוסטיקייט און געמיטלעכקייט — „דאָס זיסע מיידל“, מיט וועלכער ווין רימט זיך אַזוי... קיין גרעפין איז זי טאַקע ניט געווען, זי האָט געשטאַמט פון פשוטן פאָלק, נאָר זי איז מיר געווען געפעלן מער ווי די גרעפין. אָבער מיצי האָט שוין אויסגעקליבן איר שאַץ איינעם פון פאָלק... אַלנפאַלס אַזוי האָט זי אַליין זיך באַרימט און זי האָט די סטודענטן בלויז אַמיזירט מיט איר קלינגענדיקן געלעכטערל און ליבן שמייכל, וואָס האָט פאַרזיסט און באַטעמט די אַלע געריכטן, וואָס זי אַליין האָט אַזוי חנעוודיק, אַזוי גראַציעז דערלאַנגט צום טיש און אַזוי זינגענדיק איבערגעפרעגט יעדן סטודענט, וואָס ער ווינטשט. און דערלאַנגענדיק דאָס לעצטע געריכט — די „מעל-שפּייזע“ — האָט זי שוין געלויכטן ווי די זון... אָבער גלייך נאָך דער „מעל-שפּייזע“ פלעגט די דאָזיקע זון ביז מאָרגן פאַרשווינדן...

אַוודאי האָט זי געמיינט, אַז אויך איך בין אַ סטודענט — פון ניט קיין סטודענטן האָט זי אין דעם געמיטלעכן רעסטאָראַן ניט געוואוסט — און אויב אַ סטודענט, מעג ער אַפילו דאַרפן נאָך יאָרן לערנען, ביז ער וועט דעם דאָקטאָר-טיטל באַקומען, און מעג ער אַפילו קיינמאָל דעם טיטל ניט באַקומען, — איז ער שוין אַ דאָקטאָר, אַ הער דאָקטאָר, — נו, בין איך אויך געקרוינט געוואָרן פון מיצין מיט דעם טיטל דאָקטאָר.

— הער דאָקטאָר, וואָס ווינטשן זי...

לכתחילה האָב איך איר געפּרוווט אויפווייזן איר פעלער, וואָס זי מאַכט: איך בין ניט קיין דאָקטאָר... אָבער זעענדיק, אַז עס העלפט ניט, האָב איך דעם אומפאַרדינטן טיטל אָנגענומען פאַר ליב...

איבעריקנס, האָב איך זיך פון דעם דאָזיקן טיטל אין ווין זיך ניט געקענט באַפרייען. איך בין שוין געבליבן דאָקטאָר אויך ביי דער דייטשער באַלעבאָסטע, ביי וועלכער איך האָב, שוין שפּעטערצו, געוואוינט אין איין צימער מיט א. קאָראַלניקן, און אַלע אינ-

דערפרי הָאט זי אונז צוגעטראָגן נאָך אין בעט די טאַסע קאַפּע מיט אַ זעמל....

ס'איז ניט קיין באַלעבאָסטע געווען — נאָר אַ מאַמע... איבערהויפּט צו א. קאָראַלניקן, וועלכן זי האָט מיט גרויס אָפּשיי, ניט קוקנדיק אויף זיין יונגקייט, גערופן „הער דאָקטאָר“. אין זיין זכות האָט זי מיך שוין אויך גערופן מיט דעם זעלבן טיטל...

פערציקסטער קאַפּיטל

די אַנגעשטעלטע און באַאַמטע אין דער ציוניסטישער „וועלט״. — ד״ר הערצלס קראַנקהייט. — די לעגענדן וועגן זיין גוטסקייט. — די פועלי-ציוניסטן אין ווין. — די בוכהאַנדלונג אין טאַבאָרשטראַסע. — אינזליכט דער רעוואָלוציאָנער. — „דער יודישער אַרבייטער״. — מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „יודישען אַרבייטער״. — די היימישע סביבה. — אינזליכט ווערט אַ פאַרלעגער פון אַ ביכעלע מיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. — מיין אומדירעקטע מיטאַרבעטערשאַפט אין „דער וועלט״. — „דער אַלטער מגיד״. — א. קאַראַלניק אַלס איבערזעצער. — ד״ר ווערנער, רעדאַקטאָר פון „דער וועלט״. — אופשימני דער אַטלעט. — דער פאַלקאָוויניק אין דער אַדמיניסטראַציע.

אין דער רעדאַקציע „די וועלט" בין איך שוין געוואָרן אַ שטיקל בן-בית. אַן אייגענער מענטש הייסט עס. קיינער פון די אָנגעשטעלטע און פון די באַאַמטע, סיי פון דער רעדאַקציע, סיי פון דער ציוניסטישער ביוראָ, וואָס האָט זיך אין זעלבן הויף געפונען, האָט ניט געוואוסט, אַז איך בין ניט נאָר ניט קיין ציוניסט, נאָר אַ שטאַרקער קעגנער, אַפילו אַ קעמפער קעגן זיי... זייער נאַיוויטעט האָט מיך צייטנווייז גערירט. אין זייער „אומוויסנהייט" בנוגע דעם יידישן לעבן, האָבן זיי געגלויבט, אַז יעדער יידישער שרייבער איז אַ ציוניסט. בפרט אַז זייער פירער הערצל האָט זיי געלערנט, אַז ניט קיין ציוניסט איז קיין ייד ניט, אָדער עפּעס ענלעכעס האָט ער געזאָגט. קיין וויכוחים מכוח ציוניזם האָב איך מיט קיינעם ניט געפירט. ווען כ'בין געקומען קיין ווין, איז דער „גרויסער פירער" שוין געווען שטאַרק קראַנק. דער גאַנג פון זיין קראַנקהייט און אויך די סיבה איז געווען פאַרוויקלט אין געהיימניס, ווי די קראַנקהייט פון אַ קיניג, אַרום וועמעס קראַנקבעט עס קומען פאָר אין דער שטיל אַלערליי אינטריגעס... אין דער ציוניסטישער ביוראָ, טירקענ-

שטראַסע נומער 9, האָט זיך געשפרייט אַן אָנגעשטרענגטער אומעט. די מענטשן האָבן גערעדט שטילער און סודותדיקער... ניט היטנדיק זיך פון מיר, האַלטנדיק מיך פאַר אַן אייגענעם מענטשן, האָבן מאַנכע פון זיי אַפילו מיר מרמז געווען, אָנגעוואונקען די אורזאַכן פון דעם גרויסן פירערס קראַנקהייט, — אוגאַנדע, די אָפאָזיציע... און דערביי האָבן זיי דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ רוסישן ציוניסטישן טוער... דאָס איידעלע האַרץ פון דעם גרויסן פירער האָט ניט אויסגעהאַלטן די אַטאַקעס פון די קעגנערס, אין דעם ציוניסטישן לאַגער גופא, איבערהויפט פון דעם „רוסישן“ ציוניסט... דעם נאָמען פון דעם רוסישן קעגנער האָט מען דערמאָנט מיט מורא... און הגם איך בין קיין „אוגאַנדיסט“ אויך ניט געווען, איז דאָך מיין סימפאַטיע געווען אויף דער זייט פון ד״ר הערצל... אפשר דערפאַר, ווייל ער איז מיטן אוגאַנדע-פראָיעקט שטאַרק דורכגעפאַלן ביי די ציוניסטן... געמיינט האָט ער דאָך צו העלפן דעם פאָלק, און אין זיין אויפריכטיקייט האָב איך, שוין זייענדיק אין ווין, ניט געצווייפלט. ער, אַלס מערב-אייראָפעישער ייד, וועמען דאָס עכטע יידישע לעבן איז לחלוטין פרעמד געווען — האָט געזוכט צו העלפן דעם יידישן פאָלק לויט זיין אייגן-געמאַכטן רעצעפט. און אויב דער ערשטער רעצעפט — ארץ-ישראל — האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט גאָר געלונגען, האָט ער פאַרשריבן אַ צווייטן רעצעפט — אוגאַנדע...

אויב זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך אין מיין קאַמף קעגן ציוניזם אויך ניט געשוינט ד״ר הערצלען, פאַרוואָס אַ פאָליטישער ציוניסט פלעגט מיך שיר ניט וועלן דורס זיין, איז מיר אין ווין גופא ד״ר הערצלס נאָמען טייער געוואָרן. די לעגענדן, וואָס האָבן זיך שוין גענומען וועבן וועגן אים — נאָך ביי זיין קראַנקהייט. האָבן זיין טעטיקייט פאַרגרעסערט, פאַרשענערט און ער איז אין זיי אויסגעוואַקסן אַלס איינע פון די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן. איבערהויפט האָבן מיך גערירט די לעגענדן וועגן אים אַלס גוטהאַרציקן, וואָס האָט זיך אָפגערופן אויף די פערזענלעכע נויטן פון זיינע באַזוכער, פשוטע יידן פון פאָלק, און ער האָט געהאָלפן זיי מיט דער ברייטער האַנט פון זיין אייגענעם געלט, הגם ער איז געווען ניט רייך...

פילע פון די לעגענדן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט ד״ר הערצלען אַלס אַ מענטשן מיט אַ גאָלדן האַרץ, האָבן מיטגעווירקט, אַז איך, אַ געוועזענער קעגנער, זאָל ווערן אויב ניט אַ פאַרערער פון זיינע אידעען, איז כאָטש אַ פריינד פון אים אַליין... זיין געזונטצושטאַנד, וואָס האָט שוין דאַן, ביי מיין אָנקומען קיין ווין, זיך שטאַרק פאַרערגערט — האָב איך פון טיפן האַרצן באַדויערט. און די באַריכטן, וואָס איך פלעג באַקומען אין הויף פון טירקענשטראַסע נומער 9, וועגן דער פאַרערגערטער לאַגע, האָט שוין געמילדערט מיין קעגנערשאַפט צום ציוניזם בכלל, פון וועלכן ער איז דער שעפער געוועזן און פאַר וועלכן ער האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן... איך האָב שוין ניט געהאַט קיין מוט צו צייגן זיך אַלס קעגנער... איך בין געוועזן דאַן אַ באַאָבאַכטער פון אַלץ, וואָס קומט דאָרט פאָר, אָבער ניט צוליב וועלכע עס איז פאָליטישע צוועקן...

ניט האָבנדיק קיין אַנדערע סביבה בכלל, און פילנדיק זיך פרעמד אין דער גרויסער שטאָט ווין — האָב איך זיך אפשר אַליין ניט ווילנדיק צוגעטוליעט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. טאָמער האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך אַ יידישער סביבה, פלעג איך זיך לאָזן אויף טאַבאָר=שטראַסע, וואו עס האָט זיך געפונען די יידישע בוכהאַנדלונג, וואָס הגם איר עמבלעם איז געווען דער ציוניסטישער מגן=דוד, האָט זי אָבער געהערט צום פועלי=ציוניסטישן פירער אינזליכט, און אויסער וואָס ער אַליין איז געווען אַ פריינדלעכער, רעוואָלוציאָנעריש געשטימטער יונגער בחור, וואָס האָט גאַנץ קונציק צוזאַמענגעבונדן ציוניזם מיט סאָציאַליזם אַדאַנק די דעמאָלסטיקע פועלי=ציוניסטישע טעאָרעטיקער, איז זיין בוכהאַנדלונג געווען אַ זאַמלפונקט פון אַלע יידיש=ריידנדיקע און יידיש=ליבהאָבער, וואָס זיינען מגולגל געוואָרן אין ווין—ווער פון רוסלאַנד, ווער פון גאַליציע. אינזליכט אַליין, צי אַ געבוירענער אין ווין, צי געקומען אַהין אַלס יינגל, פון גאַליציע, האָט גערעדט אַ שיינעם יידיש און האָט אַפילו געשריבן יידישע אַרטיקלען... ער איז געווען דער אַרויסגעבער פון דעם אָרגאַן „דער יודישער אַרבייטער“, וואָס איז דאַן ערשינען כלומרשט אַלע צוויי וואָכן, אָבער די אַבאָנענטן, צי די לעזער בכלל, האָבן געדאַנקט גאָט, ווען ס'איז ערשינען איינמאָל אין אַ חודש,

צי אַפילו אין זעקס וואָכן... אַוודאי האָט „דער יודישער אַרבייטער" זיך געניטיקט אין מיטאַרבעטער און, דערוויסנדיק זיך פון מיר, האָט מיך די דאָרטיקע קליינע פועלי־ציוניסטישע גרופּע אַוודאי אויסגענוצט. איבעריקנס האָב איך אַליין געגעבן אַרטיקלען מיטן גוטן ווילן, הגם קיין האָנאָראַר האָט מען ניט געצאָלט. ניט רעכענענדיק דאָס „ביסעלע" ציוניזם, וואָס „דער יודישער אַרבייטער" האָט לפנים וועגן אַנטהאַלטן — איז עס אין יענער צייט געווען באמת אַ רעוואָלוציאָנערע צייטשריפט. מען האָט געקעמפט קעגן דעם בורזשואַזן ציוניזם, קעגן קאַפּיטאַל בכלל און קעגן יידישע קאַפּיטאַליסטן בפרט... האָב איך שוין אין דער יידישער בוכהאַנדלונג אויף דער טאַבאָר־שטראַסע, וואָס איז אויך געווען די רעדאַקציע פון „יודישען אַרבייטער" — זיך פשוט געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. עס איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס אַ לענגערע צייט, ניט קענענדיק זיך אַריענטירן אין די ווינער גאַסן, האָב איך ניט געקענט אַליין טרעפן אַהין און האָב פאַרדולט די קעפּ פון אַ סך אומשולדיקע דייטשן, און אפשר אויך יידן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דייטשן, פרעגנדיק, ווי אַזוי קומט מען צו טאַבאָר־שטראַסע...

דער וועג צו טאַבאָר־שטראַסע איז דווקא געווען זייער אַ שיינער. מען האָט געדאַרפט דורכגיין דעם שיינעם ברייטן בריק, וואָס איז געהאַנגען איבערן זינגענדיקן דונאַי... דערצו „דער פראַנץ־יאָזעפס־קאַי", איינער פון די שענסטע פלעצער אין ווין, וועלכן איך פלעג מוזן דורכגיין — האָט מיך באַצויבערט און דערהויבן מיט זיין שיינקייט, ברייטקייט און מאַיעסטעטישקייט... און אויב איך פלעג אַפילו אַ ביסל בלאָנדזשען, ביז איך האָב דערגרייכט די טאַבאָר־שטראַסע, איז אָבער כדאַי געווען צו בלאָנדזשען... בפרט אַז צייט האָב איך אין ווין געהאַט גענוג.

אין אינזליכטס בוכהאַנדלונג, און, אַז מען וויל, האָט מען עס אויך געקענט רופן פאַרלאַג, ווייל אינזליכט האָט אויסער זיין אַרויסגעבן „דעם יודישען אַרבייטער" און אַנדערע פועלי־ציוניסטישע בלוגבלעטלעך, אויך זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג פון מיינע לידער און דווקא די מער רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָבן אין רוסלאַנד דאַן, צוליב דער שטרענגער צענזור, ניט געקענט ערשיינען. — אין

אינזליכטס בוכהאַנדלונג האָב איך שוין געקענט פריי אַרויסזאָגן זיך קעגן ציוניזם. סיי אינזליכט סיי זיינע פריינד און געסט האָבן שוין געוואוסט, אַז איך געהער צו אַן אַנדער לאַגער, אמת, ניט אַזוי־פיל, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. און אויב אַפילו יאָ, האָבן זיי מיר פאַרגעבן. דערפאַר האָב איך זיי אַרויסגעהאָלפן מיט ליטעראַרישע נאָטיצן, אין וואָס „דער יודישער אַרבייטער" האָט זיך זייער שטאַרק געניטיקט. איך האָב זיי אַפילו געגעבן אַן אַרטיקעלע וועגן מאָרים ראָזענפעלד. מיט איין וואָרט — איך בין שיר ניט געוואָרן פאַררעכנט פאַר אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון דער פּועלי־ציוניסטישער צייטשריפט, וועלכע, ווי געזאָגט, איז געווען שטאַרק רעוואָלוציאָנעריש רעדאַקטירט. הלוואַי אויף אונזערע היינטיקע פּועלי־ציוניסטן געזאָגט געוואָרן — כאָטש אַ דריטחלק....

ווער רעדט אין דער באַציִונג צו יידיש איז דער דעמאָלסטיקער פּועלי־ציוניסטישער „יודישער אַרבייטער" געווען קאָנסעקווענט. אמת, אויך די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ווין, די פירער פון דער ציוניסטישער „וועלט" זיינען נאָך דעמאָלסט ניט געווען קיין קעגנער פון יידיש און צו דער יידישער שפּראַך האָט זיך „די וועלט" באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט, כמעט גלייך ווי צו העברעיִש.

קיין גרויסע לומדים סיי אין יידיש, סיי אין העברעיִש זיינען צווישן די ווינער פירער, און אַפילו צווישן די מיטאַרבעטער פון „דער וועלט" טאַקע ניט געווען. מיט דער אויסנאַמע פון א. קאָראַלניק זיינען אַלע מיטאַרבעטער געווען ווייט פון ביידע יידישע שפּראַכן און ליטעראַטורן. דער רעדאַקטאָר פון „דער וועלט", ד״ר זערנער, איז געווען אַן עם־האָרץ גמור. מיט זיין אומוויסנקייט אין יידישקייט האָט ער געהאַט אַ נאָמען אַפילו צווישן די ווינער ציוניסטן, וואָס זיינען אויך ניט געווען קיין לומדים. איך האָב דעמאָלסט ניט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי אַזאַ מין „ייד", אַפילו אַ מערב־אייראָפּעיִשער, קען זיין דער רעדאַקטאָר פון „דער וועלט". אַ גליק, וואָס א. קאָראַלניק איז געווען איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון „דער וועלט", שיר ניט דער רעדאַקטאָר, כאָטש אָן דעם רעדאַקטאָר־טיטל — און אפשר האָט ער דעם טיטל פון רעדאַקטאָר פון אַ געוויסער אָפּטיילונג אין „דער וועלט" יאָ געהאַט. סיי־זיי־

סי — א. קאָראַלניק איז געווען דער „געלערנטער ייד“ פון „דער וועלט“. אויסער אים גערענק איך ניט קיין איינעם פון די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, וואָס זאָל האָבן אַ ידיעה אין יידישקייט. איינעם פון די מיטאַרבעטער גערענק איך אַזוי ווי איצט אַפילו מיט זיין נאָמען — אופשימני האָט ער געהייסן. אַז איך האָב אים דערזען דאָס ערשטע מאָל, האָב איך ניט געקענט גלויבן, אַז ער איז אַ שרייבער בכלל, ניט נאָר אַ ייד... אַ הויכער, אַ ברייטביניקער, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַטלעט... ער איז אָבער יאָ געווען אַ שרייבער, אַ ייד און אַ ציוניסט דערצו. אַ מיטאַרבעטער איז ער געווען ניט נאָר אין „דער וועלט“, נאָר אויך אין דער „אַלגעמיינער ווינער אילוסטרירטער ציַיטונג“, וואָס איז געווען איינע פון די פאַרשפרייטסטע צייטונגען אין ווין און איז געווען באַשטימט פאַר די אָפגעשטאַנענסטע מאַסן פון דער ווינער באַפעלקערונג... איר צירקולאַציע האָט זיך געציילט ביז אַ מיליאָן... וואָס דער דאָזיקער אופשימני האָט געשריבן אין „דער וועלט“, ווייס איך עד־היום ניט... איך ווייס נאָר, אַז ער פלעגט קומען אַלע טאָג אין רעדאַקציע און אַז ער פלעגט אַריינקומען פלעגט ער אין דער פאַרגליווערטער רעדאַקציאָנס־אַטמאָספערע אַריינברענגען פיל לעבן און פריילעכקייט מיט זיין פערזענלעכקייט אַליין... אַ פיזיש שטאַרקער, אַ צופרידענער, איז ער שטענדיק געווען אין גוטן הומאָר, שטענדיק געשמייכלט, געטריבן שפאַס מיט די פיזיש־שוואַכערע מיטאַרבעטער. צו זיינעם אַ האַנט־דרוק, וואָס ער פלעגט געבן ביים אַריינקומען, צי ביים אַוועקגיין, האָט מען געדאַרפט זיין אַליין אַ גיבור, צו פאַרטראָגן דאָס... אמת, מיר פלעגט ער געבן די האַנט מיט רחמים. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער האָט געלעזן מיינע זאַכן אין דער דייטשער איבערזעצונג און זיך צו מיר באַצויגן זייער פריינדלעך. איך האָב דעם דאָזיקן אופשימני דווקא זייער גערן געהאַט. ער איז מיר געפעלן געווען מיט זיין פרייער האַלטונג, מיט זיין ניט אָנגעצויגנקייט... עס האָט מיר בלויז געוואונדערט, וואָס ער, אַזאַ ריז, האָט אויסגעוויילט אַזאַ אײדעלע פראָפעסיע, ווי ליטעראַטור... איך האָב וועגן דעם געפרעגט קאָראַלניקן, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז אים אַליין וואונדערט עס אויך...

הגם ד״ר ווערנער, דער רעדאַקטאָר פון „דער וועלט" (דער שעף־רעדאַקטאָר פון „דער וועלט" איז פאַר דעם געווען ד״ר הערצל) איז ניט געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אָבער אַדאַנק א. קאָראַלניקס פאָרשטעלן מיך — יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיך געטראָפן אין רעדאַקציע, פריינדלעך באַגריסט. ער איז בכלל געווען אַ מענטש אַ פריינדלעכער, אַ גוטמוטיקער... האָט ער מיר איינמאָל אַפילו פאָרגעשלאָגן, איך זאָל געבן אַ דערציילונג פאַר „דער וועלט".

איך האָב גראָד דעמאָלסט אָנגעשריבן — טאַקע אין דעם זעלבן צימער, אין וועלכן איך האָב נאָך אַליין געוואוינט מיט א. קאָראַלניקן — מיין דערציילונג „דער אַלטער מגיד". דער מאָטיוו האָט זיך גראָד געפּאַסט פאַר „דער וועלט". אָבער דווקא ווייל עס האָט זיך געפּאַסט, האָב איך זיך געוואַקלט צו געבן עס, מען זאָל מיך, חלילה, ניט חושד זיין, אַז איך בין אין ווין נכשל געוואָרן... דער סיוזשעט איז מיר נאָך איינגעפאַלן מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך בין דווקא געווען געשטימט קעגן ציוניזם. אין דערציילונגען אָבער האָב איך קיינמאָל ניט מקפּיד געווען... דער העלד פון דער דערציילונג איז געווען אַן אַלטער מגיד, וואָס האָט אין פאַרלויף פון זיין לעבן פאַרמאָגט בלויז זעקס דרשות און מיט די זעקס דרשות פלעגט ער אַרומפאָרן אָדער אַרומגיין צופוס — איבער יידישע שטעטלעך, און אין פאַרלויף פון אַ וואָך פלעגט ער זיי אַלע אָפּזאָגן, און נאָכדעם די זעלבע דרשות איבערזאָגן אין אַ צווייטן שטעטל. אויף צו מסדר זיין אַ נייע דרשה, האָט שוין זיין פאַנטאַזיע ניט געטראָגן. און ער וואָלט מיט זיינע זעקס דרשות שוין אויסגעלעבט זיינע יאָרן, איז אָבער געקומען דער ציוניזם מיט די נייע מטיפים און עס האָט זיך געפאָדערט אַ נייע דרשה פאַרן עולם...

און איידער איך האָב די דאָזיקע דערציילונג מיט נאָך אַ דערציילונג — „אברהם דער סאַדאָווניק", וואָס איך האָב כמעט אין איין צייט אָנגעשריבן אין קאָראַלניקס צימער, — איידער איך האָב די דאָזיקע דערציילונג אַוועקגעשיקט אין „פריינד", האָט א. קאָראַלניק זי איבערגעזעצט פון מאַנוסקריפּט אין דייטש און ער, אַלס

שטענדיקער מיטאַרבעטער, האָט עס אַליין איבערגעגעבן אין „דער וועלט“....

אַז די דערציילונג האָט זיך אָפּגעדרוקט, האָב איך אַוודאי געוואָלט אויסקויפן מיין „זינד“ מיטן האָנאָראַר, וואָס איז מיר שוין דערמאָלסט, בלייבנדיק שיר ניט אָן אַ קרייצער, שטאַרק נייטיק געווען. קאָראַלניק האָט זיך פון זיין חלק אָפּגעזאָגט, הגם קיין גביר איז ער דאַן און אפשר אויך פיל שפּעטער — ניט געווען. דינגען זיך מיט אים האָב איך ניט געוואַגט, ניט קוקנדיק, וואָס איך בין געווען עלטער פאַר אים מיט אַ יאָר אַכט־ניין און האָב שוין געהאַט אַ שטיקל נאָמען אַפילו אין ווין, ביי מאַנכע מערב־אייראָפּעישע יידן, מיט אמתע דאָקטאָר־טיטלען און ניט נאָר מיט טיטלען, וואָס די קעלנערס גיבן אין די רעסטאָראַנען צוליב העפלעכקייט אָדער צוליב אַ טרינקגעלט...

אָנגעטראָפן האָט דער האָנאָראַר גאַנצע צען גולדן (און אפשר בלויז צען קראָנען — כ׳געדענק שוין ניט...). די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אַזוי באַקומט מען עס?...

דער געלטגעבער, דער אויסצאָלער הייסט עס, איז געווען איינער אַן „אָבערסט“, אַ רעזיגנירטער, אַ אמתער מיליטערמאַן. ער איז געווען, הייסט עס, מיט יאָרן צוריק, נאָך פאַרן ציוניזם, אַ פּאָלקאָווניק אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ווי אַזוי ער איז געקומען צום ציוניזם, ווייס איך ניט... איך ווייס נאָר, אַז אין דער אַדמיניסטראַציע האָט געהערשט אַ שטאַרקע דיסציפּלין, פּונקט ווי אַמאָל אין זיין „רעגימענט“, און אַפילו אופּשימני האָט, דאַכט זיך, פאַר אים מורא געהאַט, און איז געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, אויב אופּשימני האָט איבערהויפּט געקענט פאַרגליכן ווערן צו אַ סטרונע...

וואָס אָנבאַטרעפט מיך, האָב איך שוין מיט דעם דאָזיקן ציוניסטישן פּאָלקאָווניק געהאַט צו טאָן נאָך איידער איך האָב געדאַרפט באַקומען דעם האָנאָראַר... עס איז מיר „נעמלעך“ אָנגעקומען אויפן אַדרעס פון „דער וועלט“ אַ ביסל געלט פון וואַרשע פון י. לידסקי. האָב איך דאָס געלט געדאַרפט קריגן טאַקע פון דעם פּאָלקאָווניקס האַנט. האָט ער מיך גענומען איפן פאַרהער, צי

בין איך עס דער זעלבער אַבראַהאַם רייזען, ווייל אויף דער געלטזענדונג שטייט דייטלעך אַבראַם רייזין... זאָל איך אים ווייזן מיינע פּאַפּירן. האָב איך בלויז געהאַט אַ רוסישן פּאַספּאָרט, וועלכן ער האָט ניט געקענט לעזן... האָט ער פון מיך געפאָדערט סתם קאָנווערטן מיט אַדרעסן אויף מיין נאָמען... איז צום אומגליק אויף איין אַדרעס געווען געשריבן אַבראַם רייזין און אויף איינעם אַבראַהאַם רייזען... מילא, דעם חילוק פון אַבראַהאַם ביז אַבראַם וואָלט ער שוין ווי עס איז נאָכגעגעבן, אַז עס איז אַלץ איינס, אָבער צווישן רייזין און רייזען איז אַ גרויסער אונטערשייד, צי זיינען דאָס ניט אַמאָל באַזונדערע אינדיווידואומס.

און ריידנדיק מיט אים און ווייסנדיק, אַז ער איז אַ פּאָלקאָווניק, האָט זיך שיר ניט אָפּגערופן דער „סאָלדאַט“ אין מיר. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו סאַליוטירן אים.

נאַטירלעך, צו קריגן די סומע ביי אים פאַר מיין אָפּגעדרוקטער דערציילונג אין „דער וועלט“, איז מיר שוין אָנגעקומען גרינגער. דאָס איז דאָך שוין געווען האָנאָראַר. איז ער שוין געווען עטוואָס מילדער, דאָך נאָך אַלץ גענוג מיליטעריש־שטרענג. עס ווייזט אויס, אַז בעלעטריסטיק האָט ער אין „דער וועלט“ ניט געלייענט און קיין גרויס כבוד אויף קינסטלער בכלל ניט געלייגט... און אויסער וואָס ער האָט מיר דערלאַנגט אַ געדרוקטן צעטל, און געהייסן מיר אונטערשרייבן מיין נאָמען צו באַשטעטיקן, אַז איך האָב די סומע באַקומען אין פולן און איך האָב ניט קיין שום טענות צו „דער וועלט“ — האָט ער מיט מיר וועגן ליטעראַרישע ענינים ניט גערעדט.

איינאונפערציקסטער קאַפּיטל

מיין ערשטע פאַרלעזונג. — דער יידישער סטודענטנפאַראיין אין ווין. — ניט קיין רגיל. — דער דאַנק פון פּרעזידענט. — די יידיש-דייטשע סטודענטן. — הוגאָ צוקערמאַן אַלס יידיש-ליבהאָבער און איבערזעצער. — זיין חבר פרויד. — די מאַנאַטשריפט „אונזער האָפנונג" פאַר דער יידיש-דייטשער יוגנט. — מיט אַ באַנד שלום-עליכם אונטערן אָרעם. — די הייליקע תּמימות. — מיינע דערציילונגען אין דער ליטעראַרישער בייל‌אַגע פון „Vorwärts". — דער טריומף. — די געשיכטע פון דער דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל". — די מאָדעל פון דער דערציילונג „שלמה דער שניידער". — מיין בריוו צו די אַמעריקאַנער „יידישע גאַזעטען". — די סענסאַציע. — גרייזעלס פאַרשלאָג צו גרינדן אַ פאָנד. — זיין ערשטער דאָלער.

צוליב מיין חברן זיך מיט א. קאָראַלניקן, וועלכער איז געווען אַ סטודענט, האָב איך זיך שוין אין אַ קורצער צייט באַקאַנט מיט דעם נאַציאָנאַל-געשטימטן טייל פון דער יידישער סטודענטנשאַפט אין ווין. די יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד, הגם ציוניסטיש-געשטימט, זיינען אָבער אין יענער צייט ניט געווען קעגן יידיש, בפרט אַז אַ טייל פון זיי זיינען געווען פּועלי-ציוניסטן אָדער סתם נאַציאָנאַליסטן. אייניקע פון זיי האָבן זיך צו מיר באַצויגן זייער וואַרעם. איבערהויפּט צוויי ברידער סטודענטן וואָס האָבן געשטאַמט פון גראָדנער גובערניע. איינער פון זיי, דער יינגערער, אַ סטודענט פון פילאָסאָפישן פאַקולטעט, איז געווען דער פּרעזידענט פון דעם יידישן סטודענטן-פאַראיין, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם לאָקאַל. האָט ער מיר „אָפיציעל" איבערגעגעבן די איינלאַדונג פון פאַראיין, אַז איך זאָל אין דעם סטודענטן-לאָקאַל פאָרלעזן פון מיינע ווערק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געדאַרפט אַרויסטרעטן עפנטלעך און נאָך פאַר אַזאַ געהויבענער אוידיטאָריע... אָפּ-

זאָגן אָבער האָט ניט געפּאַסט. אין יענער צייט זיינען סטודענטן געווען דער געהויבנסטער „קלאַס“ צווישן דער אינטעליגענץ, דער הייוון פון אַלע נייע באַוועגונגען בכלל.

די דריי יידיש־געשטימטע סטודענטן, וואָס איך האָב נאָך זייענדיק אין וואַרשע אין פרצעס סביבה קענען געלערנט און טיילווייז זיך אַפילו געחברט אָדער גאָר באַפריינדעט מיט זיי, זיינען געווען: יצחק גרינבוים, נוח דאַווידזאָן און מ. ג. סירקין (ניט פאַרמישן אים מיט ד״ר נחמן סירקין). זיי זיינען אויך געווען ציוניסטיש געשטימט, דאָך האָבן זיי שוין דאַן אין וואַרשע געשטאַרקט די האָפענונג, אַז יידיש, וואָס זיי האָבן, איבעריקנס, גאַנץ געלויפיק גערעדט — וועט ווערן אויך די שפּראַך פון דער יידישער העכערער אינטעליגענץ. דערצו זיינען טאַקע אָט־די דריי דערמאָנטע וואַרשעווער סטודענטן פערזענלעך געווען זייער סימפּאַטיש. נוח דאַווידזאָן מיט זיין שלאַנקער וואוקס און די שיינע בלויע אויגן, הגם צו אַריסטאָקראַטישער האַלטונג; דער רירעוודיקער יצחק גרינבוים מיט זיין תמימותדיקן גלויבן, אַז שטענדיק איז ער גערעכט, וואָס ער האָט דאָס אַרויסגעוויזן נאָך אַלס יונגער סטודענט אין זיינע דעבאַטן מיט פרצן — אין פרצעס הויז; און סירקין, אָט דער ליבער מענטש, וואָס ניט קוקנדיק וואָס ער האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס, פון די סירקינס! — דערצו אַ סטודענט, האָט ער זיך שטענדיק באַגייסטערט פאַר דעם לעבן פון די אָרעמע פאָלקסמאַסן און ביי אַ געלעגנהייט פאַרטיידיקט אַ ליד אָדער אַ דערציילונג מיינע, וועלכע האָט געשילדערט דאָס צו אָרעמע לעבן און האָט ניט אויסגענומען ביי די מפונקים און „עסטעטן“....

אויף אַזאַ אופן, לויט מיין דעמאָלסטיקער מיינונג וועגן יידישע סטודענטן און דער האָפענונג אויף זיי בנוגע יידיש — האָב איך די פאָרלעזונג אָנגענומען און אין דעם באַשטימטן אָוונט, האָב איך אין דעם ווינער יידישן סטודענטן־פאַראיין פאַר אַן עולם, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פערציק־פופציק סטודענטן — מער וואָלט דער לאָקאַל ניט געקענט אַריינגעמען — פאָרגעלייענט מיינע דערציילונגען „דער בוים“, „שכר־לימוד“, „יאַזעף אין דער יידישער גאַס“ און „אַ

דראַמע איבער פֿינף קאַרטאָפֿל"... אויף „אַנקאָר" האָב איך זיי געגעבן אייניקע לידער. איך קען זיך ניט באַרימען, אַז דער ערפֿאָלג איז געווען זייער גרויס. ניט זייענדיק קיין רגיל הויך פֿאָרצולעזן מיינע „זאַכן", האָב איך, וואַרשיינלעך, פֿילע כאַראַקטעריסטישע שטעלן ניט באַטאָנט, ניט אַקצענטירט, ווער רעדט וועגן אינטאָנאַציע — דערפֿון איז אַוודאי קיין זכר ניט געווען. דאָס האָב איך זיך ערשט אויסגעלערנט מיט דער צייט... אָבער דער פּרעזידענט פֿון פֿאַראיין האָט מיר דאָך נאָך דער פֿאָרלעזונג אָפֿיציעל אין אַ קורצער רעדע באַדאַנקט אין נאָמען פֿון דעם יידישן סטודענטן-פֿאַראיין און די שטימונג איז געוואָרן אַ גאַנץ געהויבענע, און אַפֿילו איך אַליין, כאָטש איך האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז איך האָב ניט צו שטאַרק אויסגענומען, האָב איך זיך איינגערעדט, אַז אַדרבא-ואַדרבא. דערצו האָב איך זיך געטרייסט, אַז אַ צווייטן מאָל, אויב עס וועט אויסקומען צו פֿאָרלעזן פֿאַר אַן עולם, וועלן „מיר" עס מאַכן בעסער...

צי זיינען אויף מיין ערשטער פֿאָרלעזונג אויך געווען די יידיש-דייטשישע סטודענטן, קען איך ניט באַשטימען. ווי מיר דאַכט, האָבן זיי זיך גרופּירט אַרום אַן אַנדער יידישן פֿאַראיין, הגם צו די „רוסישע" סטודענטן האָבן זיי זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע און אויפֿריכטיקער קאָלעגיאַליטעט. דאָס קאַפֿע-הויז אויף נייפּלינגער פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו אַ דייטשישן ייד מיטן נאָמען שטיין, וואו עס איז געווען דער זאַמלפּונקט פֿון די יידיש-נאַציאָנאַלע סטודענטן, יידיש-דייטשישע שריפֿטשטעלער און יידישער יוגנט בכלל, פֿלעגן זיך צונויפֿקומען די יידיש-דייטשישע מיט די יידיש-רוסישע סטודענטן און געמיינשאַפֿטלעך פֿאַרברענגען ביי איין טיש... צווישן די יידישע סטודענטן אין דייטשלאַנד האָט אויף מיר נאָך דאַן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק סיי מיט זיין אויסערלעכער בליענדיקער שיינקייט, סיי מיט דער שיינקייט פֿון זיין גייסט — הוגאָ צוקערמאַן, וועלכער איז פֿיל שפּעטער, אין אָנפֿאַנג פֿון דער וועלט-מלחמה, באַרימט געוואָרן מיט אַ ליד, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם גאַנצן שרעק און די גאַנצע זינלאָזיקייט פֿון קריג, הגם ער, אַ שלום-מענטש, איז געגאַנגען קעמפֿן פֿאַר עסטרייך, צוליב יידישע און מענטשלעכע מאָטיוון. אין דעם זין איז ער געווען ענלעך צו גאַר-

שינען, וועלכער האָט אין די זיבעציקער יאָרן אָנטייל גענומען אין דעם רוסיש=טערקישן קריג אַלס פרייוויליקער, הגם אויך גאַרשין האָט געהאַסט די מלחמה מיט אַלע פיברען פון זיין גרויסער נשמה...

אַלס סטודענט אָבער, האָט הוגאָ צוקערמאַן אָריגינעלעס ווייניק געשאַפן. ער האָט זיך באַנוגנט מיט איבערזעצן פון יידיש אין דייטש. אַזוי האָט ער אויך פון מיר, נאָך איידער מיין קומען אין ווין, איבערזעצט אייניקע לידער און דערציילונגען פאַר „דער וועלט" און אַנדערע יידיש=דייטשישע צייטשריפטן... אַלס געבוירענער אין ברין, האָט ער קיין יידיש ניט געהערט ריידן און האָט אויס ליבע צו דעם יידישן פאָלק און צו דער יידישער ליטעראַטור יידיש געלערנט שוין אַלס סטודענט אין ווין. ער איז געווען דער איינציקער צווישן אַלע יידיש=דייטשישע סטודענטן, וואָס האָט ניט נאָר, אַלס נאַציאָנאַל=געשטימטער, אַרויסגעוויזן צו מיר אינטערעס, אַלס צו אַ יידישן דיכטער, נאָר אויך ווי צו איינעם, וואָס געפינט זיך אין דער פרעמד... צו זיין גוטסקייט, מילדקייט און אָפנהאַרציקייט איז ניט געווען קיין שיעור. ער איז בכלל געווען שטענדיק פאַרנומען מיט אָרעמערע קאָלעגן=סטודענטן און אַפילו סתם יידישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן צוליב אַלערליי אומשטענדן אין ווין. אים האָב איך אַוודאי געקענט פאַרגעבן זיין ביסל ציוניזם. ביי אים, אין זיין גרויסער תמימות — איז דער ציוניזם געווען אַ דערנעענטערן זיך צו די יידישע מאַסן, צו זייער שפראַך און צו זייער קולטור. זיין ציוניזם, ווי בכלל דער ציוניזם פון דער מערב=אייראָפּעישער יוגנט, אין יענער צייט, איז געווען ראַדיקאַל געפאַרבט, זאָגאַר סאָציאַליסטיש. און אויב ער איז געווען דעמאָלסט, ווי מיר דאַכט, קעגן די פירער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פאַרטיי, אַדלער און עלענבאָגן, איז נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען קעגן דער אָנערקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט...

הוגאָ צוקערמאַן האָט אין יענער צייט — צוזאַמען מיטן יידיש=דייטשישן סטודענט פרויד — אַרויסגעגעבן אַ מאָנאַטשריפט אין דייטש — פאַר דער יידישער יוגנט אין עסטרייך — מיטן נאָמען „אונזער האָפנונג". דער בעלעטריסטישער טייל איז געווען אויסגע=

פֿילט פֿון דערציילונגען און לידער, איבערזעצט פֿון יידיש. יידיש איז בײַ די דעמאָלסטיקע מערבֿ=אייראָפּעיִשע יידישע סטודענטן געווען שיר ניט הייליקער ווי העבֿרעיִש, אַדאַנק דעם, וואָס יידיש איז געווען לייכטער צו לערנען. מישנדיק זיך מיט די יידישע סטודענטן פֿון רוסלאַנד, וועלכע האָבן שוין אין יענער צײַט צוביסלעך אַפֿילו צווישן זיך יידיש גערעדט — איז זיי דאָס יידיש לערנען אָנגעקומען גרינגער.

איז טאָקע געווען רירנד צו זען אַ יידיש=דײַטשישן סטודענט זיך אַרומטראָגן מיט אַ באַנד שלום=עליכם מיט אַן ערנסט, שיר ניט הייליקן אויסדרוק אויפֿן פּנים, ווי ער וואָלט געטראָגן אונטערן אָרעם אַן „עין=יעקבֿ“, צי אַ משניות, און ניט אַ בוך פֿון דעם גרעסטן יידישן הומאָריסט. מען האָט געדאַרפֿט זײַן אַ שלום=עליכם צו שילדערן אָט די נאַיִוויטעט פֿון די מערבֿ=אייראָפּעיִש=יידישע סטודענטן אין יענער צײַט. עס האָט געשטעקט פֿיל הומאָר אין דעם, ווי אַ יידיש=דײַטשישער סטודענט, האָט נאָך געטען און נאָך קאַנטן, זיך גענומען שטודירן אין שטיינס קאַפֿע=הויז אַ בלעטעלע שלום=עליכם און שטודירן בכּובֿד=ראש...

אָבער אָנשטאָט עס זאָל אַרויסרופֿן בײַ מיר אַ שמייכל פֿון איראָניע, האָט עס בײַ מיר אַרויסגערופֿן גרויס פֿאַרערונג צו די דאָזיקע יידישע לעזער, וואָס האָבן אין אַ געוויסן זין דערמאָנט דעם דאָרפֿס=צדיק, וואָס אָנשטאָט צו דאַווענען אין מחזור, ווי די וואוילקענעדיקע יידן אין בית=מדרש, האָט ער יוצא=געווען מיט אַ פֿייף צום רבונו=של=עולם, און לויט דער לעגענדע, ווערט זײַן פֿייף מער אָנגענעמען, ווי דאָס דאַווענען פֿון דעם למדנישן יידן...

און אָט איז איינמאָל אַרײַן אין קאַפֿע=הויז „שטיין“ — הוגאָ צוקערמאַן און, דערזעענדיק מיך זיצן אין אַ ווינקל, אפֿשר אַן אומעטיקן, האָט ער מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים, — איבעריקנס, זײַן פּנים האָט שטענדיק געשטראַלט פֿון ליבשאַפֿט און גוטסקייט צו מענטשן — האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז אין די ליטעראַרישע בײַלאַגן פֿון דעם בערלינער דײַטשישן סאָציאַל=דעמאָקראַטישן „פֿאָרווערטס“ זײַנען איבערזעצט פֿון מיר צוויי דערציילונגען.

— דאָס איזט אַיין טריומף פֿיר זי! — האָט ער אויסגערופֿן מיט באַגײַסטערונג, זעענדיק, אַז איך אַליין האָבֿ זיך ניט אַזוי שטאַרק דערפֿרייט, הגם הנאה האָט עס מיר אַוודאי געטאָן.

און ער האָט מיר גענומען דערקלערן, היציק, מיט ברענענדיקע אויגן, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג דאָס האָט פֿאַר מיר אַליין און אויך פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

— ווייסן זי — אין דען ליטעראַרישן בײַלאַגן דרוקט מאַן בלאָס פֿאָן גראָסן שריפֿטשטעלער, ווי מאַקסים גאָרקי, קנוט האַמסון...

און גלײַך האָט ער שוין פֿאַר אַ רעדל סטודענטן, וואָס האָבֿן זיך געבֿילדעט אַרום אונזער טישל — דערקלערט דעם זיג, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט דערמיט באַקומען.

ליידער האָט ער די צוויי בײַלאַגן צום „פֿאָרווערטס“, וואו מײַנע דערציילונגען האָבֿן זיך געדרוקט, מיט זיך ניט געהאַט. ער האָט מיר אָבֿער אָנגערופֿן די נעמען פֿון די דערציילונגען. איינע פֿון זיי איז טאַקע געווען די דערציילונג: „אַ דראַמע איבֿער פֿינף קאַרטאָפֿל“. אין דער איבֿערזעצונג האָט עס געהייסן: „אום פֿינף קאַרטאָפֿעל“.

דערהערט, אַז די דערציילונג איז געדרוקט אין דײַטש, און נאָך אין אַזאַ געהויבֿענער צײַטשריפֿט, האָבֿ איך אַ שמייכל געטאָן. זיך דערמאָנט אָן דער הייסער דיסקוסיע, וואָס די דאָזיקע דערציילונג האָט אַרויסגערופֿן אין פּרצעס הויז, ווען זי איז געווען אין יאָר 1901 אָפּגעדרוקט אין „יוד“. פּרץ האָט געטענהט, און אַ ביסל אויפֿגערעגטערהייט, און דווקא אין רוסיש, אַז עס איז ניט „פּסיכאָלאָגיאַ גאָלאָדאַ, נאָר פֿיזיאָלאָגיאַ גאָלאָדאַ...“ האָט דאָס מיך דאַן פֿאַרדראָסן, הגם אין וואַרשע — און אפֿשר אויך ערגעץ אַנדערש־וואו, האָט די דאָזיקע דערציילונג געמאַכט אַ גרויסן פּוראָר. מיר אַליין האָט די דאָזיקע דערציילונג צופֿרידנגעשטעלט, צוליבֿ דעם הומאָר, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט. איך בין דווקא אין דער דערציילונג ניט אויסן געווען צו שילדערן די אָרעמקייט. אַנטשטאַנען איז די דערציילונג אויף אַזאַ אופֿן:

געוואָלט האָבֿ איך אָנשרײַבן אין אַ פּאַטעטישן טאָן אַ דערציילונג „דער קראַנקער פֿינגער“, ווי אַזוי בײַ אַבחורל אַ שנײַדערס

אַ געהילף, וואָס איז אויך ביים שניידער אויף קעסט, רייסט אָן פון אַ נאָדל-שטאָך אַ פינגער. אינדערפרי, מען דאַרף עסן „אָנבייסן” און דער פועל וואַגט ניט צו גיין צום טיש, ווייל ער האָט אַ גאַנצן אינדערפרי, צוליבן קראַנקן פינגער, ניט געאַרבעט... שילדערנדיק, ווי אַזוי די שניידערין גרייט צום טיש, — זי האָט געקאָכט אָנבייסן געשיילטע קאַרטאָפל — בין איך מיטגעריסן געוואָרן פון דער סצענע אַן און פאַר זיך און האָב פאַרגעסן אין דעם אָרעמען געהילף און בין אַזוי פאַרפירט געוואָרן אין אַן אַנדער ריכטונג...

די דאָזיקע דערציילונג, בין איך מודה, האָב איך געשריבן אין עקסטאַז פון גרעסטן הומאָר. פילע שטעלן האָב איך געשריבן אין אַ לאַכנדיקן צושטאַנד. איבערהויפּט ביי דער ערשטער העלפט. דער באַלעבאָס פון צימער, וואו איך האָב דעמאָלסט געוואוינט, דער סטאָליער ראָזענבלאַט, האָט אַוש מיין לאַכן דערהערט און איז אַ פאַרוואונדערטער אַריינגעלאָפן מיט דעם הובל אין דער האַנט צו זען וואָס מיט מיר קומט פאָר...

דער גוטהאַרציקער לעזער קען דרינגען דערפון, אַז איך בין אַ ייד אַ גזלן אָן אַ האַרץ, וואָס ביי אַזאַ טרויעריק בילד האָב איך געלאַכט. אין דער אמתן אָבער איז דאָס בילד אָן און פאַר זיך ניט אַזוי טרויעריק, איבעריקנס פאַר מיר אַליין. אויך דער העלד פון דער דערציילונג, שלמה שניידער, איז בדרך-כּלל געווען אַ צופרידענער מענטש און אַ גוטמוטיקער. ער האָט מיר בלויז געדינט אַלס מאָדעל צו מיין בילד, וועלכן איך האָב שוין געשאַפן לויט פאַנטאַזיע. ער אַליין, שלמה דער שניידער, — איך האָב אים אין דער דערציילונג אַפילו ניט משנה שם געווען — איז געווען אונזער אַ שכן. מיין מאַמע, ווען זי פלעגט פאַר מיר, ווען איך בין נאָך אַ קליין יינגעלע געווען, נייען אַליין אַ מלבושל, פלעגט זי טאַקע מיט דעם שטאָף גיין צו שלמה דעם שניידער, ער זאָל עס צושניידן... ער איז געווען אַ פריילעכער ייד און אַ גוטער ביז גאָר. מיין מאַמע, כאָטש פון גרויסן יחוס, אָבער אַ דעמאָקראַטישע נאַטור, פלעגט דווקא ליב האָבן צו פאַרברענגען מאַנכע ווינטער-אָוונטן ביי שלמה דעם שניידער און פאַר איינוועגס עפּעס נייען דאָרטן פאַר מיר צי פאַר אַן אַנדער קינד. פון שלמה

דעם שניידער פלעגט זי קומען מיט פעק מעשיות. ער איז געווען אַ ייד אַ באַרעדטער, און דערציילנדיק אַלערליי מעשיות, אמתע און אויסגעטראַכטע, צי פון אים אַליין צוגעפאַרבטע, פלעגט ער ניט זעלטן פאַרשניידן אַ פאָר הויזן, צי אַ רעקל, און נאָכדעם איז געווען צרות... אָבער שלמה דער שניידער האָט זיך שוין אַן עצה געגעבן... אין דעם פרט איז ער געווען ניט קלענער, ווי לייזער דער שניידער פון מענדעלעס „קליין מענשעלע“... איך האָב דעם דאָזיקן שלמה דעם שניידער אויך שטאַרק ליב געהאַט און פלעג אים דאַנקבאַר זיין, וואָס ער פלעגט מיר, ווען איך פלעג אַלס קליין יינגל קומען צו אים, דערלויבן אויפצוקלייבן די לאַנגע „קראַיקעס“, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אונטער זיין שניידערשן טיש. די דאָזיקע „קראַיקעס“ האָב איך גענוצט פאַר לייצעס, צו שפּילן זיך מיט אַ חברל אין פערדלעך, און אַמאָל אויך, אויב זיי זיינען גענוג שטאַרק געווען — צו פאַרגאַרטלען זיך אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג...

האָט מיר טאַקע נאָכדעם פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ וואוילן יידן האָב איך באַשריבן אין אַזאַ טאָן... בפרט ווען זיינע קינדער, שוין דאָ אין אַמעריקע, האָבן מיר, — און מיט רעכט — פאַרגעוואָרפן... זיינע קינדער, שוין דאָ אין אַמעריקע, אינטעליגענטע און באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, האָבן מיר אָבער מיט דער צייט פאַרגעבן, דערוויסנדיק זיך פון מיר אַליין שוין, אַז איך האָב אין מיין דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל“ באמת ניט זייער ליבן פאָטער געמיינט און ניט זייער גוטע, האָרעפּאַשנע מאַמע, פריידען.

אַזוי צי אַזוי, דאָס וואָס דווקא די דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל“ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פון אַזאַ עסטעט, ווי פאַול באַרכאַן, — שפּעטער איז ער געוואָרן בעל־מחשבותעס שוואָגער — וועלכער האָט די דערציילונג, ווי פיל אַנדערע פון מיר, איבערזעצט, האָט דאָך באַוויזן, אַז עס איז דאָ גערעכטיקייט אויף דער וועלט...

געוואָלט האָב איך זען, ווי אַזוי די דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל“ און אויך די צווייטע, „קאַלט“, וואָס דער איבערזעצער (אויך באַרכאַן) האָט זי משנה־שם געווען אויף „דער אָפען“ („דער אויוון“), קוקן אויס אין דייטש, —

האָט שוין הוגאָ צוקערמאַן גלייך אָנגעשריבן אַ פּאָסטקאַרטל אין דער רעדאַקציע פון דייטשישן „פאָרווערטס“ און געבעטן די נומערן, וואו עס זיינען געווען געדרוקט די צוויי איבערזעצטע דערציילונגען. צו מיין פאַרוואונדערונג האָב איך זיי באַקומען אויפן דריטן טאָג. די דאָזיקע פינקטלעכקייט האָט מיך שטאַרק איבערראַשט. מיט די דאָזיקע צוויי נומערן האָב איך זיך געשפּילט, ווי אַ קינד מיט אַ שפּילצייג, ביז עס איז אַראָפּ די ערשטע פרייד און איך האָב שוין געזוכט העכערע דערגרייכונגען.

אָבער הוגאָ צוקערמאַן און זיין חבר, דער רעדאַקטאָר פון „אונזער האָפנונג“, פרויד, האָבן שוין אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ שרייבער, וואָס אויך די דייטשע ליטעראַטור אָנערקענט, און מיין נאָמען צווישן די יידיש־דייטשע סטודענטן האָט זיך ברייט צעטראָגן....

אָבער — ווי פלעגט זאָגן מיין זיידע פסח: צו פרנסה קומט דאָס ניט... און פרנסה האָט טאַקע געפעלט... דער פעטערבורגער „פריינד“ האָט אויף מיינע בריוו, וואו איך האָב געפאָדערט האָנאָראַר פאַר מיינע דערציילונגען, ניט געענטפערט, און אויב שוין יאָ געענטפערט, איז אויסגעקומען דער חשבון, אַז איך בין נאָך זיי שולדיק... „דער טאָג“ האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין — און טאַקע דערפאַר איז „דער פריינד“ אַזוי האָפערדיק געווען. — צו „דעם טאָג“ האָט שוין אַפילו ניט געלוינט צו שיקן אַ בריוו, עס איז געווען אַ שאָד די מי און די מאַרקע... „דער טאָג“ האָט נאָך אויך געהאַט אָפגעשפּאָרט עטלעכע לידער פון מיר, וואָס איך האָב זיי נאָך געשיקט ווינטער פון וואַרשע — אויף זומער... יעקב לידסקי איז מיר אויך קיין בעל־חוב ניט געווען. ער האָט שוין געשיקט קיין קראָקע „זעצן“ מיין צווייטע זאַמלונג לידער, מיט דעם נאָמען „לידער פון לעבן“, וואָס דעם מאַנוסקריפּט האָב איך אים נאָך געגעבן אין וואַרשע... פלעג איך בלויז פון קראָקע קריגן צוגעשיקט די קאָרעקטורן, אָבער פון לידסקין קיין געלט ניט. דעם האָנאָראַר, שוין 25 רובל, האָט ער נאָך באַצאָלט אין וואַרשע. אויך פאַר מיין צווייטער קליינער זאַמלונג דערציילונגען „די יודישע גאַס“, וואָס ער האָט שוין אַרויסגע־

געבן אין וואַרשע, האָב איך שוין אויך לאַנג באַקומען דעם צענרובלדיקן האָנאָראַר... האָב איך גענומען „שטודירן“ די יידיש־אַמעריקאַנישע צייטונגען, אויסגעזוכט דעם אַדרעס פון די „יידישע גאַזעטען“ — איך האָב דעמאָלסט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז די זעלבע רעדאַקציע וואָס פון „יידישען טאַגעבלאַט“ — און האָב זיי אָנגעשריבן אַ בריוו, — איך זאָג זיי, ווייל איך האָב ניט געוואוסט ווער עס איז אַפילו דער רעדאַקטאָר, — אַז איך געפין זיך איצט אין ווין, און כדי זיי זאָלן מיר וואָס שנעלער אַרויסשיקן געלט, האָב איך זיי געשריבן, אַז מיין מאַטעריעלע לאַגע איז זייער ניט קיין געהויבענע, און איך האָב זיי צוגעזאָגט צו שיקן אַלע וואָך אַ דערציילונג און אַ צוויי־דריי לידער...

אָפּגעוואַרט פיר וואָכן און גענישטערט אין אַלע נומערן „יידישע גאַזעטען“, וואָס פלעגן איינמאָל אַ וואָך אָנקומען אין רעדאַקציע פון „דער וועלט“ — ניטאָ! ניט די דערציילונג געדרוקט, ניט קיין בריוו...

נאָר אָט איינמאָל גיב איך אַן עפן דאָס גרויסע טישקעסטל, אין דעם שוין באַקאַנטן טיש אין ערשטן צימער פון דער רעדאַקציע „וועלט“ — ערשט מיר גיט אַ שפרונג אין די אויגן אַ שורה מיט אַ אינהאַלט בערך אַזוי:

דער באַרימטער (צי דער גרויסער) דיכטער אברהם רייזען געפינט זיך אין ווין און גייט אויס פון הונגער אין די ווינער גאַסן...

איך האָב פאַר איבערראַשונג, באַליידיקונג און שרעק אַראָפּגעלאָזט די צייטונג אויף דער ערד. איך בין קענטיק געוואָרן זייער בלאַס, ווייל דער באַאַמטער, הער פּאָליאַק, וואָס האָט זיך אין זעלבן צימער געפונען, האָט, באַמערקנדיק מיין אויפגערעגטן צושטאַנד, דערשראָקן געפרעגט:

— הער רייזען, וואָס האָט פּאַסירט?

— פאַרברעכער! האָב איך אַ געשריי געטאָן און געקלאַפּט איבערן טיש.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט, און ער האָט מיך אָנגעקוקט דערשראָקן און פאַרווירט, ניט וויסנדיק, וועמען איך מיין עס מיט די „פאַרברעכער“...

— ערציילען זי דאָך! — האָט ער שוין ווי באַפוילן.

— הערען זי דאָך... זעהען זי דאָך.... — האָב איך שוין אויפגעהויבן די צייטונג פון דער ערד און געטייטלט אויף דער סענסאַציע מיט די פינגער... — זעהען זי דאָך... הערען זי דאָך (איך האָב נאָך געמוזט ריידן דייטש, ווייל הער פּאָליאַק „וואַר איין דויטשער יודע אויס ברין"...). איך האַבע זיי פּריוואַט געשריבן, דאַס איך געלט נייטיק האַבע, אונד קיין איין וואָרט וועגן הונגער געשריבן. און די קערלען שרייבן — זעען זי, דער באַרימטער דיכטער גייט אויס פאָן הונגער אין ווינער גאַסן... זאָלכע שאַנדע!...

— שאַודערליך! — האָט דער רויִקער „דייטש" קוים רעאַגירט אויף מיין אומגליק...

עס איז אָנגעקומען א. קאָראַלניק. איך האָב זיך דערפרייט. ער וועט מיך פאַרשטיין. צו אים האָב איך זיך שוין געווענדט אין יידיש:

— זעט, וואָס זיי האָבן מיר אָפּגעטאָן!...

ער האָט דורכגעלייענט שנעל, פליכטיק, ווי זיין שטייגער איז דאַן געווען, ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ יידישער צייטונג. — אַ „זשאַרגאָנישע" הייסט עס, און נאָך פון אַמעריקע — און האָט אי מיט אַ פילאָסאָפישער רויִקייט, אי מיט אַן איראָנישן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— נו, דאָס איז דאָך די אַמעריקאַנער יידישע פרעסע. איך קען זיי. אַ סענסאַציע געמאַכט.

— סטייטש, איך האָב זיי געשריבן פּריוואַט, און ניט אַז איך גיי אויס פון הונגער, איך האָב דאָס וואָרט „הונגער" אַפילו ניט דערמאָנט, פשוט געשריבן, אַז כ'בין אין ווין און שלאָג זיי פאָר מיין מיטאַרבעטערשאַפט, און אַזוי ווי איך בין אין דער פרעמד, בעט איך זיי, זיי זאָלן מיר גלייך אַרויסשיקן דעם האָנאָראַר...

האָט שוין קאָראַלניקן מיין פאַרצווייפלטער טאָן, קענטיק, גערירט און ווי מיטפילנדיק האָט ער זיך אָנגערופן:

— עס איז ווירקלעך אַ געמיינהייט... איר מוזט גלייך אָפּלייקענען עס, אויב זיי וועלן עס נאָר דרוקן...

אָבער איידער איך האָב צייט געהאַט אָפּצולייקענען עס, האָב איך, זוכנדיק אין די ווייטערדיקע זייטן פון די „יידישע גאַזעטען“, צי שוין פון „יידישען טאַגעבלאַט“, געפונען נאָך אַ שרעקלעכערן סורפריז. דער דאָזיקער סורפריז איז באַשטאַנען אין אַ בריוו אין רעדאַקציע פון אַ פאַרערער גרייזעל, אין וועלכן ער זאָגט שוין מזכּר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, אַז נאָר ביים יידישן פאָלק איז מעגלעך, אַז אַזעלכע שרייבער, ווי אברהם רייזען, זאָלן אויסגיין אין גאַס פון הונגער. און דעריבער שלאָגט ער פאָר, אַז מען זאָל זאַמלען אַ פאָנד, און ער אַליין הייסט עס, שיקט דעם ערשטן דאָלער...

גרייזעלס „בריוו אין רעדאַקציע“ האָט שוין דעם כּוס פול געמאַכט... קאָראַלניק, ווי ער וואָלט געזען נקמה אין דער יידישער קולטור בכלל, פון וועלכער ער איז דאַן כּלומרשט ווייט געווען — אין דער אמתן האָט ער אַפילו דאַן אַלץ געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין דער יידישער ליטעראַטור און אין יידישן לעבן בכלל, — א. קאָראַלניק האָט צוגעשמייכלט, ווי איינער זאָגט:

— נו, יאָ... וואָס האָט איר ערוואַרט פון דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע...

מיין וויטאָג איז נאָך געוואָרן גרעסער, וואָס גרייזעל דער אויטאָר פון בריוו און פון פּלאַן פון דעם פאָנד, איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער נאָך פון מינסק, ווען איך האָב אַלס זיבעצניאָריקער בחור דאָרט פאַרבראַכט אַ ווינטער. ער האָט געהערט צום זעלבן קרייז, וואו איך האָב זיך געפונען, אַ חבר פון יודל סלעפּיאַן, בן־ציון שילער און שערמאַן. הייסט עס, איז ער שוין דאַן געווען אין אַמעריקע און האָט געוואָלט אַ געוועזענעם חבר טאָן אַ טובה...

אַוודאי האָב איך גלייך אַוועקגעשיקט אַ שטרענגן בריוו, און אפשר אַ טעלעגראַמע, — הגם איך צווייפל איצט, צי האָב איך דאַן געשיקט אַ טעלעגראַמע, — וואו איך האָב געבעטן רחמים, אַז מען זאָל שוינען מיין כּבוד און אויפהערן צו דרוקן אַזוינע באַריכטן וועגן מיר און אָפּשטעלן דאָס זאַמלען דעם „פאָנד“. איך האָב שוין מורא געהאַט צו דערמאָנען נאָך אַמאָל אַפילו וועגן האָנאָראַר, זיי זאָלן ווידער ניט מאַכן קיין סענסאַציע...

פון יענעם טאָג אָן פלעג איך מיט שרעק איבערקוקן יעדן נומער צייטונג, וואָס איז אָנגעקומען פון אַמעריקע... ביים עפענען אַ נומער האָט מיך פאַרפאָלגט די מורא, אַז אָט באַלד, באַלד וועט אַ פינקל טאָן פאַר מיינע אויגן אַ שורה מיט גרויסע ווערטער, מיט אַ שרעקלעכער סענסאַציע...

אָבער סיי וועגן מיר, סיי וועגן דעם „פאָנד“ איז מער קיין זכר ניט געווען. אין איין נומער האָב איך אין אַ וואָך אַרום געפונען מיין דערציילונג און אין אַ וואָך שפעטער האָב איך באַקומען פינף דאָלער האָנאָראַר פאַר איר. כשרע, פאַרדינטע פינף דאָלער...

וואָס „דאָס יידישע טאַגעבלאַט“ האָט דעמאָלסט געטאָן מיט גרייזעלס דאָלער, ווייס איך עד-היום ניט....

צוויאונפערציקסטער קאַפּיטל

דער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד“ און „וואָסכאָד“. — ד״ר הערצלס טויט. — דער „פריינד“ בלייבט אָן אַ קאָרעספּאָנדענט. — מיין פליכט צום „פריינד“. — מיינע טעלעגראַמען. — די הלוואה ביי דעם קאַפּע־איינגטימער, הער שטיין. — ד״ר חיים ווייצמאַן און אוסישק׳ין אין ווין. — איף דעם הויף פון ד״ר הערצלס וואוינונג. — אַרטור שניצלער. — ד״ר הערצלס לוויה. — מיין געדריקטע שטימונג. — מיין באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר נתן בירנבוים. — קאַפּע סולער. — א. קאָראַלניקס אינטערוויוען מיט מיניסטאָרן. — ד״ר נתן בירנבוים. — זיין פרוי. — מיין געשפּרעך מיט אים. — „אידישע אָוונטן“. — ד״ר נתן בירנבוים אַ באַאַמטער אין אַרבעטס־ביוראָ. — ער פאַרלירט זיין שטעלע. — זיין קאַמף פאַר יידיש און פאַר מזרח־אייראָפּעיִש־יידישער קולטור.

צווישן מיינע נאָענטע באַקאַנטע פון דעם יידישן סטודענטן־קרייז אין ווין איז אויך געווען דער סטודענט שאָר, וואָס איז געווען דער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד“ און אויך פון רוסישן „וואָסכאָד“. ער האָט זיך דאַן געגרייט צום לעצטן עקזאַמען אויף דאָקטאָר־מעדיצין און ער האָט שוין געקוקט אויף זיך ווי אויף אַן אמתן דאָקטאָר, מיט גרויס ווערדע. צו מיר האָט ער זיך באַצויגן קאָלעגיאַל און שיר ניט חבריש. פאַרבונדן האָט אונז איין גורל דערמיט, וואָס מיר האָבן ביידע געוואַרט אויף געלט פון „פריינד“ און דאָס רוב זיך ניט דערוואַרט. „דער פריינד“ איז צייטנווייז געווען ניט פּינקטלעך. איז טאַקע שאָר געוואָרן ברוגז אויפן „פריינד“ און אויפגעהערט צו שיקן קאָרעספּאָנדענציעס פון ווין...

האָט זיך „דער פריינד“ באַגאַנגען אָן בריוו פון ווין, בפרט אַז די נייס פון ווין זיינען געווען גענוג אַלט. ווידער דער אַנטיסעמיטיזם אין ווין מיט לועגערן בראש און נאָכאַמאָל וועגן דער אַסימילאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און וועגן געמישטע

חתונות און אַפילו שמד... וואָס אָנבאַטרעפט דעם אַנטיסעמיטיזם, האָב איך אים אין ווין אויסערלעך ניט געמערקט. קיין געמישטע חתונות האָב איך אויך ניט בייגעוואוינט און קיין משומדים האָב איך, הלוואַי ווייטער, אין ווין ניט באַגעגנט... פאַרקערט, איך האָב אין ווין געזען און אַפילו קענען געלערנט אַ באַרימטן גלח, וואָס איז געווען אַ פייערדיקער ציוניסט, און זעלבסטפאַרשטענדלעך — אַ אוהב־ישראל... איך געדענק אים ווי איצט. אַ הויכער, פּעסטגעבויטער מאַן אין די פופציקער, מיט אַ תמימותדיקן אויסדרוק אויפן פּנים. ער איז געווען זייער באַרעדעוודיק און אים אָפּשטעלן, ווען ער האָט זיך צערעדט וועגן דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די ביבל — איז געווען זייער שווער, אַפילו פאַר ד״ר חיים ווייצמאַן (און אפשר איז ער נאָך דעמאָלסט בלויז אַ סטודענט געווען) און אַפילו פאַר אוסישקינען, פאַר וועמען דער דאָזיקער גלח האָט ליב געהאַט אויסצוליי‌גן זיינע טעאָריעס, געפינענדיק זיך מיט די ציוניסטישע פּני אין קאַפע שטיין, אויף וויפּלינגער פּלאַץ.

האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט, זייענדיק אין זייער סביבה, אויסצוהערן דעם גלחס מיינונגען, וואָס זיינען, אַגב, געווען גענוג לאַנגווייליק...

צוליב וואָס זיינען דעמאָלסט די צוויי שוין דאַן באַרימטע ציוניסטישע פּירער, ווייצמאַן און אוסישקין, געקומען קיין ווין, געדענק איך ניט. אפשר צוליב ד״ר הערצלס קראַנקהייט, וועלכע האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג.

און אָט געדענק איך ווי איצט דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק, וואָס עס האָט אַרויסגערופן די ידיעה, אַז דער ציוניסטישער פּירער ד״ר הערצל האָט געשלאָסן זיינע אויגן...

איך אַליין, ווי פאַרגעסנדיק אינגאַנצן מיינע אַנטי־ציוניסטישע איבערצייגונגען אָדער אָפּלייגנדיק זיי אויף אַן אַנדער צייט, האָב זיך געפילט, ווי איך וואָלט געטראָפן געוואָרן פון אַ גרויסן אומגליק. דאָ האָט אַוודאי מער געווירקט דאָס פּערזענלעכע פון ד״ר הערצל, אַ מענטש אין די בליענדסטע יאָרן, און ווי איך האָב אים געקענט, לויט די אַלע פּאָרטרעטן און שילדערונגען פון די, וואָס האָבן אים פּערזענלעך געזען — מיט אַזאַ הדרת־פּנים, וואָס האָט אימפּאָנירט,

באַפוילן און באַהערשט — און אַזוי יונג פאַרשניטן געוואָרן, ווי אַ בוים — דאָס האָט מיך טיף געריירט און דערשיטערט.

ווייסנדיק, אַז שאָר איז אויס קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד“, האָב איך דערפילט אַ פליכט צו שיקן טעלעגראַמען אין זעלבן „פריינד“, וועגן אַיינדרוק, וואָס ד״ר הערצלס טויט האָט געמאַכט אין ווין. איך האָב אָבער ניט געהאַט די געלט-מיטלען דערצו, האָב איך זיך געווענדט נאָך אַ הלוואה צום אייגנטימער פון דעם קאַפע, וואָס איך פלעג באַזוכן מיט קאָראַלניקן יעדן טאָג—הערן שטיין... דער אייגנטימער פון דעם קאַפע, שטיין, איז געווען נאַציאָנאַל-געשטימט, נאַציאָנאַל אויף זיין אייגענעם שטייגער, דערצו האָט אים אימפּאָנירט, וואָס איך האָב אים אַמאָל געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז ער איז זייער ענלעך צו פרצן— און דאָס איז טאַקע אַן אמת געווען, אַחוץ וואָס אים האָט געפעלט דאָס שטראַליקע פון פרצעס אויגן און פון פנים בכלל... פון פרצן האָט ער געוואוסט, הגם קיין גרויסער למדן אין יידיש איז ער ניט געווען, נאָר צוליב דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און אפשר מער צוליב זיינע נאַציאָנאַלע געסט, וואָס האָבן באַזוכט זיין קאַפע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די יידישע אותיות פון סידור און אָנגעהויבן סילאַבּיזירן „דעם פריינד“, וואָס ער האָט פאַר די יידישע געסט פון זיין קאַפע-הויז אַבּאָנירט... צו זיין פרייד איז ניט געווען קיין גרענעץ, ווען אים פלעגט געלינגען ריכטיק צוזאַמענשטעלן די ווערטער און אַרויסבאַקומען מער אָדער ווייניקער דעם זין פון אַ פאָר שורות. דעמאָלסט פלעגט זיך זיין פנים צעשטראַלן און ער פלעגט טאַקע שוין אויסזען אינגאַנצן ענלעך צו פרצן, שוין מיט די שטראַלן אין די אויגן...

דער דאָזיקער גוטמוטיקער ווינער ייד האָט מיר אויסגעבאָרגט 30 גולדן און איך האָב „געקלאַפּט“ צום „פריינד“ אַ טעלעגראַמע נאָך אַ טעלעגראַמע און דווקא מיט מיין אונטערשריפט... אין איין טעלעגראַמע האָב איך אַפילו איבערגעגעבן די מיינונג פון ד״ר מאַקס נאָרדוי וועגן דעם גרויסן פאַרלוסט.

מיינע טעלעגראַמען זיינען געווען די איינציקע אין „פריינד“, וואָס האָבן איבערגעגעבן די שטימונג וועגן הערצלס טויט אין ווין און אַפילו דעם אינהאַלט פון די רעדעס.

דאָס איבעריקע האָב איך מיטגעטיילט אין אַ קליינער קאָרעספאָנדענץ אונטער מיין פסעוודאָנים בן־קלמן.

אַוודאי האָב איך אויך בייגעוואוינט די לוויה פון גרויסן, פאַר דער צייט פאַרשטאָרבענעם פירער.... די נאַציאָנאַלע סטודענטן, וואָס האָבן געהאַלטן — זיך בייטנדיק — די ערנוואַך, האָבן, ניט וויסנדיק מיין שטעלונג צום ציוניזם, ווי אַן אייגענעם מענטשן מיר מיטגעטיילט, אַז צו דער לוויה וועט מען מוזן קומען אין שוואַרצע אָנצוגן און אין צילינדערס. נאַטירלעך האָב איך די דאָזיקע באַשטימונג ניט אויסגעפאָלגט און בין געקומען אינדערפרי צום הויז פון ד״ר הערצל, פון וואַנען די לוויה האָט זיך אָנגעהויבן, — אין מיין געוויינלעכן אָנצוג, אין געוויינלעכן ווייכן הוט...

אָט ווי איצט געדענק איך דאָס קליינע, ציכטיקע הויפל אין איינער פון די שטילסטע ווינער גאַסן, וואו די פאַשיידענע וואוינונג פון דער פאַמיליע הערצל האָט זיך געפונען.

איך בין געשטאַנען אויפן הויף און אין טיפן טרויער אָבסערווירט דעם קליינעם עולם, וואָס איז באַשטאַנען פון דער ווינער קינסטלערישער, ליטעראַרישער און אפשר אויך פאָליטישער וועלט...

אָט האָט מיר א. קאָראַלניק, צי אַן אַנדערער, אָנגעוויזן אויף איינעם, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַ קליינער גרופע און שטיל עפעס גערעדט צו זיי. דאָס איז געווען אַרטור שניצלער. איך האָב אים באַטראַכט גענויער, געזוכט אין זיינע געזיכטסצוגן דעם פיינעם, ראַפינירטן קינסטלער. איצט געדענק איך בלויז זיין רויט פראַנצויזיש בערדל און זיין מיטלמעסיקן וואוקס...

אָבער דאָס אַליין, וואָס שניצלער, הגם אַ ייד, אָבער אַן אַלגעמיינער שריפטשטעלער, וואָס האָט נאָך אין יענער צייט אין זיינע ווערק אַפילו קיין יידישן טיפ ניט געשילדערט און וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט פון יידישקייט — דאָס אַליין, וואָס ער איז געקומען צו דער לוויה, האָט געהאַט פאַר מיר דאַן אַ גרויסע באַדייטונג... הגם איך האָב געוואוסט, אַז אויסער שעפער פון ציוניזם איז ד״ר הערצל אויך געווען אַ שריפטשטעלער און אַלס אַזאַ אַרטור שניצלערס אַ קאָלעגע און אפשר אַ נאָענטער פריינד.

דער בערך גרויסער עולם, וואָס איז אויפן הויף ניט אַריין, האָט געוואַרט אויף דער גאַס. די פראָצעסיע האָט זיך ערשט אין גאַנג פאַרגרעסערט, אָבער ווי מען איז אַרויס פון שטאָט און ווען דער וועג האָט זיך שוין געצויגן דורך פרייעם פעלד, איז דער באַגלייטנדיקער עולם קלענער געוואָרן, און דערמיט איז נאָך דער צוג געוואָרן פייערלעכער, אימפאָזאַנטער... איך זאָג אימפאָזאַנט, פייערלעך, ווייל קיין גרויסע אַבלות האָב איך צווישן די באַגלייטער ניט באַמערקט. מיר איז גראָד אויסגעקומען צו גיין אין איין ריי מיט מנחם-מענדל אוסישקין. ער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט, געקוקט פאָראויס און געפירט אַ רויִקן געשפרעך מיט זיין שכן אין דער ריי, צי איז דאָס געווען א. קאָראַלניק, צי ד״ר ווייצמאַן, צי אפשר גאָר מאָצקין — גענוי געדענק איך ניט.

געדענק איך ווי איצט, אַז מיר האָט שטאַרק פאַרדריקט דאָס האַרץ אָט דווקא דער אויסגעהאַלטענער טאָן פון דער לוו׳ה. פאָראויס איז געגאַנגען דער וואָגן מיטן אָרון... דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער... דער וועג צווישן פעלדער און ביימער. דאָרט, אין אָרון, ליגט דער יונגער, שיין-געשטאַלטיקער ד״ר הערצל און מען פירט אים ערגעץ אויף אייביק אַוועק.

דאָס האַרץ האָט שטאַרק געדריקט. איך האָב זיך ניט געקאָנט באַהערשן. מער שלינגען די טרערן האָב איך שוין ניט געקענט. איך האָב געמוזט אַרויס פון דער ריי, און געבן די טרערן פרייהייט.

איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. ערשטנס, וויינען בכלל, און צווייטנס נאָך איינעם, וועלכער איז געווען ערשט מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק דער טרעגער פון אידעען און אידעאַלן, וואָס זיינען געווען להיפוך מיינע אידעען און מיינע אידעאַלן. און דווקא איך בין דער איינציקער, — אַלנפאַלס קיין אַנדערן וויינען האָב איך ניט באַמערקט — וואָס גייט נאָך דעם ארון און וויינט.

אין דעם טויט פון ד״ר הערצל האָב איך דאַן בלויז געזען דאָס פאַטאַלע, די טראַגישע זייט און אויך די ברוטאַליטעט פון לעבן בכלל... פון די, וואָס קומען ירשענען, איבערנעמען... און זייערע טריט זיינען פעסט, אַפילו נאָכגייענדיק אַן אָרון...

עס האָט עפּעס ווי געטאָן, שטאַרק פאַרדראָסן...

* * *

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מיר א. קאָראַלניק איבערגעגעבן, אַז ד״ר נתן בירנבוים, וואָס האָט דאַן נאָך געוואוינט אין ווין, האָט געפרעגט אויף מיר און ער וויל מיך זען. האָט עס מיר זייער געשמייכלט. ד״ר בירנבוים איז שוין דאַן געווען אַ נאַציאָנאַלע פיגור, און נאָך זיין אַנטטוישונג אין דעם פּאָליטישן ציוניזם — פון אַן אַנדער מין ציוניזם איז ער אַליין דער פאָטער געווען — האָט זיין שפּעטערדיקע ליבלינגס־אידעע, אַז דער קערן פון יידישן פאָלק זיינען די מזרח־יידן מיט זייער קולטור און יידישער שפּראַך, שוין געהאַט אָנגענומען געוויסע פאָרמען, און אַלס אַזאַ איז ער מיר שוין מער אָדער ווייניקער געווען באַקאַנט — אַפילו מיט זיין פסעוודאָנים אַחר.

האָב איך אַוודאי מיט גרויס פאָרכטיקייט זיך געגרייט צו גיין זען זיך מיט דער דאָזיקער באַרימטער פערזענלעכקייט, מיט וועלכער דער יונגער א. קאָראַלניק איז געווען נאָענט באַקאַנט און אַפילו באַפריינדעט. דאָס באַגעגעניש האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דעם „רייכן“ קאַפע סולער, וועלכעס איך האָב נאָך ביז יענעם אָוונט ניט באַזוכט, ניט וויסנדיק אַפילו פון זיין עקסיסטענץ.

דאָס קאַפע „סולער“ (צי שולער) איז ווירקלעך געווען איינס פון די שענסטע קאַפע־הייזער אין ווין, וועלכע האָט בכלל אין שיינע קאַפעהייזער ניט געמאַנגלט. שוין דער אַריינגאַנג אַליין מיט דער געפליגלטער טיר, וואָס אין יענער צייט איז דאָס פאַר מיר געווען אַ נייס — האָט מיר אימפּאָנירט.

א. קאָראַלניק, וואָס איז אַפילו ניט געווען קיין גרויסער לעביונג אין יענער צייט, איז אָבער אויך אין דעם דאָזיקן רייכן קאַפע געווען אַן איינגייער. אַלס מיטאַרבעטער, פון דער אַלגעמיינער דייטשער צייטונג „די צייט“, וואָס האָט מיט איר פּאָליטישער באַדייטונג און פרעסטיזש זיך געקענט גלייכן צו דער ווינער „נייער פרייער פרעסע“, האָט א. קאָראַלניק זיך געדאַרפט טרעפן מיט פאַרשיידענע באַרימטהייטן און אַפילו פּאָליטיקער, און צוליב דעם האָט ער באַ־

זוכט און איז געווען אַפֿילו באַוואוסט אין די רייכסטע קאַפֿעען. אַגבֿאורחא — האָט ער אַלס מיטאַרבעטער אין „דער צייט“ געהאַט אַ פֿליכט צו אינטערוויויִרן מיניסטאָרן אָדער אַזוי אַרויסקריגן נייס ביי זיי... אָט ווי איצט געדענק איך, ווי אַזוי איך האָב אים אַמאָל באַגעגנט אין אַ שוואַרצן אָנצוג און אין אַ צילינדער-הוט, וואָס האָט זיין יוגנטלעכן פּנים צוגעגעבן שיר ניט אַ קאָמישן אויסדרוק...

— איך גיי צום מיניסטער... אויף אַן אינטערוויו פֿאַר „דער צייט“.... האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפֿערט אויף מיין וואונדערן זיך, וואָס אין אַ מיטן מיטוואָך האָט ער זיך אויסגעפּוצט אַזוי... און באַלד אַליין געלאַכט פֿון זיין פֿאַרשטעלן זיך...

— „סלוזשבאַ“, — האָט ער זיך פֿאַרטיידיקט מיט אַ שמייכל...

דאַן האָט אויף מיר זיין שליחות געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַזאַ יונגער און נאָך אַ „רוסישער“ דערצו און האָט שוין צו טאָן מיט מיניסטאָרן. היינט וואָס וועט שוין שפּעטער זיין! ער זאָל נאָך אַמאָל אַליין ניט ווערן קיין מיניסטער און איך זאָל אים אינגאַנצן ניט פֿאַרלירן, אַלס פֿריינד — אמת, איך בין שוין דאַן אַזוי נאָענט געוואָרן מיט אים, אַז אַפֿילו ער זאָל ווערן אַ מיניסטער, האָב איך געוואוסט, וועט ער שוין אויך ניט פּראַווען קיין גדלות קעגן מיר און איך וועל נאָך אַלץ האָבן אַ צוטריט צו אים...

אַוועקגעזעצט זיך דערווייל ביי אַ טישל אין איינעם פֿון די רייכערע ווינקלען פֿון קאַפֿע, וואָס צו דעם אַרומגאַנג האָבן געפֿירט ברייטע טרעפּ מיט ווייכע טעפּעכער באַדעקט — האָבן מיר געוואַרט אויף ד״ר נתן בירנבוים.

און אָט איז אָנגעקומען ד״ר נתן בירנבוים, באַגלייט פֿון זיין דאַן נאָך זייער יונגער פֿרוי. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ יידישלעכן אויסדרוק און פֿאַרזאָרגטקייט אין די שוואַרצע מילדע אויגן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונגע רביצין, וואָס היט אָפּ מיט גרויס געטריישאַפֿט איר מאַן, דעם למדן און תּלמיד-חכם, און קוקט אים שטענדיק אין די אויגן אַריין, צי איז עפּעס, חלילה, ניט באַקוועם, צי פֿעלט אים עפּעס ניט...

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אָבער אויף מיר געמאַכט ד״ר נתן בירנבוים מיט זיין שטאַטלעכער פֿיגור און זיין אויסדרוקפֿול, עכט

אָריענטאַלישן פּנים. זיין שיינע שוואַרצע באָרד, איבעריקנס, שוין דאַן, נאָך פאַר פערציק, דורכגעוועבט וואו-ניט-וואו מיט אַ זילבערנער האָר, זיינע שוואַרצע דורכדרינגענדיקע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אי ווילן, אי נאָכגעביקייט, וואָס האָבן אי באַהערשט, אי באַרויקט, — האָט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ניט קוקנדיק, וואָס איך בין שוין דאַן געווען ביי אַכט-און-צוואַנציק יאָר, בסך-הכל מיט אַ צען יאָר יינגער פון אים, האָב איך זיך געפילט, ווי אַ קליינער יינגל אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן רבין... און דאָ האָב איך טאַקע מורא געהאַט, אַז אָט דער גרויסער רבי וועט מיך פאַרהערן . איך, אַ מזרח-ייד, אַ שרייבער אויף דער שפּראַך, פון וועלכער ער, אַ „דייטשער“ ייד, איז אַן אָנהענגער... און דאָ רעדט ער אַזאַ געשליפענעם דייטש. עס באַפאַלט אַ פּחד. דערצו די לעגענדעס וועגן אים, אַז ער איז נאָך גרעסער ווי הערצל, אַז איידער הערצל האָט אָנגעשריבן זיין „יידנשטאַט“, האָט ער שוין געגרינדעט דעם ערשטן נאַציאָנאַלן פאַראיין פון יידיש-דייטשע סטודענטן, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „קדימה“... און אַז ער האָט די אידעע פון דער ווידעראויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק פאַרטיפט, ווי אַ דענקער און ווי אַ גרויסער שריפטשטעלער בכלל.

אָבער גלייך האָט ער מיר מתיר געמאַכט און ניט נאָר מתיר געמאַכט, נאָר אַפילו גוטמוטיק באַפוילן, אַז איך זאָל ריידן פּשוט יידיש:

— איך פאַרשטיי זייער גוט פּשוט יידיש, — האָט ער מיר דערקלערט.

אין יידיש איז מיר שוין געווען לייכטער צו צייגן זיך מיט מיין ליטעראַרישקייט און נייער יידישקייט בכלל. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר בירנבוים איז אויך אַ דיכטער; ער האָט אונז, איבערהויפּט א. קאָראַלניקן, געוויזן אַ דייטש זאַמלהעפט, מיט זיינס אַ געדיכט.

וויבאַלד אַז אַ מענטש „דיכטעט“ אויך, איז ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, די סכנה דאָך ניט אַזוי גרויס.

האָט ער מיר שוין, ווי אַן עלטערער חבר, דערקלערט, און „צוואַר“ אין אַ שווערלעכן דייטש, אַז ער האָט אין זיין געגרינג-

דעט אַ נייעם פֿאַראיין פֿון ייִדישע סטודענטן, וואָס זיינען אָנהענגער פֿון ייִדיש. און דער צוועק פֿון פֿאַראיין איז צו באַקענען דאָס ווינער פּובליקום מיט דער ייִדישער ליטעראַטור דורך איבערזעצונגען. צוליב דעם צוועק אַראַנזשירט דער פֿאַראיין מאָנאַטלעך „ייִדישע אָוונטן“ און אַלץ וואָס אויף די דאָזיקע אָוונטן, וועלכע ווערן באַזוכט פֿון אַ גרויסן עולם, ווערט פֿאָרגעטראָגן, ווערט דערנאָך אַרויסגעגעבן אין אַ זאַמלונג מיטן זעלבן טיטל „ייִדישע אָוונטן“ („יודישע אַבענדע“).

נאָכדעם האָט ער שוין פֿאַרבראַכט מער מיט א. קאָראַלניקן, זיך אַריינגעלאָזן אין גאָר הויכע דרכים און אויף אַ גאָר הויכער שפּראַך, וואָס דעמאָלסט, בין איך מודה, איז דאָס פֿאַר מיר געווען נאָך שווערער פֿון תּרגום. פֿון צייט צו צייט האָט זיך ד״ר בירנבוים ווידער געווענדט צו מיר מיט אַ פֿראַגע, דאָ וועגן פּרץ, וועמען ער האָט שוין פֿון לאַנג זייער הויך געשעצט און האָט שוין אַפֿילו איבערזעצט אין דייטש אַ באַנד פֿון אים פֿאַרן „יודישען פֿאַרלאַג“ אין בערלין.... — דאָ וועגן גאָר פּשוטע אַלטעגלעכע פֿראַגן, טאַקע וועגן פּרנסה, וואָס טראַכט איך צו טאָן אין ווין.

פּרנסה האָט, קענטיק, אים אַליין געפֿעלט. אין יענער צייט איז ער געווען אַ באַאַמטער אין דעם ווינער אַרבעטס=ביוראָ (אויף אויסזוכן אַרבעט פֿאַר אַרבעטסלאָזע) און ער האָט באַקומען אַ קלעגלעכן געהאַלט... צוליב זיין ייִדישיסטישער טעטיקייט און אויך צוליב זיין סאָציאַליזם האָט ער מיט דער צייט אויך אָט די אָרעמע שטעלע פֿאַרלאָרן און פֿון דעמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זיין גרויסער קאַמף פֿאַר ייִדיש און פֿאַר דער קולטור פֿון די מזרח=אייראָפּעישע ייִדן בכלל.

דרייאונפערציקסטער קאַפּיטל

אין אַן אומעטיקן טאָג. — דער ווינקעלער. — די שיינע קעלנערין. — דער נס. — אַ זומערוואוינונג אין ווין. — דער ערשטער אַנטיסעמיט. — זיין טאָכטער. — א. לובעצקי. — זיינע פילע טאַלאַנטן. — זיין פסיכאָלאָגישער ראָמאַן אין „השלח". — זיינע תלמידים. — ראובן בריינין אַלס גאַסט אין ווין. — זיין באַגלייטער דער „אַפריקאַנער אידישער מיליאָנער". — פריילין קאַלמענסאָן פון מינסק. — קרעמענעצקי דער ציוניסט און פאַבריקאַנט. — סמיט, דער איינציקער יידישער אַרבעטער אין זיין פאַבריק. — אַרכיטעקט מאַרמאָרעק. — פּראָפעסאָר יערוזאַלעם.

אָפּגעריסן פון דער וואַרשעווער ליטעראַרישער סביבה, פון די יידישע פאָלקסמאַסן בכלל, האָב איך אין ווין, נאָך אַלע אָפּציִעלע פריינדשאַפטן און פריינדלעכקייטן פון די יידישע נאַציאָנאַל-געשטימטע סטודענטן, אין וועמעס קרייז איך האָב זיך געפונען — זיך דאָך געפילט איינזאַם און פאַרבענקט. עס זיינען געווען טעג, ווען איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען און דאַן פלעג איך אָן שום ציל גאַנצע שטונדן אַרומוואַנדערן איבער די ווינער גאַסן, רינגען און פּלעצער.

וואַנדערנדיק אַזוי איינמאָל אין אַן אָרעמען „בעצירק", האָב איך זיך אַריינגעדרייט אין ערגעץ אַ גאַס, אַ פרעמדע, אַ שטילע. עס איז געווען אַ הייסער טאָג, אַ זייגער דריי-פיר. און פּלוצים איז מיר באַפאַלן די פראַגע: וואוהין גיי איך און וואָס טו איך בכלל אין ווין? עס איז מיר באַפאַלן אַן אַנגסט. איך בין געבליבן שטיין, ניט קענענדיק און ניט וויסנדיק וואוהין צו מאַכן אַ טראָט ווייטער, צי צוריק. אין קאָפּ איז געוואָרן לער, קיין איין מחשבה האָט אים ניט באַשעפטיקט און אָט דווקא די לערקייט האָט געדריקט. אויך דאָס האַרץ איז געוואָרן לער פון אַלע פאַרלאַנגען. איך האָב נאָך אַזאַ זעלן-צושטאַנד ביז יענעם טאָג קיינמאָל ניט

דורכגעמאַכט... אַן אומעט, אַ ניט־באַפרוכטנדיקער, איז מיך באַפאַלן. עס איז מיר געווען, ווי איך וואָלט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. איך האָב געזוכט אַ טרייסט, אַן אָנהאַלט און ניט געפונען, אַ מין קאָשמאַר אויף דער וואָר... בין איך אַזוי געשטאַנען אייניקע מינוט און ניט געקענט זיך באַשליסן, וואוהין צו גיין און וואָס ווייטער פאָרצונעמען... און אָט שטייענדיק אַזוי און אומקוקנדיק זיך, איז מיין בליק געפאַלן אויף אַן אויפשריפט אין באַשיידענע דייטשע בוכשטאַבן „וויינקעלער". איך האָב אַפילו ניט געטראַכט, אַריינצוגיין אינעווייניק. וואָס האָב איך צו טאָן אין אַ וויינקעלער? נאָר ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט מיך אַ שטויס געטאָן און ניט קלערנדיק צוליב וואָס — האָב איך זיך אַ קערעווע געטאָן צום וויינקעלער און ווי מאַשינאַל האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר אונטערשטע טרעפּ... אַדאַנק, וואָס די טיר פון וויינקעלער איז געשטאַנען אָפן, בין איך גלייך שוין געווען אינעווייניק... פון פאָרנט איז קיינער ניט געווען. איך האָב זיך געוואָלט אומקערן צוריק, אָבער פון דעם צווייטן צימער האָט זיך באַלד באַוויזן אַ מיידלשע געשטאַלט. אַ גאַסטפּריינדלעכע, אַ ליבע יונגע ווינערין האָט מיך ליב־שמייכלענדיק באַגעגנט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טאַבורעט ביי אַ קליינעם, ניט געפאַרבטן דעמבענעם טישל. די אומגעבונג אַן אָרעמע, אָבער אַ ריינע, אַ ציכטיקע און אַ געמיטלעכע...

וואָס צו באַשטעלן האָב איך ניט געוואוסט. אויף דער מיידלס ערשטער פראַגע, וואָס איך ווינטש, וואָס האָט געקלונגען ווי מוזיק, האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אַז מען קען באַשטעלן אַ גלאָז וויין, האָב איך ניט געוואוסט, צי ניט געוואָגט. ערשט, אַז איר שמייכל און באַזונדערס איר יוגנט און שיינקייט האָבן אָנגעהויבן מיך צו באַרוישן, האָב איך שוין דרייסטער אַרויסגעזאָגט:

— ראַטן זי זעלבסט, — און געשמייכלט צו איר ווי אַ באַגליקטער...

— איין גלאָז וויין... — האָט זי שוועסטערלעך צוריקגעשמייכלט.

איר פֿאָרשלאָג האָב איך שוין ניט געקענט בײַשטיין. זי האָט מיר גלייך צוגעטראָגן אַ הויכע און שמאָלע גלאָז מיט ווייסן ווייַן. איך האָב געגעבן דעם ערשטן שלוק... עס האָט מיר אָנגענומען אַ נייע פֿרייד, אַ פֿאַרלאַנג צו לעבן. די פֿריערדיקע שטימונג איז אינגאַנצן אַוועק.

איך האָב זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט, זי האָט זיך ניט געווערט, פֿאַרקערט, אַ שמייכלענדיקע איז זי קעגנאיבער מיר געשטאַנען און מיך געמוטיקט מיט אירע נייגעריקע און אין דער זעלבער צייט פֿריינדלעכע בליקן.

— זעצן זי זיך, ליבעס קינד...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר, אויפֿן שמאָלן טאַבורעט. איך האָב זי אַרומגענומען און באַשאָטן איר בליענדיק געזיכט מיט פֿלאַמענדיקע קושן. זי האָט זיך ניט געווערט. געקוקט אויף מיר מיט אירע שיינע פֿריילעכע אויגן און האָט מיט האַלב־אויסגעעפֿנטע ראָזיקע ליפּן געטריי געשמייכלט מיר אַנטקעגן.

איך ווייס ניט, צי דער ווין, צי די קושן — איך בין געוואָרן באַרוישט. די יונגע קעלנערין — און אפֿשר איז זי געווען די טאָכטער פֿון דעם אייגנטימער פֿון ווינקעלער, איבעריקנס אין ווינקעלער האָט זיך דעמאָלסט קיינער אויסער אונז ביידן ניט געפֿונען — זי האָט מיך אויפֿגעמונטערט. סיי מיט איר פֿרישקייט און שיינקייט, סיי מיט איר גוטסקייט. איך האָב שוין ניט געקאָנט באַגרייפֿן, ווי אַזוי איך האָב מיט עטלעכע מינוט פֿריער געקענט זיין אַזוי פֿאַרצווייפֿלט, ווען אויף דער וועלט געפֿינען זיך אַזעלכע געבענטשטע וועזנס, ווי אָט די וואונדערלעכע מיידל...

דאָס אומדערוואַרטע גליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב ניט געוואָלט אים לאָזן צו לאַנג געדויערן, ניט אויסשעפּן אים. איך האָב געוואָלט אים מיטנעמען מיט זיך, און דערפֿאַר האָב איך זיך אויפֿגעהויבן פֿון טאַבורעט, וואו איך בין מיט איר געזעסן אָרעם אין אָרעם, האָב געפֿרעגט אויפֿן פּרייז פֿון דער גלאָז ווין, וועלכע איך האָב איבעריקנס אויסגעטרונקען אינגאַנצן.

דער פּרייז איז געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט מיך אַזש איבערראַשט: 25 העלער... איז דען ווין אַזוי ביליק? ביז דאַן האָב

איך געמיינט, אַז ווין איז בלויז פאַר רייכע... און דערצו האָב איך זי אַזוי שטאַרק געקושט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די קושן וועט זי צורעכענען. אָבער ניין. עכטע קושן געווען... ניט צו באַצאָלן. דאָס האָט סיי זי, סיי מיך נאָך מער דערהויבן. איך האָב זיך מיט איר געזעגנט ווי מיט אַ נאָר=וואָס מיר נאָענט=געוואָרענער פריינדין. זי האָט מיך באַגלייט ביזן שוועל און אַ שמייכלענדיקע נאָך געגריסט מיט דער האַנט, ווען איך בין שוין געווען אין דרויסן... „אויפווידערזען“...

פאַר איבערראַשונג האָב איך דאַן פאַרגעסן צו מערקן דעם נאָמען פון דער גאַס. אָבער סיי=ווי=סיי האָב איך ניט געטראַכט מער צו גיין אין דעם דאָזיקן ווינקעלע, ווי איך וואָלט ניט וועלן מיט די ווייטערע באַזוכן אָפּווישן דעם שטאַרקן איינדרוק פון דעם ערשטן.

די דאָזיקע פּאַסירונג—און אייגנטלעך קען עס אַפילו ניט הייסן פּאַסירונג, ווייל עס האָט גאָרניט פּאַסירט — האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. עפּעס האָט עס אויסגעוויזן ווי אַ נס, אָדער ווי אין אַ צויבער=מעשהלע, ווי אין אַ חלום...

צוריק בין איך שוין געגאַנגען מיט פעסטע, מונטערע טריט, ווי אַ זיגער.

מער האָבן מיך אַזעלכע שטימונגען ניט באַפאַלן און קיין ווינקעלעך מיט אַזאַ ליבנסווערדיקער קעלנערין האָט זיך ניט געוויזן. די נאַכט=קאַפעען און קאַבאַרעטן, וואו איך פלעג יאָ אַמאָל אַריינקומען, זיינען שוין געווען גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. אַהין בין איך געגאַנגען אויך צוליב לאַנגווייליקייט, אָבער מער צו באַאָבאַכטן דאָס ווינער רוישיקע לעבן. פון די דאָזיקע נאַכט=קאַפעען בין איך אָבער אַלעמאָל אַרויס גייסטיק אַן אַנטוישטער... אין זיי האָט געפעלט די עכטע פרייד און דאָס עכטע לעבן. די דאָזיקע איינדרוקן האָב איך איבערגעגעבן אין צוויי מיניאַטורן: „דער פאַלשער טאָן“ און „דער קעלנער“ און פיל שפּעטער — אין אַנדערע — גרעסערע דערציילונגען.

צייטנווייז האָב איך ליב געהאַט צו באַזוכן דעם ווינער פּראַטער, אַ מין ניו=יאָרקער קוני=איילאַנד, אָבער פאָלקסטימלעכער און

מיט מער געשמאַק. אויך די פרייד איז דאָרט געווען אַ רויִקערע און אַן עכטערע, אָבער די מוזיק, וואָס האָט אין פראַטער אין פאַרשיידענע פלעצער געשפילט, איז געווען פון זעלבן מין, וואָס מען הערט אין קוני־איילאַנד, און עס האָט פונקט אַזוי געגרילצט. אמת, די הילצערנע מוזיקאַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער הייך אויף אַזאַ מין שפילקאַסטן און פלעגן זיך ביי יעדן שטיק באַוועגן און שפילן אויף אַלערליי אינסטרומענטן, און אַ הילצערנער קאַפעלמייסטער האָט מיט גרויס איבערגעבנהייט דיריגירט און געפאָכעט מיט זיין שטעקעלע אין אַלע זייטן, פונקט ווי אַ לעבעדיקער קאַפעלמייסטער — דאָס האָט שטאַרק אַמוזירט אַפילו מיך...

* * *

צווישן די פאָר יידישע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געוואוינט אין ווין, איז געווען א. לובעצקי, אַ מערקווערדיקער, אינטערעסאַנטער טיפ. אַ מענטש מיט פאַרשיידענע טאַלאַנטן, האָט ער ניט געקענט זיין „איך“ אַרויסצייגן אין קיין איינעם... געשריבן יידיש און העברעיִש, האָט ער אָבער ריידן קיין איין שפראַך ניט געקענט ריכטיק. גערעדט האָט ער כלומרשט דייטש, אָבער זיין דייטש איז געווען אַ גרילצנדיקער, און ער פלעגט יעדער זאַץ צוזאַלצן מיט אַ העברעיִשן וואָרט: „עס וואַר איין גראָסער פחד אַנצושאַוען“... אָדער: „וויר האַבן שאָן דאַס זעלבע איבערגעחזרט...“

מיט דעם דאָזיקן א. לובעצקי איז מיר גראָד אויסגעקומען צו וואוינען אַ פאָר חדשים אין איין האָטעל, אויף אַ זומערוואוינונג, אייניקע מייל פון ווין. דער האָטעל האָט געהערט צו אַ ווינער דייטש, וואָס האָט באמת ניט ליב געהאַט קיין יידן, אָבער אַזוי ווי דעם האָטעל האָט ביי אים פאַר די זומערדיקע חדשים געהאַלטן אין „אַרענדע“ אַ יידישע פרוי פון אונגאַרן, אַן אַלמנה, זיינען שוין אַלע געסט באַשטאַנען פון לויטער יידן און אַפילו פון אייניקע „רוסן“, צווישן וועלכע איך בין איינער געווען... ווען ניט דער דאָזיקער האָטעל־אייגנטימער, וואָלט איך ניט געהאַט די זכיה אָנצוזען אַ ווינער אַנטיסעמיט מיט מיינע אייגענע אויגן... ער איז געווען דער איינציקער ווינער גוי, וואָס איך האָב געקענט אַלס

אַנטיסעמיט, אָבער אויך ער האָט זיך געמוזט הנדלען צו די יידישע געסט, ווייל דער רעסטאָראַן און די בירהאַלע, וואָס דער האָטעל האָט פֿאַרמעגט, האָט געהערט צו אים אַליין, און ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרלירן די יידישע געסט אַלס קונדן... דערצו האָט ער געהאַט אַ טאָכטער, שוין אַן עלטערע מיידל, און דווקא ניט קיין שיינהייט, וואָלט ער אַפֿילו ניט געווען דעקעגן צו באַקומען איינעם פֿון די יידישע יונגעלייט פֿאַר אַ חתן פֿאַר איר. זי וואָלט אַוודאי ניט געווען דעקעגן, ווער רעדט איינעם פֿון די צוויי שילער פֿון א. לובעצקי, שיינע יידישע בחורים פֿון רוסלאַנד, וועמען לובעצקי האָט געגעבן לעקציעס אין געזאַנג און „געשטעלט" זייערע שטימען... — מיט זיי וואָלט זי אַוודאי ניט געבראַקירט. צום אומגליק האָט יעדער איינער פֿון זיי באַוועסן אַ שאַך פֿון זיין גופֿא און אַ שענערע און אַ יינגערע פֿון איר. אַז די דאָזיקע צוויי „שאַצן" פֿלעגן אין די זונטאָגס באַזוכן לובעצקיס צוויי תּלמידים, פֿלעגט טאַקע סיי דער פֿאָטער, סיי די טאָכטער זיי ניט זייער פֿריינדלעך אויפֿנעמען, כאָטש די „שאַצן", יונגע שיינע ווינערינס, זיינען געווען עכטע קריסטינס....

ווי אַזוי קומט צו א. לובעצקין שילער פֿון געזאַנג, דאַרף קיין פֿראַגע ניט זיין. א. לובעצקי האָט טאַקע אַליין זינגען ניט געקאָנט, און אפֿשר אַמאָל, איידער נאָך איך האָב אים געקענט — איז ער יאָ אַ זינגער געווען, נאָר ער האָט פֿאַרלאָרן זיין שטים — אָבער די טעאָריע פֿון געזאַנג האָט ער יאָ געוואוסט, און ניט נאָר געוואוסט, נאָר ער האָט אַפֿילו אויסגעפֿונען אַ נייע מעטאָדע, ווי אַזוי צו שטעלן „שטימעס"... ער האָט מבטל געווען די אַלע ווינער פּראָפֿעסאָרן פֿון געזאַנג, האָט אַן אויפֿגערעגטער באַוויזן מיט אותות־ומופֿתים, אַז זיי פֿאַרדאַרבן מיט זייערע פֿאַלשע מעטאָדן די שטימען פֿון גאָר גרויסע זינגער, וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלן צו זיי אין די הענט. אַוודאי האָט לובעצקי אין זיין טעאָריע אַליין געגלויבט און מיט דעם כּוח פֿון זיין גלויבן איז אים אויך געלונגען צו באַקומען יונגע זינגער אַלס תּלמידים און נעמען פֿאַר אַ לעקציע אַ בערך היפּשן פּרייז...

עס איז געווען שטאַרק אינטערעסאַנט בייצוואוינען אַ לעקציע

פון א. לובעצקי מיט זיינע תלמידים, פיר אין צאָל, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר מיט ווירקלעך גרויסע שטימען. איינעם, אַ יונגן חזן אין אַ ווינער טעמפּל, האָט לובעצקי פאָרגעברייט צו דער גרויסער אָפּערע... עס איז געווען בלויז אַ פראַגע פון נאָך אַ פינף לעקציעס... צופעליק האָב איך דעם דאָזיקן חזן אין יאָרן אַרום געטראָפן אין בערלין.

— איר זינגט אין דער היגער אָפּערע? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָ אָפּעראַ? — האָט ער זיך געקלאָגט, — איך בין יעצט קאַנטאָר אין בודאַפּעשט...

און דערביי האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגן לובעצקין ווי וועגן איינעם, וואָס האָט מיט זיינע „שטים-מעטאָדן" פאַרדאָרבן זיין שטים...

אין דער זעלבער צייט האָט לובעצקי, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס העברעיִשער און טיילווייז יידישער פובליציסט, אָנגעשריבן אַ „פסיכאָלאָגישן" ראָמאַן. געדרוקט האָט זיך דער ראָמאַן אין המשכים אין „השלח"... בלויז אַחד-העם, וואָס איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון קונסט פאַר קונסט, האָט געקאָנט דרוקן אין אַזאַ וויכטיקן זשורנאַל ווי „השלח" דעם דאָזיקן ראָמאַן, וואָס זיין טיטל און אינהאַלט האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן. אַז עס פלעגט אָנקומען אויף דער זומערוואוינונג אַ העפט „השלח" מיט אַ המשך פון ראָמאַן, איז לובעצקי יענעם אָוונט, קומענדיק פון ווין, — וואו ער פלעגט אין קאַפעען פאַרברענגען דעם טאָג — געווען ברוגזער ווי תמיד. און ברוגז איז ער געווען דערפאַר, וואָס זיין ראָמאַן, ווי ער האָט געפילט און געמערקט, ווערט פאַרשוויגן און ניט אָפּגעשאַצט, לויט זיין גרויסן ווערט.

— דאָס איזט איין גראָסעס אומגליק, ווען אַ פובליציסט שרייבט אויך בעלעטריסטיק — פלעגט ער זיך פאַר מיר קלאָגן, זיצנדיק אויף דער וועראַנדע — מאַן האָט צו אים קיין צוטרוי... אונד בלאָס דעסהאַלב וויל איך אויך „מאמרים" שרייבע...

פון אַלע זיינע פראָפעסיעס האָט ער אָבער געלעבט גענוג אָרעם. זיין יונגע און מילדע פרוי, אַ שוועסטער פון ראובן בריינין, וועמס מוטער, ברידער און שוועסטער האָבן דאַן געוואוינט אין ווין,

האָט אים גרויס אַכטונג און געטריישאַפט צו אים, שטאַרק אויפגעפאַסט, אַז עס זאָל אים גאָרניט פעלן, און האָט נאָכגעגעבן אַלע זיינע קאַפריזן פון אַ גאון... זיינע השגות וועגן לעבן זיינען געווען זייער גרויס. ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען אַ מענטש פון גייסט, האָט ער אָבער שטאַרק געהאַלטן פון עולם=הזה. אָט ווי איצט געדענק איך זיינע ווערטער, ווען ער האָט זיך פאַר מיר אַמאָל געקלאָגט, וואָס ער מוז לעבן באַגרענעצט, ניט נאָך זיינע השגות. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט:

— איר לעבט ברייט, איר באַזוכט שיינע קאַפעען...

— נו, יאַ, ווען איך זאָל נאָך ניט קענען זיך דערלויבן, צו פאַרשווענדן אייניקע קראָנען אַ טאָג פאַר מיין פאַרגעניגן, מעכט איך זעלבסטמאָרד באַגאַנגען.

און צום גרויסן באַדויערן, האָט דער דאָזיקער אין אַלגעמיין באַגאַבטער מענטש, נאָכדעם, ווי ער האָט אין אָדער נאָך דער וועלט=מלחמה געמאַכט פיל מיליאָנען אין געלט=ספעקולאַציעס און האָט, נאָכן פאַלן פון דעם דייטשן, צי פוילישן מאַרק, זיינע גאַנצע מיליאָנען פאַרלאָרן, איז געבליבן מיט אַ פאַק ווערטלאָזן פאַפיר=געלט — זיין דראָונג אויסגעפירט... די דאָזיקע נאַכריכט האָט מיך שטאַרק דערשיטערט און איך האָב זיך דערמאָנט אָן זיין אַמאָליקער אָנדייטונג אויף דעם... זיינען אפשר מאַנכע גערעכט, וואָס זיי היטן זיך אַרויסצוברענגען אויף זייער מויל אַ שלעכטע פאָרזאָגונג...

אַ טרוקענער גמרא=קאָפ, גענייגט צו פילפול, האָט ער דאָך פאַרמעגט אין זיך פיל פאָזיטיוועס, און אַפילו גייסטיקע שיינקייט מיט אַ נייגונג צו מוזיק. כאָטש אָן אַ גרינטלעכן וויסן פון דער טעאָריע פון מוזיק, האָט ער קאָמפאָנירט אייניקע ניגונים צו יידישע לידער, צו מיין ליד „די יונגע קרעמערין” האָט ער פאַרפאַסט אַ באמת וואונדערלעך שיינע מעלאָדיע. פאַרפאַסט די מעלאָדיע האָט ער אין עקספראָמט: אויף דער וועראַנדע פון אונזער וואוינונג אין דעם האָטעל. ער איז אויך געווען אַ גרויסער מבין אויף פאָעזיע. פון מ. ראָזענפעלדן פלעגט ער ריידן מיט אַנטציקונג. „דער ערשטער דיכטער=קלאַסיקער ביי יידן מיט אַ קלאַסישן טאָן”, האָט ער, מיט

רעכט, זיך געהיצט און געאַמפּערט מיט די, וואָס האָבן עס ניט געוואָלט צוגעבן...

אין יענעם זומער איז געקומען צו לובעצקין צו גאַסט ראובן בריינין, וועלכער האָט שוין דאַן געוואוינט אין בערלין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב מיט בריינינען זיך באַקענט. שוין דאַן אין די פערציקער, אָבער מיט אַ פייערדיקן בליק און מיט אַן ענערגישן איסוען, האָט אויף מיר בריינין געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער איז אַפילו דאַן געווען ניט נאָר אַ העברעיִשער שרייבער, נאָר אויך אַ „העברעיִסט“, הגם ער האָט אויך אין „יוד“ פאַרעפנטלעכט איניקע אַרטיקלען וועגן ש. פרוג און מאָריס ראָזענפעלד — פונדעסטוועגן האָט ער שטאַרק געריםט מיינע לידער, וועלכע ער האָט געלעזן נאָך אין בערלין. איבערהויפּט האָט ער מיך פאַרלויבט פאַר דעם גרויסן גאַסט, וואָס ער, בריינין, האָט מיטגענומען צו לובעצקין אויף אַ שמחה... ער האָט וועגן מיר געזאָגט גאָר גרויסע ווערטער... דער גאַסט איז געווען, לויט מען האָט גערעדט, אַ גרויסער מיליאָנער פון דרום-אַפריקע... אַ ייד אַ משכיל, אַ הויכער, אַ ברייטביניקער, מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט גוטמוטיקע יידישלעכע אויגן. דער מיליאָנער האָט דערהערט, אַז איך בין אַזאַ „בעל-כשרון“, ווי בריינין האָט מיר פאָרגעשטעלט, האָט ער אויף מיר געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס ער וויל באַגליקן. ער האָט נאָר געזוכט די פאַסיקע פאָרם.

— האָט איר עפעס פון אייערע ווערק ביי זיך? — האָט מיר דער מיליאָנער ברייט אַ פרעג געטאָן.

איך האָב בלויז געהאַט איין עקזעמפּלאַר פון מיינע „צייט-לידער“. האָט מיר בריינין צוגערעדט, איך זאָל עס געבן דעם גביר.

איך בין אַריין אין מיין צימער און אַרויסגעקומען צוריק מיט דעם קליינעם ביכעלע „צייט-לידער“...

איך האָב עס דערלאַנגט דעם מיליאָנער...

— נו, שרייבט שוין עפעס אָן... האָט דער מיליאָנער ווי געבעטלט...

— זיכער, שרייבן זי עטוואָס אָן... צום אָנדענקען... — האָט אויך ראובן בריינין געראָטן און צווידייטיק צוגעוואוינקען.

אַ ברירה האָב איך געהאַט. אַז בריינין הייסט, מוז מען פאָלגן. האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט שרייבן אויבן, אויפן שער-בלעטל, און דווקא אויף לשון-קודש...

למזכּרת אהבה וידידות...
לכבוד המשכיל.... אאַז"וו...

מיטן טיטל בין איך לחלוטין גאָרניט אויסן געווען, אויך ניט מיט דעם העברעיִש. עס איז מיר פּשוט געווען לייכטער. דערצו אָפיציעלער. אין יידיש וואָלט איך שוין עפּעס געמוזט שרייבן אויפדיכטיק פּאָזיטיוועס, און וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אַ מענטשן, וואָס דו זעסט אים דאָס ערשטע מאָל? מעג ער מאַכן אויף דיר דעם בעסטן אײַנדרוק, הגם אַ מיליאָנער...

איבערגעגעבן דאָס ביכעלע אַלס מתנה פון ריינעם האַרצן, ווייל עס איז דאָך אַ ייד, וואָס פאָרט צוריק אין אַפריקע, טאָ זאָל זיך געפינען מיינס אַ ביכעלע אויך אין אַפריקע, זאָלן אַריינקוקן דערין נאָך אַ פּאָר פאַרוואָרפענע יידן... און די פאַנטאַזיע האָט זיך טאַקע ביי מיר וועגן דעם שטאַרק צעשפּילט. האָב איך שוין געוואָלט זיך אויפהייבן פון אָרט און אַוועקגיין, צוריק אין מיין צימער, — אָבער איך האָב באַמערקט, ווי דער מיליאָנער „באָברעט" זיך ביי דער בוזעם-קעשענע פון זיין רעקל...

איך האָב עפּעס פאַרגעפילט. אַ קאַמף איז אין מיר פאָרגעקומען: יאָ, ניין... ניין... יאָ... יאָ, ניין... און איך האָב באַשלאָסן: ניין...

דער מיליאָנער האָט שוין אויפגעעפנט זיין פּאָרטמאָנע — אַן אָנגעפּאַקטער מיט פּאַפּיר-געלט... איך ווייס ניט, ווי גרויס די סומע וואָלט געווען, אָבער איך האָב זיך מיט שרעק אָפּגעוואָרפן:

— איך בעט אַיך, נעמט צוריק... איך גיב אַייך דאָס ביכעלע אַלס אַ מתנה...

-- יאָ, אָבער... עס קאָסט דאָך זיי אַליין... און דערצו זיינען זיי דאָך אין דער פרעמד... איך וויל זיי באַלוינען... — האָט דער מיליאָנער פאַרווירט געשטאַמלט...

— ניין, איך בעט אַייך... איך האָב אַייך געשענקט אַ מתנה... איך וויל ניט קיין באַלוינונג...

דער מיליאָנער האָט דערזען, אַז איך מיין עס ערנסט, און פאַרשעמט האָב איך זיך אויך זייער שטאַרק, האָט ער ניט געוואָלט מיך מער דערקוטשען. ער איז אָבער פון מיין „טאַט“ געוואָרן געריררט. קענטיק, אַזאַ מחבר האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזען...

— אויב אַזוי — האָט ער זיך לסוף אָנגערופן ווי אַ באַפרייטער פון אַ יאָך — אויב אַזוי וועל איך אייך אַמאָל איינלאַדן צו קומען צו מיר אַהיים, אין קייפטאָון... גלויבט מיר, איר וועט צו דער נסיעה ניט צולייגן...

די איינלאַדונג אָבער צו קומען צו אים אין קייפטאָון האָב איך קיינמאָל ניט באַקומען.

אויף אַזאַ אופן האָב איך געקענט שטאָלצירן, וואָס איך האָב אַ גרויסן מיליאָנער אַוועקגעשענקט אַ ביכעלע לידער.

פון די איבעריקע שטאַרקע איינדרוקן און באַגעגענישן אין ווין איז געווען מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ סטודענטין קאַלמענסאָן, אָדער קאַלמאַנאָוויטש, אַ טאָכטער פון אַ באַרימטן לערער אין מינסק. די באַקאַנטשאַפט מיט איר איז געווען אַן אויסטערלישע. קיינער האָט אונז ניט פאָרגעשטעלט, נאָר ווען מיר פלעגן זיך — און שטענדיק צופעליק — באַגעגענען, פלעגן מיר זיך לאַנג און דורכדרינגענדיק אָנקוקן... ביז וואַנען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַגריסן, פריער מיט אַ נייגן זיך, נאָכדעם שוין מיט אַ האַנטדרוק. זי איז געווען אַ וואונדערלעכע שיינהייט, אַ שלאַנקע, ווי אַ סאָסנע, און ניט קוקנדיק, וואָס זי איז געווען פאַרטאָן שטענדיק אין אירע לימודים — וואָס זי האָט געשטודירט, געדענק איך ניט — האָט זי דאָך פאַרמעגט פיל צאַרטקייט און איידל־ווייבלעכעס. גערעדט האָט זי מיט מיר רוסיש, קיין יידיש האָט זי ניט געקענט, אָבער אַז איך בין אַ יידישער שרייבער האָט זי דאַן געוואוסט און דאָס האָט איר קענטיק אימפּאָנירט. באַצויגן צו מיר האָט זי זיך אָבער מער ווי צו אַ לאַנדסמאַן, איידער ווי צו אַ שרייבער... הגם אין מינסק האָב איך ניט נאָר איר, נאָר אַפילו איר באַרימטן פאָטער ניט געקענט, בלויז זיין נאָמען געהערט.

זי איז געווען די איינציקע פֿון דעם קרייז רוסישע סטודענטן אין ווין, פֿון די וואָס איך האָב פּערזענלעך געקענט, וואָס איז געווען אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטין און אפשר אַ ס.ר.ין, קיין בונדיסטין איז זי זיכער ניט געווען. די דאָזיקע אויסגעצייכנטקייט אין איר האָט מיך נאָך מער צוגעצויגן צו איר, און מיין יידישקייט, וואָס איז איר געווען ווייט, האָט דאָך איר דערנענטערט צו מיר. צו באַפֿריינדעט זיינען מיר אין פֿאַרלויף פֿון מיין זיין אין ווין קיינמאָל ניט געווען. בלויז איינמאָל האָב איך זי איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר אין אַ קאַפֿע. זי האָט זיך אָנפֿאַנגס אָפּגעזאָגט, אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב אין שפּאַס געמאַכט איר אַ קאָמפּלימענט, אַז דער הוט פּאַסט איר זייער, איז זי — אַן ערנסט געשטימטע — געוואָרן מער אויפֿגעלעבט און האָט זיך געלאָזט איבעררײדן, צו גיין אין אַ קאַפֿע-הויז, אָבער מיט אַ תּנאַי, — בלויז אויף איין שטונדע, ווייל שפּעטער מוז זי גיין אין אוניווערסיטעט, הערן אַ לעקציע פֿון פּראָפֿעסאָר יאָדעל, וועגן פּסיכאָלאָגיע...

איך האָב זי איינגעלאַדן אין קאַפֿע „סולער“. זי האָט קענטיק דאָס ערשטע מאָל באַזוכט אַזאַ רייך קאַפֿע-הויז. אָנפֿאַנגס, ביים אַריינקומען אין קאַפֿע, איז זי געבליבן פֿאַרווירט, באַלד אָבער, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך שוין אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און אַ העפֿלעכער, אַ צופֿיל העפֿלעכער און אַן אָנגעקראָכמאַלטער קעלנער איז צוגעקומען מיט אַ פֿאַרנייג און מיט אַ פֿאַרטיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן און געפֿרעגט, ווי אויסזינגענדיק: „וואָס ווינשען זי, גנעדיקע הערן און דאַמען“ — האָט זי מיט אַ ווידערגעפֿיל זיך אָפּגעקערט פֿון אים...

און נאָך זיין אַוועקגיין האָט זי שוין אויסגעדריקט איר מיינונג וועגן אָט דער געמאַכטער העפֿלעכקייט בכלל, און גלייך ווי זי האָט אָפּגעטרונקען די טאַסע קאַווע, האָט זי מיך גענומען רופֿן צוריק...

איך האָב דערפֿילט דעם אמת אין איר פּראָטעסט קעגן דער פֿאַלשער העפֿלעכקייט און דער איינדרוק פֿון אירע רייד און פֿון איר אַליין איז אויף מיר געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אין אַ

קורצער צייט אַרום אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אינמיטן דערינען", וואו די שיינע און אינטערעסאַנטע סטודענטקע האָט פֿיגורירט אַלס הויפּט־העלדין...

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר אויך דאַן געמאַכט אַ יונגער יידישער אינטעליגענטער אַרבעטער, מיטן נאָמען סמיט. דאָס איז געווען דער איינציקער קלאַסנבאַוואוסטער, וועמען כ'האָב קענען געלערנט אין ווין. ווי אַזוי ער איז מגולגל געוואָרן קיין ווין, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז זייענדיק אַ לאַנגע צייט אַרבעטסלאָז, — האָט ער ענדלעך געפֿונען אַרבעט ביי קרעמענעצקין אין פֿאַבריק. קרעמענעצקי, אַ רייכער פֿאַבריקאַנט אין ווין, דאַכט זיך אַליין אַ רוסישער ייד, האָט אָבער קיין יידן אין זיין פֿאַבריק ניט אַריינגענומען. סמיט האָט מיר דערציילט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז בלאָנד און זעט ניט אויס ווי אַ ייד און זיין נאָמען, סמיט, קלינגט אויך ניט יידיש, האָט ער באַקומען אַרבעט אין קרעמענעצקיס פֿאַבריק, וואו קיין יידן ווערן ניט אויפֿגענומען...

קרעמענעצקי איז דעמאָלסט געווען איינער פֿון די הויפּט־מיט־גלידער פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דאַן געפֿונען אין ווין. אָנפֿאַנגס האָב איך ניט געקענט גלויבן, אַז אַ יידישער פֿאַבריקאַנט זאָל ניט אַרייננעמען קיין יידישע אַרבעטער, אָבער אַז איך האָב זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון סמיטס באַהויפּטונג, איז מיין אויפֿרעגונג קעגן קרעמענעצקין, וואָס איז נאָך געווען אַ פֿירער ביי די ציוניסטן — געווען זייער גרויס... און מיין צאָרן קעגן די ציוניסטישע פֿירער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן... טראָץ די סענטימענטן, וואָס האָבן מיך באַהערשט די ערשטע וואָכן אין ווין צוליב די אייניקע אויפֿריכטיקע צווישן זיי...

איינער צווישן די אויפֿריכטיקערע איז געווען דער אַרכיטעקטאָר מאַרמאָרעק, מיט וועלכן א. קאָראַלניק האָט מיך ביי אַ צופֿאַל באַקאַנט. ער איז געווען אַ הויך־אינטערעסאַנטער און געלערנטער מענטש, אין פֿערזענלעכן און פֿאַמיליען־לעבן אַן אומגליקלעכער. דערפֿאַר אפשר האָט זיין ציוניזם — איבעריקנס איז ער שוין דאַן אַ גאַנץ קנאַפּער ציוניסט געווען — געטראָגן אַ מער פֿילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, לויט זיין אָריגינעלער אויפֿפֿאַסונג.

פון די געלערנטע אין ווין האָב איך זוכה געווען אין יענעם זומער צו זען פּראָפעסאָר יערוזאַלעם און אַפילו הערן אַ לעקציע פון אים אין ווינער אוניווערסיטעט. גענומען צו דער לעקציע האָט מיך טאַקע א. קאָראַלניק. זיצנדיק אין איינעם פון די גרעסערע אוידיטאָריומס פון דער ווינער באַרימטער אוניווערסיטעטס=געביידע, וואָס האָט אין מיינע אויגן דאַן אויסגעזען ווי אַ בית=המקדש, צווישן הונדערטער סטודענטן צוהערער, האָב איך זיך געפילט אין דער בחינה פון אַ סטודענט, בפרט אַז די לעקציע איבער פרידריך ניצשע האָב איך גוט פאַרשטאַנען און אויפמערקזאַם געהערט יעדעס וואָרט. איך האָב אָבער אויך ניט פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז אַ פּאָר סטודענטן זיינען אין די ווינקלדיקע בענק געזעסן און געשמאַק געשלאָפן...

אַרויסגעגאַנגען פון אוניווערסיטעט בין איך גלייך מיט אַלע. הינטער אונז איז געגאַנגען אויך דער פּראָפעסאָר יערוזאַלעם... מיט זיין שיינער שוואַרצער באָרד, מיט זיין קלוגן שמייכל, וואָס האָט באַשטראַלט זיין איידעלן פּנים, פירנדיק שוין, קענטיק, אַ שיחת=חולינדיקן געשפּרעך מיט אַ פּאָר יונגע סטודענטן, וועלכע זיינען מיט יראַת=הכבוד אים נאָכגעגאַנגען ביי זיין רעכטער זייט — האָט ער אויסגעזען ניט נאָר ווי אַ ייד — ער איז געווען טאַקע אַ ייד — נאָר ווי אַ ראש=ישיבה, וואָס האָט נאָר=וואָס געהאַלטן אַ „שיעור“ פאַר זיינע תּלמידים...

פיראונפערציקסטער קאַפּיטל

אומרוען אין וואַרשע. — דער אָפּקלאַנג. — מיין דערציילונג וועגן די אומרוען. — צו שאַרף פאַרן „פריינד". — מיין איבעררייסן מיטן „פריינד". — „די דריי טאַקטן". — מיין לאַנדסמאַן דער קריטיקער. — בעל־מחשבותעס בריוו. — ווינער יידישע סביבה. — דאָס יידישע טעאַטער.

אין דער זומערוואוינונג, וואו איך האָב געוואוינט, ווי כ׳האָב שוין דערציילט, אין איין צימער מיט א. קאָראַלניקן און בשכנות מיט א. לובעצקין, איז דאָס לעבן געגאַנגען רוישיק און טומלדיק, איבערהויפּט אין די פרימאָרגנס, ווען די אַלע זומערדיקע געסט פלעגן אויפשטיין און גרייטן זיך צו פאָרן צו זייערע באַשעפטיקונגען אין ווין, און פאַרנאַכט, ווען זיי פלעגן זיך ווידער צוזאַמענקומען, און צוליב די ענגע צימערלעך, וואָס דער האָטעל האָט פאַרמאָגט, האָט יעדער זיך געפּלאָנטערט אויף דער שמאָלער, לאַנגער וועראַנדע... אַ שטילן ווינקל, וואו צו פאַרקלייבן זיך און שרייבן, איז געווען שווער צו געפינען. דערפאַר האָב איך אין די פּאָר מאָנאַטן, וואָס איך האָב זיך געפונען אין דעם זומער־האָטעל, זייער ווייניק געשריבן. פונדעסטוועגן, אַז עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות אין די צייטונגען וועגן די אומרוען אין וואַרשע, וואָס די מלחמה, און דער קריזיס האָט אַרויסגערופן ביי די אַרבעטסלאָזע, האָב איך שוין ניט גערעכנט זיך מיטן טומל אויף דער וועראַנדע און אָנגעשריבן אַ דערציילונג „גאָר ניט פריילעך", אָדער ווי איך האָב זי שפּעטער אַ נאָמען געגעבן: „פון וואַנען שטאַמט פילאַנטראָפּיע"... אַלס סוזשעט האָט מיר געדינט די ידיעה, אַז אַרבעטער זיינען באַפאַלן אין אַ גאַס אַ וואָגן מיט ברויט, וואָס מען האָט געפירט פון אַ בעקעריי, און האָבן עס צעכאַפּט... אויך די נייס, אַז אין גרינבערגס גרויסן רעסטאָראַן אויף דזיקע־גאַס זיינען אַריין אַ קאָמפּאַניע אַרבעטער, זיך צעזעצט בייט

אַרום די טישן; זיינען גלייך צוגעקומען די קעלנערינס — מאַנכע פֿון זיי האָב איך געקענט, ווייל אויך איך האָב, זייענדיק אין וואַרשע, געגעסן אין דעם דאָזיקן רעסטאָראַן אָפֿט אַ מיטאָג, וואָס האָט מיר זייער געשמעקט, ביז וואַנען איך האָב, איינמאָל, אין דער זופּ געפֿונען אַ גאַנץ היבשן טשוואָק, אָבער וואָס איז שוין געווען שטאַרק פֿאַרזשאַווערט, האָב איך שוין איבערגעלאָזן די זופּ מיטן טשוואָק, באַצאָלט פֿאַרן גאַנצן מיטאָג און האָב דעם דאָזיקן רעסטאָראַן שוין מער ניט באַזוכט — די קעלנערינס, האָט געזאָגט די ידיעה אין דער וואַרשעווער צייטונג, האָבן, גאָרניט חושד זייענדיק, זיי דערלאַנגט פֿון שענסטן און בעסטן, די אַלע פֿיר מינים: פֿאָרשפּייז, זופּ, קאָטלעטן און קאָמפּאָט, און נאָכן עסן האָבן אַלע, ווי אויף אַ געהיימער קאָמאַנדע, זיך אויפֿגעהויבן פֿון די פּלעצער אויף אַוועקצוגיין, און באַצאָלן וועלן זיי שוין אַן אַנדערש מאָל... אין בעסערע צייטן...

— איצט, האָבן זיי זיך פֿאַרטיידיקט, — איז ניטאָ קיין אַרבעט...

און זיינען זיך רויִק אַרויסגעגאַנגען...

האָט דאָס אָנגעמאַכט אין וואַרשע אַ גוואַלדיקן רעש צווישן די רייכע און פֿאַרמעגלעכע... אויב אַזוי, איז מען דאָך ניט זיכער מיטן פֿאַרמעגן, מיטן אייגענעם האָב און גוטס — דאַרף מען דאָך עפּעס טאָן. האָבן אַנדערע געראָטן צו רופֿן די פּאָליציי און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף טיילן ברויט די אַרבעטסלאָזע...

האָב איך וועגן דעם אָנגעשריבן אַ גאַנץ שאַרפֿע דערציילונג, אַ ביסל מיט הומאָר, אַ ביסל מיט סאַרקאַזם, אָבער אָן אַגיטאַציע, חלילה... די קונסט טאָר ניט ליידן... בפֿרט, אַז די רעוואָלוציע האָט נאָך ניט אויסגעבראָכן. עס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן אויף רעוואָלוציע... די דאָזיקע דערציילונג האָב איך אַוועקגעשיקט אין „פֿריינד“ און אַזוי ווי מיין לאַגע איז געווען דאַן ניט פֿיל בעסער פֿון די אַרבעטסלאָזע אין וואַרשע, און קיין ברויט האָב איך פֿון וועגענער ניט געכאַפּט און קיין מיטאָג אָפּעסן אין אַ רעסטאָראַן און ניט באַצאָלן האָב איך אויך ניט געוואַגט, הגם די אייגנטימער פֿון האָטעל האָבן מיר יאָ געטרויט, אָבער מיטאָגן האָב איך גאָר געזאָלט עסן אין ווין, וואו איך האָב זיך געפֿונען פֿון ביי־

טאָג ביז פאַרנאַכט — האָב איך דערפאַר געפאָדערט, אַז זיי, די באַלעבאַטים פון „פריינד“, הייסט עס, זאָלן מיר גלייך אָפשיקן דעם האָנאָראַר פאַר דער דערציילונג און פאַר די פריערדיקע... ערשט אָנשטאָט געלט האָב איך באַקומען צוריק די דערציילונג. צי די דערציילונג איז געווען צו שאַרף פאַר די ליבעראַלן פון „פריינד“, צי דער טאָן פון מיין בריוו צו זיי וועגן געלט איז געווען צושטאַרק — איך האָב ניט געוואוסט. אָבער סיי-ווי-סיי האָט עס מיך שטאַרק אויפגעבראַכט, בפרט אַז עס איז שוין געווען, אמת, ניט אין ווין, נאָר אין וואַרשע, ערב רעוואָלוציע... האָב איך שוין צום „פריינד“ אָנגעשריבן אַ בריוו טאַקע ווי אַ רעוואָלוציאָנער...

און וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָב איך דערווייל ביסלעכווייז געשריבן אַ גרעסערע דערציילונג מיטן נאָמען „דריי טאַקטן“. און ווייל איך האָב זי געשריבן ביסלעכווייז, אין דריי-פיר טעג, און יעדן טאָג אַ קאַפּיטעלע—און ניט ווי מיין שטייגער — בנשימה-אַחת, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די דערציילונג איז ניט געראָטן... איך האָב זי שוין אַפילו געוואָלט צערייסן. געראַטעוועט האָט זי אַ תלמיד פון א. לובעצקי, וואָס האָט טאַקע אויך געוואוינט אין זעלבן האָטעל, גרשון יאָסעליעוו, טאַקע מיינער אַ לאַנדסמאַן פון קאָידענאָוו, וואָס איז געבענטשט געווען מיט אַ שיינער שטים און זיין טאַטע, דער געוועזענער גביר אַהרן-זיסל יאָסעליעוו, האָט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרן זיין געלט אין שלעכטע געשעפטן ביי חזירהאָר (זע ערשטע קאַפּיטלען „עפּיזאָדן“) אים געשיקט קיין ווין שטודירן אויף חזן... איז ער געקומען פון דער באַן גלייך צו מיר אין האָטעל...

אַוודאי האָב איך אַליין אים רעקאָמענדירט צו לובעצקין, איז ער שוין געבליבן אויך וואוינען אין דעם זעלבן האָטעל און פלעגט אַמאָל פאָרן מיט מיר אין ווין אָנקוקן די שטאָט... אַ בחור איז ער געווען אַ נאַיווער, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ פאַרטיקער חזן, אָבער אַן איידעלער, מיט אַ חוש פאַר שיינקייט, אַדאַנק זיין שטים, וואָס איז אויך געווען „אַ טאַלאַנט“... פון מיר האָט ער זייער שטאַרק געהאַלטן. ערשטנס האָב איך אים די ערשטע צייט מקרב געווען, ער איז געווען מיין גאַסט, ס'איז שיר ניט געווען „אַן

אײדעם אויף קעסט"... פאָר איך מיט אים אינדערפרי פון האָטעל קיין ווין, און זיצנדיק אין טראַמוויי, נעם איך אַרויס די דערציילונג „די דריי טאַקטן". דערזעט ער „דריי טאַקטן" — איז דאָך דאָס אים אַוודאי באַקאַנט — לובעצקי האָט אים שוין געגעבן עטלעכע לעקציעס אין געזאַנג און אין נאָטן, און אפשר האָט ער נאָך פון דער היים געקענט אַ ביסל נאָטן — רופט ער זיך אָן מיט אַ ליבן שמייכל:

— פון אונזערע ברידער...

— ניין, פון מוזיקאַנטן...

— אָ, ווי, פון מוזיקאַנטן!... צינדט ער זיך אָן — ער פלעגט פון אַליין נתפעל ווערן —

און ער בעט זיך: לאָזט מיר עס אַ בליק טאָן...

איך האָב אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט, וואָס האָט פאַרמאָגט בײַ זעכצן לאַנגע זײַטלעך פּאַפּיר פאַרשריבן געדיכט. ער האָט זיך פאַרטיפט...

ער האָט אָפּגעלעזן עטלעכע זײַטן — רײַס איך אים איבער:

— גענוג, ס'איז גאָרניט ווערט — אַ ניט־געלונגענע זאַך...

— ניין, ניין, רײַזען, כאַפּט ער זיך אָן — ס'איז דווקא יאָ שיין, זייער שיין... פּסיכאָלאָגיע...

דערהערט דאָס וואָרט פּסיכאָלאָגיע, איז מיר געוואָרן שוין אינטערעסאַנט... הייסט עס, ער, וואָס איז פאַרטאָן בלויז אין זײַן נגינה און אין דער צוקונפטיקער חזנות־שטעלע — ואמת, ער האָט אַ השגה צו ווערן אַ קאַנטאָר אַזש אין אַ טעמפּל — ער ווייסט פון פּסיכאָלאָגיע און נאָך אַזאַ יונגער דערצו — ער איז דאַן בלויז 20 יאָר אַלט געווען.

זאָג איך צו אים צוריק.

— אַזוי, עס געפעלט אײַך... און איך — בין איך זיך פאַר אים מודה, ווי ער וואָלט שוין אַ קאָלעגע געווען, איך האָב עס געוואָלט צערײַסן...

דער יונגער זינגער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן: ער האָט פאַרשטעלט מיט זײַנע הענט דעם מאַנוסקריפּט, ווי צו שיצן עס, און זיך גענומען בעטן:

— אָי, רייזען, טוט עס ניט... עס איז דאָך אַ טייערע זאַך — פסיכאָלאָגיע... אַזוי פיל פסיכאָלאָגיע.

און לאַנג לעבן זאָל ער — ער האָט די דאָזיקע דערציילונג אָפּגעראַטעוועט...

איך האָב זי אַוועקגעשיקט אין „פריינד“.

ניט האָבנדיק ווידער, נאָך אַ לענגערן וואַרטן, קיין ענטפער, און זייענדיק אַ „גרויסער“ בעל־חוב דער אַלמנה, וואָס האָט געהאַלטן דעם האָטעל, האָט זיך מיר אפשר די צייט נאָך לענגער געצויגן — האָב איך אָנגעשריבן אין „פריינד“ אַ בריוו, ווי מען זאָגט איינמאָל אַ בריוו, און דווקא צו שאול גינזבורגן אַליין.

אַוש איצט טוט מיר נאָך ווייּ, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם דאָזיקן, איידל גערעדט, קריגערישן בריוו. איך האָב שוין אין בריוו דערמאָנט אַ ניט־פינקטלעכקייט, וואָס שאול גינזבורגס פאָטער איז יאַקבי באַגאַנגען אין מסחר מיט מיין זיידן משהן, וואָס איך האָב, שרייבנדיק דעם בריוו אין גרויס צאָרן, גראָד דערמאָנט זיך — הגם משה גינזבורג, ביי וועלכן מיין זיידע משה, דער קרעמער פלעגט, פאָרנדיק פון קאָידענאָוו אין מינסק, קויפן טאַבאַק — האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן ערלעכן סוחר, און ער איז טאַקע אַזאַ געווען אין דער אמתן.

האָב איך שוין באַקומען אַן ענטפער, אָבער שוין ניט פון שאול גינזבורג, נאָר פון שלמה ראַפּאָפּאָרט, דעם אַרויסגעבער פון „דעם פריינד“ אַליין... שלמה ראַפּאָפּאָרטן האָב איך אַ פּאָר מאָל געזען אין וואַרשע, ווען ער פלעגט קומען אין די אינטערעסן פון „פריינד“, און האָט ניט נאָר אויף אונז יונגוואַרג, ווי נאָמבערג, אַש און אויף מיר — געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, סיי מיט זיין שיינעם אויסזען, מיט זיין שטאַטלעכער פיגור, סיי מיט זיין פיינער האַלטונג, ווי אַן עכטער „פעטערבורזשעץ“, און נאָך אַ יידישער „פעטערבורזשעץ“ — נאָר אַפילו פרץ אַליין האָט אים שטאַרק געשעצט און געמאַכט און פלעגט מיט אים גיין, אויף ראַפּאָפּאָרטס אַיינלאַדונג, אַמאָל אַ הוליע טאָן אין די וואַרשעווער רייכע פלעצער אויף אַ יידישן אופן. ראַפּאָפּאָרט פלעגט צאָלן מיט אַברייטער האַנט, אַפילו פאַר דעם שאַמפּאַניער.

און שלמה ראַפּאָפּאָרט האָט אין זיין בריוו פון איין זייט פאַרטיידיקט זיין רעדאַקטאָר, שאול גינזבורגן, פון מיינע שריפטלעכע אָנפאַלן. און פון דער צווייטער זייט געגעבן מיר אַ חלק, ווי איך האָב עס דאַן פאַרדינט... און — ווייטער — וואָס איך זאָג זיך אָפּ פון מיטאַרבעטן אין „פריינד“, איז דאָס אַוודאי און אַוודאי אָנגענומען... „דער פריינד“ קען ניט דערלויבן צו באַליידיקן אַזוי איינעם פון זיינע גרינדער און פירער אד״ג.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז מיר אָנגעקומען דרייסיק רובל... עס האָט מיר געקומט פיל מער, איך האָב אָבער שוין מער ניט געשריבן קיין בריוו און ניט געשיקט קיין דערציילונגען אין „פריינד“, ביז דעם יאָר 1909.

אין פאַרלויף פון פינף יאָר האָבן מיר, איינע אויף די אַנדערע ברוגזע, — אין דער שטיל געבענקט איינע נאָך די אַנדערע...

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ נומער „פריינד“ מיט דער דערציילונג „די דריי טאַקטן“. אין ווין האָב איך פון איר קיין גרוס ניט אָפּגענומען. אָבער בעל־מחשבות, אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום, אין זיינעם אַ בריוו, וואָס ער האָט מיר געענטפערט אויף מיין איינלאַדונג, ער זאָל מיטאַרבעטן אין מיין וואָכנשריפט „דאָס יודישע וואָרט“ — האָט צווישן אַנדערן געשריבן אַזוי: „אייער דערציילונג אין „פריינד“ „די דריי טאַקטן“ האָט מיך אַנטציקט. דורך איר האָב איך דערזען אייער שאַפן אינגאַנצן. איך באַטראַכט אייך פאַר איינעם פון די יחידים, וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמעגט“. און דערביי האָט ער מיר געגעבן זיין דערקלערונג, וואָס ער פאַרשטייט אונטער דעם וואָרט „יחידים פון פאָלק“...

איך בין ניט אויסן צו באַרימען זיך איצט מיט בעל־מחשבות׳ס גוט וואָרט; איבעריקנס איז דאָס געווען כמעט דאָס איינציקע מאָל, וואָס בעל־מחשבות האָט מיך אַזוי שטאַרק גערימט. איך בין בלויז אויסן צו צייגן, ווי אַזוי די מיינונג פון אַ לעזער און אַפילו פון אַזאַ נאַיִוון לעזער, ווי דער יונגער זינגער יאָסעליעוו איז געווען — קען אַמאָל זייער וויכטיק זיין פאַר אַ שרייבער...

שפּעטער בין איך דערפאַרן פון אַ יידישן מוזיקאַנט, אַז די דערציילונג „די דריי טאַקטן“ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַ-

ציע צווישן זיינע קאָלעגן אין דער סביבה... אַ גרופּע יידישע מוזיקאַנטן אין אַ געוויסער גרויסער שטאָט האָט אַפילו אין יענער צייט געשיקט צו מיר אַ דאַנק־בריוו אויפן אַדרעס פון „פריינד" מיט צענדלינגער, אויב ניט הונדערטער אונטערשריפטן.

דעם דאָזיקן בריוו אָבער האָט „דער פריינד" מיר ניט אָפּגעגעשיקט. דער מוזיקאַנט, וואָס האָט עס מיר איבערגעגעבן, האָט גרויס צער דערפון געהאַט און האָט ענדלעך אַרויסגעמורמלט מיט אַ זיפץ:

— אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז איר האָט עס באַקומען. אַ שאָד אַ שאָד! האָט ער נאָכאַנאַנד באַדויערט.

ביז וואַנען איך האָב אים באַרויִקט, אַז איך האָב איצט פון זיין גרוס די זעלבע באַפרידיקונג, ווי איך וואָלט עס אייגנהענטיק דערהאַלטן און איך דאַנק אים איצטער און זיינע חברים פאַר דער אויפמערקזאַמקייט.

* * *

אַוודאי איז די אַטמאָספערע אין ווין געווען אַ פרעמדע. אמת, אין דער דאָזיקער פרעמדקייט האָב איך אָפט געפונען פילעס, וואָס איז מיר געווען אינטערעסאַנט און אַפילו נאָענט... אָבער אַז עס איז באַשערט אַ ריין יידישע סביבה, געפינט מען עס אַפילו אין ווין... און עס איז דערצו געווען אַזאַ סביבה, נאָך וועלכער איך האָב יאָרגלאַנג געבענקט. די דאָזיקע סביבה האָב איך אַנטדעקט צופעליק, בלאָנדזשענדיק אַמאָל אין איינער פון די יידישע געגנטן...

די יידישע געגנטן האָבן זיך אויך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין פאָלקסטימלעכקייט. דאָס ביסל יידישקייט, וואָס האָט זיך שוין יאָ געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען מער פון רעליגיעזן כאַראַקטער, ווי למשל, אַן אויפשריפט ערגעץ אויף אַ וואוינונג: סופר, חזן ומוהל... אין די געדיכטע מיט יידן באַזעצטע גאַסן און געסלעך, האָט מען זעלטן געהערט אַ יידיש וואָרט, סיידן פון אַן עמיגראַנט, ווען עס איז געלונגען צו געפינען אַ צימערל ביי די דאָזיקע ווינער אָרעמערע יידן.

אין אַזאַ גאַס האָט דאַן געוואוינט מ. ערליך, וועלכער איז אין זעלבן זומער, צוליב דער יאַפּאַנישער מלחמה, געקומען פון וואַרשע קיין ווין... אַ יונגער באַגאַבטער בעלעטריסט, האָט ער אָבער זיך געוואוסט, ווי אַזוי איינצואָרדענען... ער איז אַוועק גלייך אויף לעאָפּאָלד־שטאָדט און זיך באַזעצט אויף דער פיש־גאַס... שוין דער נאָמען אַליין האָט געקלונגען יידיש...

באַזוכנדיק אים אַמאָל אין זיין קליין צימערל, האָב איך שוין אויך זיך באַקענט מיט זיין באַלעבאָסטע — אַ יידישע פרוי, וואָס האָט גערעדט דייטש געמישט מיט יידישע ווערטער, אַזוינע ווערטער, וואָס אויף דייטש וואָלטן זיי ניט געהאַט דעם זעלבן טעם, ווי, למשל, רחמנות, נעבעך, אד"ג. און אַפילו די יונגע טאָכטער, אַ מיידל מיט אַ פּאָר שוואַרצע, פייעריקע אויגן, וואָס איז שוין אויף איר שטייגער געווען נאַציאָנאַל־באַוואוסט, האָט אויך אין איר ריינעם דייטש אַריינגעמישט אַ יידיש וואָרט (אָדער ווי די העברעער ווילן האָבן — אַ העבראַיש וואָרט), וואָס פון איר מויל אָבער האָט עס געקלונגען עקזאָטיש און פרעמד. אַזוי האָט זי זיך געהאַלטן ווי אַ יידישע טאָכטער ערגעץ אין מינסק צי אין ביאַליסטאָק — צניעותדיק, אויפן יידישן שטייגער. דאָך האָט זי מיין קאָמפּלימענט, וואָס איך האָב איר געגעבן פאַר אירע שיינע אויגן, אָנגענומען מיט דאַנק, ווי אַ ווינערין. געבענקט האָט זי נאָך אַ חתן, ווי אַלע יידישע טעכטער, מורא געהאַט, ניט צו פאַרזיצן, חלילה... דאָס וואָרט חתן האָט זי טאַקע, ווען עס איז געקומען צו רייד, כלומרשט אין שפּאַס, אַרויסגערעדט זייער יידישלעך. האָב איך שוין חושד געווען, אַז זי איז געבוירן אין גאַליציע, ערשט אַ נעכטיקער טאָג — טאַקע געבוירן אין ווין. „שאָן מיין גראָספאַטער וואַר איין ווינער" — האָט זי מיט שטאָלץ זיך גערימט מיט איר ווינער יחוס. אָבער דאָך — „איך בין איין „יודיש קינד", און מיין פאָלק ווערדע איך ניט פערלאַסן"... האָט שוין די מוטער פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס האָט געהייסן, אַז אין ווין איז יידישקייט בכלל ניט אַזוי שטאַרק און קיין משומדים, חלילה, פעלן דאָרטן ניט... הגם איך האָב מיט מיינע אויגן קיין משומד ניט אָנגעזען, סיידן אין דער „נאַציאָנאַל־

צייטונג“, אויף דער צווייטער זייט פון דער שפּאָרעוודיקער „ליסטע“ פון „אַבטריניגע“.

איינמאָל האָב איך אין אַזאַ ליסטע, וואָס די וואָכנשריפט „יידישע נאַציאָנאַל-צייטונג“ (אין דייטש, נאַטירלעך), האָט פאַרעפנטלעכט — אָנגעציילט ביז צוויי-און-דרייסיק משומדים פאַר איין וואָך... עס איז אויסגעקומען, אַז וואָס מער „די נאַציאָנאַל-צייטונג“ פלייסט זיך אויפצוהאַלטן די יידישקייט, אַלץ ווייניקער פאָלגט מען איר... אָבער „די נאַציאָנאַל-צייטונג“ האָט זיך קענטיק ווייניק-וואָס אָפּגעגעסן דאָס האַרץ דערפון.

די אמתע יידן האָב איך טאַקע געפונען אין יידישן טעאַטער, וועלכן איך האָב שיר ניט דער ערשטער פון די „אונזעריקע“ אַנטדעקט אין ווין, ווייל געהערט וועגן אים האָב איך פון קיינעם ניט... דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב דערזען די שילד פון יידישן טעאַטער אין דער יידישער געגנט, האָב איך ווי מיינע אויגן ניט געגלויבט. איז מעגלעך, אַז אין ווין איז דאָ אַ יידיש טעאַטער?...

אין וואַרשע איז אין יענער צייט ניט געווען קיין זכר פון אַ יידישן טעאַטער.

ביז ווין האָט פאַר מיר בכלל יידיש טעאַטער געקלונגען ווי אַ לעגענדע, העכסטנס, ווי אַ היסטאָרישע זאַך... אמת, איך האָב ביי מיין אָנקומען אין וואַרשע אין יאָר 1899 נאָך באַוויזן צו זען איינמאָל שפּילן יידיש טעאַטער, ערגעץ אויף מאָקאָטאָוו... נאָמבערג, אַ גרויסער חסיד פון דעמאָלסטיקן יידישן טעאַטער בכלל — האָט מיך געפירט. געגאַנגען בין איך מיט גרויס פרייד... וועגן יידיש טעאַטער האָב איך ביז וואַרשע בלויז געהערט אַלס יינגל, ווען אַ יידישע טרופּע האָט געשפּילט אין מינסק... דער נאָמען גאָלדפאַדען איז פאַר מיר געווען ניט נאָר טייער, אַלס דער נאָמען פון דעם דיכטער פון „יודעלע“, אַ זאַמלונג פון וואונדערלעכע פאָלקסטימלעכע לידער, פון וועלכע איך האָב פיל געקענט אויף אויסווייניק, נאָר ווי אַ נאָמען פון דעם שעפער פון יידישן טעאַטער בכלל. נאָך איידער איך בין אָנגעקומען מיט נאָמבערגן אין טעאַטער, האָט ער מיר, נאָך אין גאַנג, דערציילט מיט התפעלות וועגן די יידישע לידלעך, וואָס

דאָרט ווערן געזונגען, איבערהויפּט איז ער געווען נתפּעל פֿון דאָס לידעלע:

„הייסע באָבקעלעך, יידעלעך קויפֿט"...

דאָס דאָזיקע לידל האָט ער מיר אַפֿילו אין גאַנג פֿאָרגעזונגען. אמת, נאָמבערג האָט אויך דעמאָלסט ניט געהאַט קיין שטים פֿון אַ באַטיסטיני, אָבער ער האָט לכל־הפּחות געוואוסט, ווי צו שטעלן דעם טראָפּ...

אָבער די „הייסע באָבקעלעך" איז מיר ניט געווען באַשערט צו פֿאַרזוכן. מען האָט יענעם מאָל — און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל — ביז 1905 איז דאָס יידישע טעאַטער געווען פֿאַרבאָטן — וואָס די טרופּע האָט געשפּילט — מען האָט יענעם מאָל געשפּילט „דאָס צענטע געבאָט" און דאָרט זיינען אויך געווען געזונג לידער, וואָס האָבן מיך פֿאַרכאַפּט. און די גאַנצע שפּיל, בין איך מודה, איז מיר ניט נאָר געפֿעלן געוואָרן, נאָר האָט מיך ממש באַגייסטערט, ניט קוקנדיק, וואָס איך האָב שוין בײַ יענער צייט געזען פֿיל רוסישע און אַפֿילו אַ פּאָר פּוילישע אָפּערעטן. מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז נאָר אָט אַזוי, ווי די אַקטיאָרן שפּילן, זינגען און טאַנצן — איז דאָס אמתע יידישע טעאַטער... איבערהויפּט האָט מיך צום סוף אַנטציקט אַ „סטיליזירטער" חסידישער טאַנץ. שוין יענע אַקטיאָרן — לײַדער געדענק איך ניט זייערע נעמען — האָבן שוין געהאַט אַ חוש פֿאַר פֿיינער רעזשי. גרימירט ווי עכטע חסידים, אָבער שטאַרק הנעוודיק, האָבן זיי געטאַנצט מיט אויפֿגעעפֿנטע טאַבאַקערקעס אין די הענט און בײַ געוויסע „פֿיגורן" האָבן זיי צום טאַקט צוגעקלאַפּט מיט די פּושקע־דעקלעך. עס איז ווירקלעך געווען אַנטציקנדיק. אַזוי פֿיל פֿיינעם הומאָר אין טאַנץ, ראַפֿינירטקייט, כלומרשטע געצוימטקייט, ווען דער טאַנץ אַליין איז געווען מיט עקסטאַז — האָב איך זיך דאַן ניט געריכט צו טרעפֿן בײַ אַ טרופּע פֿון יידישן טעאַטער...

איך האָב דעמאָלסט באַשלאָסן צו זיין אַן אָפּטער באַזוכער אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן טעאַטער... אָבער איך האָב באַשלאָסן און די רוסישע רעגירונג האָט אים פֿאַרמאַכט...

די העברעישע „הצפירה“ — אפשר אָן נחום סאָקאָלאָװס װיסן;— האָט דאַן געװידמעט אַ פעליעטאָן דער דאָזיקער גזירה. דער פעליעטאָניסט — איך װיל אים ניט פאַרשעמען און אַנטדעק ניט זײַן נאָמען, ער האָט איצט זיכער חרטה — האָט זיך געװיצלט אויף לשון־קודש אויף דעם דאָזיקן אומגליק, װאָס די יידישע שוסטער־יונגען און קעכינס װעלן ניט האָבן װאו צו פאַרברענגען זייערע אָװנטן און צום סוף האָט ער שיר ניט באַדאַנקט דער צאַרישער, דעספּאָטישער רעגירונג, װאָס זי האָט ענדלעך געטאָן אַזאַ גוטע זאַך און צוגעמאַכט דעם יידישן טעאַטער, װאו מען האָט געשפּילט אויף „ז׳רגון“ פאַר יונגען און מוידן....

און אָט אין פינף יאָר אַרום איז מיר געװען באַשערט צו אויסגעפינען אין װין שיר ניט דאָס זעלבע יידישע טעאַטער...

שוין געבליבן אין דער זעלבער געגנט ביז פאַרנאַכט, בין איך אין דעם זעלבן אָװנט אַריין אין דעם יידישן טעאַטער, װאָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם רעסטאָראַן — „ערעלהאָף“...

האָט מען אָבער געשפּילט שוין ניט גאָלדפאַדענס, נאָר לאַטיינערס צי שאַרקאַנסקיס און הורװיצעס... איך געדענק נאָר, אַז אין דער ערשטער אָפּערעטע האָבן צװיי אַקטיאָרן געשפּילט די ראָלע פון אינקװיזיטאָרן, װאָס האָבן געפּייניקט דאָרט די איבעריקע אַקטיאָרן, װעלכע האָבן געזאָלט זיין שפּאַנישע יידן. פאַר איינװעגס האָבן זיי שוין אויך מיך געפּייניקט מיטן טעקסט... הגם שפּילן האָבן זיי געשפּילט מיט גרויס טאַלאַנט. בפרט האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט אַ פּאָרפּאָלק — קאַנער, איבערהויפּט אין קאָמישע ראָלן — און צום גליק האָבן זיי געשפּילט די לייכטערע ראָלן, די משרתים, נו איז געװען פריילעך... סיי מיט זייער זינגען, סיי מיט זייער טאַנצן...

װער רעדט, אַז אין דער זעלבער צייט, װען די קאַנערס האָבן אַמיזירט און אַנטציקט מיט זייער שפּילן, זינגען און טאַנצן, האָט מען אין „ערעלהאָף“ אויך געקענט קריגן אַ גלאָז ביר, איז אַװדאי די פרייד פון דעם עולם און פון מיר אויך בתוכם — געװען אומבאַשרייבלעך...

פינפאונפערציקסטער קאַפּיטל

אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע. — די אומצופרידנקייט מיט דער ריכטונג פון „פריינד“. — די באַציִונג פון „פריינד“ צו שלום אַש. — זיינע צוויי פּאָסטקאַרטלעך צו מיר קיין ווין. — ש. ראַזענפעלד אַלס פובליציסט און קריטיקער. — איך פאַרטראַכט וועגן אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער וואָכנשריפט. — „דער יידישער אַוונט“ אין ווין. — די אַוואַציע. — דער פאַבריקאַנט האַמער. — דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסט ד״ר ווייזענגרין. — זיין פאַרגלייך.

אין 1904 איז „דער פריינד“ ניט נאָר אין רוסלאַנד געווען די איינציקע טעגלעכע צייטונג אין יידיש, נאָר בכלל די איינציקע פעריאָדישע צייטשריפט, ניט רעכענענדיק די מאָנאַטשריפט „דאָס לעבען“, וואָס די זעלבע רעדאַקציע האָט אַרויסגעגעבן, נאָך מיט אַ בלאַסערער ריכטונג, ווי „דער פריינד“ אַליין, כאָטש ווען־ניט־ווען זיינען אין „דאָס לעבען“ געווען געדרוקט דערציילונגען און לידער פון אַ העכערן ווערט. בכלל אָבער האָט סיי „דער פריינד“ און סיי „דאָס לעבען“ געהאַט אין זיך ווייניק לעבן, אַלנפאַלס פאַר אונז, יינגערע און נייערע, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ פרישן וואָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. געוויס האָט „דער פריינד“ געהאַט זיינע פאַרדינסטן אַלס „ריינע“ צייטונג, אָבער איר ריינקייט האָט שוין געטראָגן אַ צו באַלעבאַטיש־אינטעליגענטן כאַראַקטער. אויך דאָס ביסעלע ציוניזם, וואָס „דער פריינד“ האָט צוגעטראָגן זיינע לעזער, איז מער געווען צוליב באַלעבאַטישן „שטאַט“ איידער אינערלעכער איבערצייגונג. ווער רעדט — קעמפן קעגן ציוניזם איז אַוודאי ניט געווען פאַסיק, צוליב דעם טאַקע איז שוין אויך די שטעלונג צו יידיש געווען העכסטנס אַ קאָמפּראָמיסלעכע, און צייטנווייז — אַ צופיל קאָמפּראָמיסלעכע.

אַ שאַרף וואָרט פאַר יידיש, אַלס די שפּראַך פון די יידישע מאַסן, וואָס גיט דעם טאָן דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור און

קולטור — אַזאַ וואָרט איז אין „פריינד“ ביז יאָר 1905 ניט געזאָגט געוואָרן. אַז יידיש אָדער „זשאַרגאָן“ איז בלויז אַ מיטל צו „דערציען“ די מאַסן, דעם המון הייסט עס, — די דאָזיקע מיינונג פון די ציוניסטן און פון אַ טייל אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט אויך „דער פריינד“ געטיילט. דערפאַר האָבן זיך אויף די שפּאַלטן פון „פריינד“ אַזוי ברייט צעליגט די ציוניסטישע און העברעיסטישע פובליציסטן, ווי ד״ר שמריהו לעווין, מרדכי בן הלל הכהן, און אַפילו ש. ראָזענפעלד, וואָס האָט דעמאָלסט געשפּילט די ראָלע פון אַ ראַדיקאַל, און אפשר שוין טאַקע אַזאַ געווען, האָט אויך ווען=ניט=ווען און וואו=ניט=וואו אַ שטאָך געטאָן, אויב ניט דער יידישער שפּראַך אַליין, איז כאָטש דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז, נאָך זיין מיינונג, זייער אָרעם אין טאַלאַנטן. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מער טאַלאַנטפולער פובליציסט פון די פריער אויסגערעכנטע, איז זיין שטאָך געווען ווירקזאַמער און האָט מער ווי געטאָן.

אָבער די יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט שוין דאַן פאַרמאָגט אין זייער פונאַנדערבליִונג — פּרצן, שלום=עליכמען, שוין אָפּגעגערעדט פון דעם דעמב מענדעלע מוכר=ספרים, און די יינגערע, שלום אַש, נאָמבערג, און די ערשט צוגעקומענע וייסענבערג, יונה ראָזענפעלד און אַנדערע, און די פּאָעטן יהואָש, ראָזענפעלד, פרוג — די יידישע ליטעראַטור האָט זיך שוין דאַן ניט אָפּגעשראָקן פאַר אַ ש. ראָזענפעלד, וואָס האָט איר אַמאָל אין אַ פעליעטאָן צו נישט געמאַכט:

„איר זאָגט רייזען — האָט ש. ראָזענפעלד מבטל געווען — איז דער יידישער טשעכאָוו (איך האָב עס דאַן ניט געוואוסט, אַז מען זאָגט, און דערווייל בין איך דערגאַנגען אַזאַ ווידכטיקן, פאַר מיר פריילעכן סוד...), אָבער סטייטש, ווי אַזוי קענט איר עס זאָגן, ווען רייזען האָט ניט קיין וועלט=אָנשויונג...“ האָב איך זיך געטרייסט, אַז אויף פּרצן האָט אויך ד״ר קלויזנער געשריבן, אַז ער האָט ניט קיין וועלט=אָנשויונג, איך אָבער האָב געוואוסט, אַז פּרץ האָט יאָ געהאַט אַ וועלט=אָנשויונג... אויך די איבעריקע טענות פון ש. ראָזענפעלד אין יענעם פעליעטאָן אין „פריינד“ צו דער יידישער ליטעראַטור און צו אירע אַנדערע שעפער — זיינען געווען ניט נאָר

ניט באַגרינדעטע, נאָר האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ קענער. הגם ש. ראָזענפעלד אַליין האָט מיט זיין שאַרפער פען אין אַ געוויסער מאָס באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור אין איר פובליציסטישן טייל. און דער זעלבער ש. ראָזענפעלד האָט אויך — אַמאָל אונטער זיין פסעוודאָנים — געזונגען שבחים, טאַקע אין דעמזעלבן „פריינד“, צו ל. קאָברין פאַר זיינע „געטאָ=דערציילונגען“ און צו א. ליעסינען פאַר זיינע לידער (און דווקא רעוואָלוציאָנערע!) אין דער דעמאָלסטיקער „צוקונפט“ — אין אַ רעצענזיע.

איבעריקנס איז ש. ראָזענפעלד אין יענער צייט געווען דער איינציקער פובליציסט, וואָס האָט זיך אַמאָל פאַרגונען צו זאָגן אַ שאַרף וואָרט קעגן ציוניזם, קעגן זיינע פירער און צייטנווייז אויך — אין אַ פאָליטישן אַרטיקל — קעגן דער רוסישער ביוראָקראַטיע. אויף היינט געזאָגט געוואָרן זיינע דעמאָלסטיקע ראַדיקאַלע מיינונגען! און פון אים — אַ געוועזענעם העברעישן פובליציסט — זיינען דער דערמאָנטער מין אַרטיקלען אָנגעלייגטער און ווירקזאַמער געווען.

דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, וואָס איך האָב ניט שטאַרק באַדויערט מיין איבעררייסן מיטן „פריינד“. סי=ווי=סי האָט מיך „דער פריינד“ אַלס אַ צייטונג ניט געקענט באַפרידיקן און צוליב דער מאַטעריעלער זייט איז אויך דער שאָדן ניט גרויס געווען. די ניטפינקטלעכקייט פון „פריינד“ צו זיינע מיטאַרבעטער (פון דער ווייטן) בכלל, און צו מיר בפרט, איז שוין געווען צו גרויס. צו שלום אַשן האָט „דער פריינד“ זיך נאָך ערגער באַצויגן. ביז יענער צייט האָבן ביי די אַרויסגעבער פון „פריינד“ מיינע דערציילונגען געהאַט מער ערפאָלג, און אָט האָב איך טאַקע דאַן, ענדע זומער 1904, באַקומען אַ קאַרטל פון אַשן, וואו ער האָט זיך שטאַרק פאַר מיר געקלאָגט אויף „דעם פריינד“, אַז זיי שיקן אים צוריק פילע קאַפּיטלען פון זיין „שטעטל“. געשריבן האָט ער עס מיר פון זאַקאָפּאַנע, וואו ער האָט דאַן געוואוינט און זיך באַקאַנט מיט דעם גרויסן פוילישן שריפטשטעלער זשעראָמסקי און מיט דעם פוילישן קריטיקער ווילהעלם פעלדמאַן, וועלכע האָבן אים שיר ניט געוואָלט מאַכן פאַר אַ פוילישן שרייבער...

זיין פֿאַרביטערטקייט איז דעמאָלסט געווען אַזוי גרויס, אַז אין אַ צווייטן קאַרטל האָט ער מיר געשריבן, אַז ער איז שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט בכלל, און גלויבט ניט אַפֿילו אין זיין טאַלאַנט, און אַז אים דאַכט זיך, אַז אַלץ וואָס ער האָט ביז אַהער געשריבן, האָט ניט קיין שום ווערט... האָב איך אים, נאַטירלעך, גלייך געענטפֿערט און געטרייסט, אַז זיינע קאַפּיטלען פֿון „שטעטל", וואָס „דער פֿריינד" האָט יאָ געדרוקט, זיינען אַנטציקנד און אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער און אַז זיין צווייפֿלען אין זיך איז ביי אים נאָר אַ מאָמענטאַלע שטימונג... נאַטירלעך, איז פֿון אים די דאָזיקע פּעסימיסטישע שטימונג גלייך פֿאַרשוואונדן, אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע איז נאָך אַלץ ניט פֿיל בעסער געוואָרן, כאָטש ער איז געזעסן אין זאַקאָפּאַנע מיט גאָר גרויסע פּוילישע קינסטלער און געשטיגן מיט זיי אויף די הויכע טאַטרען־בערג...

אין דער זעלבער צייט האָט מען שוין, אַדאַנק די באַמיִונגען פֿון זיינע פּוילישע פֿאַרערער, איבערזעצט אין פּויליש זיין צוויי־אַקטיקע דראַמע „צוריקגעקומען", כּדי צו אויפֿפֿירן זי אויף דער קראָקעווער פּוילישער בינע און דעם קינסטיקן ווינטער איז זי טאַקע אויפֿגעפֿירט געוואָרן...

מיין שטימונג אין ווין איז אָבער אויך ניט בעסער געווען. דער אָפּקלאַנג פֿון די אַלערליי שטרייקן, אומרוען, וואָס זיינען דאַן פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד, האָט מיך פֿון איין זייט געמוטיקט, — דער טאָן פֿון דער רוסישער פּרעסע און טיילווייז שוין אויך פֿון „פֿריינד", וואָס האָט שוין אין ריין פּאָליטישע פֿראַגן מער מוט באַקומען אַדאַנק די נייע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין רוסלאַנד, צוליב דער פֿאַרשפּילטער מלחמה מיט יאַפּאַן, האָט מיך געוועקט צו טעטיקייט, צום קאַמף... אָבער אין דער אַטמאָספֿערע, אין וועלכער איך האָב זיך געפֿונען אין ווין, איז קיין טעטיקייט פֿאַר מיר ניט געווען. צוריקפֿאָרן אין רוסלאַנד האָב איך, אַלס רעזערוויסט, ניט געוואַגט — מען זאָל מיך גלייך ביים אָנקומען צוריק — ניט אַרעסטירן. האָב איך אַ פֿאַרביטערטער, ניט וויסנדיק וואוהין אַהינטאָן די ענערגיע, וואָס האָט דאַן געברויזט אין מיר — אָנגעשריבן דאָס

פֿאָלגנדיקע לידל, זיצנדיק אויף דער וועראַנדע פֿון דעם זומער=האָטעל, אין צייט פֿון אַ שטורעם:

עס דונערט, עס בליצט
נאָר דאָרט — אין דער הייך;
אַך, דאָ אויף דער ערד,
איז אַלץ אַזוי בלייך.

דאָרט קומט פֿאַר אַ קאַמף,
אַ קאַמף פֿאַר אַ זיג;
און דאָ אויף דער וואַנט
שטיל זשוזשעט אַ פֿליג.

עס ציט מיך צום קאַמף,
אַ קראַפֿט בין איך אויך,
נאָר ניט אויף דער ערד
און ניט אין דער הייך.

טאָ וואו איז מיין אָרט —
אַך, גאָט מיינער, זאָג!
און אומעט פֿאַרגייט
אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

איז אויב ניט פֿאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, איז כאָטש נעענטער זיין מיט די יידישע מאַסן. און איך האָב פֿאַרטראַכט צו פֿאָרן אין קראָקע און דאָרט — אפשר מיט לידסקיס הילף — אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפֿט לויט מיין ליטעראַרישן געשמאַק און לויט מיינע איבערציגונגען. איבערהויפּט צו פּראָקלאַמירן יידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿון דעם יידישן פֿאָלק.

היינט וואָלט מיך ניט אַזוי שטאַרק געאַרט, צי יידיש איז יאָ נאַציאָנאַל, צי ניט נאַציאָנאַל. דאָס וואָרט פֿאָלק שטייט ביי מיר העכער ווי נאַציאָן, נעענטער מיין האַרצן איז עס אַוודאי, און אַפֿילו יידיש אַלס די שפּראַך פֿון די ברייטע יידישע מאַסן איז מיר גענוג, אָבער אַמאָל — בין איך זיך מודה — האָב איך זיך געיאָגט נאָך יחוס. יידיש מוז אַריין אין די הויכע פֿענסטער און, אויב ניט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, טאָ ווי אַזוי קען עס מעגלעך זיין? האָט מיר דאַן אַפֿילו דער טיטל פֿאָלקס-שפּראַך, וואָס אַ ליבעראַלער פּובליציסט

האָט געגעבן יידיש, אויך ניט באַפֿרידיקט. וואָס וועט זיין מיט דער אינטעליגענץ?... יידיש מוז ווערן אויך די שפּראַך פֿון דער יידישער אינטעליגענץ און די אינטעליגענץ מוז האָבן אַ שפּראַך, וואָס האָט דעם נאַציאָנאַלן טיטל, מעג איך אַליין ווייניק האַלטן פֿון דעם דאָזיקן טיטל.

אַ מאָראַלישע שטיצע צו מיין הויכער מיינונג וועגן יידיש האָב איך געפֿונען אין דער באַוועגונג, וואָס ד״ר נתן בירנבוים האָט אָנגעפֿירט פֿאַר יידיש צווישן אַ גרופּע סטודענטן און אינטעליגענטן בכלל. צווישן זיי איז אויך געווען ד״ר ווייזענגרין, אַ נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיסט מיט אַ באַדייטנדן נאָמען; וועגן זיינע ווערק איבער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע האָט זאָגאַר מיט גרויס באַגייסטערונג זיך אָפּגערופֿן דער באַרימטער רוסישער דענקער און קריטיקער מיכאַילאָווסקי, וועלכער האָט, אַגבֿ, אויך איבערזעצט אַ באַנד פֿון ד״ר ווייזענגרין אין רוסיש. דער דאָזיקער ד״ר ווייזענגרין, בכלל אַ הויך-געבילדעטער מענטש, האָט אַדאַנק ד״ר בירנבוימס אַגיטאַציע, זיך אָנגעהויבן צו באַציִען מיט גרויס ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור. ניט קוקנדיק אויף זיין גרויסער געלערזאַמקייט און אויך אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ זון פֿון אַ רייכן יידישן באַנקיר אין בוקאַרעשט, האָט ער זיך געהאַלטן זייער דעמאָקראַטיש, גערעדט און איבערהויפּט געפּלייסט זיך צו ריידן יידיש, וואָס איז, לײדער, צוליב זיין רייכן און אויך אַסימילאַטאָרישן שטאַם, ניט געווען זיין מוטער-שפּראַך.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אויף דעם ערשטן „יידישן אָוונט“, וואָס איז פֿאָרגעקומען, אַדאַנק דער איניציאַטיוו פֿון ד״ר נתן בירנבוים, אין איינעם פֿון די גרעסטע און רייכסטע זאַלן אין ווין. עס איז שוין דאַן געווען שפּעט אין האַרבסט. אויפֿן אָוונט בין איך געקומען ווי אַ זייטיקער צושויער, ווי איינער פֿון פּובּליקום, געסטאַרעט זיך צו האַלטן אין הינטערגרונט, ניט אַזוי צוליב עניוות, ווי צוליב מיין ניט באַזונדערס נייעם אָנצוג, און גראָד בין איך יענעם טאָג ניט געווען געראַזירט... אָבער אויך אויסערלעך האָב איך אויסגעזען וואָכעדיק, איז דערפֿאַר אינערלעך געווען ביי מיר אַ גרויסער יום-טובֿ. דער שיינער גרויסער עולם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען די „פּני“ פֿון דער יידישער אינטעליגענץ

און אויך מאַנכע פֿון דער נאַציאָנאַלער אַריסטאָקראַטיע, וואָס זיינען געקומען הערן פֿאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס אין יידיש, האָט אָנגעפֿילט מיין האַרץ מיט שטאָלץ. פֿון ווייטן האָב איך אָבסערווירט דעם ענטוזיאַסטישן עולם. אַ יונגער סטודענט האָט צווישן אַנדערן אויך פֿאָרגעלעזן מיינע אַ דערציילונג „דער בוים". איך האָב זיך באַהאַלטן נאָך טיפֿער אין זאַל, זיך געשטעלט אין די לעצטע רייען פֿון די, וואָס זיינען געשטאַנען, מיינע באַקאַנטע סטודענטן זאָלן מיך ניט דערזען און ניט וועלן אָנטאָן מיר, חלילה, קיין כּבֿוד, ווי דער שטייגער איז, בפֿרט אין ווין...

דער עולם האָט דעם פֿאָרלעזער פֿון דער דערציילונג שטאַרק אַפּלאָדירט, אָבער מיך האָט קיינער ניט געטשעפּעט. האָב איך געדאַנקט גאָט. אָבער אָט באַווייזט זיך אויף דער בינע ווידער אַ יונגער סטודענט, מיט שוואַרצע, פֿייערדיקע אויגן, אַ יונג — אַ ברען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ שווישפּילערישער פּאָזע און אַ ברום געטאָן, ווי אַ שטורעם:

„הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן..."

און אַזוי אַ דעקלאַמיר געטאָן, מיט גרויס פּאַטאָס, דאָס ליד ביזן סוף.

דער עפֿעקט איז געווען, ווי מען זאָגט אין דייטש — קאָלאָסאַל... די פּאַטשעריי איז געווען גוואַלדיק. און דאָ, צום אומגליק, האָט מיך באַגעגנט אַ באַקאַנטער סטודענט, כווילעוויצקי.

ער האָט אַ באַגייסטערטער, אַ צעפֿלאַמטער, אַ געשריי געטאָן:

אויטאָר! אויטאָר!

און מיך אַ צי געטאָן פֿאָראויס...

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פֿון זיינע הענט...

אָבער דאָ האָבן מיך שוין באַמערקט נאָך אייניקע סטודענטן און סתם באַקאַנטע און האָבן צוגעהאָלפֿן רופֿן: אויטאָר! אויטאָר! און באַלד איז אויסגעוואַקסן פֿאַר מיר ד״ר בירנבוים „פּאַטריאַרך", איינער מיטן נאָמען האַמער, אַ רייכער, אָבער אַ זייער סימפּאַטישער און דעמאָקראַטישער מענטש. דערהערט, אַז ביים ווינער עולם —

און נאָך וואָס פֿאַר אַן עולם — האָט מיין ליד אַזוי אויסגענומען, האָט ער, אַ יום־טובדיקער, אַ שטאָלצער מיט דעם ערפֿאָלג פֿון יידיש, וואָס איז געווען שוין יאָ זיין מוטער־שפּראַך, ווייל ער איז געקומען קיין ווין שוין אַלס יונגערמאַן, פֿון גאַליציע — ער האָט מיך גענומען בעטן און „צוואַר" אין דייטשמעריש:

— אַבער הערר רייזען, זי מיסטען זיך צייגן פֿיר דאָס פּובליקום...

איך האָב אים אָנגעצייגט אויף מיין ניט באַזונדערס פֿייערלעכן אָנצוג.

— אַבער דאַס מאַכט ניכט... עבן נאָך שענער, איין דיכטער דירף ניכט זיין רייך געקליידעט... קאָמען זי דאָך מיט מיר.

און ער, אַ געזונטער ייד, האָט מיך מיט גוואַלד אונטער די הענט גענומען און מיך אַרויפֿגעבראַכט אויף דער בינע...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין ערשינען פֿאַר אַ גרויסן עולם און אויף אַ בינע בכלל...

די אָוואַציע האָט נאָך געדויערט — בין איך געשטאַנען אַן איבערראַשטער, אַ פֿאַרווירטער, אַ בלאַסער (איך האָב געפֿילט מיין בלאַסקייט און געזען זי אַפֿילו) און פֿון גרויס פֿאַרווירונג האָב איך ענדלעך, ווי היפּנאָטיזירט פֿון די אַלע בליקן אויף מיר, נאָכגעגעבן דעם פֿאַרלאַנג פֿון מיינע פֿאַרערער, עפּעס פֿאָרצולעזן. איך האָב פֿאָרגעטראָגן אַ ליד... דער עולם האָט פֿאַרלאַנגט נאָך.

ענדלעך האָב איך אויף די אַלערליי „בּיס" פֿאָרגעלעזן אַ קורץ לידל און דווקא פֿון די בעסטע מיינע, האָט שוין דער עולם, ווי דער שטייגער איז, ווייניקער געפּאַטשט און איך בין בשלום אַראָפּ פֿון דער בינע...

האָבן מיך שוין אַרומגערינגלט די אַלע באַקאַנטע סטודענטן און ד"ר ווייזענגרין צווישן זיי. האָט ער מיך גענומען אונטערן אָרעם, אַ שפּאַציר געטאָן מיט מיר אין דער ברייטער לענג פֿון זאַל און געצערטלט מיך מיט רייד:

— יאַ, זי זינד איין גראָסער ליריקער... זי ערינערן מיך פּרצן...

אויף דעם פֿאַרגלייך האָב איך זיך געוואונדערט; אָבער גערירט בין איך דאָך געווען, גאָר שוין מער פֿון זיין פֿריינדלעכקייט, ווי פֿון זיין מבֿינות. אמת, אין די דייטשע דיכטער איז ער געווען מער באַהאַוונט און בעסער פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אונטערצושיידן איינעם פֿון דעם צווייטן...

זעקסאונפערציקסטער קאַפּיטל

מיין וואוינונג ביים סטודענט כוויליוויצקי. — די רייכע קערנטנערשטראַסע. — די „אָרעמע פּרויען“ אין די רייכע קאַפעען. — אַ בריוו פון ניו־יאָרקער חברים. — איך פאָר קיין קראָקע. — יוסף פישערס דרוקעריי. — פּראָטעסטירטע וועקסלען. — איך גיב דעם דרוקער אַן אַנאָנס. — דער פּראָספּעקט. — יידיש. — די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. — דאָס צווייפלען אין מיין אמת. — שלאָפלאָזע נעכט. — די דערמוטיקונג פון ה. ד. נאָמבערג. — מ. רובינשטיין (מ. מיכעלסאָן) און ל. שאַפּירא. — דער שאַרפער טאָן. — די אָפּהאַנדלונג וועגן מעטערלינקן. — דער רושם. — די אָנפאַלן פון דער העברעישער פּרעסע. — י. ח. טאַוויאָוו. — פּרצעס בריוועלע. — אַ מיטל צו קרעדיט. — פּרצעס איינאַקטער „שוועסטער“. — דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע.

אַרויסגעצויגן זיך פון דער זומערוואוינונג פון האָטעל, ביי ווין, האָב איך שוין שפּעט אין סעפּטעמבער. דער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט, כוויליוויצקי, וואָס אַדאַנק זיינע פאַרמעגלעכע עלטערן אין גראָדנער גובערניע האָט ער זיך דערלויבט צו האַלטן אַ וואוינונג פון איינציקע צימערן פאַר זיך אַליין, האָט, וויסנדיק דאַן, אַז מיין מאַטעריעלע לאַגע איז ניט פון די גלענצנדסטע, — מחמת מיין איבערדרייסן מיטן „פריינד“ — מיך איינגעלאַדן צו וואוינען ביי אים. איך האָב, נאַטירלעך, די איינלאַדונג אָנגענומען און האָב זיך אין דער באַשיידן־מעבלירטער סטודענטישער וואוינונג געפילט פריי און אומגעשטערט. כוויליוויצקיס פריינדלעכקייט צו מיר איז מיר געווען איינגענעם, כאָטש קיין צו גרויסער אָנהענגער פון דער שיינער ליטעראַטור איז ער ניט געווען און אַלס פליסיקער סטודענט האָט ער בעלעטריסטיק זייער ווייניק געלעזן און האָט פאַר קונסט בכלל געהאַט אַ שוואַכן חוש. דערפאַר איז ער אַליין געווען פאַר מיר זייער אינטערעסאַנט. אַ גוטמוטיקער, אַ פרייליכער, האָט ער אָפט דער־

ציילט וויצן און אַנעקדאָטן, ווי אַ קינפטיקער מעדיקער — אָפט געזאַלצענע... פון דער נאַטור אַ שפאָרזאַמער — האָט ער עס אָבער צוליב זיין „גוטן" כאַראַקטער בולט ניט אַרויסגעוויזן, און אין די פרימאָרגנס, ווען ער פלעגט זיך אַיילן אין אוניווערסיטעט אָדער אין קליניק צו „שטודירן" אַ מת, וועגן וועלכן ער פלעגט מיר דערציילן מיט גוואַלדיקער התפעלות, פאַרגעסנדיק, צי ניט וועלנדיק געדענקען, אַז ער דערציילט עס וועגן איינעם, וואָס האָט פריער געלעבט, געגלויבט און געהאָפט — אין די פרימאָרגנס פלעגט ער מיך רופן צו גיין „האָבן" מיט אים פרישטיק. אמת, אין אַ אָרעמען קאַפעהויז, אָבער די קעלנערין האָט געמוזט זיין אַ שיינע און סערווירט העפלעך ווי אין די רייכסטע קאַפען... די קעלנערין, וועלכע האָט אים שוין, ווי אַ שטענדיקן פרימאָרגן־גאַסט, געקענט, האָט שוין געוואוסט, אַז אים דאַרף זי סערווירן די קאַווע אין אַ גרעסערן „טעפל", און אויב ס'איז געווען אַ קאַלטער פרימאָרגן, פלעגט ער שוין אויסטרינקען אַזעלכע טעפעלעך — צוויי און די זעמל אַריינבראָקן אינעווייניק. אויך מיר האָט ער עס געלערנט צו טאָן.

— בראָקט אַריין, עס איז זעטיקער, — פלעגט ער מיר עצהן, ווי אַן עלטערער ברודער און אָנקוקן מיך מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן. און איך האָב אים געמוזט פאָלגן, הגם איך האָב דווקא ליב געהאַט צו עסן די פרישע זעמל טרוקענערהייט...

אַרויסגייענדיק פון קאַפע, פלעגן מיר פאַרבייגיין די גרויסע ווינער קליניק, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אייניקע סקווערן מיט אירע ווייסע ווענט און פילע פענסטער. פלעגט ער מיר שוין דערציילן פון די גרויסע פראָפעסאָרן און פון די אַלע וואונדערלעכע קראַנקהייטן, וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט, און וועגן יעדער קראַנקהייט פלעגט ער צולייגן אַ שאַרפן וויץ, אַן אייגענעם, אָדער — בשם אומרו — פון אַ פראָפעסאָר, וואָס האָט אין דער צייט פון דער לעקציע די סטודענטן דערציילט, צו פאַרווילן זיי...

הגם איך האָב זיך ביי דעם דאָזיקן, ווירקלעך ליבנסווערדיקן און עטוואָס אויסטערלישן סטודענט געפילט היימיש, האָב איך אָבער בכלל זיך געריסן אַוועקצופאָרן פון ווין און געזוכט אַלערליי פלענער. מיין איינציקע מאַטעריעלע שטיצע איז געווען דאָס ניו־יאָר־

קער „טאַגעבלאַט“, וואוהין איך פלעג פון צייט צו צייט שיקן אַ דערציילונג, אַ פּאָר לידער און אַמאָל אַ „בריוו“ פון ווין. אין איין בריוו אַזאַ האָב איך געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון די רוסישע רעזערוויסטן, וואָס האָבן דאַן צוליב דעם קריג מיט יאַפּאַן — פאַרפלייצט ווין און הונגעריקע און פאַרשמאַכטע געבלאָנדזשעט איבער די ווינער יידישע באַצירקן. אין אַ צווייטן „בריוו“ האָב איך באַשריבן די נעגאַטיווע זייטן פונעם טעמפל, וואו ס'האָבן „געבעטן“ די סאַמע פּני פון ווין און אַ ראָטשילד האָט דאָרט אויך געבעטן... עס האָט געזאָלט זיין טאַקע דער זעלבער ראָטשילד, וואָס האָט דער דעספּאָטישער צאַרישער רעגירונג געגעבן הלוואות... האָב איך אַוודאי דעם דאָזיקן טעמפל שטאַרק אויסגעלאַכט. איז דאָס קאָנטיק דעם פרומען „טאַגעבלאַט“, וואָס האָט ליב געהאַט פשוטע יידישע בתי=מדרשים, שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווייל די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציע האָבן זיי געדרוקט אויף דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ און דעם קליינעם האָנאָראַר האָבן זיי צוגעשוקט פּינקטלעך. איבערטוישנדיק די עטלעכע דאָלער אויף עסטרייכיש געלט, פלעגט זיך באַקומען די אילוזיע פון אַ פאַרמעגן, אַזש אין די צענדליגער קראָנען. פלעג איך שוין אַ פריילעכער זיך לאָזן אין די אָוונטן אין די רייכערע גאַסן און פלעג אַפילו אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אין קערנטנער שטראַסע, וואָס פלעגט מיט איר אַיינגענעמען רויש, מיט אירע מילדע פייערן צינדן און וועקן דאָס יונגע בלוט. אַמאָל פלעג איך אַריינגיין אין אַ דאָרטיקן קאַפע. אַוודאי בין איך דאָרט געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט... זיצן צו לאַנג אַליין ביי אַ טישל מיט דעם גלאָז קאַווע איז אויך ניט שטענדיק אויסגעקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די פילע רייכע געסט האָבן זיך דאָרט אויך געפונען פילע „אָרעמע“ פרויען, ניט קוקנדיק, וואָס זיי זיינען געווען זייער רייך געקליידט און די שלעפּעס פון זייערע זיידענע קליידער האָבן געווישט דעם שפּיגלדיקן פּאַרקעט פון דעם קאַפע=הויז און עס נאָך שפּיגלדיקער געמאַכט. אַזאַ מין פרוי פלעגט אַמאָל פאַרבייגיין מיין טישל, אַ ליבלעכן שמייכל טאָן און אַ פרעג טאָן, בליצנדיק מיט אירע קינסטלעך=פאַרגרעסערטע בלויע, צי שוואַרצע אויגן: „קען איך אינען געזעלשאַפט לייסטן?“

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איר געזעלשאַפט ניט פאַרלאַנגט... זייער שיינקייט איז געווען אַ פרעמדע, אַ קאַלטע... אָבער אָפּזאָגן וואָלט געווען ניט איידל — און דערצו האָבן זיי געוועקט מיטלייד, דווקא אין זייערע רייכע קליידער... און אַדרבא, ביטע שיין...

זייערע השגות זיינען געגאַנגען ווייט — ביז שאַמפאַניער. אָבער ווי שווער עס איז געווען, האָב איך זיי אין שאַמפאַניער געמוזט אָפּזאָגן, זי האָט געמעגט ווי אַנטטוישט ווערן פון מיין אַנטזאַגונג. אָבער אַ גלעזעלע בענעדיקטין האָט אויך געקאָסט אַ קראָנע און אַ מאַנכע פון דעם דאָזיקן מין פלעגט אויסטרינקען צוויי און אַמאָל פאַרלאַנגען אַ דריטע. און וואָלט זי כאָטש באַרוישט ווערן און ווערן עכט — דאָס ניט... פלעגט אַזאַ „אָרעמע" פרוי איינלאַדן אירע אַן אָרעמע חברטע און שוין זי פאָרשטעלן פאַר מיר מיטן נאָמען — געוויס אַן אויסגעטראַכטער — און יענע האָט אויך פאַרלאַנגט שאַמפאַניער, און האָט נעבעך געמוזט טרינקען בלויז בענעדיקטין... ניט וויסנדיק וואָס צו ריידן מיט זיי, האָב איך זיך טאַקע שטאַרק געלאַנגווייליקט... און דערצו האָב איך אין זיי קיינמאָל ניט געפונען דעם נאַטירלעכן רייץ. אָנגעפודערטע, אָנגעפאַרבטע, הגם צווישן זיי זיינען געווען מאַנכע גרויסע שיינהייטן, האָבן זיי אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומעט, און נאָך אַ האַלבע שעה זיצן מיט מאַנכער פון זייערע ביי אַ טישל, ניט הערנדיק פון זיי קיין איין אויפריכטיק וואָרט, פלעג איך דאָס דאָזיקע רייכע קאַפע־הויז פאַרלאָזן און זיך אַוועקלאָזן צוריק אין די אָרעמע באַצירקן, וואו דאָס לעבן מיט זיין וואָכעדיקייט האָט פאַר מיר מער אינטערעס געהאַט, ווי די קערנטנער שטראַסע מיט איר בלומערשטדיקן יום־טוב.

אין דער זעלבער צייט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ניו־יאָרק, פון אַ גרופע אומבאַקאַנטע חברים, וואו די אונטערגעשריבענע האָבן אויסגעדריקט זייער באַדויערן, וואָס איך, וועמען די אַרבעטער האַלטן פאַר זייער דיכטער, זאָל גאָר זיין אַ מיטאַרבעטער אין אַזאַ קאָנסערוואַטיווער צייטונג, ווי „דאָס יידישע טאַגעבלאַט", וועלכע באַקעמפט די אַרבעטער מיט אַלע מיטלען. אמת, זיי פאַרשטייען, אַז עס איז ניט מיין שולד, איך האָב ניט געוואוסט... איז גיבן זיי מיר צו וויסן, אַז אין ניו־יאָרק איז דאָ אַן אַרבעטער־צייטונג.

וואָס וועט מיט דער גרעסטער פרייד דרוקן אַליין, וואָס איך וועל שרייבן און ניט נאָר דרוקן מיך פון דער ווייטן, מען וועט מיר אַפילו שיקן אַ שיפס־קאַרט, איך זאָל קומען אין אַמעריקע.

דער בריוו איז געווען געשריבן אין אַ האַרציקן, חבר׳ישן טאָן. איך האָב, אַ טיף־גערירטער, געענטפערט, אַז איך בין גרייט צו פאָרן אין אַמעריקע, און זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין ביזאַהעריקער מיטאַרבעטערשאַפט אין „טאַגעבלאַט“. און וועל זיך פילן גליקלעך צו זיין אַ מיטאַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג, פון וועלכער עקסיסטענץ איך האָב בלויז געהערט, אָבער ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו גרייכן צו איר.

אַ דערהויבענער פון דער איינלאַדונג און פול מיט האָפענונג אויף אַ ניי לעבן אין אַמעריקע, האָב איך פונדעסטוועגן מיין אידעאַל וועגן אַ וואָכנשריפט ניט געקענט אויפגעבן, הגם איך האָב ניט געוואוסט, מיט וועלכע מיטלען איך וועל עס דערגרייכן. ענדלעך האָבן זיך אויך געפונען די מיטלען, וויניקסטנס אויף אָנצוהייבן די ערשטע נומערן פון דער וואָכנשריפט.

און אָנשטאָט צו פאָרן קיין אַמעריקע, בין איך אַוועקגעפאָרן אָנהייב ווינטער, צווישן 1904—1905, קיין קראָקע.

איידער איך בין אַרויסגעפאָרן קיין קראָקע, האָב איך נאָך פון ווין אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו באַרימטע שריפטשטעלער צו נעמען אָנטייל אין דער וואָכנשריפט. צווישן די איינגעלאַדענע איז אויך געווען ה׳ר מ. י. בערדיטשעווסקי, וועלכער האָט אויך שוין געהאַט געשריבן און געדרוקט זיינע ספּעציפישע מעשהלעך פון פאָלקסלעבן אין „דער יודישער פאָלקסצייטונג“. אויף מיין איינלאַדונג — ער האָט דאַן געוואוינט אין ברעסלע — האָט ער גלייך געענטפערט אַ לאַנגן בריוו, פול מיט אָריגינעלע פאָדערונגען און באַמערקונגען, און וועגן זיין בליק אויף יידיש בכלל...

וואָס איך בין אויסן געווען מיט מיין איינלאַדן בערדיטשעווסקין אַלס מיטאַרבעטער, קען איך איצט ניט באַשטימען. זיינע אָנשויונגען — כלומרשט ניטשעאַנישע — זיינען מיר אַוודאי פרעמד געווען, אָבער אייניקע דערציילונגען זיינע (טייל פון זיי האָב איך געלעזן אין רוסישער איבערזעצונג און אין דער איבערזעצונג האָבן

גיי גראָד געוואוינען), איבערהויפּט זיין דערציילונג „ההפסקה“ (אין רוסיש — „פּערעריוו“), האָבן מיך אַנטציקט. דער אינהאַלט איז געווען אַ חסידישער, אָבער דער טאָן, וואָס האָט דערגרייכט ביז עקסטאַז, האָט ממש פאַרכאַפּט. אָבער דאָס רוב האָט ער געשריבן אויף אַלגעמיינע טעמען. האָב איך, קאָנטיק, געהאָפּט, אַז אויך אין מיין וואָכנשריפט וועט ער געבן פון דעם מין און סיי מיט זיין נאָמען און סיי מיט זיין אָנטייל וועט ער צוציען דעם אינטעליגענטן קלאַס לעזער, וואָס איז דעמאָלט געווען מיין אידעאַל...

אויך א. קאָראַלניק, וועלכער האָט זיך געקווענקלט און געפּיעשטשעט זיך, אַז יידיש שרייבן קען ער ניט, כאָטש אַפילו אין ווין האָט ער צייטנווייז גערעדט דעם זאַפטיקן אוקראַאינישן יידיש מיט אַלע חנדלעך, האָט מיר צוגעזאָגט צו שיקן עפּעס פאַר מיין וואָכנשריפט. מיט שטענדיקע מיטאַרבעטער, ווי שלום אַש, נאָמבערג, ווייסענבערג, בין איך אַוודאי זיכער געווען.

* * *

פול מיט האָפענונגען בין איך אָנגעקומען אין אַ שנייִקן פרימאָרגן קיין קראָקע.

אָפּגערוט זיך אַ פּאָר שעה אין דעם פּוילישן האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דעפּאָ, האָב איך זיך געלאָזט צו יוסף פישער, דעם אייגנטימער פון דער גרויסער דרוקעריי, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער יידישער וועלט מיט איר שיינער אַרבעט, אַזוי אַז דרוקן אַ בוך ביי יוסף פישער איז שוין געווען אַ זכיה און נאָר געהויבענע שרייבער, סיי יידישע, סיי העברעישע האָבן זוכה געווען, אַז זייערע ביכער זאָלן זיך דרוקן ביי יוסף פישערן אין קראָקע.

אַריינגעקומען צו יוסף פישערן אין קאַנטאָר, האָט ער מיך אויפגענומען אי ווי אַ סוחר, אי ווי אַ לעזער. יוסף פישער איז געווען אַ ייד אַ איידעלער, אַ וועלטלעכער, און מיט אַ זין פאַר שיינקייט, פאַר פּאָעזיע. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען זויבער און „וועלטלעך“ און אַזוי ווי עס איז שוין געווען ווינטער, האָט ער דאַן, אַפילו אין קאָנטאָר, געטראָגן אַ פיין פוטערל און אַ קאַראַקולענע היטל, וואָס האָט אים צוגעגעבן נאָך מער חשיבות...

געערדט האָט ער יידיש, צוגעאיידלט מיט איינצלנע דייטשישע ווערטער און אַפילו מיט גאַנצע אויסדרוקן. „אַלזאָ“ — דאָס איז געווען זיין ליבלינגס=וואָרט. „אַלזאָ“ וועלן מיר עס אָנפאַנגען, „אַלזאָ“ וועלן מיר עס ענדיקן. ביי געהויבענע געשעפט=שליסונגען פלעגט ער שוין אַריינפאַלן אינגאַנצן אין דייטש... פון „וועלן“ איז שוין געוואָרן אַ „ווערדען“, און פון „מיר“ — וויר, און פון אותיות — בוכשטאַבן...

באַזיצנדיק אַ גרויסע דרוקעריי מיט אַ סך אַרבעטער, אָנהויבנדיק פון עלטערע יידישע האַנט=זעצער ביז יונגע פוילישע מיידלעך אין דער דרוקעריי ביי די מאַשינען, איז ער שטענדיק געווען איינגעטונקט אין חובות. וואָס מער ער האָט געהאַט באַשטעלונגען, אַלץ מער בעל=חוב איז ער געווען, אַלץ מער וועקסלעך זיינע זיינען פראָטעסטירט געוואָרן. איז דערפאַר, אַז ער האָט דערזען אַ נייעם קונד, איז איידער וואָס=ווען, האָט ער שוין אין אַן איידעלער פאָרם, אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט — ווייל ער איז געווען אַן איידעלער ייד — געבעטן פאָראויס, אַט פונקט ווי ער וואָלט געווען ניט קיין אייגנטימער פון אַ גרויסער דרוקעריי, נאָר אַ שרייבער אין אַ יידישער צייטונג.

אַז איך האָב נאָר=וואָס אָנגעהויבן צו ריידן וועגן מיין צייטונג, וועגן דער צאָל פון די זייטן, וואָס זי דאַרף פאַרמעגן, און וועגן אַ הילע באַזונדער און דער פאָרמאַט ווי פון „דעם יוד“, און אים געבעטן זאָגן דעם פרייז, האָט ער נאָך ניט אויסריידנדיק באַשטימט דעם פרייז, שנעל אַ פרעג געטאָן, צי האָב איך ניט ביי זיך אויף אַ וויילע אַ הונדערט פופציק קראָנדלעך... האָב איך אים אַוודאי גלייך געגעבן. איז ער גאָר אויפגעלעבט געוואָרן. ער האָט גלייך באַמערקט, הייסט עס, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ סוחר און ניט נאָר מיט אַ פאָעט...

האָט ער מיר שוין געזאָגט דעם פרייז, עס האָט אָנגעטראָפן ביי אַ אַכציק גולדן פער נומער פאַר די ערשטע טויזנט... „וויפיל טויזנט רעכן איך דרוקן?“ — ביי אַ פינף טויזנט... — ניט צופיל?— האָט ער פעסימיסטיש זיך אַ גלעט געטאָן ביי דער פאה...

איך האָב אויך גערעכנט, אַז עס איז צופיל, אָבער עס האָט ניט געפּאַסט צו זאָגן ווייניקער...

באַשטימט דעם פּרייז, האָב איך שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום, געפינענדיק אַ פּאַסיקן צימער, ביי אים באַשטעלט צו דרוקן 300 בייגעלעך פּאַפּיר און 300 קאָנווערטן, אויבן אויף זיי די פירמע: „דאָס יודישע וואָרט“ — דעם „טיטל“ האָב איך נאָך באַשטימט אין ווין — „אַ וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגן“, אָדער עפּעס ענלעכעס, און אויף דער צווייטער זייט, לינקס, דאָס זעלבע אויף דייטש און פּויליש. אויך די גאַס, אויסער אין יידיש — אויך אין פּויליש און אין דייטש: סטאָראָווישניאַ 27, אָדער אַלט-ווייסעל 27. ניט געוואָלט באַליידיקן, הייסט עס, פּויליש, וואָס האָט אין גאַליציע געהאַט כמעט אַלע רעכט; אָבער אויך די דייטשע שפּראַך האָב איך, הייסט עס, אָנערקענט, ניט האָבנדיק, אַלס פרעמדער נאָך אין עסטרייך, דעם מוט אַריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים...

צעשיקט קליינע אַנאָנסן אין די העברעישע צייטונגען, איבערהויפּט אין „הזמן“, וועלכער האָט שוין דעמאָלסט זיך איבערגעצויגן פון פּעטערבורג, וואו ער איז געהאַט ערשינען אַ צייט אַלס וועכנטלעכע צייטונג און איז שוין ערשינען אין ווילנע אַלס טאָגבלאַט. מיטן „הזמן“ האָב איך געזאָלט די אַנאָנסן חילופן, און דערצו האָבן זיי אין צעטל פון זייערע מיטאַרבעטער אַריינגעשטעלט אויך מיין נאָמען. אמת, איך האָב שטאַרק געצווייפלט, צי וועל איך מיטאַרבעטן אין „הזמן“, אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט מיין קאַמף פאַר יידיש אַלס נאַציאָנאַלשפּראַך... אָבער זייער איינלאַדונג איז געווען אַזאַ העפלעכע, אַז איך האָב זיי ניט געקאָנט אָפּזאָגן, איבערהויפּט וויסנדיק וועגן בן־ציון כ"ץ, וואָס האָט דאַן געשעמט פאַר אַ קעמפער קעגן דער רוסישער ביוראָקראַטיע, און האָט, דאַכט זיך, געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס. נאָכדעם אָבער ווי איך האָב אַרויסגעלאָזט דעם פּראָספּעקט אין אַלע צייטונגען וועגן די אויפגאַבן און צילן פון מיין וואָכנשריפט „דאָס יודישע וואָרט“, האָט שוין דער „הזמן“ מיין נאָמען פון צעטל מיטאַרבעטער אַרויסגענומען, וואָס דעמאָלסט, בין איך

מודה, האָט עס מיר ניט שטאַרק באַנג געטאָן, בפרט אַז העברעיש האָב איך סיי ווי אויסער איין קליינער דערציילונג אין וואַרשעווער „הצופה“, וואו נאָמבערג איז געווע דער „הויפטלינג“ — קיינמאָל ניט געשריבן.

אָנגעשריבן אַ „פּראָספּעקט“ מיט אַלע פּונקטן פון דער פּראָגראַם פון „דאָס יודישע וואָרט“, אַז יידיש איז ניט נאָר אַ מיטל צו בילדן די מאַסן, נאָר אַ ציל אָן און פאַר זיך, אַז זי וועט דינען אויך דער יידישער אינטעליגענץ און וועט אויף אַזאַ אופן אָפּשפּיגלען אַלע שטרעבונגען און שטרעמונגען פון דער גרויסער וועלט, אַזוי אַז דער יידישער אינטעליגענט זאָל ניט דאַרפן אין העכערע פראַגן זיך ווענדן צו די ליטעראַטורן אין אַנדערע שפּראַכן, וואָס פאַרפרעמדט אים פון דעם יידישן פאָלק — אאַז״וו — האָב איך דעם פּראָספּעקט געהאַלטן דריי טעג ביי זיך און ניט געוואַגט אים צו געבן דרוקן... און ענדלעך, אַז איך האָב אים אָפּגעדרוקט, האָב איך ניט געוואַגט אים אַרויסצולאָזן אויף דער וועלט. ניט קוקנדיק, וואָס איך האָב געפילט, אַז דער אמת איז מיט מיר און אַז יידיש דאַרף און האָט אַלע רעכט צו ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך — האָב איך אָבער זיך ניט געפילט גענוג העזהדיק דאָס אַליין צו באַשטימען, און הגם דירעקט העברעיש האָב איך אין פּראָספּעקט ניט אָנגערירט, אָבער אינדירעקט איז דער פּראָספּעקט געווען געווענדט קעגן העברעיש אַלס די שפּראַך פון דער נייער יידישער ליטעראַטור... און ווער ווייס, צוליב וועלכע פּסיכאָלאָגישע גרונטן איך האָב ניט געוואַגט אַרויסצולאָזן דעם פּראָספּעקט. דריי טעג און דריי נעכט — איך האָב יענע נעכט ווייניק געשלאָפן פון גרויס אויפרעגונג, פון ישובן זיך מיט זיך אַליין— ביז קיין אַנדער וועג איז ניט געווען. ס׳האָט זיך שוין געדרוקט דער ערשטער נומער און אין נומער גופא איז דער פּראָספּעקט אויך אַריין...

האָב איך שוין איינגעפּאַקט די פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן פון פּראָספּעקט און אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע צו לידסקין, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער פאָרשטייער פון „יודישען וואָרט“ פאַר פּוילן און רוסלאַנד און אויך דער אַרויסהעלפער אין געלט־ענינים. אַן עק-

זעמפּלאַר האָב איך אין אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט אויך אַוועקגעשיקט נאָמבערגן...

און וואָס זאָל איך דאָ לייקענען — נאָמבערגס שנעלער ענטפֿער, אין וועלכן ער האָט דאָס פּראָגראַם פֿון זאָכנשריפֿט און דעם טאָן פֿון פּראָספּעקט שטאַרק געלויבט — זיין ענטפֿער האָט מיך דאַן געראַטעוועט און ווי באַשטעטיקט דעם גרויסן אמת... נאָכדעם האָבן מיך שוין ניט געאַרט די אַלע בייזע אָנפֿאַלן פֿון דער העבּרעישער פּרעסע, ווער רעדט, אַז י. ח. טאַוויאָו, דער פֿאַרביסנסטער שונא פֿון יידיש, האָט מיך אין זיינע פֿעליעטאָנען אין „הזמן“ געזידלט, האָט שוין מיר הנאה געטאָן. אַ צווייטער מיטאַרבעטער אין זעלבן „הזמן“ האָט מיך דערקלערט פֿאַר משוגע... אַ דריטער האָט זיך סתּם געוויצלט און געבראַכט דעם באַקאַנטן פּסוק פֿון בערנע, אַז יעדער האָט רעכט צו זיין אַ נאַר, אָבער מען דאַרף וויסן אַ גרענעץ... הייסט עס, אַז ער האָט יאָ געוואוסט די גרענעץ, אָבער ער אין זיינע אָנפֿאַלן אויף יידיש און אויף מיר האָט דאָך די גרענעץ ניט אָפּגעהיט...

דער קאַמף האָט זיך צעבלאַקערט... בין איך שוין קיין בעל־חוב אויף די „זייטן“ פֿון די ערשטע נומערן פֿון „יודישען וואָרט“ ניט געבליבן... מיינע הויפּט־גענעראַלן זיינען געווען מ. רובינשטיין, אונטערן פּסעוודאָנים מיכעלסאָן, און ל. שאַפּיראָ. מ. מיכעלסאָנען אָבער האָב איך געמוזט שטאַרק היטן. ער איז געווען אַ געטרייער קעמפֿער פֿאַר יידיש, אָבער שוין ניט אַזוי מאַהבת מרדכי... ער האָט שוין דאַן, וואוינענדיק אין קראָקע, געהערט מיט זיינע סימפּאַטיעס צו דער פּפּ״ס און איז שיר ניט געוואָרן אַ פּוילישער פּאַטריאָט. איך בין אויך, חלילה, ניט געווען קיין שונא פֿון פּויליש, אָבער פּאַטריאָטיזם איז מיר געווען דערווידער אַפֿילו אין אַ רעוואָלוציאָנערער פֿאָרם, און אויב איך האָב געקעמפֿט פֿאַר יידיש, איז דאָס געווען מער צוליב אַריינטראָגן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלמענטשלעכע ווערטן, וואָס אָן דער דערהויבונג פֿון יידיש צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך וואָלט דאָס געווען אוממעגלעך, וואָלט יידיש נאָר געדינט אַלס מיטל צו אַגיטירן די מאַסן פֿאַר ציוניזם און

העברעיש. און אויב די בונדיסטן האָבן אַפילו שוין אין יענער צייט מיט מער אַכטונג געקוקט אויף יידיש ווי די ציוניסטן, איז אָבער אויך ביי זיי יידיש געווען נאָר אַ מיטל צו אַגיטירן די מאַסן ביז אַ געוויסער שטופע, און זיי אַליין האָבן זיך אויסגעלעבט און „אויסגערעדט" אין דער רוסישער, צי פּוילישער שפּראַך...

האָב איך טאַקע פון מיכעלסאָנס אַרטיקלען אין „דאָס יודישע וואָרט", פול מיט אַטאַקעס אויף די ציוניסטן און העברעיסטן — געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ער האָט אין זיינע אַטאַקעס אויך אַמאָל אונטערגעשעצט די קולטור און די צוקונפט פון יידישן פאָלק אַליין. און דאָס האָב איך שוין ניט געקאָנט דערלאָזן... פלעגן מיר זיך אַמאָל אַזוי שעהנגווייז דינגען, ביז איך האָב זיך געבאַפט, אַז ווען איך מעק עס אויס, אָן זיין וויסן, מאַכט ער זיך ניט וויסנדיק... האָב איך שוין די האַרבערע אויסדרוקן זיינע אויסגעמעקט און זיינע אַרטיקלען אין „יודישען וואָרט" האָבן געהאַט, אַדאַנק זיין שאַרפער, גלענצנדער פען, אַ גרויסע ווירקונג... די העברעישע צייטונגען האָבן אים שיר אין חרם ניט אַריינגעלייגט...

די אָנפאַלן פון די שרייבער אין „הזמן" מיט טאַוויאָון בראש האָבן מיך ניט געאַרט. פאַרדראָסן האָט מיך אָבער, וואָס אויך י. ח. ברענער האָט ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן און, אמת, אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, זיך מיט מיר געאַמפערט אין זיין מאָנאַטשריפט „המעורר", וואָס איז דאַן ערשינען אין לאָנדאָן, וואו ברענער האָט אַ צייט, ביז 1908, געוואוינט. אויך אין „הזמן", וואו ער פלעגט פאַרעפנטלעכן זיינע פעליעטאָנען, האָט ער מיך ווען־ניט־ווען געמוסרט... זיינע ווערטער האָבן מיר צייטנווייז פאַרשאַפט שמערצן. אָבער אויך ער, דער גרויסער אמת־זאָגער און אמת־שרייבער, האָט אין זיינע באַמערקונגען וועגן יידיש זיך ניט געקענט באַפרייען פון זיין טענדענץ פאַר העברעיש.

אָבער מיטן קאַמף אַליין פאַר יידיש האָב איך ניט יוצא־געווען. „דאָס יודישע וואָרט" איז געווען אַ וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור און באַשטימט אויך פאַר דער אינטעליגענץ, און די אַרבעטער־מאַסן האָב איך אַוודאי פאַרגונען אַ ראַפינירט שטיקעלע ליטעראַטור, ניט נאָר פון יידישע גרויסע שרייבער, ווי נאָמבערג, אַש,

שאַפּיראָ, ווייסענבערג, יהואָש און אַנדערע, נאָר אַפילו פון מולטאַטולי (דאָן אַ באַרימטהייט, וועלכן אַפילו פרץ פלעגט איבערזעצן), פון מעטערלינק און פון אָקטאַוו מירבאָ, און פון ווערמען איר ווילט אַליין. און ניט נאָר זייערע ווערק, נאָר אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן זיי. אַזוי האָב איך געדרוקט אין די ערשטע נומערן „דאָס יודישע וואָרט“ אין פאָרזעצונגען אַ וואונדערלעך שיינע און טיפע עסיי איבער מעטערלינק, וואָס עס האָט מיר צוגעשיקט אין יידיש אַ יידישער סטודענט פון ווינער אוניווערסיטעט, פון מיינע באַקאַנטע אין ווין. די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג איבער מעטערלינק האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם ביי דער קראָקעווער יידישער האַלב-אַסימילירטער אינטעליגענץ, וואָס האָט יידיש זעלטן געלייענט און ניט געגלויבט, אַז אין יידיש קען מען שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן גרויסע שרייבער בכלל, בפרט וועגן אַזאַ טיפן דיכטער, ווי מעטערלינק. די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען, די ערשטע אין יידיש בכלל וועגן אַ מעטערלינקן, האָט „דעם יודישען וואָרט“ געגעבן גרויס פרעסטיזש אין די אויגן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין קראָקע, צווישן וועלכע עס זיינען דאָס רוב געווען ציוניסטן, וואָס האָבן געלייקנט אין דער צוקונפט פון יידיש בכלל...

נאָכדעם, ווי עס זיינען ערשינען פינף נומערן, האָב איך באַקומען, צו מיין גרויס איבערראַשונג, אַ פּאָסטקאַרט פון פרצן...

„אַייער וואָכנשריפט בעסערט זיך פון וואָך צו וואָך. זי הייבט מיר אָן שטאַרק געפעלן. איך שיק אַייך אַרויס אַ פעליעטאָן און אַן איינאַקטער „שוועסטער“...

יענער טאָג איז ביי מיר געווען אַ יום-טוב... ערשטנס די הסכמה אויף „דעם יודישען וואָרט“ און פאָלגלעך אויך אויף זיין פּראָגראַם — פון פרצן אַליין, און צווייטנס, ניט אַיינגעלאַדענערהייט! (פאַרוואָס איך האָב פרצן ניט אַיינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער קען איך ניט פאַרשטיין — איך האָב אַוודאי ניט געגלויבט, אַז ער וועט אָננעמען). מיט פרצעס פּאָסטקאַרט בין איך אַוועק צו יוסף פישערן: עס האָט זיך געדאַרפט דרוקן דער זעקסטער נומער, און פאַרן פינפטן האָב איך נאָך, צוליב לידסקיס אומפּינקטלעכקייט, ניט באַ-

צאָלט... האָב איך געהאָפט, אַז די הסכמה פון פרצן וועט מיר דינען צו קריגן מער קרעדיט... און עס האָט טאַקע געהאָלפן...

— נו, זיכער... האָט פישער געמורמלט — די צייטשריפט געפעלט מיר אויך, אָבוואָל זי איז צופיל קעגן לשון־קודש...

און ער האָט געהייסן ברענגען מאַטעריאַל פאַרן זעקסטן נומער, וואָס מיט פרצעס פעליעטאָן, אין וועלכן עס האָט זיך שוין געפילט דער אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער רוסישער רעוואָלוציע — איז דער נומער נאָך געוואָרן אינהאַלטסרייכער. אָבער דעם דאָזיקן פעליעטאָן האָט דער וואַרשעווער צענזאָר, וואָס האָט צענזורירט „דאָס יודישע וואָרט“ — אינגאַנצן אויסגעשניטן שוין געדרוקטערהייט...

אינהאַלט

דרייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

זייט

דער יידישער פאַרלעגער יעקב לידסקי. — איך ווער זיין בעל·יועץ. — פאַרלאַג „פראָגרעס“. — איך ווער אַן איבערזעצער. — „דונער און בליץ“. — דער האָנאָראַר. — מיין וואוינונג ביי אַ הענדלער מיט אַלטע קליידער. — מיין שפעטערדיקע וואוינונג ביי אַ מוליער. — מיין פראָדוקטיווע צייט. — די דערציילונגען „דער פאַרביטערטער“ און „די שליפעס“. — דער ערשטער שרייבער·באַל אין וואַרשע. — געגנבעטע בילעטן. — פּרק אַלס אויפטוער. — די אַריסטאָקראַטישע געסט. — דער טייערער פרייז פאַר בילעטן. — מיין אַריינמישונג. — דער קריג מיטן ציוניסט לעוויטעס. — שלום אַש פאַרשטעלט זיך פאַר אַ יונג פון קוילערגעסל. — דער טאַנץ. — בעל·מחשבותעם אַנטציקונג 5

פירואונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

זייטיקע אַרבעט. — איך שרייב אַדרעסן. — פאַרריכט מאַנוסקריפטן. — פון אַ ליבעראַל אַ סאָציאַליסט. — „די יודישע פאַמיליע“. — מ. ספעקטאָר אַלס רעדאַקטאָר. — דוד פרישמאַנס התפעלות. — די צווייטע וואָכנשריפט „די פאָלקסצייטונג“. — דער פאַרלאַג „תושיה“. — א. ל. יאַקובאָוויטש. — אונזער קורס הייבט זיך. — דער „הדור“ פון דוד פרישמאַן. — שלום אַשס ערשטע דערציילונגען. — די פאַרבעסערטע לאַגע. — די פאַרבראַקירטע דערציילונג. — מ. ספעקטאָרס חרטה 23

פינפאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיינע ניט געדרוקטע לידער. — די בעסטע און די אינטימסטע. — די דרוקעריי פון מאיר·יחיאל האַלטער. — קאָנסטאַנטין שאַפיראָ. — אָרעמע זעצער אין די לאַנגע קאַפאָטעס. — די הכנעה פאַרן באַלעבאָס. — די דרוק·מאַשין מיט דער ראָד. — דער געלער ייד ביי דער ראָד. — איך העלף דרייען די ראָד. — די

זייט

פאַרמשכנטע לידער. — אָן אַ גואל. — איך פאָר אין ביאַליסטאָק. — פאַרלאַג „בילדונג״. — אברהם קאָטיק, דער זון פון יחזקאל קאָטיק. — זיין ליטעראַרישע פּלענער. — דיקטירט אין רוסיש. — ביאַליסטאָק. — י. ח. ברענער אין ביאַליסטאָק. — דער יונגער בונדיסט ראַפּאַלאָווסקי. — אַ קוועקזילבערל. — יוסף מעלניק. — לפידות דער אַנאַרכיסט. — צוריק אין וואַרשע. — גרשון שאָפּמאַן. — יעקב לידסקי דער גואל פון מיינע לידער. — דאָס פאָרוואָרט. — דער שינוי־השם. — די ערשיינונג פון מיין ערשטן ביכל „צייט־לידער״. 33

זעקסאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיין נייגעריקייט וועגן ערפאָלג פון מיין ביכעלע. — די מיינונגען שבעל־פה וועגן מיין ערשטן ביכעלע לידער. — בעל מחשבותטס שטרענגקייט. — דוד פרישמאַן איבערראַשט מיך ווידער. — די רעצענזיע אין „דער יודישער פאַמיליע״. — די לויבגעזאַנגען אין „פרעמדע״ צייטשריפטן. — דאָס בריוועלע פון אַ גרופּע כאַרקאָווער סטודענטקעס. — י. וואַלין, מיין קריטיקער־לאַנדסמאַן, אין „בודושטשנאָסט״. — עספּיר די בונדיסטקע. — איר ערשטע מיינונג. — איר געענדערטע מיינונג אין טורמע. — דער צווייטער ליטעראַטן־באַל אין שווייצערטאַל. — עספּיר גייט מיט מיר אויפן באַל. — דער זיג. — די געהויבענע געסט אפרים ליליען און בערטאָלד פייוועל. די לעבעדיקע צייטונג. — פּרק אויף דער בינע. — מיינע אַנטי־ציוניסטישע טעלעגראַמעס. — ד״ר חיים־דוב הורוויץ. — דער באַנקעט פאַר די געסט. — עספּיר אויפן באַנקעט. — די שטימונג. — נחום סאָקאָלאָוו. — מזרח און מערב. 57

זיבנאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך ווער אַן אַגענט פאַרן „וואָסכאָד״. — מיין רייזע צוריק קיין ביאַליסטאָק אַלס אַגענט. — דער ביאַליסטאָקער באַנקיר און זיין זון. — מיין באַזוך אין קאָוונע. — מיין ערשטע איבערזעצטע דערציילונג אין „וואָסכאָד״. — מיין איבערזעצער, ד״ר א. מאַרקאָוו. — זיין באַגייסטערטער בריוו צו מיר. — פריילין לעאָנאָוואַ. — מיין ערשטע זומער־וואוינונג אין סווידער. — די שיינע יידיש־פּוילישע פריילין. — מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. — איך זעץ איבער פון פּויליש „איז אַוועק צום קריג דער מלך״. — די אָפּקלאַנגען אין דער פּוילישער פּרעסע. 71

זייט

אַכטאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

אַמעריקאַנער טריומפן. — יעקב דינעזאָן און זעווין פון „די יידישע גאַזעטען“. — מיין ערשטער אינדירעקטער הָנאָראַר פון אַמעריקע. — די ערשטע קריטיק וועגן מיין דערציילונג „שטילע טריט“ פון אַב. קאַהאַן. — דער שטאַרקער איינדרוק. — איך ווער אַ קאָרעספּאָנדענט פאַר „די יידישע גאַזעטען“. — די ערשטע פינפאונצוואַנציק דאָלאַר. — מיין פרייד. — איך פאָר קיין מינסק אויף פסח ווי אַ פּראַנט. — יוסף בריל (איו״ב ממינסק). — מיין פאָטער אַלס סוחר אין מינסק. — מיינע דריי דערציילונגען אין איין טאָג. — פּרץ אַלס רעדאַקטאָר פון „יוד“ אויף איין וואָך. — די געענדערטע דערציילונג. — „אַ זומער-מאַנטל“. — „דער הונט“. — פּרצעס מיינונג וועגן דער דערציילונג. 87

ניינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

שלום אַש. — זיין ערשטע רייפע ערציילונג „די משוגענע מוטער“. — שיין אין זיין הונגער. — שלום אַש אַלס חתן. — אַש אַלס פאַמיליע-מאַן. — שלום אַש אַלס העברעער. — זיין ערפאָלג אין „הצפירה“. — איך טו אים נאָך. — מיינע העברעישע איבערזעצער: ישראל שאַף און א. ל. יאַקובאָוויטש. — נחום סאָקאָלאָוו. — דער בוכהאַלטער פון „הצפירה“ בערמאַן. — די גוטהאַרציקע און איידעלע מאַדאַם סאָקאָלאָוו. — די יונגע רעוואָלוציאָנערע קורסיסטקע. — מיין צעטעלע צו מאַדאַם סאָקאָלאָוו. — די צען-רובלדיקע. — די געוויסנביסע. 98

דרייסיקסטער קאַפּיטל

יעקב לידסקי און פאַרלאַג „פּראָגרעס“. — זיין „וואָך“ און זיין „יום-טוב“. — מיין ערשטע „פאָטאָגראַפיע“. — מיין אָנזיכטסקאַרטע אין שוי-פענסטער. — מיין ערשטע זאַמלונג „ערציילונגען און בילדער“. — דר. מ. ערענפרייז באַגייסטערטע קריטיק. — א. קאַראַלניקס עטלעכע שורות אין דייטש. — פּרצעס האַלבע קריטיק אין „פריינד“. — די רעטעניש. 112

איינאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

די בעקאַנטשאַפט נאָך אַ טעגלעכער צייטונג. — די מורא פון דער צאַרישער רעגירונג פאַר יידיש. — די ערשטע קלאַנגען. — דינע-

זייט

זאָן זאָגט מיר בֿריוולעך אָן די בֿשורה. — די אייַנלאַדונג. — דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג שאול גינזבורג. — ווידער פעטערבֿורג. — דער ערשטער נומער. — פּרצעס ערשטע „זאַכעלע" אין „פריינד". — מיינע דריי מיניאַטורן. — פּרץ קען ניט נאָכקומען די פאָדערונג פון אַ טעגלעכער צייטונג. — „שמעיה גבֿור". — דער פאַריבֿל אויף פּרצן. — מיין שטרייק און גוט-פריינד מיטן „פריינד". 127

צווייאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין וואוינונג אויף שווענטאָ-יערסקאָ. — קראַשינסקים גאָרטן. — אליעזר מאַנפריד מיין שותּף צום צימער. — משה טייטש אַלס גאַסט. — זיין ערשטער נאָכטלעגער בֿיי מיר. — מיין באַקאַנטשאַפט מיט זיינער אַ חברטע. — די רייזע קיין מינסק. — די פּסחדיקע דערציילונג אין „פריינד". — קעשעניעוו. — דער ערשטער באַריכט פון ד"ר מאַנדעלשטאַם. — דער געשטיגענער טיראַזש פון „פריינד". — מיין „צער און צאָרן". — דער האָנאָראַר פאַר מיין פּאָגראָם-ליד פאַר די פּאָגראָם-קרבנות. — צוריק אין וואַרשע. — די מוטיקע האַלטונג פון דער יידישער יוגנט. . 136

דרייאונדרייסיקסטער קאַפּיטל

וואַרשע זומער 1930. — נייע מענטשן. — אָדעס, קיעוו, ווילנע. — ל. שאַפּיראָ. — זיין ערשטע דערציילונג. — זיין געבֿיטענע מיינונג איבֿער מיר. — ז. שניאור. — זיין פּאַמפלעט אין „הצפירה". — זיין אימיטירן. — מיין שוועסטער שרה רייזען וועגן שניאורן. — יעקבֿ שטיינבֿערג. — ש. צ. זעצער. — פייערבֿערג. — יעקבֿ שטיינבֿערג און זיין דעמאָלסטיקע וועלט-אָנשויונג. — ראובֿן גראַנאָווסקי. — אַ גרוס פון י. י. לינעצקי. — מענדעלע מוכרי-ספֿרימס באַציִונג צום ציוניזם. — „אונזערע ציוניסטען" און „דער ציוניסטישער גלאָק". — פּרץ און דער ציוניזם. — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט חיים-נחמן בֿיאַליק. 145

פיראונדרייסיקסטער קאַפּיטל

די נייע העבֿרעיִשע צייטונג „הצופה". — די ליטעראַרישע מחלוקה צווישן פּרץ און ספּעקטאָר אויף די שפּאַלטן פון „הצופה" און „יודישער פאָלקסצייטונג". — דער פּראָטעסט פון פּרצעס אָנהענער. — איך ווער אַריינגעצויגן אין „פּראָטעסט". — דער נייער

זייט

פאַרלאַג אין פעטערבורג. — מיין האָנאָראַר פאַר איבערזעצן „ספאַרטאַק" אין יידיש. — משה טייטש אַלם שותף. — איך שרייב ווידער אין ספעקטאָרס „יודישער פאָלקסצייטונג". — אַ בריוו פון „פריינד". — די דערציילונג „פאַרשפעטיקט". — גניעסינס מיינונג וועגן איר. 158

פינפאונדרייסיקסטער קאַפיטל

די חתונה אין אָטוואָצק. — די מחותנים. — די יונגע קאַלעגן. — די פוילישע באַלעבאַטים פון דער ווילע אין אָטוואָצק. — די מעדאָווע-גאַס. — מערעצקי, דער אייגנטימער פון מיין נייער דירה. — קונסט-זשורנאַלן. — די מיטאַרבעטער פון „פריינד", מרדכי בן הלל הכהן און שמריהו לעווין. — קאַפע „בריסטאָל" און בעל-מחשבות. — זיינע מיינונגען און שטימונגען. — מיין שטעלונג צו ארץ-ישראל און צום ציוניזם. — די צוריקגעקערטע דערציילונג. — די נויט. — דער גם מיט די יום-טוב-בלעטער. — מערעצקי ווערט אַ פאַרלעגער פון יידישע זאַמלביכלעך; — דאָס ערשטע יום-טוב-בלאַט „חנוכה". — די אַנאַנסן. — כרמל-ווין. — „ביימער". 170

זעקסאונדרייסיקסטער קאַפיטל

די נייע טעגלעכע צייטונג „דער טאָג". — דער רעדאַקטאָר לעאָן ראַבינאָוויטש פון „המליץ". — גוטע צייטן. — „יאָהרבוך פראָגרעס". — די באַדינגונגען. — אַלטע און נייע מיטאַרבעטער. — פרץ פאַרלאַנגט האָנאָראַר. — איך געפין אין מיין זכרון פרצעס אַ ליד, וואָס ער ווייס ניט. — זיין צופרידנקייט. — פרצעס „פיר אבנים טובות". — פרצעס גרויסמוטיקייט און מילדקייט; — מענדעלעס „בימים ההם". — אַשס „דער זעלנער". — יהואָש און ווינטשעווסקי. 185

זיבנאונדרייסיקסטער קאַפיטל

ידידיה מרגליות אַלס קריטיקער. — מיין פאַרדראָס, וואָס ער האָט באַליידיקט ספעקטאָרן. — ל. שאַפיראָס אַרטיקלען. — דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג. — די שטימונג אין וואַרשע. — מיינע איבערלעבונגען אַלס רעזערוויסט. — חברטעס. — י. בערשאַדסקי. — יצחק קאַצענעלסאָן און י. ד. בערקאָוויטש. — מיין שוועסטער שרה-בתיה אַלס יונגע מוטער. — אירע גוטע חברטעס. — אַ

זייט

וואוינונג אויף דערוויל. — פסחדיקע דערציילונגען. — די נייע וואוינונג. — יעקב דינעזאָנס באַזוך. — די מתנה פאַרן קינד. — די פוילישע אַלטע ניאַניע. 196

אַכטאונדרייסיקסטער קאַפיטל

דאָס מלחמה־בלעטל אין וואַרשע. — דוד קאַסעל און משה טייטש אַלס מיטאַרבעטער. — מיין ליד „שלום״. — אַלע ווערק פאַר זעכציק רובל. — אברהם קאַפיק אין וואַרשע. — אַדוואָקאַט היינער. — פרצעס באַנייטע „יודישע ביבליאָטעק״. — י. מ. ווייסענבערגס ערשטע דערציילונג. — איך גרייט זיך פאָרן אין אויסלאַנד. — די לעצטע טעג אין וואַרשע. — בענדין. — ווידער ליפע נאָוואָגרודסקי. — די גרענעץ־אַגענטן. — דער הויכער פאַליאַק מיין פירער. — דאָס ערשטע דייטשע שטעטל 208

נייןאונדרייסיקסטער קאַפיטל

דער אָנקום קיין ווין. — טירקענשטראַסע נומער 9. — די רעדאַקציע פון „דער וועלט״. — דער „אוצר״ אין טישקעסטל. — א. קאַראַלניק אַלס יונגער סטודענט און שריפטשטעלער. — דער קבלת־פנים. — די התקרבות. — דער סטודענטן־רעסטאָראַן. — די יונגע פוילישע גרעפין. — פריילין מיצי. — מיין וואוינונג מיט א. קאַראַלניק 221

פערציקסטער קאַפיטל

די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע אין דער ציוניסטישער „וועלט״. — ד״ר הערצלס קראַנקהייט. — די לעגענדן וועגן זיין גוטסקייט. — די פועלי־ציוניסטן אין ווין. — די בוכהאַנדלונג אין טאַבאָרשטראַסע. — אינזליכט דער רעוואָלוציאָנער. — „דער יודישער אַרבייטער״. — מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „יודישען אַרבייטער״. — די היימישע סביבה. — אינזליכט ווערט אַ פאַרלעגער פון אַ ביבעלע מיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. — מיין אומדירעקטע מיטאַרבעטערשאַפט אין „דער וועלט״. — „דער אַלטער מגיד״. — א. קאַראַלניק אַלס איבערזעצער. — ד״ר ווערנער, רעדאַקטאָר פון „דער וועלט״. — אופשימני דער אַטלעט. — דער פאָלקאָוויניק אין דער אַדמיניסטראַציע. 231

זייט

איינאונפערציקסטער קאַפּיטל

מיין ערשטע פאַרלעזונג. — דער יידישער סטודענטנפאַראיין אין ווין. — ניט קיין רגיל. — דער דאַנק פון פּרעזידענט. — די יידיש-דייטשע סטודענטן. — הוגאָ צוקערמאַן אַלס יידיש-ליבהאָבער און איבערזעצער. — זיין חבר פרויד. — די מאַנאַטשריפט „אונזער האָפנונג" פאַר דער יידיש-דייטשער יוגנט. — מיט אַ באַנד שלום-עליכם אונטערן אָרעם. — די הייליקע תמימות. — מיינע דערציילונגען אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון „Vorwärts". — דער טריומף. — די געשיכטע פון דער דערציילונג „אַ דראַמע איבער פינף קאַרטאָפל". — די מאָדעל פון דער דערציילונג „שלמה דער שניידער". — מיין בריוו צו די אַמעריקאַנער „יידישע גאַזעטען". — די סענסאַציע. — גרייזעלס פאָרשלאָג צו גרינדן אַ פאָנד. — זיין ערשטער דאָלער. 240

צווייאונפערציקסטער קאַפּיטל

דער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד" און „וואָסכאָד". — ד״ר הערצלס טויט. — דער „פריינד" בלייבט אָן אַ קאָרעספּאָנדענט. — מיין פליכט צום „פריינד". — מיינע טעלעגראַמען. — די הלוואה ביי דעם קאַפע-אייגנטימער, הער שטיין. — ד״ר חיים ווייצמאַן און אוסישקין אין ווין. — אויף דעם הויף פון ד״ר הערצלס וואוינונג. — אַרטור שניצלער. — ד״ר הערצלס לוויה. — מיין געדריקטע שטימונג. — מיין באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר נתן בירנבוים. — קאַפע סולער. — א. קאָראַלניקס אינטערוויוען מיט מיניסטאָרן. — ד״ר נתן בירנבוים. — זיין פרוי. — מיין געשפּרעך מיט אים. — „יידישע אָוונטן". — ד״ר נתן בירנבוים אַ באַאַמטער אין אַרבעטס-ביוראָ. — ער פאַרלירט זיין שטעלע. — זיין קאַמף פאַר יידיש און פאַר מזרח-אייראָפּעיִש-יידישער קולטור . 253

דרייאונפערציקסטער קאַפּיטל

אין אַן אומעטיקן טאָג. — דער ווינקעלער. — די שיינע קעלנערין. — דער נס. — אַ זומערוואוינונג אין ווין. — דער ערשטער אַנטיסעמיט. — זיין טאָכטער. — א. לובעצקי. — זיינע פילע טאַלאַנטן. — זיין פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן אין „השלח". — זיינע תלמידים. — ראובן בריינין אַלס גאַסט אין ווין. — זיין באַגלייטער דער „אַפריקאַנער יידישער מיליאָנער". — פריילין קאַלמענסאָן פון מינסק. — קרעמענעצקי דער ציוניסט און פאַברי-

זייט

קאַנט. — סמיט, דער איינציקער יידישער אַרבעטער אין זיין פאַבריק. — אַרכיטעקט מאַרמאָרעק. — פּראָפעסאָר יערוזאַלעם. 262

פיראונפערציקסטער קאַפּיטל

אומרועןן אין וואַרשע. — דער אָפּקלאַנג. — מיין דערציילונג וועגן די אומרועןן. — צו שאַרף פאַרן „פריינד“. — מיין איבעררייסן מיטן „פריינד“. — „די דריי מאַקטן“. — מיין לאַנדסמאַן דער קריטיקער. — בעל־מחשבותעם בריוו. — ווינער יידישע סביבה. — דאָס יידישע טעאַטער 276

פינפאונפערציקסטער קאַפּיטל

אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע. — די אומצופרידנקייט מיט דער ריכטונג פון „פריינד“. — די באַציִונג פון „פריינד“ צו שלום אַש. — זיינע צוויי פּאָסטקאַרטלעך צו מיר קיין ווין. — ש. ראָזענפעלד אַלס פּובליציסט און קריטיקער. — איך פאַרטראַכט וועגן אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער וואָכנשריפט. — „דער יידישער אָוונט“ אין ווין. — די אָוואַציע. — דער פאַבריקאַנט האַמער. — דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסט ד״ר ווייזענגרין. — זיין פאַרגלייך . 287

זעקסאונפערציקסטע־ קאַפיטל

מיין וואוינונג ביים סטודענט כווילעוויצקי. — די רייכע קערנטנערי־שטראַסע. — די „אָרעמע פּרויען“ אין די רייכע קאַפעען. — אַ בריוו פון ניו־יאָרקער חברים. — איך פאָר קיין קראָקע. — יוסף פישערס דרוקעריי. — פּראָטעסטירטע וועקסלען. — איך גיב דעם דרוקער אַן אַנאָנס. — דער פּראָספּעקט. — יידיש. — די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. — דאָס צווייפלען אין מיין אמת. — שלאָפלאָזע נעכט. — די דערמונטערונג פון ה. ד. נאָמבערג. — מ. רובינשטיין (מ. מיכלסאָן) און ל. שאַפּיראָ. — דער שאַרפער טאָן. — די אָפּהאַנדלונג וועגן מעטערלינקן. — דער רושם. — די אָנפאַלן פון דער העברעיִשער פּרעסע. — י. ח. טאַוויאָוו. — פּרעסעס בריוועלע. — אַ מיטל צו קרעדיט. — פּרעסעס איינאַקטער „שוועסטער“. — דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע. 296